שריפטען

הערבסט, 1919.

DUPLICATE
00463787766

אויפגאנג

א דריי מאָנאַט בוך

פערלאג צמעריפע

הערבסט, 1919.

ערשיינט אין 1000 עקזעמפלאַרען.
געדרוקט אין „פינסקי־מזל פרעס“.

OFFSITE
PJ
5120
.A3579g
1919

Copyright 1919
by
Farlag "America"

אינהאלט:

לידער: אל. גוריה, י. טאָפּעל, מאַקס וועבער, זישאָ לאַנדוי, נחום י., י. סלאָנים, ג. גראַפּשטיין, ב. ביאַלאָ־סטאָצקי.

ארטיקלען: ב. ריווקין, פּנחס יאַסינאָווסקי, י. טאָפּעל, וו. נאַטאַנזאָן, דר ח. זשיטלאָווסקי, ש. ניגער.

פּאָעמען: נפתלי גראָס, ר. אייזלאַנד, מאַני לייב, ב. קאַפּמאַן.

בילדער: ב. קאפּמאן, ב. אַניספעלד, א. וואָלקאָוויץ, י. טאָפּעל.

דערצעהלונגען: ב. גלאַזמאַן, א. ראַבאָי.

איינציגע לידער: ראשעל וועפּרינסקי, ציליע דראַפּקין, אידאַ גלאַזער, אסתר פעווזנער, בערטאַ קלינג.

יעקב דינעזאָהנ׳ס פּאָרטרעט, פאַקסימיליע און בריף.

נאָטיצען: ל. באָראַדולין, זישאָ לאַנדוי, ר. אייזלאַנד, ב. ריווקין, י. שטיינבוים.



יעקב דינענזאָהן

אל. גוריה:

פאַר מיינע פּיס.

ב. ריווקין:

צו אונזערע שריפטשטעלער.

אל. גוריה.

פאַר מיינע פּיס.

וואַרט —
וועסט זעהען:
דער לויהן וועט קומען,
אי זיי, אי אונז. —
דער רויך וועט נור פאַראיבערגעהן אינגאַנצען,
א שיין טאָן וועט א ליכטיגקייט אין זייערע אויגען,
יענע ליכטיגקייט,
דורך דורות אָפּגעהיטענע,
אומעטום געטראָגענע
פון אונז, דעם טויזענט מאָל גע׳גוסס׳ט פאָלק.
און דעמאָלט
שאַנד וועט ברענען זייער רוצח׳ש בלוט.
פאַר אונזערע פּיס
וועט ליגען א צוטראָטענע און אונבאהאָלפענע
זייער דרייסט געוואָרענע מאַכט,
זייער פרייד און לוסט נאָך רויב און בלוט.
דער לויהן וועט קומען
אי זיי, אי אונז.
וואַרט,
אהן טרער, אָהן זיפץ,
פאַרשטיינערט־רוהיג,
זאָלען מיר דאָ שטעהן,
שטעהן און היטען, אויפהאַלטען, באַשיצען, ליבען
דאָס, וואָס איז פאַר אונז געבליבען.
און וואָס מען האָט פון אונז געראויבט און צוגענומען —
באַרעכענען, פאַרצייכענען.
דו, וואָס קומען דאַרפסט,
דעם לויהן פאַרטיילען זיי און אונז
זאָלסט קומענדיג עס וויסען —
זאָלסט קומענדיג עס וויסען...

ב. ריווקין.

צו אונזערע שריפטשטעלער.

די וואָרט־קינסטלער זענען אונזערע איינציגע טאַלאַנטען.

אונזערע פּובליציסטען, פּאָליטיקער, פילאָזאָפען זענען טאַלאַנטלאָז.

דאָס מוזען מיר זאָגען — אין דער איצטיגער, ערנסטער, געפּער־ליכער קריטישער צייט — אין דעם קורצען מאָמענט פאַר דער קאַטאַ־סטראָפע.

ניט די צייט איצט צו שפּילען זיך מיט ווערטער. אויב עס איז אָננענומען געווען, אַז אין ליטעראַטור און וועגען ליטעראַטור מעג מען רעדען גלאַט אַזוי זיך, ארויסזאָגען מיינונגען, וואָס זענען אַלץ שענער, וואָס ווערטלאָזער זיי זענען, ווייל ליטעראַטור איז אַ פרייע רעפּובליק. מיט פולער „מיינונגס־פרייהייט" מוז איצט גערעדט ווערען אין פולען ערנסט, געוואויגען און געמאָסטען, מיט האַרבער שטרענגקייט צו זיך און ניט זשאַלעוועדיג קיינעם.

מען מוז אפּעלירען — איינפאַך אפּעלירען, ווי מען אפּעלירט נאָך הילף פאַר די מלחמה־קרבנות — צו די איינציגע מענשען ביי אונז, וועלכע זענען באַגאַבט מיט שעפּערישען טאַלאַנט — זעהט, טוט וואָס פאַר אונז! אין דער איצטיגער צייט ווען קיין אַנדערע זענען ניטאָ, וועט א י ה ר מוזען נעמען אויף זיך צו ראַטעווען אונז פון חורבן!

דער אפּיל האָט געדאַרפט אַדרעסירט ווערען ניט נאָר צו די וואָרט־קינסטלער נאָר צו אַלע אידישע קינסטלער — מאַלער, מוזיקער, אויך צו די אַרטיסטען פון דער ביהנע. צום באַדויערען אָבער, דערגרייכט צו זיי ניט קיין אידיש וואָרט; זיי פּרעטענדירען אפילו ניט אויף קיין אָרט אין אונזער אידישען עפענטליכען און גייסטיגען לעבען.

איך מוז דאָ אָבער פאַרלויפען דעם וועג אַן אַלטער טענה.

ווען איך רוף צו אונזערע וואָרט־קינסטלער, זיי זאָלען אונז טאָן א דינסט, מיינט עס ניט, אז איך פאָדער נישט אנדערש, זיי זאָלען פאַר־שווענקען זייער באַרוף, זיי זאָלען אַרויפצווינגען אויף זיך א טענדענ־ציעזע מיסיע — צו זיין די משרתים פון דער צייט.

ליטעראַטור לשמה, קונסט לשם קונסט — דאָס איז אַן אַלטער כּלל, וואָס בלייבט אַלעמאָל ריכטיג, און מען דאַרף געגען איהם ניט זינדיגען, אפילו פאַר דער וויסענשאַפט האָט דער כּלל א גילטיגקייט: די וויסענ־שאַפט לשם וויסענשאַפט! זי מוז האָבען פאַר די געלערטע א זעלבסט־שטענדיגען אינטערעס, אַן אינטערעס אין זיך, אום זיי זאָלען קענען אָנ־געהן מיט זייער אַרבייט ווי געהעריג. זי טאָר ניט אונטערוואַרפען ווע־רען צו אַן אויסערליכען ציל. מען קאָן, צום ביישפּיל, ניט פאָרשען די נאַטור מיט דער הינטער־כּונה — צו געפינען א פּאַרענטפערונג פאַר דער טעאָלאָגיע.

אָבער דאָס לייקענט דאָך ניט אָפּ דעם פאַקט, אז נאָכדעם ווי די וויסענשאַפט האָט אָפּגעטאָן איהרס, האָט פאַרענדיגט איהר ציקל, נעמט זי דינען דער ווירקליכקייט מיט איהרע רעזולטאַטען.

וואָס פאַר א גוואַלדיגען פּראַקטישען נוצען עס ברייגגט דער ווירק־ליכקייט אָט די ענגאָאיסטישע, אין זיך גופא פאַראינטערעסירטע און פאַרשלאָסענע וויסענשאַפט!

אזוי שטעהט עס אויך מיט דער שעפערישער ליטעראַטור.

שאַפען מוז זי זיך לשמה — וואָס שענער, גאַנצער, אין זיך גופא פאָלקאָמענער זאָל זי זיין, אין פולען איינקלאַנג מיט די ריין עסטעטישע געזעצען.

אָבער דאָס נעמט ניט אוועק איהר ניצליכקייט. דוקא, וואָס בע־סערע ליטעראַטור, אַלץ ניצליכער!

איך ריזיקיר צו ווידערהאָלען אַלטע אמת'ען, אָבער מען מוז עס טאָן:

ווען מען זאָגט ליטעראַטור לשמה, קונסט לשם קונסט — באַציהט זיך דאָס בלויז אויף דער פאָרם, זי דאַרף זיין פריי, אויסגעהאַלטען און גאַנץ אין זיך אַליין, אָהן שום הנחות צו א טענדענץ, אָהן שום זייטיגע פּניות.

אָבער דער אינהאַלט פון דער ליטעראַטור איז דער אינהאַלט פון

לעבען גופא, וואָס אין לעבען איז פאַראַן, איז פאַראַן אויך אין דער לי־טעראַטור, און נאָך מער! ווייל דאָס לעבען האָט ניט קיין פאַרענדיגטען אינהאַלט. דאָס לעבען פאַרמאָגט נאָר ברעקלעך, און דער שעפער נעמט די ברעקלעך און מאַכט פון זיי גאַנצע שטיקער, און עס איז ניט צו דער־קענען, אַז דאָס זענען געווען ברעקלעך, ווייל די שטיקער זענען פון איין גוס, ווייל אַזוי פאַרלאַנגט די קונסט־טעכניק, די פאָרם.

און דערמיט דינט די ליטעראַטור דעם לעבען; זי גיט דעם לעבענס־אינהאַלט אַ פאָרם.

און די לעבעדיגע ברעקלעך, וואָס מיר רופען מענשען, נעמען אומ־באַוואוסט פאַר זיך אַליין איבער די פון דער ליטעראַטור געשאַפענע פאָרמען — און וואַקסען אַריין אין זיי, זייער וואַקסען האָט איצט אַ פּלאַן, אַ ציל, אַ אידעע, אָהן דעם איז קיין וואַקסען ניט. און אַזוי ווערען די פאָרמען — פון דער ליטעראַטור — די פורעמס פון לעבען. די לי־טעראַטור פורעמט, פאָרמולירט, מולירט דאָס לעבען.

דאָס באַציהט זיך סיי אויף געשטאַלטען און סיי אויף געפיהלען. וואָרים ברעקלעך מענשען האָבען פּיצלעך געפיהלען.

סיי די געשטאַלטען און סיי די געפיהלען פון די לעבעדיגע מענשען נויטיגען זיך אין דער טבילה פון דער ליטעראַטור, צו ווערען גאַנצע געשטאַלטען און גאַנצע געפיהלען.

יאָ, אַלטע רייד, אָבער עס איז גוט זיי איבערצוריידען, און איך זאָג זיי נאָך אַמאָל: די לעבעדיגע מענשען דערגרייכען זיך אַליין ערשט, ווען זיי שטעקען זיך אָן מיט ג ע ש א פ ע נ ע געשטאַלטען און גע־פיהלען.

עס איז אַ טעות, ווען מען מיינט, אַז מענשען אַנטוויקלען זיך דורך אידעען. אידעען ווייזען נאָר די גרענעצען; זיי זענען די וויאָרסטען, די סלופּעס אויף זייער אַנטוויקלונג וועג.

אמת, עס קענען אויך זיין טאַלאַנטען פון געדאַנק — יעדע פעהיג־קייט אַרויסצוברענגען נייעס, מחדש צו זיין — איז טאַלאַנט — אָבער אין בעסטען פאַל, אפילו געניאַלע דענקער ווייזען נאָר דעם וועג, די ריכטונג...

די ליטעראַטור — די שמעלץ־גיסעריי פון געשטאַלטען און געפיה־

לען — מאכט אָבער די מענשען גוהן דעם אָנגעמערקטען אנטוויק־לונג־וועג און די אָנגעוויזענע ריכטונג.

די ראָלע פון ליטעראַרישען שעפער קאָן צוגעגליכען ווערען צו דער ראָלע פון א בעל־שם אָדער מאָדערנעם היפּנאָטיזיאָר — ער טרייבט ארויס דבוקים און זעצט אריין נייע מענשען; ער פארערדט פון בייז און רעדט אריין גוטס.

דער דענקער קאָן אפשר אויסטראכטען מענשען; דער שאפער בענשט די אויסגעטראכטע מענשען, און זיי ווערען בלוט און פלייש און געדייהען אונטער זיין ברכה.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פארגלייך צווישען שאפער און דענקער. אָבער מיר האָבען דאָך גאָר קיין דענקער ניט. קיין געניאלע אוודאי ניט. און אפילו גאנץ פשוט'ע טאלאנטען אויך ניט.

און דאָס מוז אויך געזאָגט ווערען וועגען די דענקער פאר דער לי־טעראטור — די קריטיקער.

אונזערע קריטיקער זענען ניט קיין וועגוויייזער, קיין פיהרער, קיין אויסשפרייטער פון פערספעקטיוון.

מיר האָבען ניט געהאט קיין קריטיקער באנברעכער, ניט קיין בע־לינסקים און ניט קיין דאָבראָלובאָווס.

ווען די רוסישע ליטעראטור איז געוואָרען א וועלט־ליטעראטור — איז שווער געווען צו זאָגען אויף וועמען עס פאלט אויס א גרעסערער חלק פארדינסט — צי אויף די שאפער, צי אויף די קריטיקער.

אויף אונזערע קריטיקער לאָזט זיך דאָס ניט זאָגען.

דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבען געטאָן, איז — וואָס זיי האָבען ארי־בערגעבראכט צו אונז עטוואָס פון די אייראָפּעאישע מאנירען.

און דערפאר איז געקומען, וואָס מיר האָבען נאָך אפילו ניט אנט־דעקט אונזערע שריפטשטעלער; מיר דארפען ערשט נעמען זיך טאָן די פאָר־ארבייט — אויסצוגעפינען די שפורען פון געניאליטעט ביי אונ־זערע טאלאנטען

און דערפאר איז אויך געקומען, וואָס אונזער ליטעראטור שטעהט נאָך אלץ אין פאָרהויף פון דער וועלט־ליטעראטור; ווען זי וואָלט שוין געדארפט לכל הפחות שטעהן אויף דער מדרגה פון דער סקאנדינאווישער.

מיר דארפען זיך ארומקוקען וואו מיר האלטען אין דער וועלט. מיר האלטען פאר א קאטאסטראָפע — אלע רעטער זאָלען זיך צונויפנעמען!

מען דארף מאכען דעם חשבון הנפש, אונטערפירען די סך־הכל׳ען. מען דארף איבעררעדען נאָך אמאָל, וואָס עס איז שוין גערעדט געוואָרען, נאָר מיט א הארבערען מיין; איבערשעצען די ווערטען, נאָר מיט א שטרענגערער כונה. וואָס האָט מען אויפגעטאָן און וואָס בלייבט נאָך צו טאָן, מיט וואָס אָנהויבען דעם נייעם אָנהויב?

דער ערשטער סך הכל איז, אז ביי אונז האָט זיך באשאפען א ליטעראטור אין ריינעם זין פון וואָרט; אָנשטאָט מוסר־ספרים — איז געשאפען געוואָרען א ליטעראטור, וואָס האָט איהר צוועק אין זיך; וואָס איהר עיקר איז די קונסט פון שרייבען; ניט פרעדיגעריי, נאָר שילדערונג.

אָנשטאָט דעם שטרענג אידישען דינסט צום אמת, האָבען מיר זיך אויסגעלערנט אויך דינען דער גריכישער געטין פון שענקייט.

און אלס אזעלכע, אלס שעהנשילדערונג, האָט די ליטעראטור אונז געטאָן א דינסט, וואָס איז ניט אָפצושאצען. א דאנק איהר זענען מיר אזוי לייכט איבערגעקומען די אָפעראציע, וואָס האָט אונז פון אלטע נייע אידען געמאכט, מיר זענען איבערגעקומען דעם פארצייטיגען אידען אין אונז, מיר זענען אומבאמערקט אריבערגעשפרונגען א גאנצען דור.

אָנשטאָט דעם אבסטראקטען און פרוכטלאָזען משכיל׳ישען קאמף מיט דעם אבערגלויבען, האָט די אידישע ליטעראטור אין איהר ערשטער פעריאָדע — דורך מענדעלי׳ן, שלום עליכם׳ען, פרצ׳ען, און שפעטער דורך אש׳ען און רייזינ׳ען אונז געוויזען אונזער אייגענע געשטאלט פון א זייט, געמאכט אונז פאר אויסערליכע באָבאכטער פון זיך אליין. זענען מיר דערהויבען געוואָרען און מנצח געוועזן — „איבערוואונדען“ — דעם פארצייטיגען אידען אין אונז, אזוי גיך, ווי מיר האָבען דעם אלטען אידען פארשטאנען, האָבען מיר איהם מוחל געוועזן, און אזוי זענען מיר מיט איהם פארטיג געוואָרען.

ספעציעל גרויס איז רייזינ׳ס פארדינסט. ער האָט גענומען דעם ערגסטען סאָרט אידען — דעם ליטוואק — דעם נפש פון קאָפ און געדאנק — און האָט איהם געמאכט פאר א גאנצען מענשען, נאָך מער: פאר א פאָעטישען מענשען. אויך אזוי האָבען מיר זיך גאנץ פריינדליך צעזעגנט מיט איהם — און פטור.

אלזאָ, דאָס איז דער פארדינסט פון דער אידישער ליטעראטור — זי האָט געמאכט די אידען פאר מענשען; זי האָט זיי געגעבען גלייכבארעכטיגונג.

אָבער גלייכבארעכטיגונג איז ניט גענוג; מיט אונזער גאנצער אידישער גלייכבארעכטיגונג געהען מיר אונטער; מען דארף אונז געבען וועלט-באדייטונג, און פאר דעם דארפען מיר זיך איצט ווענדען צו די איינציגע שעפערישע גייסטער — די קינסטלער פון וואָרט.

דאָס איז אייער פליכט; איהר טאָרט זי ניט אויסווייכען. מיר שטעהען פאר א חורבן; טוט, וואָס די רוסישע שריפטשטעלער האָבען געטאָן אונטער'ן צאר; וואָס די פוילישע האָבען געטאָן, כדי צו קאָנסערווירען דאָס פוילישע פאָלק פאר דער קינפטיגער פוילישער רעפובליק; און וואָס די סקאנדינאוויער האָבען געטאָן, כדי זייערע פאָר מיליאָן זאָלען זיך אָנזעהן, ווי א גרוים פאָלק.

דאָס אידישע לעבען גיט ריזיגע מעגליכקייטען. מיר זענען א פאָלק פון דער גאנצער וועלט, צעווארפען צווישען פארשידענע פעלקער און קלאסען; מיר שטעהען אויף די אויבערשטע און אונטערשטע געזעלשאפטליכע שטאפלען; מיר שפילען די העכסטע און נידריגסטע ראָלען.

מיר זענען א פאָלק פון דער גאנצער וועלט און אונזער ראָמאן קאָן האָבען די גאנצע וועלט פאר א ראם; אונזערע מאָטיווען קאָנען זיין וועלט-מאָטיווען און אונזערע לידער — לידער פון דער גאנצער מענשהייט.

אונזערע פראָבלעמען זענען די טיפסטע, און אין פארגלייך מיט אונזערע, זענען די טראגישע ווידערשפרוכען פון דאָסטאָיעווסקי'ס העלדען נארישע קינדער-זאָרג.

דאָס קרומע און לאָמע, צעריסענע און צעשויבערטע אידישע לעבען שוויבעלט און גריבעלט מיט ברוכשטיקער — האלבע און פערטעל — געשטאלטען — וואָס קאָנען קיינמאָל ניט פארענטפערט ווערען; אָבער די לעבעדיגע ברוכשטיקער זענען אָנווייזונגען אויף גרויסע מענשען, אָנדייטונגען אויף העלדען מיט וועלט-באדייטונג.

מיט אזעלכע האלבע מענשען איז פול די אידישע אינטעליגענץ.

דער רעאליזם אליין איז ניט גענוג פאר דעם צוועק. ער קאָן ניט פארפרוכפערען די אידישע ברוכשטיקער מיט די אילוזיעס, וואָס זענען

נויטיג פאר זייער תקון. עס מוז געשלאָסען ווערען א שותפות צווישען רעאַליזם און ראָמאַנטיזם; דער רעאַליזם זאָל געבען די ברוכשטיקער, און דער ראָמאַנטיזם די אילוזיעס.

לאָמיר אזא פאָרם אָנרופען נעאָ־רעאַליזם; בעסער עס גאָרניט אָנ־רופען דערווייל מיט א נאָמען..

מיט דעם רעאַליזם וועט אונז ניט אויסקומען צו קעמפען שווער, וואָרים צום גליק, האָט דער אידישער רעאַליזם ניט קיין צו פעסטע טראַ־דיציעס, און עס וועט זיין לייכט זי צו ברעכען. ער האָט ביי אונז פון אָנפאנג אָהן א מום געהאט — א שעהנשרייבערשער געוויין...

און צום גליק איז דער אָנהויב שוין געמאכט געוואָרען: אונזער רעאַליזם האָט אין זיינע בעסטע מאָמענטען שוין איבערגעטראָטען זיינע גרענעצען, דער אידישער שאפונג־אינסטינקט, וועלכער שאפט ווי גאָט דורך זיינע נביאים, — אין סימבאָלען, — האָט זיך שטארק געלאָזט פיהלען. אָנשטאָט צו געבען לעבען־טיפען, ווי דער פשוט'ער רעאַליזם איז זיך נוהג, האָט ער גאָר געגעבען פארקערפּערטע כלל־געשטאַלטען:

דער סימבאָליזירטער אידישער בטחון אין „מענדעלי'ן", פון וועלכען ביי שלום עליכמ'ען זענען געבאָרען געוואָרען צוויי זיהן: טביה דער יושב אוהל און מנחם מענדעל דער נע־ונד'ניק.

עס האָט נאָר געפעהלט, דאכט זיך, א געהעריגער סוזשעט, די דריי זאָלען ווערען וועלט־געשטאַלטען, ווי סערוואַנטעס'עס דאָן קיכאָט.

אונזערע שריפטשטעלער האָבען נאָך אויף אנדערע אורחים עובר געווען אויפ'ן רעאַליזם: ביי פּרצ'ען איז דער רעאַליזם אָנגעווייניגט מיט דעם טרויבענזאפט פון ראָמאַנטיזם.

אויך זיינע גרענעצען זענען געבראָכען.

ביי די מיטעליעריגע און אינגערע אידישע שריפטשטעלער מערקט זיך א פארמעסטען זיך אויף א ברייטערען פארנעם, ווי דער קאָפּירענדער רעאַליזם ערלויבט. שלום אש האָט אין זיין טרילאָגי „מערי" (דער דריטער טייל דאַרף ערשט געשריבען ווערען) געגעבען א טיפּ פון א אידיש אדעליג מיידעל, וואָס איהר צניעות, ביים אויפלייזען זיך אין זינדינקייט, איז געווען די באוועגענדע קראפט פון ניט איין, אָהן גוזמא, אידישע און ניט אידישער רעוואָלוציאָנערע פּארטיי־מאשין אין רוסלאנד און פּוילען.

דאָס איז א געוועב אויף א ברייטען שטח פון רוים.

אפאטאשו האָט אין זיינע „פוילישע וועלדער" ארומגעכאַפּט אין ברייטע מאסען־שטריכען דריי אידישע דורות אין פוילען — דורות פון סוחרים, חסידים און רביים — און האָט דערגרייכט ביז צו א פערטען דור, וואָס געהט ערשט געבאָרען ווערען.

א געוועב אויף א ברייטען שטח פון צייט.

איגנאטאָוו האָט פארוואָרפען אן אילוזיע און א לעגענדע פון היינט אין דער צוקונפט אריין — די ברוך־געשטאלט פון זיין ראָמאַן „אין קעסעל גרוב".

ער האָט אויך אויפגעהויבען אלטע אידישע נסים — אין „פארבאָר־גענעם ליכט" — און גענומען אויסזויגען פון זיי א היינטוועלטיגען זין.

ער האָט די געגענוואַרט פארוועבט מיט פארגאנגענהייט און צו־קונפט — מיט ניסים און אילוזיעס — דאָס איז שוין א שניט פון עכט אידישען שאפען — און דאָס אליין אָהן דער איינלאדונג און דער דער־מאָנונג פון די קריטיקער, אָהן דעם זיי זאָלען אָנווייזען דעם וועג און מיטגעבען שוואונג אויף דער רייזע.

און ווידער, אויך ניט געבעטען, אפשר גאָר געשטערט פון די קרי־טיקער, האָט פינסקי אָנגעהויבען ארויסלייענען גאנצע סוזשעטען פון אונזער פארגאנגענהייט און צוקונפט.

יהואָש, אומבאמערקט פאר די קריטיקער, באזינגט שוין פון יאָרען־לאנג דעם אידישען העלד, וואָס איז באפאנצערט מיט ליבע און גלויבען — א מין נידריגערע מדרגה פון משיח'ן.

און אין דעם פארשידענארטיגען כאָר פון אונזערע יונגע פאָעטען הערען זיך כסדר אָפּקלאנגען פון מעסיאנישע שטימונגען.

* * *

דער רעאליזם באארבייט א באגרענעצט פעלד, זייענדיג לעבענ־געטריי, מוז ער זיך באנוגענען מיט קליין־געוויקסיגע מענשעלעך, וואָרים אין דער געגעבענער ווירקליכקייט ווערט קיין העכערער מענש ניט פאר־ענטפערט נאָר די צוקונפט פארענטפערט איהם.

בפרט ביי אידען. אָהן געשיכטע און אָהן צוקונפט קאָן אפילו דער קלענסטער איד ניט פארשטאנען ווערען.

דאָס אידישע לעבען גיט נאָר ליידיגע פאָרמען, וואָס מוזען אויס־
געפילט ווערען; נאָר ברוכשטיקער, וואָס מוזען דערגענצט ווערען.

צו דעם איד, ווי ער איז, מוז צוקומען אן אילוזיע, צו מאַכען
פון איהם א פולע געשטאלט.

און די אידישע שאפער האָבען פון וואנען צו שעפּען אילוזיעס אויף
צו פארענדיגען די פון לעבען אָנגעהויבענע געשטאלטען. אי דעם אי־
דישען פאָלק־באוואוסטזיין איז דאָ אן אוצר, וואָס איז אָפען פאר יעדען,
וואָס האָט אין זיך שאפענדע לעבענקראפט; אן אוצר, וואָס האָט אויס־
געטיילט, טיילט און וועט אויסטיילען געשטאלטען נאָך געשטאלטען,
וואָס פליצט און וועט פלייצען מיט שטימונגען און איבערשטימונגען —
שטימונגען און געשטאלטען, דערהויבענדע, דערלייזענדע, אָנשטעקענדע,
היפנאָטיזירענדע, פארוואנדלענדע און פארקלערענדע — פאר אונז אידען
און פאר אלע פעלקער — און דער אוצר און די קוואל איז די משיח־
געשטאלט.

ווי דאָס קריגעל אונטער אליהו הנביא'ס האנט האָט זיך ניט גע־
וואָלט אויסשעפּען פון אויל — אזוי וועט אויך ווירקען די אָנרירונג מיט'ן
הארצען צו דעם ערלייזונג־שטראָם, וואָס פלייצט פון דער משיח־
געשטאלט — עס וועלען נעמען קוועלען געשטאלטען אויף געשטאלטען,
און אלע וועלען טראָגען דעם ערלייזענדען סמן אויף זיך.

עס איז פאראן שוין א היבשע צאָל געשטאלטען אזעלכע אין אונזער
ליטעראטור. עס שימערט פון זיי סימבאָלישעס, נביא'ישעס. זיי זאָגען
וואָס אָן. נאָך א רגע און זיי וועלען ברייננגען א דערקוויקענדע בשורה,
א לאבונג פאר דער אויסגעליטענער אידישער נשמה. נאָך א רגע, און
זיי וועלען א מופת באווייזען. זיי וועלען אונז בענשען און מיר וועלען
אויפגעריכט ווערען און אויסגעלייזט ווערען.

פו דער ליטעראטור וועלען זיי זיך אריבערפלאנצען אין לעבען, לויט
דעם פעסטגעזעצטען כלל: דאָס לעבען שאפט נאָך דער ליטעראטור!

ווענדט זיך, אידישע טאלאנטען, צום קול וואָס רופט אייך — צו
דעם קול פון משיח! די צייט שרייט; א חורבן געהט אויף אונז! און
משיח קומט ניט!

העלפט אונז זיך ראטעווען פון חורבן, איהר בארופענע, פון גאָט
געבענשטע מיט טאלאנט!

נפתלי גראָס:

איצט ווייס איך שוין.

ר. אייזלאַנד:

טאַרנאָוו.

מאני לייב:

הערבסט.

נפתלי גראָס.

איצט ווייס איך שוין.

איצט ווייס איך שוין,
ווען ס'טרעפט אמאָל און ס'הויבט ביי מיר אין קאָפּ
אָן רוישען. און ס'צעטראָגען אין גאלאָפּ
זיך גאנצע מחנות רייטער
אין לאנגע בונטע רייהען
מיט פאָנען און געשרייען,
ארויף, אראָפּ,
אויף אלע טויזענט וועגען, וואָס ביי מיר אין קאָפּ,
דאן ווייס איך שוין:
פון ווייטען קומט אָן א געשפּאן
געפיהרט פון זיבען רייהען שטאָלצע פערד,
עס שפּריצען פונקען אונטער זייערע טריט.
פאָראויס און ביי די זייטען
רייטען גאנצע מחנות רייטער;
און צופוס פאָראויס און ביי די זייטען
לויפען טויזענט שקלאפען,
האלב־נאקעטע און באָרוועסע;
פון הינטען,
אין שטופעניש און אין געדרענג,
לויפט נאָך דאָס פאָלק.
און יעדער וויל איין בליק כאַטש כאפּען אין געשפּאן,
אויף דעם, וואָס זיצט דאָרט אין געשפּאן.
און אלעס ציהט זיך ווי א רוישענדיגער שטראָם אנטקעגען זונענשיין
און ווי א שיפעל אויף דעם שטראָם,
וואָס ציהט זיך קעגען זונענשיין

טראָגט זיך אין דער מיטען דער געשפּאַן,
און קיינעם פאַלט ניט איין,
אז אפשר זיצט גאָר קיינער ניט אין דעם געשפּאַן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איצט ווייס איך שוין,
אין דעם געשפּאַן זיץ איך אליין.
זיץ אויבענאָן
אין בגדי־מלכות אָנגעטאָן.
מיין שווארצער קאָפּ טראָגט הויך א קרוין
מיין בליק איז שטרענג באפּעהלעריש,
ווי ס'פּאסט פאר אזא קעניג אין א קרוין.
און איך באפּעהל: —
מען שטעלט זיך אָפּ.
און ס'שטעלט זיך אָפּ דער גאנצער צוג.
כ'וויל זעהן דאָס פאָלק,
דאָס פאָלק וואָס לויפט פון הינטען נאָך
אין שטופּעניש און אין געדרענג.
איך בין אליין א זוהן פון פאָלק!
כ'וויל זעהן דאָס פאָלק,
און ווייזען זיך פאר איהם אליין,
ווי ס'פּאסט פאר אזא קעניג אין א קרוין.
איך הויב זיך אויף אויף דעם געשפּאַן
און מורמעל וואָס צום פאָלק,
ווי ס'פּאסט פאר אזא קעניג אין א קרוין.
דאָס פאָלק ווערט ווילד פון פרייד,
און ווילדער אַלץ
און שרייט און יובעלט —
און איך דערזעה פאר זיך
חיות, חיות, חיות!
אין אלערליי געשטאַלטען חיות.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיין קעניגליכער בליק באפעהלט:

דער צוג ציהט ווייטער:
פאָראויס און ביי די זייטען
רייטען גאַנצע מחנות רייטער,
עס שפריצען פונקען אונטער זייערע טריט.
און צופוס פאָראויס און ביי די זייטען
לויפען טויזענט שקלאַפען
האַלב־נאַקעטע און באָרוועסע;
פון הינטען
אין שטופעניש און אין געדרענג
לויפט נאָך דאָס פאָלק,
און איך צעווישען זיי, מיט זיי
לויף נאָך
און וויל איין בליק כאָטש כאַפען אין געשפאַן,
אויף דעם, וואָס זיצט דאָרט אין געשפאַן,
ביז אַלץ פארהילט זיך אין א נעפעל
און פארשווינדט,
פארשווינדט וואו אויף די טויזענט וועגען, וואָס ביי מיר אין קאָפּ.

ר. אייזלאַנד.

טאַרנאָוו.

I

עס שמעקט מיט זאַפראַן, נעגעלעך און ענגלישען געווירץ,
מיט זיסע צוקערוואַרג און שאַרפען קימעל,
מיט ריחות פון געוואַנדען און מיט ראָסט פון אייזען
און מיט דער קעלט פון לאַנגע שטאַבעס שטאָל;
מיט זעק און צוגעפוילטע שטרוי,
מיט קוישען, שאַכטלען און מיט קאַסטענס, וואָס דערצעהלען
פון ווייטע שטעדט און פרעמדע מענשען,
און מעהר פון אַלץ פון יענער וואונדערליכער שטאָדט,
וואָס איז געווען מיין שענסטער קינדער חלום,
דער טויער צו דער גרויסער ווייטער וועלט —
טאַרנאָוו.

דו ביזט ניט איבעריג גרויס און ניט איבעריג שען
דו ליעבסטע מיינע פון די שטעדט.
צווישען בערגער צוויי ביזטו צונויפגעדריקט,
ווי אַ ריעזען פויגעל, מיט צוויי לאַנגע אויסגעשפּרייטע
און צוגעשפּיצטע פליגעל, איינער רעכטס און איינער לינקס.
נאָר גרויס ביזטו
מיט דעם שטאָלץ אין טראָט פון די סוחרים דיינע,
און גרויס ביזטו אויך מיט דעם רעש פון טויזענדער,
וואָס קומען האַנדלען צו דיר אין דיינע טויערען.
און גרעסער נאָך פון אַלץ
מיט דיין ברייטען אָטעם
וואָס שפּרייט זיך אויס אויף וועגען און הויכט אָן לעבען
אין פערציג שטעדט און דערפאַר הונדערטער אַרום.

און שען ביזטו מיט דיינע טעכטער,
די שענסטע פון גאַליציענס שענע טעכטער,
און שען ביזטו אויך מיט דעם בלויען גלאַנץ
איבער דיינע רויטע דעכער.
דאָך שענער נאָך פון אַלץ
מיט דיינע גרינע פייערען, וואָס ציגדען זיך אין רייהען,
אין די אויגען פון א אינגעל,
וואָס קוקט אויף דיר פון בארג.
און שענער נאָך און גרעסער,
אין דעם ציטער פון מיינע קינדערשע חלומות.

II

עס שמעקט מיט זאפראַן, נעגעלעך און ענגלישען געווירץ,
מיט קופּעס קאַלטע שטיינער און פריש געשיילטע קלעצער,
וואו אינגלעך טומלען רייטענדיג
און אינגלעך טומלען אויף שפּיץ־פינגער לויפענדיג,
אין זומערדיגע אָווענדען,
ווען ס׳גליהען אַלע שויבען אינ׳ם מארק,
און ס׳גליהען זייערע קינדער הערצער
אין אָרימקייט און פרייד.
און ס׳וואַקסט דער טומעל און עס וואַקסט די פרייד,
ביז ס׳ווערען אַלע פּנים׳ר ווי סאַזשע שוואַרץ,
און מידע זעצט מען זיך אין רעדלעך אויס,
און מיט א מידקייט אינ׳ם קול דערצעהלט מען זיך:
פון כשופמאַכער און פון רויבער־באַנדעס,
פון ליכטלעך, וואָס פּאַרפיהרען, און מתים אין דער שוהל;
פון אוצרות און פון היילען, פון גרויסען פוילען־אויפשטאַנד,
פון גזרת ת״ח און גאַנטאַ, און טייכען אידיש בלוט.
עס נעמט א שווערע שטילקייט אַלעמען אַרום,
און פון די גרויסע אויגען קוקט א צער אַרויס.
און פלוצים נעמט מען זיך דערצעהלען,

פון אלטען שלאָס אין קראָקאָ, און קייזער שלאָס אין וויען,
פון מלכות׳דיגען הויף אין טשאַרטקאָוו,
און רבינ׳ס קלויז אין סאַנדז.
און הויבט מען שטעדט אָן צעהלען, וואקסט פּלוצים טארנאָוו אויס
און אלע אויגען גלאנצען אויף
און ווענדען זיך צום ברייטען וועג וואָס פיהרט קיין טארנאָוו.
און אלע הערצער אָטעמען מיט פרייד:
„אונזער טארנאָוו!"

און פרייטאָג נאכט,
ווען ס׳זיצט א אינגעל ביי זיין טאטענס טיש,
און ס׳שמעקט מיט וויין און ס׳שמעקט מיט פיש,
און ס׳שמעקט מיט פרישע חלה און מיט זייד און אטלאס.
און צעהן לייכטער לייכטען אויפ׳ן טיש,
און צעהן שאָטענס טאנצען אויף די ווענט,
און ס׳גלעט דער טאטע שטיל זיין שווארצע באָרד
און ס׳טונקט דער אורח זיין המוציא אינ׳ם בראָנפען,
און טונקט א פינגער אין די ברעקלעך איין,
און קייט בנעימות,
און קייענדיג דערצעהלט ער זיך א מעשה נאָך א מעשה,
און ווי עס לעבען אידען אויף דער גרויסער וועלט:
אין קראקאָ זענען אידען גוט און פרום,
אין ווארשא איז אין יעדען הויף א שוהל,
אין לעמבערג האָט מען ליעב א סך צו עסען,
און שטאָלצע זענען די קבצנים פון לובלין,
פארשייט אביסעל זענען שוין די רישער אידען,
אין וויען איז טרפה דאָך א יעדער שטיין,
אין דאנציג זעהט מען שוין קיין אידען ניט.
און וואקסען וואקסט איצט טארנאָוו.
דאָס אינגעל האָרכט און קוועלט אין זיך פאר פרייד:
„אונזער טארנאָוו!"

דער אורח גיסט א צווייטע גלעזעל אָן,
פארקוועטשט די אויגען און פארבייסט,
און קייענדיג דערצעהלט ער ווייטער:
ווי ס'וואקסט און וואקסט די שפע דאָרט,
און ס'וואקסען אויף גבירים,
מיט ברייטע הערצער און מיט ברייטע הענט,
אײן מכנים אורח שלאָפט אליין דאָרט אויף דער הוילער ערד
און זיינע אורחים ווי די שררות ליגען אין זיין בעט.
דאָס איינגעל האָרכט און קוועלט און זיך פאר פרייד:
„אונזער טאַרנאָוו!"

עס פארען שוין די טעלער אויפ'ן טיש,
דעם אורח'ס רייד פארקלינגען אין דעם קלאנג פון טעלער לעפעל,
אין איינגעלס הארצען קוועלט און קוועלט נאָך אלץ די פרייד:
„אונזער טאַרנאָוו!"
ער ווייס דאָרט בויט א שוהל זיך דרייסיג יאָהר,
און ס'שטעהען אלץ נאָך הוילע ווענט,
דאָרט איז אן אלטע הייל פאראן,
וואו ס'ליגט אן אוצר פון קדמונים אָן,
און נאָר דער למד־וואָווניק אין דער גרויסער קלויז,
ער איז דער איינציגער, וואָס וויים דעם וועג אהין,
נאָר זאָגען וויל ער קיינעם ניט.

זיין מאמע שרייט אויף איהם: וואָס עסט ער ניט!
ווי אויף א גולם קוקען אויף איהם זיינע אלע ברידער,
און א פארשעמטער כאפט ער שנעל א לעפעל נאָך א לעפעל,
דאָך ברענען אלץ די אויגען זיינע נאָך,
און שטיל אין זיך הערט ער דעם למד־וואָווניק'ס רייד,
וואָס גיט דעם סוד איהם איבער,
און ס'עפענט זיך פאר אירם די אלטע הייל,
וואו ס'בליצט פון טעפ ארויס דאָס גאָלד
און ס'בליצט פון טעפ ארויס דאָס זילבער,
און עדעלשטיינער און קרישטאָלען בלענדען זיינע אויגען.

III

עס שמעקט מיט זאפראן, נעגעלעך און ענגלישען געווירץ. —
מיט צאנקענדיגע ליכט און טריפענדיגען חלב,
מיט ווארימקייט פון אויזווען און ווארימקייט פון רייד,
וואָס טריפען, טריפען פון דעם זיידענם מויל ארויס,
ווי שווערע טראָפּענס האָניג: —
פון אידען חשובים, אידען גרויסע שררות,
פון פראכט אמאָליגען און היינטיגע שווערע צייטען,
און פון פרנסות ביטערע, און וואָס עס קאָן זיך טרעפען:
פון וועלף, וואָס קוקען הונגעריג פון וואלד ארויס,
און פון גזלנים וועלכע לויערען אויף בריקעס פול מיט סחורה,
פון א ליץ, א דייטשעל מיט א לאנגע צונג,
און פון א קאלטער, שטורעמדיגער ווינטער נאכט,
ווען ס'האָט א שד פארפיהרט זיין שליטען
אין א כשוף קרייז:
— עס טראָגט א ווינט פון אלע זייטען
שניי אין גאנצע הורבעס אָן,
און וואָיענדיג פארשיט ער איהם די אויגען
און וואָיענדיג פארשיט ער איהם דעם וועג,
דאָס פערדיל הויבט מיט שווערקייט קוים די פיס,
און ס'וואקסען צעפלעך אייז אָן אויף דער באָרד,
און ס'וואקסען צעפלעך אייז אָן אויפ'ן מויל,
און ס'שניידט די פיס און ס'שטעכט די פינגער,
און ס'שנייט און שנייט,
און ניט מען זעהט א ליכט און מען זעהט א וועג. —

ביים אויווען אין א ווינקעל זיצט דאָס איינגעל צונויפגעדרעהטערהייט,
און האָרכט און האָרכט און וואַרט דעם סוף צו הערען,
כאָטש ער ווייס אידם שוין פון לאַנג.
און ווייס שוין אויך, געשעהן איז דאָס
אין יענעם גרויסען ווילדען וואַלד,
וואָס ציהט א מייל זיך רעכטס, און ציהט א מייל זיך לינקס
ביי יענעם וועג דורך וואַנען ס'קומען סוחרים
און ס'קומען גוטע אידען,
און אורחים, „אייניקלעך",
און וואַנדערער פון גאַר דער וועלט
ביים וועג, וואָס פיהרט פון טאַרנאָוו.

איין ליכטעל צאנקט נאָך קוים, און ס'קלעפען זיך די אויגען,
און ס'טריפען שווערער נאָך דעם זיידענס רייד,
און איצט דערצעהלען זיי פון מחלוקות צווישען גוטע אידען,
וואָס האָבען שטעדט פארוויסט און מענשען טאַרבעם אַנגעהאָנגען;
און פון דעם גרויסען פייער צווישען סאַדאגור און סאַנדז.
ווי ס'פלעגט דער אַלטער, בייזער סאַנדזער הימלען שפּאַלטען
און טופּען מיט זיין לאַמען פוס,
און שעלטען זיין באהעלפער, און שעלטען אַלע די,
וואָס האָבען זיך קיין סאַדאגור געקעהרט;
און פון זיין זוהן, דעם רידניקער, דעם שלעכטען,
דעם קלוגען אחיתופל, לאַנג און שוואַרץ
און ביז דעם אויג באוואַקסען.
מיט אויגען ווי פון שטאָל און מיט א האַרץ פון שטיין. —
א גלעט די שווערע באָרד,
א טרייסעל מיט דעם שטריימעל אין דער ברייט,
און ס'האָבען חסידים שויבען אויסגעזעצט,
און קעפּ געשפּאָלטען,
און שטעדט געברענט,
און מענשען ביז צום בעטעל ברויט געבראַכט.
און ס'האָבען זיהן געשטעלט זיך געגען טאַטעס,

און ווייבער האָבען פון די מענער זיך געשיידט,
און יונגע איידעמס האָבען אלץ געוואָרפען,
פארלאָזען ווייב און קינד,
געלאָזט זיך אין דער וועלט אריין,
צעטיילט זיך אין צוויי מחנות, גרייט זיך צו פארטיליגען. —
אויך ראָפּטיץ איז אריין אין שפּיעל,
פארלוירען דאָרט דאָס לעצטע ביסעל גלאנץ,
ארויס — צעריסען, אָהן איין גאנצען אבר,
פארבליבען איז איהר נאָר א חכמה'לע,
א שעהנער ניגון און א מחנה אייניקלעך,
וואָס האָבען זיך צעזייט אויף אלע וועגען,
אין זייערע קאפּטאנעס מיט סטראָקעס
און מיט די ווייסע הויזען.
געשטאנען אן א זייט איז בלויז דאָס קלוגע בעלז,
דאָס קלוגע בעלז מיט איהרע ספּאָדיקעס
מיט איהרע בעקעשעס פון קאטון,
און מיט דעם ווילדען ברען.
און כאָטש דאָס איינגעל שלאָפט שוין לאנג,
זיין מאמע האָט פון איהם די שטיוועל אָפּגעצויגען,
דאָס העמד איהם אויסגעטאָן,
א וואָרימען געלעגט אין בעט,
און איז מיט ווייכע טריט פארשוואונדען,
דאָך הערט ער נאָך ווי ס'טריפען שווער דעם זיידענס רייד,
און איהם איז גוט.
און אלעס מישט אין איינעם זיך צונויף:
דער אלטער סאנדזער, ווי זיין שטייגער, שטאָלץ און בייז;
דער סאדאגורער מילד און ערדל מיט זיינע ווייכע אויגען;
דער קלוגער בעלזער מיט א לאנגע ליולקע אינ'ם מויל;
די ראָפּטשיצער אין קאפּטאנעס אָהן קלאַפּען,
מיט אויפגעשטעלטע בלויע סאמעט קראגענס,
מיט סאמעטענע מאנקעטען,
און ברייטע שווארצע אטלאס גארטלען.

און פּלוצים וואקסען אוים:
א פּריצה'לע, א דייטשעל מיט א לאנגע צונג,
און ס'ציהט א לאנגע שורה וועגען אויף א בארג ארויף,
און ווייט פון הינטען ווערען הייזער קלענער אלץ און ענגער,
און ס'צינדען גרינע פייערען זיך אין לאנגע רייהען,
און ס'צינדען גרינע פייערען זיך אין זיינע אויגען. — — —

עס שמעקט מיט זאפראן, נעגעלעך און ענגלישען געווירץ,
מיט זיסע צוקערוואַרג און שארפען קימעל,
מיט ריחות פון געוואנדען און מיט ראָסט פון אייזען
און מיט דער קעלט פון לאנגע שטאבעס שטאָל;
מיט זעק און צוגעפוילטע שטרוי,
מיט קוישען, שאכטלען און מיט קאסטענס, וואָס דערצעהלען
פון ווייטע שטעדט און פרעמדע מענשען,
און מעהר פון אלץ פון יענער וואונדערליכער שטאָדט.
וואָס איז געווען מיין שענסטער קינדער חלום.
דער טויער צו דער גרויסער וויימער וועלט —
טאָרנאָוו.

מאני לייב.

הערבסט.

מיין הערבסט אין בלייכען גאָלד. די זון איז ווייט און קאַלט,
מיין זון איז טרויעריג. דער פּאַרק איז גרוי און אַלט,
און שטיל. נאָר אין זיין שטילקייט, ווי זיין לעצטער זיפץ,
דאָס לעצטע, געלע, שאָרכענדיגע בלעטעל פאַלט.
דאָס לעצטע בלעטעל פאַלט.

פאַרלאָזען איז דער פאַרק. נאָר אויף אַן אַלטען באַנק,
אַן אומבאַקאַנטער זיצט. אין גרויען, גרוי און קראַנק
געבויגען אויף זיין שטעקען נידעריג דעם קאָפּ
ווי פון דער שווערער האַנט פון עפּעס אַ געדאַנק.
געדאַנק אין גרויען הערבסט! —

אָ, רוה אין גרויען הערבסט! וואו רוהט דיין וויטער ברעג?
אין יענער בלינדער ערד פון אויפגעפּראַלטע טעג?
אין יענעם קלוגען הימעל מיט זיין שטילער זון?
אין יענעם אָוועגד מיט זיין שטערען אויף דעם וועג?
אין אָוועגד אויף דעם וועג.

ניין, ניין... אין ווילדען ווינדריב: דאָרטען ביי דעם פלויט,
מיט שווארצע דערנער קריכט ער אויסגעשפּרייט און רויט,
און קלעטערט אום אין פּאַרק, ווי לעצטע טראָפּענס בלוט,
אויף בעטענדיגע ליפּען אין דער שעה פון טויט.
אַ פילגעגאַרטע שעה!

דער טויט איז שעהן. און שעהנער ביי דעם קליינעם קינד.
נאָר ביי דעם קבר'ל די מאמע יאָמערט בלינד.

און דאָרטען דורך דאָס גרין, וואוהין די זון פארגעהט
דעם טאטענס אויגען לייטערען זיין שווערע זינד.
נאָר אייביג איז די זינד.

די זינד פון טאטעס: סם, ווי שטאָל פון שארפען שווערד.
מיט ווילדע גראָזען שפראָצט זי פון דעם זיידענס ערד,
און פון די טעכטערס אויגען בליהט זי בלוי און שווארץ,
און ברוינט זיך פון די אייניקלעכ׳ס געקרויזטע בערד.
און בלוטיגט אין געבורט.

און טראָפּענס פון דער מאמעס ווייסער מילך ארוים,
און שמייכעלט פון די וויגען, וואקסט פון וויגען אויס,
און טאנצט אין גאסען לידער אין די קינדער טענץ
און בליהט אויף ווי א לאנדיש אין דער כלה׳ס שוים.
און אייביג וויינט די נאכט.

אהן בערד, ווי בלייבע וווייבער שלייכען זיי ארום.
אויף אלע בלינדע וועגען נישטערען זיי שטום.
מיט שרעק, אין אלטע טעמפּלען קוקען זיי אריין,
וואו דער געוויריץ פון זיידענס תּפילה פלאטערט פרום.
און זיי, וואָס ווייסען זיי!

זאָל תּפילה טאָן די פרוי, דער נביא און דער נאר.
די פרוי, פאר איהרע טרערען, איהר דערגרייכטען שכר.
דער נביא פאר דעם נאר. דער נאר פאר זיינע הענט,
וואָס שרייען מיט די אָדערען פאר גאָט אין צער.
און מיר אין אונזער צער. —

אריבער אלטע ספרים זיצען מיר פארבלענדט,
מיט בלייבע קעפּ געלעהנט אויף דינע ווייסע הענט
און זוכען דאָרט דאָס ווארט, וואָס אין דעם שטויב פון טעג,
האָט איץ זיין שטומען כשוף זיך אליין פארברענט.
נאָר אייביג איז דאָס וואָרט.

ווייל פון דער זונה׳ס אויגען האָט דאָס וואָרט געערדט,

אין אָוועגדען, אויף ראָגס אין ברענענדיגע שטעדט,
אוּן אויף די מערק פון בעטלערס לעכערדיגען זאק,
און פון די סימבאָלען ביים מיסטישען פּאָעט.
אין סימבאָלען פון אלץ.

דער ליין אין בלויען פעלד. די קנייטשען אויף א מאנס געזיכט.
אויף זומפּען פייערלעך. אין ווייטע פענסטער ליכט.
דער באיאָנעט וואָס שטעכט אין הארצען פון דער זון.
און די לבנה וואָס אין בלייכע הויכען קריכט.
לבנה ליכט אין הערבסט!

אויף אונזער קראנקער שיף די טרויעריגע פאָהן.
די נאכט. דער גרויער האפען צינדט זיך נאָהענט אָן,
די פייערען. די ערד. אויף אונזער ליבער ערד,
ווי קינדער בלייבען מיר, און דארפען עפּעס טאָן,
און גליקליך שמייכלען מיר.

זאָל שמייכלען אונז דער האפען אין דיין שטילען לאנד!
און דאָרטען רוהט דיין שטאָדט. באקאנט און אומבאקאנט.
דיין הונט. דיין הויף. דער לאָמפּ. דיין רוה. און רייד און רייד
און אין דיין קאלטער האנט א ווארטענדיגע האנט.
נאָר איינזאם איז א האנט.

די גראָבע גרינגע לאָדען האָט די נאכט פארמאכט.
און אויף דעם ווייסען בעט דאָס בלייכע אינגעל וואכט.
די אויגען אין דער פינסטער גארען ווארטען שטום
אויף יענער גוטער ליעבער זעהונג פון דער נאכט.
נאָר איינזאם איז א האנט.

ביים שוואכען וואָרצעל פון דיין אינגעלשען פארלאנג
ליגט שטיל געקנוילט די זעהונג ווי א שווארצע שלאנג,
נאָר אז דער אָוונט וויינט ביים גרינעם קרייז פון לאָמפּ, —
אין יעדען לייכטען שאָרך אין יעדען ווייטען קלאנג,
דיין זעהונג שלייכט פארביי.

און ווייכע צימערען, און שעמעוודיגע רייד,
און רוה פון בלויען זייד אין וועהענדיגען קלייד,
און הענגט ווי ווייסע לאנדישען וואָס וואקסען אין דער נאכט,
און ביים לבנה שיין די תפילה׳דיגע פרייד.
און ווייסע הייסע נעכט.

און נעכט ביי ווייסע ליכט. די אויגען רויט ווי וויין.
און וויין אין שווארצע נעכט פון ערשט דערקענטע פיין.
דער רויטער פינטעלע וואָס דרעהט דעם קראקאוויאק,
און צימבעלט, צימבעלט, צימבעלט ביז ער דרימעלט איין,
ביים שוועל פון גרויען הערבסט.

א בלעטעל פאלט. אין שלייערען פון דינעם רויך,
אין וואָלקענדלעך סאנדאלען נידערט לייכט און ווייך
די קראנקע נאכט. איהר פאקעל אויף די בלייכע טרעפ
געהט אויף דורך נעבעל די לבנה אין דער הויך.
און ווידער זיפצט דער פארק?

דאָס זיפצט די קראנקע נאכט. דער פארק איז אלט און גרוי,
דאָס זיפצען ווייטע טריט, און שטילערער פון טוי,
פארשטארבען ווייט אין פארק. דער אומבאקאנטער האָרכט.
א פרוי... און ווערט פארשוואונדען ערגעץ מיט דער פרוי...
אָ, הערבסט אין בלייכען גאָלד!

פון דעם בוך
„אין דער וועלט פון פאלענדיגע שטערן"
געצייכענט און געשריבען
פון ב. קאפמאן

I

אין דער וועלט פון פאלענדיגע שטערן.

עס האט ווילד געשטורעמט. אין דעם רוים פון אומענדליכען נע־בעל האבען גרויסע מזלות ארומגעווארפען זייערע גיגאנטישע גופים. און אזוי ווי זיי וואלטען געווען פארווירטע נשמות האבען זיי זיך גע־ווארפען פון אייביגע וויסטעניישען דורך פוסטע רוימען און זיינען געפא־לען אין אומענדליכע אפגרונטען. — טיף אין זייערע שטורעמדיגע ברו־סטען איז געזעסען דער שיקזאל — דער גבור אוריה, און איז דאס געווען דער, וואס האט זיי אזוי געפירט און געטריבען דורך די געצעלטען פון פוסטע וויסטעניישען מיט זיין הארטער בייגערדיגער האנט.

די נשמה, דער ברענענדיגער קוגעל, וואס איז פאר׳משפט צו אייבי־גען פלאם, הויבט אן צו קלאגען:

„וועה, געבארען פון פלאם, און אין פלאם מוז איך שפייזען מיין האר מיט דאס וואס איז בלויז איך אליין.„

„א, געשלאגענער גוף, פארוואס זאל אלץ ארום מיר זיין פינסטער, און ווארפען א באלויכטענעם שאטען פון פיין אויף מיין ברעם!

„פארוואס זאל פינסטערניש שפוקען פון זיין פוסטער הייל, און אין קאלטען שטאלץ אויפהענגען זיין לאמפ פון נקמה פאר מיינע אויגען.

„וועה, איך דער ליכטיגסטער שטערן פון אייביגקייט מוז ברענען פאר א זינד ניט באוואוסט צו קיינעם און מיר.

„וועה, איך דער פלאם פון ליכטיגסטען שיין — פינקלענדיג ריין, ניט באפלעקט פון ערדישע זאכען, מוז זיך דרעהען דורך דעם רוים א ברענענדיגער פיין. האב איך דען ניט געוואלט צעשמעלצען אט יענע גראבע שטיק ערד אין מיין געשטאלט?“

אזוי שרייט דער ברענענדיגער קוגעל און הערט אויף פון צייט צו צייט, אבער זיין דרעהען זיך אין דעם ווילדען ראנד הערט קיינמאל ניט אויף.

עס שליסט זיך אויף דער טראכט פון אן אנדער גרויסען שטערן, און א קול שרייט אויף אין דער לופט מיט אייזערנעם געקלאנג:

ONE 1 ONE

Raleigh

COUPON

Redeem this coupon for nationally advertised merchandise as stated on reverse side. You get a valuable Raleigh coupon on every package of **RALEIGH** and light menthol **BELAIR** cigarettes.

Send for big full-color catalog

BROWN & WILLIAMSON TOBACCO CORP.

BOX 903 LOUISVILLE, KENTUCKY

SERIES **MM**

Redeemable signed according to ι ıg in effect at time o ex- cept that, in any state where re- demption in goods is prohibited or requiring payment of a license or tax not required for cash re- demption, this coupon will be redeemed only for its cash value and this coupon is void and the offer herein contained is not ex- tended in any state or locality where redemption or issue there- of is prohibited or in which any tax, license or other restriction is imposed upon the redemption or issuance thereof.

Redeemabl U.S.A.

CASH V 1 CENT

This Offer L c. 31, 1971.

„אָ, מוטער, מיין מוטער, בין איך דען די זינדיגע הור אין די אָרעמס פון הייליגען גייסט?

„ווער וועט שיטען זאמד אין מיינע אויגען און וועט ווארפען די די שולד אויפ'ן שטויב?

„ווער וועט פארשטעלען די ערד וואָס ווייזט ווי א שפיגעל אונזער פאלענדיג געשטאלט?

„בין איך די פארמאטערטע נשמה פון אייביגען טויט פאר'משפט צו שפייזען מיין געשלאָגען הארץ מיט פארלאָרענע האָפנונגען?

„און וואו איז דאָס ליכט, וואָס בויגט ניט זיין שאָטען אויפ'ן צווייטען זייט פון מיין געשטאלט? עי, איך די פארשאָלטענע בין די געבענשטע, וואָרים פון מיר זאָל שפּראָצען דאָס גאנצע לעבען, וואָס זאָל לאכען פון דעם אייביגען ליכט; וואו איז ער, וואָס וועט מיך פאר'משפט'ען און זיך אליין אויסהיטען פון אייגענעם משפט? ווער זאָל רופען דעם זין פון מיין גרויסער ליבע — וואנזין? ווער קאָן ליבען דאָס וואָס איז ניטאָ? דו אייביגער, פייערדיגער קוגעל ביזט געשפייזט מיט מיין ליבע, דאריבער בין איך דער גאָט פון דיין זיין און דו דער טרעגער פון מיין פיין.

„וואָרים פון מיין הארצען רייסטו ארויס מיין קינד און זעצט עס אריין אין דיין בוזים, אָבער א מוטער שטארבט קיינמאָל ניט, און אימער־צו זעהט זי דאָס בלוט, וואָס האָט פארלאָזען איר טראכט שטארבען אין איר אייגען געשטאלט. אָ פרייד, אָ פרייד, געבענשט איז זי כאָטש זי וויים עס ניט, וואָרים זי איז די מוטער פון לעבען און ליכט."

עס ווערט שטיל און עס שפרייטען זיך אוים די פינגער פון א דריטען גייסט, שפרייטען זיך אין ווילדען עקסטאַז און ברענען אין דעם געצעלט פון וואנזיניגער אומאָרדנונג, און פילע שטערן טאנצען זיך פאנאנדער ארום זיין פלאמענדיגען פנים. און א שעפעלע באווייזט זיך אין הימעל און בלייבט שטעהן אין די שטראלען פון דער זון, און זיין ווייסע וואָל ווערט אין גאנצען גאָלדיג. און א פאסטוך מיט א גרינער צווייג אין האנט געהט נאָך דער שאָף און צייגט אים אָן דעם וועג. און ווען זיי קומען צו א קוואל טרינקען זיי פון זיין וואסער, און געהען ווייטער אין שלום דורך דער וועלט פון ווילדער אומאָרדנונג.

און װער זאָל פֿאַרשעלטען די ערד װאָס איז װי אַ שפּיגעל
װאָס װײַזט אונז אונזער פֿאַלענדיג געשטאַלט?

און א שיפעלע האט זיך באוויזן אין הימעל און איז געבליבן שטעהן
אין די שטראַלען פון דער זון

II

דאָס ליד פון טומא

און איך האָב געהערט א שטימע שרייען.

דער וואס זוכט דעם האפט פון דער וועלט זאָל קוקען אין דעם רוים פון דער וועלט, ווארים דער אויסגעהוילטער רוים איז אָנגעפילט מיט די געהיימנישען פון לעבען — פונקט אזוי ווי די דעק פון טויט האלט אונ־טער זיך דעם האפט פון לעבען.

געבענשט זאָלען זיין די וואָס בלאָנדזשען און מידען דאָך ניט איין זייער קערפער, וואָרים זיי זענען געגליכען צו דער זון, ארום וועלכער עס מוזען זיך דרעהען אלע שטערן. געוויס, זיי זענען ווי דער בוים, וואָס שיסט זיינע צווייגען אויף אלע זייטען, דאָך שטעהט ער אליין אויף איין אָרט.

נאָר דער וואלד האָט געענטפערט:

ערוואך, ערוואך, איך בין דער ווינט, וואָס ברענגט די בין צו דער בלום, איך בין דאָס ליכט, וואָס פארנארט דאָס זומער פליגעלע פון איר פוסטען לעבען כדי צו פארלירען עס אין פייער. וואָרים גאָרניט ווערט געבוירען, וואָס זאָל ניט זיין פאראורטיילט צום טויט. דאָס וואָס שטארבט קיינמאָל — איז קיינמאָל ניט געבוירען געוואָרען.

די זון איז געשטאנען אין מזרח, און גאָלדיג איז געוועזען דער הימעל, און ליכטיג איז געוועזען דער טאָג מיט גאָלד און זונענשיין. איבער פעל־דער פון מאָן האָב איך שפאצירט מיט מיין געליבטער, און גליקליך איז געוועזען מיין ליבסטע און גליקליך בין איך געוועזען.

א שעפעלע האָט זיך באוויזען אויף א וואָלקען מעקענדיג און אן עזעלע האָט זיך געבאָדען אין זון. און א לייב האָט שפאצירט ארום דעם קינד און האָט זיך געשפילט מיט׳ן קינד. און איך האָב געזעהן אלע מענער און אלע פרויען שפאצירען אין הימעל אָנגעטאָן אין זייערע יום־טוב׳דיגע קליידער. און איך האָב זיי געהערט זינגען אזוי: געבענשט זאָל זיין דיין טאָג פון ליכט, וואָס ווייסט אין זיין גאנג ניט פון קיין שאָטען; געבענשט זאָלען זיין זיי, וואָס ערוואכען ניט אין מיטען נאכט

B. Kopman

צו בלאָנדזשען אין דער פינסטערניש. מיר, וועלכע זיינען אין די הימלען — זיינען דאָ מער ניטאָ, נאָר איר, וואָס טרעט אויף דער ערד, זייט אין די הימלען. וואָרים בלויז אין דעם קעניגרייך פון די קלוגע געפינט זיך דער נאַר. פונקט ווי אונטער דעמזעלבען דאך וואוינט דער בעל הבית און דער קנעכט. אָבער, וועה, די הונגעריגע קענען ניט העלפען די פאר׳חלוש׳טע און אין דעם הויז פון די פארדאָרבענע וועט איר ניט געפינען קיין מיטלייד.

גיט גרויסקייט צו די, וואָס געהען אין די וועגען פון ליבע. וואָרים די טירען פון אייביגקייט זאָלען זיין אָפען פאר זיי, און די פרוכט פון אייביגען אמת זאָל זיין אימער פריש אין זייער הארצען. זינגט, פייגעל, זינגט, וואָרים זים איז דאָס לעבען אין דעם גאָרטען פון ליבע.

די פליגלען פון אייביגקייט האָבען זיך אויסגעשפרייט און מיין גע־ליבטע און איך זיינען אויפגעכאפט געוואָרען און זיינען געטראָגען געוואָ־רען דורך דעם לויטערען רוים ארום דער זון, איבער זילבערנע וואָלקענס און דורך פאנטאסטישע לאבירינטען, און הייליגע זיינען אונז געקומען אקעגען און האָבען אונז געבענשט אויף אונזער וועג.

די הונגעריגע קענען ניט העלפען די פארחלשטע, און אין
די פארדארבענע געפינט מען קיין מיטל

III

דער איינזאמער גרייז.

די זון האָט געברענט היים מיט אן אומבאפלעקטען ליכט, און ווי דער האָריגער קאָפּ פון א ווילד באוואקסענעם אלטען, איז די זון געווען באגראָבען אין א ים פון שטראלען.

דער ווינט האָט געריטען אויף זיינע דינע פליגלען, וואָס זיינען געוועזן אויסגעשפרייט איבער דעם שלאָפענדיגען וואלד.

חיות און פייגעל זיינען אריינגעקראָכען אין זייערע נאָרעס און נעסטען אויסצומיידען די הייסע שטונדען פון טאָג.

פון אריבער דעם בארג האָט זיך געהערט א פאסטוך שפילען אויף אן אלטמאָדישען פייפעל.

אויף דעם גאָלדענעם ראנד פון הימעל האָבען זיך באוויזען די ליניען פון א גרויסען גרייז. ער האָט ארויפגעקוקט צו דעם לופטיגען דאך איבער אים און האָט דאָרט דערזעהן מחנות הימעלשע פרויען שלאָפען אויף ווייכע וואָלקענס, און פון דער ברוסט פון דעם איינזאמען אלטען זיינען ארויס זיפצען און קלאנגען און קולות, וואָס זיינען אונז אלעמען באוואוסט: —

ליידיג זיינען מיינע פעלדער פון ליליען, א הימעל, דערנער וואקסען דאָרטען, וואו בלומען וועלען מער קיינמאָל ניט בליהען. פוסט איז מיין הארץ אזוי ווי מיינע פעלדער.

הויב מיך אויף פון אָט דעם שטויב, א הייליגער גייסט, גיב פליגלען מיין נשמה, הויב מיך אויף פון אָט דער פארהארטעוועטער ערד צו די קרייזען פון דער זון.

ווארום זאָל דער געשלאָגענער אָדלער האסען די ערד, וואָס גיט אים א היים און ליב האָבען דעם הימעל, וואָס האָט אים ארויסגעטריבען?

ווי גרויס איז די ערד, אויף וועלכער איך שטעה. דאָך מיין בליק איז גענייגט פון נאָך פיל גרעסערע קרייזען. מיינע אויגען דעקלעך זיינען

שווער פון די שאָטענס, וואָס זיצען אויף זיי, דאָך ווערען מיינע אויגען דורכגעשטאָכען מיט א ליכט, וואָס שטראָמט אריין אין זיי. מיין בלוט לויפט דורך מיין הארצען אין ווילדע שטראָמען, שלאָגענדיג מיינע שלייפען ווי די שטורעמדיגע כוואליעס, וואָס וואשען אפ דעם זאמד פון דעם גאָלדענעם ברעג. קומער האָט זיך באזעצט אין די היילען פון מיין הארצען לויערנדיג אויף מיין נשמה, ווי א הונגעריגער פויגעל אויף א טויטען גוף. דאָך אין מיינע אויערען קלינגען די זיסע טענער פון ליבע און געזאנג, און אין מיין געדאנק זעה איך געשטאלטען פון א רייצענדיגער שענקייט, איך חלוש נאָך זיי, איך פאל מיט מורא אין באוואונדערונג פאר זייער הימעלשען גלאנץ.

מיינע יוגענד טעג זיינען פארגאנגען אין נעצען פון גאָלדענע חלומות און בילדער. מיט פילע טעכטער וועמעס דופט האָט ווי דער פרילינג טוי בארעקט די ווענט פון מיין אלאבאסטער פאלאץ, האָב איך פארבראכט טעג און נעכט; פילע מאָל האָב איך געוואנדערט אין די קילע קרייזען פון דער לבנה און זיך געבאָדען אין דער ברענענדיגער לאווא פון דער זון, איך בין געשלאָפען אויף זילבערנע וואָלקענס אין די הימלען, און אויף געלעגערס פון בליהונג אויף דער ערד, און אין די קאָראלען בעטען פון די טיפע ים׳ען. איך בין געגאנגען איבער דעם ערדקוגעל פון עק צו עק צווישען מחנות הימעלשע פרויען, און מיט געזאנג, וואָס איז ביז מיר קיינמאָל פריהער ניט געהערט געוואָרען. און דאָך איצט, שטעהענדיג אויף אָט דעם בארג מיט א געבויגטען קאָפּ, און אין אן עלטער, וואָס האָט אויסגעוועבט פון מיינע האָר זילבערנע פעדים, ווייטאָג איך דאָך פאר זאכען, וואָס איך קאָן ניט גרייכען, און מיין אומבאזעטיגטע נשמה איז נאָך אלץ פארשקלאפט. אָ ווע׳ה, ווען וועל איך געפינען רוה און פרידען, אָ הימעל!

IV

חאָס ליד פון טומא

א שטילקייט האָט ארומגעכאַפּט מיין הארץ און מיין נשמה איז אין אויפשטאנד. אָ, זאָג מיר, בין איך אייביגקייט, און האלט איך די אייביגקייט אין מיין האנט? בין איך ניט נידריגער פון דער זון און מוז איך ניט ארויפקוקען צו זיין ליכט איבער מיין קאָפּ! דאָך ווי אָפּט פון אָט דעם בארג זעה איך אָט דעם ברענענדיגען אָדלער — די זון — זינקען אונטער מיינע פיס, און זיין פלאַמענדיגען קאָפּ ווערען בלאס אין דער נאַכט. נאָר איך טו זיך אויך דעמאָלט פרעהען, ווייל דער פיין פון דעם גיבור איז דאָפּעלט שווער, און די טרערען פון א דערוואקסענעם פיל ביטערער ווי פון א זויגקינד. דאריבער איז וואָס איך זוך איז ניט פרייד, נאָר דעם וויסען פון פרייד, און דורך דעם מוז איך פארזוכען אויך פון דער פרוכט פון פיין, ווארים דער וואס האָט מורא פאר דעם שטאָך פון דעם דאָרן זאָל קיינמאָל ניט וויסען פון דעם בלומענדופט. קוק נאָר איצט. אין מיין האנט האלט איך א פּערלמוטערנע שיסעל פול מיט גאָלדענעם שטויב און מיט דימענטען. קוק און זעה, דאָס איז דער אָפּ־פון מיין געליבטער.

איך האָב געלויערט אין פעלדער פון קאָרענשוועסטערלעך פון פיילכען און איבער בערג פון ליליעס, נאָר קיינע פון די קאָרענשוועסטערלעך, פיילכען און ליליעס האָבען זיך ניט געקאָנט פארגלייכען מיט דער שענקייט פון מיין געליבטע.

איך האָב געוואנדערט אין די הימלען צווישען די ליכטיגסטע שטערען, דאָך קיינער פון זיי האָט זיך ניט געקאָנט פארגלייכען מיט דעם גלאַנץ פון מיין געליבטער'ס אויגען. ווארים זייער ליכט איז ווי דער שמייכעל פון דעם מאָרגען שטערן. ווי דער ערשטער שטראל אין מזרח. און קיין זילבערנער וואָלקען, און קיין שניי שטויבעל איידער עס פאלט נאָך צו דער ערד איז אזוי ציטערדיג און אזוי ווייס ווי די בריסט פון

מיין געליבטער. און זעה נאָר אירע היפטען, זיי זיינען ווי די בערגלעך אין דעם לאנד אירמא וואוהין עס ציהען די פרייע וואנדערער צו טרינ־קען פון דעם הייליגען קוואל, און דער קוואל פון איר לעבען איז ווי דער קריסטאַלענער טייך אין דעם טאָל פון אייביגקייט.

אָ, טרייסט מיך ניט מיט אזוי פיל פרייד, און וועק ניט מיין געליב־טע. פרידען אָטעמט זיין דופטיגען טוי פון איר לייב און יעדער אָטעם בלייבט הענגען א שטערן אין דעם רוים.

V

בן וועגו.

ווען דער פרימארגען האט אין מזרח געפארבט מיט גאלד דעם הי־מעל און די ערד, איז דער נביא בן וועגו ארויף אויף איינעם פון די בערג, וואס זיינען געלעגען דריי מיילען פון דער שטאדט אין וועלכע ער פלעגט צייטענווייז פארברענגען, און ער האט זיך געווענדט צו זיינע נאכפאלגער, וואס זיינען שוין אלע געווען אויבען און האבען געווארט אויף אים. און ער האט צו זיי אזוי געזאגט: איצט, אז דער גוף האט אפגענוצט די זאמען פון לעבען, ליגט דער גייסט שוין אין דער טראכט פון באשאפונג און א ניי לעבען ווערט געבוירען. דאך דאס וואס ווערט געבוירען ווערען פון דעם גייסט וועט אין קיין פאל ניט זיין אנדערש פון דעם, וואס ווערט געבוירען פון דעם גוף. ווארים דאס וואס איז באוואוסט דעם גייסט איז אויך באוואוסט דעם קערפער. טוט ניט א קערפערליכע וואונד פייניגען די נשמה? — און ליידעט דען ניט דער קערפער ווען דער גייסט איז אין פיינען?

איך, זייענדיג דער אויסדרוק פון גאט — בין גאט. און ווער זאל וואגען לאכען פון דעם, וואס איז אים ניט באקאנט! טראגט דען ניט דער ווארים אויף זיך דעם זיגעל פון דעם פארבארגענעם אזוי גוט ווי די זון? דאך זאג איך צו אייך, בויגט זיך ניט צום קראט אום צו לערנען פון אים, נאר לערנט זיך פון דעם לייב. כאטש דער ים באשטעהט פון וואסער טראפענס, דאך דער וואס שפילט זיך מיט זייפען בלאזען — און דער וואס באוועגט די כוואליעס פון דעם ים — זיינען בלויז דאס מיט וואס זיי באשעפטיגען זיך. דאך איז א לעבעדיגער ווארים מערער אין געשטאלט פון גאט, ווי אן אנגעשטאפטער לייב. און דאס געזאנג פון דער נאכטיגאל פיל זיסער, ווי דאס רוישען פון דעם בלאז־זאק.

אט זעהט, איך האב געזונגען פון ליבע מיט דעם קלאנג פון ליבע, און ניט איך און ניט דער מענש האבען דאס פארשטאנען. האב איך

געמומען זינגען פון ליבע מיט דעם קלאנג פון האס, און אי איך, אי דער מענש האבען דאס פארשטאנען. און איצט ווען איך זינג פון האס איז דאס אין דעם קלאנג פון ליבע. איך זאג דאס כדי אלע זאלען וויסען, — עס קען ניט האסען דער, וואס קען ניט ליבען. און מאכט זאל באוויזען ווערען מיט צארטקייט. דאס וואס איך מיין איז ניט די פאר'חלוש'קייט פון די אויסגעמאטערטע, נאר דאס הארץ פון א שאף אין דער ברוסט פון א לייב.

און ווען דו קוקסט אויף דער זון פארגעס ניט די ערד, סיידען דו ווילסט אויך פארגעסען די זון אויף וועלכער דו קוקסט.

דער נביא ווערט שטיל, זעצט זיך אויף א פעלז, קוקט אריין אין דער זון פאר א וויילע. נאר באלד ווענדט ער זיך ווידער צו זיינע צוהערער.

וועה מיר, איך פארזייה פרוכטבארען בלומענשטויב אין דער ערד, דאך וואקסען אויף דערנער. פרוכטבאר זיינען מיינע קערנער, דאך קענען זיי ניט באפרוכטפערען די אויסגעדארטע ערד. ווי גערן וואלט איך געלינדערט דעם מענשענ'ס קומער אויף מיין שטיינער; דאך וואס איז די גוטסקייט פון ליכט, וואס ווערט געבראכט צום נאכטפויגעל, ווען ליכט מאכט אים בלינד.

איך פרעג אייך נאר, וואס באטייטען די טוי טראפען, וואס פאלען אויף אייער פארטריקענט לאנד? קענען וועה-טרערען דערקוויקען א הארץ פון שטיין? צו וואס פארשווענדען די גאלדענע אקער-צייט אויף א שניטצייט וואס קומט ניט.

ארויס! ארויס! און אויף אייער וועג זאלט איר געפינען די טריט פון אייערע עלטערען. דאך דעם וועג וואס איר געהט טרעטען זאל ניט אנגעציינט ווערען אייערע קינדער. נאר זיי אליין זאלען זיין פאראור-טיילט צו זוכען דעם וועג, ביז זייער גייסט וועט ענדליך טרעטען איבער דער ערד, — הערשער ריין פון שטויב.

נאך פרעג איך אייך, וואס פאר א פלאם ציהט אייך צו מיין ליכט? איז עס ניט אייער אייגען ליכט? איז ניט דער שקלאף, וואס זוכט צו באפרייען זיך, שוין א האר, כאטש נאך אין קייטען? און דער וואס איז באשטראפט מיט וועה, און אפילו אויפ'ן קרייץ, איז דאך א שקלאף, כאטש אלע רופען אים האר!

און איף אייער וועג זאלט איהר געפינען
די טריט פון אייערע עלטערן

דאָך ווער עס האָט ליב די זון מוז אויך ליב האָבען איהר היץ. וועט איר דען ליב האָבען דעם דופט און האסען די בלום?

פארוואָס טרעט איר דען אויף די באטויטע וועגען מיט קנאכלען געשמיט אין אייזען? פארוואָס שפרייט איר פאנאנדער טרויער־בלומען אויף אייער וועג צו פרייד?

דער נביא ווערט ווידער שטיל און שווייגט א צייט, נאָכדעם הויבט ער אויף זיין קול און זאָגט: אין שטילע טוי־שטונדען האָב איך גערריקט מיינע ליפען צו א יונגער לילי און בין אזוי איינגעשלאָפען. — א גבור אין די ארעמס פון אן עופ׳על. און איך בין געוועזן דאָס עופ׳עלע און דאָס עופ׳עלע דער גבור. איך שלאָף און איך ערוואך, און טויט און לעבען זיצען צוגלייך אין מיר, און איך בין טויט און איך בין לעבען. ווייל איך וויים דעם טאָג פון מיין געבורט און זעה די שטונדע פון מיין טויט, — דאָך זעה איך ניט דאָס שטארבען פון מיין נשמה. ווייל איך בין ווי די כוואליע, וואָס פארגעהט אין ים און איך בין דער ים, וואָס ראטעוועט די פארגעהענדיגע כוואליע.

און איך בין ניט דער וועמען איינער קען פאר׳משפט׳ען אָדער בענשען. בלויז איך אליין מעג עס. וואָרים איך בין ניט זיין שקלאף און אויך ניט זיין זוהן, נאָר איך אליין בין מיין באשאפער און אויך מיין שקלאף. דער וואָס וועט וואגען אויפשטעהן קעגען מיר, זאָל ווערען פארלוירען — און ביז ער וועט ניט טרעטען דעם וועג, וואָס איך האָב פאר אים אויפגעלעגט, זאָל ער בלאָנדזשען אין פינסטערניש, און ווען ליכט וועט ענדליך פאלען אויף זיין וועג, זאָל ער געפינען מיך אין זיך, און דאן זיך אליין אלס דעם פאָטער פון באשאפער.

ווערענדיג מיין זוהן אין גייסט און ניט אין גוף, זאָל ער ניט זיין דער פאָטער פון מיר, וואָרים איך האָב אים שוין באגריפען ווען ער האָט מיך באגריפען, דעריבער לעבט מיין זוהן אין מיר און איך אין מיין זוהן. האָב איך דען ניט געזאָגט דאָס לעבען און טויט וואוינען אין מיר צוזאַמען, און יוגענד און עלטער און אייביגקייט! געוויס איך בין דער פאָטער און זעה מיין קינד שפאצירען אין די וואָלקענס — און איך בין דער פאָטער פון די וואָלקענס.

נאָר איך טו זוכען פארגעבונג בלויז אויף דער ברוסט פון מיין אייגען הארץ, וואָרים בלויז דאָרטען זיצט דער, וועלכער האָט די מאכט

מיר צו פארגעבען. און אין מיינע טרויעריגע מינוטען זינג איך א ליד צו אים.

איצט זאָגט מיר, פארוואָס קרעהט דער האָן אין פרימאָרגען? וועקט ניט ליידענשאפט אלעם צום לעבען? הויבט זיך ניט אָן די קלוגשאפט ביי דעם ברעג פון דער נארישקייט?

א טויב איז אריינגעפאלען אין שטייג פון א לייב און האָט ניט געוואוסט פון איר קראפט, ביז דער לייב האָט געצייגט זיין שוואכקייט, וואָרים די קראפט פון פלייש איז שוואך ווען עס וויל כאפען דאָס געפליגעלטע.

דאָס גאנצע לעבען ווערט געבוירען אין די אָרעמס פון טויט. איך אָבער בין ניט געבוירען געוואָרען אין די אָרעמס פון טויט. נאָר אין דעם טראכט פון לעבען, ביז אן אנדער גייסט וועט אויפשטעהן, ניט גרעסער און ניט קלענער פון מיר צו פאָלגען אין מיין ליכט, וואָס זאָל אויך זיין זיין ליכט, נאָר כאָטש זייענדיג מיין קינד זאָל ער ניט זיין מיין פאָטער, נאָר אזוי ווי איך זאָל ער זיין דער פאָטער פון מיין זוהן און פון זיך אליין, וואָרים איצט איז געקומען דער טאָג ווען די פרוכט פון דער ערשטער קלוגשאפט האָט דערגרייכט איר פאָלקאָמענהייט, און דאָס וואָס ווערט געבוירען איינמאָל שליסט אויף דעם טראכט אויף אייביג.

דער וואָס וועט קומען נאָך מיר, זאָל, אזוי ווי איך, זיין דער ערשטער אויף אריינצוקומען אין די טירען פון דעם גאנצען שכל, און אלע וואָס וועלען נאָכפאָלגען אים זאָלען עס טאָן אויף דעם אייגענעם שטייגער. און אזוי ווי איך, זאָלען זיי אלע אויך זיין די לעצטע. וואָרים יעדערער איז דער קרייז וועמענס אָנפאנג און אויסלאָז ליגט אין אים אליין.

זייענדיג פארמאטערט פון זיין געשפרעך, איז דער נביא צו צו א קוואל און האָט זיך אָנגעטרונקען און האָט שוין געוואָלט פאנאנדערלאָזען זיינע נאָכפאָלגער, ווען איינער פון זיי האָט צו אים צוגעטראָגען פרוכט, זאָגענדיג: אָ, לערער, דערקוויק דיין הארץ מיט דעם. און דער נביא האָט אים געענטפערט און געזאָגט: די פרוכט, וואָס דאָס קינד עסט, איז שוין געוועזן פארזוכט ביי דער מוטער, ווילסטו דאָס קינד זאָל פיטערען די מוטער? דעריבער פון די שפייז וואָס דו אָפּערסט מיר, עס איך, אָבער איך פיהל ניט דעם ריכטיגען טעם אין דעם. וואָרים דאָס וואָס איז גוט פאר דיין גומען איז ניט גוט פאר מיינעם, און כאָטש דער אָדלער, ווען

ער איז הונגעריג, מוז ער זיך ארונטערלאָזען צו דער ערד און ווי דער וואָרים זוכען זיין שפייז, איז דאָך זיין היים לעבען די הימלען. און זאָג מיר נאָר, וואָס פאר א שוואלב קאָן אויפפאסען אויף די קינדער פון הימעל פייגעל? איך האָב אָבער אָפט געזעהן א שלאנג ארומגעוויקעלט ארום א בלומען שטרויך און זויגען פון זיין הארץ. קומט דעריבער איר אלע אין מיין וויינגאָרטען וואו איך וועל אייך ציינען אזוינע פרוכטען, וואָס וועלען פארזיסען די טעמים פון אייער עסען. נאָר אפילו דאָרטען זאָלען מיר צו לאנג ניט שטעהן.

VI

נאכטראכטונגען פון א צוריקגעצויגענעם גבור.

אויפהייבענדיג זיינע הענט צום הימעל רעדט דער צוריקגעצויגענער גבור זיינע נאכטראכטונגען מיט א רוהיג קול, וואס איז געפארבט מיט שטילע זיפצען, דאך אפט צעשטערט פון קולות, וואס רייסען זיך ארוים הויך, אויפגעטרייסעלט פון זיין טיפען פיין.

א יהוה, ווי קען דער הונגעריגער לייב זוכען שפייז פאר זיך, זייענדיג פארהונגערט צום טויט?

וואו זאל די טויב זוכען איר פאר ניט וויסענדיג דעם וועג?

אין מיין גארטען האבען בלומען געבליהט. איך האב זיי ארומגעריסען. איצט בלאנדזשע איך צווישען ריטער און דערנער. ווארום זאל די שאף, זייענדיג דאס קינד פון ליבע, געשאכטען ווערען אויפ׳ן מזבח פון ליבע?

א יהוה, זאג מיר, פון וועמעס בלוט ווערט די רויז אזוי בלוטיג רויט, און וועמעס זילבערנע נשמה קוקט ארוים פון דער ווייסער לילי, וואס ווערט קיינמאל ניט רויט פון כעס?

איך האב אפגעריסען א בלום כדי זי ליב צו האבען, איז זי אבער געשטארבען דורך מיין ליבע. איך האב געלאזען א צווייטע וואקסען, איז זי געשטארבען אין איינזאמען פיין.

און מיין הארץ איז געווארען דער גן עדן, וואו מיידלעך ווערען געבוירען און איך זעה ווי זיי ליגען אלע טויט. און דורך די טירען פון טויט האב איך דערזעהן לעבען.

ווארים ווער עס גיט ניט קיין טויט זאל אויך ניט געבען קיין לעבען, און דער וואס גיט טויט זאל אויך געבען לעבען.

צעבראכען איז די לירע אויף וועלכער איך האב געזונגען מיין ליד פון פרייד, איצט וועל איך ארויסריידען מיין הארץ פון לייד.

וואָרים אין דעם באלויכטענעם געצעלט פון חכמה זיצט די שלאנג פון ערפארונג פול מיט טויטען גיפט.

עס זיפצט מיין נשמה : — דריק צו דיינע קארשען ליפען צו מיינע ליפען, מיין געליבטע, וואָרים איך בין דורשטיג נאָך בלוט. זאָל דער דופ־טיגער אָטעם פון דיין בוזים טויטען מיין נשמה, וואָרים איך בין הונגע־ריג נאָך טויט, און קיין זאך טויט ניט אזוי ווי דער אָטעם פון לעבען.

הער צו, אויף אָט דעם בארג זאָל קיין שטערבליכער זיך ניט ווייזען פאָר מיינע אויגען, וואָרים זיילען פון אייביגקייט זאָלען אים שלאָגען טויט.

קיין יונגפרוי זאָל זיפצען נאָך ליבע, וואָרים טויט זאָל זיין איר בא־לויכונג. איך שטעה איצט אין די שטראלען פון דער זון, און ליכט זאָל בייגעקומען ווערען פון ליכט.

קומט איר אלע אין מיינע אָרעמס כדי איך זאָל אייך קענען ליב האָ־בען. אָבער די וועלכע ווייסען ניט פון ליבע, דארף איך ניט — בלויז די הונגעריגע שפייז איך.

אויף אָט דער הויך זאָל קיין פרוי זיך ניט ווייזען, סיידען אין ליבע, וואָרים אויב ניט אין ליבע ווערט זי געטויט.

ער איז שטיל געוואָרען און האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין הייל, און זיין הארץ איז געווען שווער פון זעלבסטפאָרוואורף. אָבער ער האָט עס ניט געצערטעלט. נאָר אויפהייבענדיג א בלום פון לעבען זיינע פיס און ארויפלעגענדיג זי אויף זיין ברוסט האָט ער זיך אוועקגעלעגט צו חלום׳ען. דער זיסער דופט האָט געקילט זיינע שלייפען און אים פארוויגט צום שלאָף.

ווען ער האָט ערוואכט איז די זון געשטאנען גאָלדיג איבער זיין קאָפ און דער טאָג איז געווען פרוכטבאר מיט ליכט.

זיסע קלאנגען פון פאסטוכער, וואָס האָבען געשפילט אין די טאָלען האָבען זיך געטראָגען איבער דעם ווינט צוזאמען מיט די ווידערקלאנגען פון נאכטיגאלען, וואָס האָבען געזונגען אין ווייטערדיגע וועלדער.

דאָס הארץ פון דעם צוריקגעצויגענעם גבור איז געווען אָנגעפילט מיט פרייד און ער האָט אָנגעהויבען צו זינגען זיינע נאָכטראכטונגען :

געבענשט בין איך כאָטש איך בין אין שאָטען פון טויט, ווייל אין מיין הארצען שטעהט דער בוים פון אייביגקייט.

געבענטשט בלייבט דאס אָרט בלויז אין שאָטען פון טויט, ווייל אין
זיין הארצען שטעהט דער בוים פון אייביגקייט

זים זיינען די פלאנצונגען, וואס וואקסען אין מיין וויינגארטען, ווארים זיי זיינען פון די זאמען פון ליבע.

איך זיץ אונטער דעם בוים פון לעבען און שפייז זיך מיט פרוכט פון אייביגקייט.

געבענשט זאל זיין דאס שעפעלע, וואס שלאפט לעבען מיין זייט, ווארים עס פילט מיך אן מיט דער פרייד פון א קינד.

איצט פיל אן מיין בעכער מיט רויטען וויין, ווארים איך בין פאר'קנס'ט צו מיין אינגסטער כלה. אויף דער ברוסט פון דער וואונדערבארער מיידעל לעג איך מיין מידען קאפ און פיהל ווי דער ווינט פון טויט בייט זיך אום אין דעם דופט פון לעבען.

א, פארוואס זאל דער אטעם פון אירע בריסט הענגען ווי אן אנגעצונדענער לאמפ אין נעבעל, און ציהען מיך צו זיין ליכט, ווי דער טויט פייער ציהט דאס פליגעלע? דאך אהן א בלום, א קליינע בלימעל — ווי פוסט וואלט געוועזן מיין גארטען! איך ברען א קוש אויף איר באק, און זעה אן עופה'לע אין נאט'ס געשטאלט טאנצט פאר מיינע אויגען. איך קוק אריין אין איר אויג, דארטען זיצט אייבינקייט פאר מיר און דיר.

א, וואונדערבארע טאכטער, לאז מיך פארזוכען פון דיין פרוכט און לאז מיך זיין דער טרייער גערטנער פון דיין מיידעלש פעלד. לאז מיך געהן דורך דעם טאל פון לעבען, וואס ליגט צווישען צוויי בערג, אייביגערין. לאז מיך טרינקען פון דעם קוואל פון לעבען, וואס פליסט אונטער דיין אלאבאסטער צודעק, און אין מיינע אויגען לאז אריינשטראמען דאס ליכט פון דיינע אנגעצונדענע אויגען, וואס ברענען נים מיט זינד. לאז מיין נשמה ווערען אנגעצונדען פון לויטער ליבע.

וועה, וועה.

ער הערט אויף און א שטילקייט ווערט ארום אים.

VII

אין דעם וואלד פון אזאדאס.

שטראלען פון דער זון האבען צוריקגעשאסען זייער ליכט צום הי־מעל, ווי נאר זיי זיינען געפאלען אויף די גאלדענע שפיזען, וועלכע האבען ארומגערינגעלט דעם וואלד אזאדאס.

דער איינזאמער אלטער פון דעם וואלד אזאדאס איז געשטאנען אויף דעם שפיץ פון א בארג און די טרערען פון זיינע אויגען האבען אנגעפילט דעם טאל מיט א בלוטיגען טייך.

פון הימעל האט זיך ארונטערגעלאזען א פרוי, איר פנים איז געווען בלייך ווי א ליליע קווייט און איר מויל — רויט ווי בלוט. זי איז אריינגעפאלען טיף צווישען די ווייכע גראזען, וואס אין דעם פעלד פון עבים, ביי דער זייט פון א שלאפעדיגער שאף. דער וויינענדיגער אלטער האט אין איר דערקאנט זיין טאכטער.

מאדנע קולות האבען גענומען ציטערען אויף דעם רוקען פון טאג, וועבענדיג א ניט באמערקבארע געוועב פון ווידערקלאנגען:

א מענש, לאז ניט דאס הארץ דיינס בלוטיגען ביז דער מעסער וואס וועט דאס דורכשטעכען זאל ארויסגעצויגען ווערען וויים ווי אלבאסטער.

פיל אן דיין בעכער מיט די עמבריא טראפענס פון דיין נשמה און טרינק דעם וויין פון דיין טויט.

דערשלאג אויף טויט דעם, וואס שפייזט זיך מיט זיין אייגען הארץ. זאל ער ווערען שפייז פאר אנדערע.

א מענש, וויין אויפ'ן טויט פון דעם זויגקינד.

דער טאג זאל מער קיינמאל ניט זיין ליכטיג. די זון זאל שטעהן אין איר בלוטיגען ראנד דורך דער לענג פון דער נאכט. דער לעמפערט, וואס פיטערט זיך אויף דעם גראז פון דעם בארג זאל פארוואנדעלט ווערען אין

גראָז. און די טויב, וואָס האלט זיך אויף איבער'ן ים, זאָל ווערען א קאָראל פאר דעם טויכער'ס האנט.

עס איז אזא צייט.

איצט צעשפרייט דו אליין דיינע אָרעמס, אָ היילינגער אלטער, און זאָל אויף דיין ברוסט פאָרקומען דער ווילען פון גאָט. זאָל איצט דיין טאָכטער ווערען א גייסט און איר טויט זאָל ווערען דאָס געצעלט פון די אומשולדיגע.

איך זעה דעם טאָג פון וואנזין אויפשטעהן פון דער קאלטער נאכט, אויפפרעסענדיג אונזער גאנצע פרוכט.

ווען דו קומסט צום טויער פון וויסען, אָ מענש, היט זיך פאר דער האנט פון טויט.

פארברען דיין גראָז. זאָל די ערד ווערען טרוקען. אויף דעם פעל־זיגען באָדען זאָל דער לייב וואָגלען אין זיין הונגער, ביז זיין פלייש זאָל ווערען די שפייז פאר אנדערע. די שלאנג זאָל זיך זיגזאגיג שלייכען אי־בער דעם טרוקענעם פעלד און זאָל ארייננקריכען אין איר נעסט צו שטאר־בען פון הונגער.

אָ, וואונדערבארע טאָכטער, די שאָף האָט געגוג געזויגען דיין מילך, לאָז איר איצט זיך פיטערען אויף דעם גרינעם בארג.

פארוואָס זאָל איך זיין געשלאָגען מיט וועה, ווען דאָס ליד פון ליבע און פרייד טראָגט זיך פארביי מיין אויער אין אן אווענטליכען דונער?

איצט, מיין טייערסטע געליבטע, פארדעק דיין פנים מיט דעם שליי־ער פון דיין לייב, איך זאָל קאָנען באוואונדערען דיין ריכטיגען איך.

דער דופט פון דיין לייב, אָ וואונדערבארע טאָכטער, פאר'שיכור'ט מיין שווערען געדאנק און א מערדערישער פארלאנג, וואָס איז געשפייזט פון מיין ליבע שוועבט ארויף צו מיין הארצען.

זינג דאָס ליד פון ליבע, אָ מענש, ביז דו וועסט ארויסהויכען דעם אָטעם פון לעבען אין א וואונדערליך ליד.

וואוהין געהסטו סיין זוהן?

י. טאַפּעל:
מלחמה־לידער.

מאקס וועבער:
ניו יאָרק און אנדערע לידער.

אל גוריה:
הערבסט.

ז

י. טאַפּעל

דאָס ליד פון א יונגפרוי וואָס איר געליבטער איז אוועק אין קריג.

שטעהט אויף איהר געפּלען, וואָס אויף די בערג
איבער מיין מוטער׳ס הויז.
דער פויגעל, וואָס וויל קומען צו מיר
איז פארפאלען אין א וואָלקען, וואָס נידערט
אויף מיין מוטער׳ס הויז.

אָ, וואָלקען, וואָלקען, צעברעך דיין הארץ —
דער פויגעל וועט קומען און ברענגען א צווייגעל צום פלאנצען
לעבען מיין מוטער׳ס הויז.

דער גרויער וואָלקען האָט צעבראָכען דאָס גוטע הארץ
און דער געפאלענער שניי איז געבליבען שלאָפען אין די ווייסע פענסטער
פון מיין מוטער׳ס הויז.

אָ, שניי, שניי פון דעם גרויען וואָלקען!
דאָס צווייגעל ליגט קאלט אין דיינע ווייסע אָרעמס,
פארגיסענדיג א גאָלדענע טרער.
אָ, שניי, שניי, וויין מיט מיר.

א ים האָט אויפגעפראלט און געשריען און געשטורעמט
ארום מיין מוטער׳ס הויז —
א ים מיט בלוט נעמט פלייצען ארום
און צעברעכט דעם דאך און די ווענט און אלץ
פון מיין מוטער׳ס הויז.

II

דאָס ליד פון א זויגקינד וועמעס פאָטער איז געפאלען אין קריג.

די מילך פון דער ברוסט פון מיין מוטער
איז זילבער באטרויערט מיט רויט,
און פון דער גלייכגילט פון מיין מוטער
ווייס איך מיין פאָטער איז טויט;

אז דער ים האָט פארגאָסען די ברעגען, —
זיינע פעסטע זאמדיגע ווענט,
און ווייט איבער די ליבליכע גאָלדענע ברעגען
צעשפּרייט זיינע וואסערדיגע הענט;

אז דאָס ליכט פון דעם גאנצען פיל שטונדיגען טאָג
איז די גרויס פון א ליכטעל
און דאָס פארשפּראָכענע לעבען פון א לאנגען טאָג
צאנקט און געהט אויס ווי א ליכטעל.

מאקס וועבער

די זון

אַה זון דיר איז געגעבען געוואָרען דער כח צו מאכען אַלץ זעהעוודיג,
אונטער די שטראַלען פון דיין ליכט
ליגט די גרויסע שטאָט פון קוביסטישע פאָרמען — ניו יאָרק.

דער אויגענבליק

קובס, — קובס, — קובס, — קובס.
הויך, נידריג, און הויך, און העכער, העכער,
ווייט, ווייט ארויס, ארויס, ארויס, ארויס, ווייט,
פלאַכען, פלאַכען, פלאַכען.
קאָלירען, לאָמפען, שילדען, פייפערייען, גלעקער, סיגנאַלען, קאָלירען
פלאַכען, פלאַכען, פלאַכען.
אויגען, אויגען, פענסטער אויגען, אויגען, אויגען, אויגען,
נאָזלעכער, נאָזלעכער, קוימעננאָזלעכער,
אָטעמענדיג, ברענענדיג, פייפענדיג,
גרוילענדיג, פּאַפּענדיג, אָטעמענדיג, פּאַפּענדיג,
מיליאָנען זאכען אויף זאכען,
ביליאָנען זאכען אויף זאכען
פאר׳ן אויג, דאָס אויג פון זיין,
ביז דער שארף פון האָדסאָן,
שווימענדיג אָהן אָן אָפּהאַלט, אָהן אַ סוף,
ווייטער, ווייטער, ווייטער, ווייטער.

גאָלד.

גאָלד, גאָלד, גאָלד. —
אויף די מענשען, אויף די הייזער גאָלד.
גאָלד אויף די בוימער,
גאָלד אויף די ווענט,
גאָלד, גאָלד, גאָלד.
אויף די קוימענס, אויף די בלעטער, גאָלד. —
גאָלד אין דעם ליכט,
גאָלד אין דער לופט,
גאָלד, גאָלד, גאָלד.
די זון האָט געשפּאָלטען דעם הימעל
און א גאָלדענע וועלט האָט זי אָנגעצונדען.
גאָלד, גאָלד, גאָלד. —
יעדעם בלעטעל א צירונג,
יעדער בוים א בונט בלומען,
פון גאָלד, גאָלד, גאָלד.
גאָלדענע גאַסען,
גאָלדענע מענשען,
גאָלדען וואַסער,
גאָלד, גאָלד, גאָלד.
אלץ איז גאָלד. —
אלץ וואָס די זון האָט מיט אירע שטראַלען געקושט
איז גאָלד, גאָלד, גאָלד.
די זון איז אין מיין הארץ,
די זון איז אין מיינע אויגען,
די זון אין מיין בלוט,
די זון, זון, זון.
איך בין אין דער וועלט,
די זון איז מיט מיר,
הא, די זון, זון, זון. —
גאָלד, גאָלד, גאָלד.

זילבער.

און גאָט קומט און נעמט דאָס גאָלד אוועק,
און גיסט אויס די נאכט איינגאַנצען פון זילבער.
זילבער ליכט — בלאַס גרוי בלוי קאָלירט ליכט.
און בוימער הייננען פאנאנדער דער נאכט'ס בלעטערדיג געוועב
אויף דער בלאַס גרוי בלויער ברוסט פון נאכט
און דער בריליאנטען הימעל פון נאכט דורך אלץ
א שפּיגעל — דאָס פּנים פון גאָט!
און דורך דעם ברעגלאָזען שטח
שיק איך מיין דערטרונקען קול
באגלייט פון די זומערדיגע אָרקעסטראלע כוואליעס פון נאכט.
איבער און אריבער,
ספערען אויף ספערען,
ספערען אויף ספערען טאָג און נאכט,
גרייבענדיג, רופענדיג, בעטענדיג,
פאר דעם אומבאוואוסטען ניט סוף'יגען סוף.

בודהאַ.

א קליינער בודהא איז פון כינא געקומען,
די גרויס פון מיין קליינעם פינגער
דעם בודהא האָב איך אין מיין האנט פארמאכט.
און א וועלט מיט שעהנקייט פארדעקט.
איך האָב מיין האנט געעפענט,
און זעה —
די שכינה, רוה און ליכט.

דער לייב.

א כינעזישער סקולפּטאָר פון דעם אלטען כינא
האָט א קליינעם לייב אין שטיין אויסגעהאקט.
דער לייב איז אין אן עליפּטישען צירקעל געלעגען
און באריהרט די נאָז מיט דעם עק.
איך שטעל מיר פאָר
דער סקולפּטאָר האָט געוואָלט
דעם צירקעל פון באוואוסטזיין אין שטיין באהאלטען.

אײנס.

א בלאט, א בין, א פליג —
ווען איך בין אליין,
זענען זיי מײנע ליבע חברים.
צו דער פליג בין איך א פליג,
צו דעם בלאט בין איך א בלאט,
צו דער בין בין איך א בין,
און צום סוף זענען מיר אלע אײנס.

צו אַ בלעטעל.

טאנץ, מיין בלעטעל, טאנץ,
דיין פלאטערען שמייכעלט צו די ווינטען.
טאנץ, מיין בלעטעל, טאנץ —
פון אלע וועלדער קומסטו.
טאנץ, מיין בלעטעל, טאנץ —
דו טרייסעלסט די וועלט.

באַנייטע ליבע.

אײנזאם און אָפּגעשיידט פעלד, צווישען די דאַזיגע וויאַלעטען
און צונויפגעפלאָכטענע בערג
געבאָדען אין דער שטילקייט און קיהלקייט פון דער פריהער
מאָרגען לופט און ליכט.
אויף דיר זיצט א קליין באשיידען הייזעל,
איינפאך פאָרמירט און געבויט און שטיל און רייך אין פארב.
עס זיצט, ווי עס וואָלט געווען געפלאנצט פון א מענשענס האנט.
און איז צונויפגעוואקסען, געזאפטיגט און געזעטיגט מיט דעם
לויף פון די טעג.
אין דיר שלאָפען צוויי פארליבטע — זיי ליגען אַנגעררירט ברוסט
צו ברוסט,
אָטעמענדיג ריטמיש ווי זיי וואָלטען געווען איינס,
און זענען געוואקסען מיט דיר, אַ קליין באשיידען הייזעל.

אַ געבענשט קליין הייזעל, אויסדערוויילט קליין הייזעל,
אין איינעם פון דיינע קליינע קאמערען

שלאָפען די צוויי יונגע פארליבטע
ניט געשטערט פון די טרויעריגע געדאנקען פון פארגאנגענהייט —
פארגעסענדיג די פארגאנגענהייט.
היינט, איצט, אין דער מינוט אָטעמען זיי פון דאָס ניי.
זים און זיסער ווערט זייער צונויפגעוואקסענער אָטעם
ווי דער פרישער טוי. און אָטעם פון אָט דעם גאָלדענעם
הימלישען זומער מאָרגען.
איך גרים דיך אָ, גליקליך קליין הייזעל.
דיינע ווענט, דיין פונדאמענט און די ערד אונטער דיר
און די בוימער, בלומען, ווילדע פלאנצען און די פעלזען,
וואָס ארום דיר,

און די פרישע לופט און דאָס קרישטאָל ריינע ליכט.
גליקליך קליין הייזעל, באשיידען קליין הייזעל, אויסדערוויילט
קליין הייזעל,
איך גרים דיך נאָכאמאָל אין דעם פריהען זומער מאָרגען.
איך גרים דיך — גיב שוץ און פרידען צו די צוויי געליבטע. —
אָ גליקליך קליין הייזעל צו מיר און צו דער, וואָס איך ליב.

אַל גוריה.
הערבסט.

איך וויג זיך הין און הער.
טאָג איז נאָך פאראן,
און האָפנונג אויך, —
ווי שעהן זי האָט זיך דאָס צעשפילט אין מיר. —
דאָס בלוט אין מיינע אָדערען שפרינגט און זינגט מיט פרייד:
עס, ס'וועט נאָך געבען גליק אָט דער איצט אָנגעצונדענער הערבסט
אין דיינע אויגען.
און אויך אין רויך פון מיין ציגאר, זיך קרייזלענדיג אין געפעלטרוי
פאר מיינע אויגען,
זעה איך דאָס איינענע און וויים, אז דאָס וועט זיין אזוי:
אז געבען וועט נאָך גליק אָט דער איצט אָנגעצונדענער הערבסט אין
דיינע אויגען.

ב. גלאזמאן

פֿאַנאַנדערפֿאַל

ז.

רעליגיע

אין א שבת־אבענט האב איך מיך ארויסגע׳גנב׳עט פון קעמפּ. איבער עפּעס א קאפּריז פונ׳ם עלטסטען סארדזשענט האבען מיר ניט געטארט פארלאזען די קאמפּאני־גאס. אונזער קאמפּאני־גאס איז געווען די לעצ־טע אינ׳ם קעמפּ ביים זוים, אויף א שפּיץ בארג. האב איך מיך ארויס־גע׳גנב׳עט און זיך געלאזען געהן בארג־אראפּ צו אין טאל.

דער טאל איז ליידיג און ברייט. זעלטען וואו א הויז, וועלכע מען זעהט בלויז ביינאכט, ווען עס צינדען זיך אן די לאמפּען. איך בין געגאנגען אליין און זיך גערוהיגט אינ׳ם אבענט.

און אזוי טראכטנדיג אינ׳ם אבענט, דערטראגט זיך צו מיר דער שטילער שאלען פון א גלאק, א קירכען־גלאק. נאר די קירכע זעהט מען ניט, ערגעץ אין א ווייטען דארף מסתמא. עס איז מיר וואונדערליך אויפ׳ן הארצען. גלאן־גלאן... און איך האב מיך שוין געהאט פארגעסען אז עס זענען נאך דא געבעט־הייזער אויף דער וועלט.

איך בין שוין אזוי לאנג אין קעמפּ, און איך האב נאך ביז אהער ניט פארנומען קיין קירכען־גלאק. פיליכט איז עס דערפאר, האב איך געטראכט, ווייל אונזער קעמפּ איז פארווארפען און ווייט פון א מענש־ליכען ישוב. נאך דעם אמת געזאגט איז מיר ביז אהער גאר קיינמאל ניט איינגעפאלען אפילו צו טראכטען וועגען דעם, ווייל עס איז מיר גאר פון געדאנק ארויס אז עס זענען נאך דא געבעט־הייזער אויף דער וועלט.

איצטער איז שבת צו נאכט, ערב זונטאג. אט דעריבער קלינגט עס אין קלויסטער. לאז איך מיך ארונטער טיפער אין טאל, פאזע דעם אייג־ציגען וועג, און געה נאך נאך דעם ווייטליכען גלין־גלאן. איך וועל געהן אזוי לאנג, ביז איך וועל אנטרעפען די קירך. און איך האב מיך גערדעהט

און געקירעוועט איבער די באטויטע פעלדער, און מיינע פיס זענען נאס געווארען.

צו דער קירך בין איך אנגעקומען עטוואס שפעטליך. עס איז געווען א דארפישע קירך, א שטיינערנע, אן אלטע, און די ווענט מיט'ן דאך היפשלעך מיט מאך און ווילד־גראז באוואקסען. עס איז געווען דאס געבעט־הויז פאר עמליכע נאהענטע דערפער, אזוי האב איך איבערגעלעזען דאס בלעטעל ביים טיר.

פארוואס האב איך עס אין קירך ניט געוואלט אריינגעהן? איך טו עס אלע מאל מיט אזוי פיעל שטילער פרייד און רוה־דערוואַרטעניש. אפשר איז עס געווען מיין יוניפארם, וועלכע וואלט דארטען אזא חשיבות'דיגער און אנגעלייגטער גאסט געווען, אז עס וואלט אביסעל סענסאציע און רוה־צושטערעריי פארשאפט, און אפשר — די דערמאנונג פון געוויסע טעג און אבענטען אויפ'ן סאלדאטישען אופן פארבראכטע, וואס האבען מיך שוין ניט ראוי געמאכט פאר דעם?

געבליבען בין איך דרויסען, ביי דער קירך, וואס האט מיט די פענסטער אומעטיג געלויכטען אין די הערבסטיג־אפגעשניטענע פעלדער. מיך אנגעשפארט אן א בוים, און אינעווייניג אריינגעקוקט.

איך האב געזעהען: א קליינער עולם איז אין קירך צונויפגעקומען, שיטער איבער די פלעצער זיך צוזעצט. אויבען־אן, אויף דער בימה, שטעהט א טרומנע א ווייסע מיט קרענצלעך בלומען ארומגעלייגט. דער גלח שטעהט איבער דעם און זאגט עפעס א תפילה. און די אין די ערשטע רייהען ווישען זיך די אויגען און די נעזער מיט נאס־געווארענע טאשענטיכלעך.

עס איז א קירך א שטיינערנע און אן אפגעזונדערטע צווישען פעלדער און דארטען האט דער גלאק געקלונגען און אנגעזאגט דער שכנות'שאפט אז מען פיהרט א מת צו דער קבורה.

מען זאגט: נאך א מלחמה — א טיפערער גלויבען. נאך ליידען — א פארשטארקטער רעליגיעזער געפיהל.

דאס איז ניט אמת — ניט בדרך כלל.

אויף ווי ווייט עס איז יא אמת, קאן עס בלויז אנגעווענדעט ווערען

אויף איינצעלנע יחידים, אויף אזוינע וועמעס לעבען איז אן אינערליך לעבען, א נשמה־לעבען הויפּזעכליך. און אויך ביי די — איז עס ניט קיין מוז. אן עקסטרעמער אנטשידענער איבערגאנג קומט יאָ פאָר, אז איבערגאנג אדער צו טיפען גלויבען, אדער — צו אונערהערטער, פאר־צווייגטער און פארטיפטער זינד.

ביי די „אויסדערוועהלטע" אזוי, א פשיטא שוין ביי די מאַסען, ביי די 99 פּראָצענט. דערהויפּט נאָך ווען די ליידען זענען ניט פון אן אינער־ליכען גייסטיגען סאָרט, נאר פון אן אויסערליכען, פיזישען. און אזוינע זענען די ליידען, וואס די סאלדאטען — וואס דאס מיינט ביי איצטיגער צייט כמעט די גאנצע יונג־און־מיטעליעהריגע־מאַנסבילשע וועלט, — האבען דורכגעלעבט אין דעם אקאָרשט פארענדיגטען—אפשר...—וועלט־קריעג.

ביי אידען, זיכער מעהר ווי ביי די ניט־אידען, קאָן מען אפילו יאָ אָנווייזען אויף גרויסע כוואַליעס פון גלויבען, אין וועלכע זיי פלעגען זיך ארונטערטוקען אין דער צייט פון, און דערהויפּט באַלד נאָך גרויסע יסורים'דיגע איבערלעבונגען. אָבער דאָס איז דערפאַר, ווייל דאס אידישע לעבען איז געווען איינגעשרומפּען און באַגרעניצט, און **קיין אנדער אויסוועג איז ניט געווען.**

דער דראַנג נאָך א האַסטיגערן, טומעלדיגערן און שארפער־אנרעגענ־דיגען לעבען, וועלכער קאָן אזוי גוט געשטילט ווערען אין עקסטאַטישער רעליגיעזיטעט, ווי אין עקסטאַטישער זינד, פלעגט געוועהנליך — **געוועהנליך** בלויז: אויך אין גאָר די אלטע צייטען אזוי גוט ווי אין מיטען־אלטער פלעגט עס פּאַסירען אז גרויסע פאלקס־יסורים זאָלען ביי די אידען נאָכגעפאָלגט ווערען דורך נעגאַטיווער רעליגיאָזי־טעט, דורך זינד און צולאָזונג. דערמאָנט זיך אן דער ערשטער צייט פון גלות בבל, אָן די צייט פון פאר'ן צווייטען חורבן, אָן די פראנקיסטען־באַווע־גונג, און נאָך אנדערע, וועלכע זענען אפילו ניט רעקאָרדירט געוואָרען דורך די אידישען אַננאַליסטען — דער דאָזיגער דראַנג פלעגט געוועהנליך, ניט האָבענדיג קיין אנדער אויסוועג, געפינען זיין באפרידיגונג אין די אמונה־כוואַליעס וואס פלעגען אנפלייצען.

א ראיה האָט איהר:

פאר די לעצטע צוואנציג יאָהר, ווען דאס אידישע לעבען אין די

אייראָפּעאישע מזרח־לענדער איז געוואָרען ברייטער, פילצווייגיגער און וועלטליכער. האָבען די ברייטע שיכטען פאָלק געפונען טאָקע אן אנדער פארגעסעניש און אן אנדער נאַרקאָטיש־פאַרטומלענדיגע היילונג—אין זינד און אויסגעלאסענהייט. האָט איהר באמערקט עפּעס גרויסע רעליגיעזע באַוועגונגען — סיי טיפע און סיי אויבערפלעכליכע—צווישען די ב ר יי ט ע שיכטען פאָלק, נאָך די פורעניות־יאָהרען פון 1906־1905? פון יחידים און שעהן־גייסטער — און ביי אונז זענען זיי געווען נאָך ווייניגער ווי ביי די שכנים, און א בלויזער אפקלאַנג — איז דאָך דאָ ניט די רייד.

דאָס גרויסע פאָלק האָט זיך דאָן א וואָרף געטאָן צום צווייטען עקסטרעם, צו דער הפוכ׳דיגער פאָרם פון רעליגיאָזיטעט — צו זינד און אויסגעלאַזענהייט. און אויף ווי ווייט מיר קריגען איצטער ריכטיגע ידיעות פון רוסלאנד, זענען אויך איצט, נאָך דעם כמעט אומפארגלייכליכען חורבן פון די לעצטע פיער יאָהר, צו באמערקען סימפּטאָמען — און טאָקע מעהר ווי בלויזע סימפּטאָמען—פון מאָראַלישער פאַנאַנדערפאַלונג, פון אן אומקעהרען זיך צו אן אונמאָראַלישען, אדער אמאָראַלישען צושטאַנד.

אויב ביי אידען — דער קוועקזילבער פון דער וועלט — איז אזוי — איז שוין זיכער קיין בעסערס נ י ט צו דערוואַרטען ביי די ניט־אידען...

אין א נומער „אטלאַנטיק מאַנטהלי“ וואָס איז מיר דורך א וואונדער אין די הענט אריינגעפאַלען, האָב איך געלעזען אן ארטיקעל, וואו דער שרייבער פארנעמט זיך ספּעציעל מיט א שטודיע פון אָט דער פראַגע: דער פראַגע פון דער געגענזייטיגער ווירקונג פון מלחמה און רעליגיע. דער ארטיקעל איז געווען אזוי אמת׳דיג און אזוי איינגעשטימט האָט דער מחבר מיט מיינע מיינונגען איבער דער זאַך, אז איך האָב ניט גע־פונען פאַר נויטיג איהם איבערצולייענען ביז צום סוף. דער אויטאָר האָט געשטודירט די פראַגע אויפ׳ן פּלאַץ, אויף די מלחמה־פעלדער, און הינטער די טרענטשעס.

דער קריג האָט די סאָלדאַטען ניט געמאַכט פרומער, אפילו ניט אין אן אויבערפלעכליכען זין, אין דעם זין פון בלויזען געהן אין קירך אריין. איך געדענק, אויף ד ע ר זייט, ווי די סאָלדאַטען פלעגען אפּשפּאַטען פון איינעם, וואָס האָט געוואָלט אום זונטאָג געהן אין קירך אריין. און

אזוינע „פרומע“. מייסטענס קאטויליקען, זענען דא גאר ווינציג. די ארמיי־אויטאריטעטען האבען געמוזט קומען צו הילף די קירכ־„פאטערס“. און פארזארגען זיי מיט „שוהלגעהער“, ווייל עס פלעגט אלעמאל זיין גוואלדיג פוסט ביי די גאטעס־דינסטען.

זונטאג פריה איז דא א באזונדערע שטונדע, ספעציעל באשטימט געווארען פון דער מיליטערישער מאכט פאר תפלה־טאן. עס דערהערט זיך דער „טשוירטש־קאלל“, מען מושטירט אוים די קאמפאניע, ווי צו א געוועהנליכער מיליטערישער „פארמיישאן“, און מען מארשירט צו דער נאהענסטער K. of C. אדער Y. M. C. A. אז מען וויל ניט געהן און מען בלייבט איבער אין דער קאמפאניע־גאס — די „גאט'ס שעה“ איז דאך כלומרשט פרייוויליג — קריגט מען דארטען פארשי־דענע ארבייט. נו, און אז שוין הארעווען, — טא זאל עס זיין ביי דעם גלח'ס רעדע.

אויף יענער זייט, וואו די סאלדאטען קומט אוים איבערצולעבען די אמת'ע טויט־אנגסטען און מלחמה־העלענישען און וואו די סאלדאטען דארפען עס ווערען בעסער — און זיי ווערען טאקע עטוואס טיפער און איינגעשלאסענער. די מענשען וואס האבען דעם טויט אנגעקוקט נאהענט — איז אויך ניט צו באמערקען קיין אקסעלערירטען רעליגיעזען געפיהל. די סאלדאטען קוקען אויף די פארשידענע מיסיאנערען, גלחים און רעוו־רענס פון אויבען־אויף, ווי אויף טויגעניכטסען, לא־יוצלח'ס. א סך בא־טראכטען זיי ווי „סלעקערס“.

עס איז דא בלויז איין וועג, אויף וועלכען די פראפעסיאנעלע גאט־פארזארגער קאנען ווערען פאפולער צווישען סאלדאטען. און דאס איז — אויב זיי פארזארגען זיי מיט שרייב־פאפיר, טאבאק, און קענדי. וואס דאס איז טאקע די הויפט־ארבייט פון די רעווערענדס און טשעפליינס. ווען די סאלדאטען האבען א פרייע מינוט, ווען זיי ליבערשט געהן אין דער סאלוויישאן־ארמיי געביידע, וואו שעהנע, געזונטע מיידלער באדינען זיי מיט הייסער קאפע און „דאנאטס“, און ניט צו א רעליגי־עזען דינסט.

עס איז אין דער איצטיגער מלחמה ניט געווען צו זעהן דאס בא־קאנטע „העלדישע“ בילד פון דעם פריסט, וואס געהט פאראוים פאר די קריגער און פיהרט די מחנות צום שלאכט. די סאלדאטען וואלטען

זיך פון אזוינס אויסגעלאכט. זיי זענען קליגער געווארען, די סאלדאטען.

צוליב וואס ארומרינגלען די דערוואכונג פון דער מענשליכער חיה מיט דעם אפשיין פון הייליגקייט און העכערען גלויבען? דאס האט מען דא, צווישען די איבערגעבליבענע, געדעט פון דער הויכקייט און הייליג־קייט פונ'ם צוועק. צווישען די סאלדאטען, וויפיל איך פלעג מיך ניט באמיהען ארויפצוברייגנען א סך פון זיי אויף אזא מין סארט געשפרעך, איז עס מיר ניט געלונגען. מען פלעגט אייך אנקוקען אדער מיט א קלו־גען שמייכעלע — „ווען דערצעהלסטו דא מעשיות?" אדער — מיט א פאראכטליכען, פיינדליכען קוק, ווי אויף א קריכענדיגען היפאקריט — "צוליעב וואס אט דער דאזיגער אנשטעל פון א וצדקתך?"

מיר שלאגען זיך, ווייל — מיר זענען פנים אל פנים מיט'ן טויט. די אין אונז דרימלענדיגע בעסטיע איז אויפגעוועקט געווארען. איז וויל מען נאך ז י ך ריינוואשען און רעכטפערטיגען. איז — „אויב איינער קומט דיך הרג'ענען, טא פעדער זיך ד ו. און הרג'ע איהם".

גראב ווערען די מענשען אין די טרענטשעס, רויה, חיה'דיג און פריי־מיטיוו. רעליגיע איז צו איידעל פאר זיי און צו אומפארשטענדליך. איך קען ניט רעפראדוצירען די עפיטעטען מיט וועלכע די קעמפער פאר א בע־סערער מענשהייט פלעגען אנרופען די רעליגיעזע פארשטעהער. דאס איז אונטער די אויגען. און א י ן די אויגען — אפשפאט און א פון־אויבען ארונטער'דיגער קוק.

אין איינעם פון די קעמפס האט מיט מיר צוזאמען געדינט, אין דער זעלבער קאמפאניע, א געוועזענער יונגער פאסטאר. ער האט פארלאזען די קאנגרעגיישאן, און זיך אנגעשלאסען אן דער ארמיי, אלס א געוועהנלי־כער סאלדאט, ניט קיין „טשעפליין". ער האט געוואלט זיין צוזאמען און צווישען די סאלדאטען.

ער איז געווען זעהר איידעל און געהאט אויך א וועלטליכע בילדונג. ער איז געווען זעהר צוגעלאזען צו די סאלדאטען. פלעגט טאן פאר זיי אלע קליינינגקייטען. ווען צוגענעהט א קנעפעל, ווען עפעס פאריכט. לעבען ווען געזעסען, אין אן אומעטיגער מינוט, און געטרויסט, גע־זאגט א גוט ווארט.

די איבעריגע סאלדאטען, פארגרעבט ווי זיי זענען פריהער געווען

און אוממענשליכער ווי זיי זענען נאך שפעטער געווארען, האט זיך עס בשום אופן אויפ'ן קאפ ניט געלעגט זיין אויפפיהרונג. עס איז געווען אזוי להיפך פון זייערע אנגענומענע באגריפען פון „מענשליכקייט". דער פאסטאר איז געווען צו גוט און צוגעלאזען. איז עס מעגליך אז א מענש זאל אזוי זיין אומאייגעננוציג? זיי זענען לסוף געקומען צו אזא מיינונג וועגען איהם:

— דער פאסטאר איז א האמאסעקסואליסט.

פון דאן אן האבען זיך עס אנגעהויבען פארשידענע רדיפות און נגישות אויפ'ן פאסטאר. מען האט איהם געמאכט מאוס'ע אנבאטען, און אין איין אבענט האב איך פון אומגעזעהענע הענט געקראגען א התחלה אויף א פאר קלעפ, און א צוזאג אויף נאך — דערפאר וואס איך האב מיך א פאר מאל אנגענומען פאר איהם.

און אז מען וויל שוין יא, אין דער צייט פון א קורצען אורלויב, אויסצוימען די אינסטינקטען און פארטויבען זיי — די אויסגעצאמטע, אין פארוואס עפעס אין רעליגיע? ס'איז דא אן אנדער אויסוועג — נאר דאס געהערט זיך שוין אן צום קאפיטעל „ליעבע".

און ווערט מען פארוואונדעט, זענען עס די „נוירסעס", וועלכע רינגלען ארום מיט פיזישען קאמפארט, די אנגעלזשנגסטע געסט.

אבער דאס רעליגיעזע געפיהל נעמט זיך אויך אפ זיין צינש — אין מאנכע פאלען.

עס קומט אן דער טויט. איז ער פלוצלונג — טא זאל ער זיין גע־בענשט. נאר ער צ י ה ט זיך א סך מאל. זיכער איז ער אין קומען — נאר ער צייגערט, און צוזאמען מיט די פייניגענדיגע פלאמען, וועלכע ברענען דעם לייב, צינדען זיך אויך אן פייערלעך אין דער העליש — זיך מוטשענדיגער נשמה. און די אויגען, אינ'ם אנבליק פונ'ם טויט, עפע־נען זיך פאנאנדער און ווערען ברייטער, און ווערימלעך הויבען אן גלי־הען.

מיר שטארבען שוין זייט אזא לאנגער צייט! נאר ווער ווייס עס אויף זיכער וואס עס טוט זיך אויף יענער זייט לעבען?... מען וויל זיך

פארזארגנען מיט אלץ, מיט א מחילה אויך, אויף אלע אופנים, טאמער. אפשר.

טא זאל קומען גאט'ס מאן און זאל געבען זיין ברכה, אדער פאר־געבונג — אפשר?

דאן, ווען צוליב דער רעליגיע דארף מען זיך פון גארניט אפ־זאגען.

דאס איז אלץ — אויבערפלעכליך. נו, פיליכט איז אפשר די רע־ליגיעזע דערוואכונג פארהוילען, באהאלטען, במסתרים? אפשר זענען דא אומגעזעהענע רעליגיעזע־ציטערן אין דער אינערליכסטער טיעף, וועלכען בלויז אן איידעל אויג, פון א קינסטלערישער אפטיק, קאן באמערקען?

עס וואלט זיך בעסער געוואלט גלויבען, אז עס איז אזוי. עס איז דאך באַרוהיגענדער און אנגענעמער צו גלויבען, און אזוי קאלט און פרעמד־אבשטויסענדיג ניט צו גלויבען.

עס האט זיך אזוי ניט געוואלט זעהן דאס, וואס איך האב געזעהן. איך האב די שולד פון ד'ער מאוס'קייט פון דער וועלט אויף זיך געפרואווט ארויפוואַרפען. עס איז דאך שוין בעסער און טרייסטענדיגער צו זעהן א י י נ ע ם א מאוס'ען און א פארלארענעם — זאל זיין אפילו אז איך אליין בין דאס דער „איינער" — איידער א ג א נ צ ע וועלט א מאוס'ע און א צופאלענדיגע...

איך האב מיר געזאגט:

אפשר בין איך נאך ניט דערוואקסען. ביי מיר איז דער נשמה האט זיך נאך ניט אויסגעלייטערט, איז נאך מוטנע, קיין גייסטיגע איינ־סטאלירונג איז נאך ניט פארגעקומען — איז במילא שפיגעלט זיך די וועלט אפ אין מיר אויך אזא, א מוטנע.

נאר טעג אויף טעג, וואכען אויף וואכען, חדשים אויף חדשים פון באאבאכטונגען פון דעם לעבען ארום מיר, צווישען די וואס זענען אמנאהענסטע געשטאנען צום קריעג און צו די גרויסע געשעהענישען — די „גרויסקייט" זייערע זייענדיג א נעגאטיווע און א תהו־ובהו צושטער־רענדיגע — חבר'שע געשפרעכען און טאג־טעגליכע צונויפקומען זיך מיט סאלדאטען פון די פארשידענסטע מינים, האבען מיר נאך שארפער דער־

וויזעז, אז די קלאַרקייט איז מיינע, און מיט איהר זעה איך עס די מוט־נעקייט פון דער וועלט.

די מלחמה — אויף ווי ווייט מיר איז באקאנט — האט בלויז א פאר גרויסע און זעהערישע ביכער ארויסגעבראכט. און אויב אז אזא קינסטלער ווי ב א ר ב י ו ס, האט פון דער צופאלעניש אויך געקענט ארויסקלייבן עטליכע נשמה־שיינקייטען, ווי די וואס געפינען זיך אין זיין „א פייער“, איז עס צו פארדאנקען, ערשטענס, דער גרויסער אומגע־וועהנליכקייט פון די אומשטענדען, אונטער וועלכע ב א ר ב י ו ס האט זיינע באאבאכטונגען געמאכט, די גרויסע פייניגונגען און נשמה־וועהטאגען פון א פאר פון זיינע „העלדען“ — ווייל עס דוכט זיך שוין אזוי שטארק, אז זיין בוך איז מעהר אן אויסגעדיכטעטער ראמאן, ווי א באשרייבונג פון אמת'ע איבערלעבונגען און פאסירונגען — אבער דער עיקר, ווייל ב א ר ב י ו ס'ע ס קינסטלערישע איינגעשפארטקייט—רופט עס „ווילען“ — ו ו י ל זיך ניט אונטערגעבען דער פארצווייפלונג וואס רינגעלט איהם ארום, ווייל ב א ו ו א ו ס ט ז י נ י ג זוכט ער א רעטונג, אן אנהאלט, און דער פארפלייצעניש ארום איהם.

עס ווילט זיך אזוי דעם קינסטלער ניט זעהען — און אין די מערסטע פאלען קאן ער זיך אזא אינטעלעקטועלען לוקסוס ניט ערלויבען. אויב ער וויל ניט זיך צוריקציהען און אריינפאלען אין א שווייגעניש פאר א לאנגער און לאנגער צייט — עס ווילט זיך איהם אזוי ניט זעהען די וועלט ווי זי איז איצט, ווייל דאן — צוליעב וואס? אז אינזעלע פון האפנונג ווילט זיך איהם נאך דא און דארט, אין דער איצטיגער פאר־פלייצעניש דערזעהען.

עס איז בארביוס'עס קינסטלערישער ו ו י ל ע ן, ניט א ו י ג, וואס האט די דערלייזענדיגע נשמה־אויפציטערונגען אויף די פארגאסענע, מיט בלוט און קויט, שלאכטפעלדער פראנקרייכס דערזעהען. ל א נ י ש האט דער לעצטער, בשורה'דיג קאפיטעל פון זיין בוך קיין בארעכטיגונג. ער האט אבער יא א בארעכטיגונג — פסיכאלאגיש. זיין, בארביוס'עס, קינסטלערישער עקסיסטענץ איז אין געפאהר. ער ק א ן זיך ניט ערלויבען דערטרונקען ווערען אין דעם בלוטיגען קויט וואס פארבלוניעט די וועלט! און ער ח ל ו מ ' ט אויס דאס, וואס ס'איז ניטא, דאס,

וואס איז בלויז אין ז י י ן נשמה־לעבען פארהוילען. דאס, וואס וואלט געדארפט זיין.

און איך אבער ניט דא איבער דאס, וואס איך ה א ב געזעהען. ניט דאס וואס עס וואלט זיך מיר ג ע וו א ל ט זעהן.

רעליגיע, אויף ווי ווייט זי האט עקסיסטירט אין דער ארמיי, איז געווען איינגאנצען אונטער דעם יאך פון דער לעצטער. אמאל, מיט הונדערטער יאהרען צוריק, אין די „פינסטערע“ צייטען, פלעגט רעליגיע און איהרע פארשטעהער, האבען נאך שוואונג, פאנטאזיע, די שענקייט פון דעם קאמף פון א רעליגיעזען קעגען א וועלטליכען דעספאטיזם, פון וועלכע צוויי דער ערשטער איז זיכער דער אנגענעמסטער און מעהר פרידען־ און רוה־ברייינגענדער. עס איז געווען דאן דער שטארקער ווילען ארויפצוצווינגען די אייגענע מאכט איבער דער וועלטליכער. עס איז געווען אן א י ד ע א ל — זאל זיין אן איינג־הערציגער און א שמאל־קעפיגער.

איצטער, דערהויפט אין די פארגעשריטענע — המ! — לענדער, איז — גאר ניטא. א פשוט'ע קאנצעלאריע, א רעגירונגס־אינסטיטוציע. איין מויל וואס רעדט, ווייל — איין האנט, וואס שפייזט.

די אמונה איז א יורד. נאר אהן דעם שטאלץ און דעם יחוס־לעבען פון א יורד. דער גלויבען — דער אפיציעלער, דער פארזארגערישער איבערהויפט — איז אן אפגעריסענער בעטלער, אפגעריסען ניט אזוי פון דרויסען, ווי פון אינווייניג.

דער ערגסטער סארט בעטלער.

אפשר איז ניטא קיין רעליגיע אויך ניט אין צייט פון פרידען. נאר געוויס ניט אין מלחמה־צייטען. ניטא קיין סימנים פון רעליגיעזע דערוואכונג ביי די מאסען, ניטא קיין ברעקעל פארלאנג צו אויפהאלטען און ווייטער כאוועז דאס ביסעל איידעל־נשמה'דיגס, וואס עס איז נאך דא פארהוילען אין מענשען.

פון וואנען וועט עס דער ט י פ ע ר ע ר גלויבען קומען?...

איין זונטאג פריהמארגען איז ביי מיר איינמאל געווען א שטארקער פארלאנג זיך צו הייליגען און ווייכע, גוט־עדעלע ווערטער הערען. עס

מאכט ניט וואָס פּרעמד און אויבענאויפיג בלויז זענען די ווערטער אויף די ליפּען פון דעם זאגער. ווײל איך די אויגען האַלטען פארמאכט, און דאָס האַרץ אָפען.

ווייל געווען איז עס דער ערשטער זונטאג נאכ'ן חתמ'ענען פון'ם פרידענשטילשטאנד, און א האפנונג האט זיך ווידער אנגעהויבען בלייכען.

האב איך צוזאמען מיט די איבעריגע דעם „קירכען־רוף" געענט־פערט, אין „פארמיישאן" זיך אריינגעשטעלט, און געמארשירט, איינס־צוויי־דריי־פיער, און אַט געפינען מיר זיך אויף א גרויסען לעדיגען פלאַץ. לעבען א געביידע פון דער „יאנג מענ'ס קריסטשען אסאסיאיישאן".

א זונטאג איז עס געווען א ליכטיגער, א ווארימער ווינטער־טאג אין א דרום'דיגען שטאאט. און דאָס האַרץ האט געקלאפט מיט פרייד ביי דעם אנזעהן פון אזוי פיעל מתפללים מיט אנטבלויזטע און אנגעבויגענע קעפּ. און דער ארויסקומען פונ'ם גלח, אין די ריין־ווייסע בגדי־כהונה אנגעטאן, איז געווען ווי דאָס ערשיינען פון א ווייסער טויב אין דער בלויער לופט.

מיינע אויגען האב איך געהאלטען פארמאכט, אבער ניט מיינע אוי־ערן. און געהערט האבען זיי ווערטער גאליגע זיך שיטענדיג, וועלכע הא־בען זיך ווי שארפער שראט אין מיין לייב איינגעגעסען. עס זענען צוגעקליבען געווארען פּאסיגע פּסוקים פון תהלים און שטעלען פון עוואנ־געליום, לויט וועלכע דייטשלאנד איז דער שונא פון גאט און משיח'ן, און דארף דעריבער גע'רודפ'ט ווערען עד חרמה. עס האט געשפּריצט מיט שנאה און ביטערקייט צו דעם פיינט, וועלכע קריסטום אליין האט שוין געהייסען פיינט האבען.

און דאָס אלץ, ווען דער פרידען איז שוין פּראקטיש ערקלערט גע־ווארען, און דער „פיינט", א דערשלאָגענער און אויסגעבלוטיגטער, איז שוין געלעגען אונטער די פיס. אויב ניט אין נאמען פון דער באריהמטער אמעריקאנער ספּאָרטסמענשאפט, איז דאך כאטש אינ'ם נאָמען פון דער אלעמען־פארגעבענדער קריסטליכער רעליגיע האָט מען געמאָגט גרויסמו־טיג זיין!

און איינמאל אין א פרייטאג־צו־נאכט, האב איך מיר דערמאָנט פּלוצ־לונג — אז עס איז פרייטאג־צו־נאכט, און עס האָט זיך מיר פארביינקט

צו זיין צווישען אידען, אין א שוהל, און זיין נאהענט לעבען די, וואס זענען מקבל שבת. איך האב מיך געלאזט גלייך אין וועג.

דער קעמפ איז א גרויסער און א פיעלגאסיגער. איין גאס עהנליך אויף דער אנדערער, ווי איין מענשען — אויף דעם צווייטען. דערהויפט פאר א נייעם אונגעניטען אויג. און איך בין ערשט געהאט אנגעקומען אין דעם דאזיגען קעמפ, און נאך ניט באקאנט געווען מיט די וועגען.

איך האב מיך אין דער פינסטערניש — מען האט די עלעקטרישע לאמפען פריהער אויסגעלאשען, ווייל מען האט געשפארט ליכט — גע־לאזט זוכען די געביידע פון דער „דזשואיש וועלפיער באארד“. איך האב מיך אנגעהויבען נאכפרעגען ביי דעם, ביי יענעם. מען ווייסט ניט. ס'איז דא ערגעץ, נאר מען קען מיר ניט זאגען וואו.

דערהער איך אין דער טונקעל א שטים פון א סאלדאט, וואס רעדט רוסיש. ווייס איך, אז עס איז א איד. געה איך צו איהם צו און פרעג איהם אין ענגליש: „ברודער, וואו איז די „דזשואיש וועלפיער באארד?“

ווייזט ער מיר אז אין דער ווייטקייט פון די פעלדער אויף א רייה פייערן. איינער פון זיי, א בלייכע עלעקטרישע לאמפ, איז די „וועלפיער בילדינג“. „געה“, זאגט דער ברודער־סאלדאט צו מיר אהער, און דער־נאך דעם אהער, ביז וואנען דו וועסט אנקומען צו דעם פלאץ וואס דו זוכסט“.

איך האב מיך געלאזט געהן. האב געבלאנדזשעט א שטיק צייט צווישען די פעלדער, צוגראבענע, צואקערטע, צוטאפטשעטע פעלדער. פול מיט גראבענס און טרענטשעס, וואו מען לערענט זיך „טרענטש־וואר פייר“. דער פייער פון דער „וועלפיער בילדינג“ איז געווען אזוי עהנליך אויף די אנדערע ווייטליכע פייערן, און מיט גארניט זיך אונטערשיידט פון די איבעריגע, פלעג איך אלץ אנטרעפען אז אן אנדער פלאץ.

מיין עקשנות האט אויפגעברענט אין מיר. „איך וועל באדאי ביז'ן טאג אין די פעלדער בלאנדזשען, און אהינצו, צו א אידישען מקום־קדוש, אנקומען“. און געדוכט האב איך זיך מיר ווי אן אמאליגער איד, מיינער אן עלטער־זיידע, וואס האט, צוליב זיינע געצוואונגענע געשעפטען צווי־שען גוים, די צייט אקוראט ניט אויסגערעכענט, און דא, אויף זיין וועגעלע צווישען וואלד, מיט אמאל דערזעהן, ווי די ערב־שבת'דיגע זון זעצט

זיך שוין. ער איילט זיך איצט, שמייסט זיין פארשוויצט און שווימענדיגען פערד, און זוכט א קרעטשמע אין פרעמדען וואלד, אויף איבער שבת...

לסוף בין איך אהין אנגעקומען. עס איז דאמאלסט געווען אין דער צייט פון דער „שפאנישער אינפלוענציא" קיין גאטעס־דינסטען אינעווייניג אין דער געביידע האט מען ניט ערלויבט. די פרייטאג־צו־נאכטיגע „סוירוויסעם" פלעגט מען דעריבער אפהאלטען אויפ'ן „פארטש".

אויפ'ן „פארטש" איז געווען גוואלדיג טומעלדיג, ווי אויף א יריד. אין א ווינקעל איז געשטאנען א יונגערמאנטשיק, אנגעטאן אין א טלית, און האט מיט א משונה־הייזעריגען קול זיך גע'חזנ'ט. די עברי האט ער ארויסגעזאגט עמ־הארציש, אהן אן אפזעץ. עס פארשטעהט זיך, אז קיינער האט ניט פארשטאנען וואס ער דאווענט און וואס ער בעט ביי גאט, ווייל כמעט קיינער פון די אנוועזענדע האט ניט פארשטאנען די שפראך. אין וועלכער ער האט גאט געבעטען, אויסער סיידען דעם היימישען נגון.

עס איז געווען קלאר:

מען איז ניט געקומען גאט בעטען, און דאס הארץ אין תפלה אויסגיסען. עס איז געווען אזוי וואכעדיג אויפ'ן „פארטש". פארשידענע קופקעלעך האבען זיך געקליבען אין אלע ווינקלען, און הויך אויפ'ן קול גערעדט, דערצעהלט זיך די „טראבעלס", געשפיגען, זיך געלאנגווייליגט. זיך אין דער הויך געערגערט, וואס דער „חזן" „ציהט" אזוי לאנג. עס איז שוין צייט געהן שלאפען. וואס נודיעט ער? —

און מען האט זיך מיט'ן רוקען צו איהם אומגעקעהרט. און איינער דעם אנדערען דערצעהלט עפעס, אין „אפוינטמענטס" אויף זונטאג געמאכט.

און ער, דער „חזן" — איך האב גראד געקענט דעם יונגערמאן: א ניו־יארקער. א קלייזעל־טוער ביי די אפיציעלע ציוניסטען. פון ציווילען לעבען נאך קאן איך איהם אלס א ציניקער נובל־פה'ניק און גאטס־לעסטערער. ביי וועמען טרפה־עסען איז א געוועהנליכע אידישע זאך — דער דאזיגער שליח צבור פאר גאט האט זיך גאנץ קנאפ אויסגעמאכט פון דער אונאויפמערקזאמקייט פון זיין עדה, אבי ער האט אליין גרויס הנאה געהאט פון זיין קול־נגינה, און אין דער טומעלדיגער, קהל'דיגער.

פארקוויטיגטער און אנגעשפיגענער לופט פונ׳ם „פארטש“, האט זיך אין דער נאכט אריין זיין ציקלענדינגע שטים גלייכגילטיג־העזה׳דיג זיך גע־טראגען:

— קומי צאי מתוך ההפכה...
דער עולם האט געשפיגען און גענעניצט.

עס איז דא א טייל פון דער אמעריקאנער נאציע, וועלכער איז געזינ־טער, סיי אין גוף און סיי אין דער נשמה, פון דעם איבעריגען גרעסטען טייל. זיי זענען נאך ווייניג אנגערירט פון דער גרויס־שטאדטישער צולא־גענהיים, און איבערגעשפיצטקייט, זענען זיי במילא אויך גלויבינגער. און געזינטער, און גאנצער, ווי די לאנגע פאסען נאכ־מיידעלשער שרד, פון וואנען זיי קומען.

צו זיי קוקען ארוים די אויגען פון די אלע, וועלכע עס ווערט אומע־טיג ביים אנבליק פון דעם קייטיגען מוטנעם און טומעלדיגען רעגען. וואס דראהט צו פארפלייצען אמעריקא, אמעריקא וואס איז נאך ביז מיט א 50 יאהר צוריק געווען געזונט, פריי און גייסטיג, און אזוי פיעל שענע נשמות דער וועלט געגעבען.

דער קייטיגער רעגען פון אינדוסטריעלען דעספאטיזם, טעכנישער ציוויליזאציע און מאשינען־קולטור.

דאס זענען די קינדער פון דער ווייטליכער און פעלזיגער וועסט און נארט־וועסט.

עס פלעגט מיר זיין א פרייד און א טרייסט, און א נשמה־פארגניגען מיט זיי זיך צונויפקומען, ווי איך וואלט אין דער קיהלקייט פון א גרויי־סען טראכטענדיגען וואלד אריינגעגאנגען.

נאר ווייניג זענען זיי געווען.

זיי פלעגען אין א זונטאג־פריהמארגען זיך צונויפקלייבען אין דער „וויי“ געביידע, מיט די קליינע געבעט־ביכלעך אין די הענט, און פלעגען אלע אין כאר זינגען קירכען־הימנען. שטיל, בנעימות׳דיג, פייערליך, מיט תפלה א י ן דער נשמה, פלעגען זיי ווי שטיקער הארץ זייערע אין דער זונטאג־ליכטיגקייט אויסזינגען. זיי האבען ניט גערעקלאמירט די תפלות און א שפראך אז אומפארשטענדליכער, ווענעס הייליגקייט איז וואכעדיג

געוואָרען, נאָר ג ע ב ע ט ע ן האָבען זיי ווי איינפאַכע, אמת'ע מענשען בעטען גאָט, א ו י ס ג ע ז ו נ ג ע ן האָבען זיי זייערע תפלה־געפיהלען אין זייערער אייגענער שפּראַך...

און איך — מיך האָט מען איינגעלאָרען מיט אזא אײדעלקייט — אפשר יאָ און אפשר ניט געוואוסט, אַז איך בין אַ איד — אויבענאָן. נאָר געבליבען בין איך אין דער זייט מיט'ן געבעט־בוך אין האַנט. איך האָב אי תפלה געטאָן געוואָלט, אי עס איז מיר ניט אַנגעשטאַנען. ווי אין עקר, וועלכער קומט צו זיין שכן אין הויז אריין, און מיט אַ טרויער איז האַרצען און אַ פאַרדראָס פאַר זיין ניט־פאַרגינערישקייט, מוז ער העפ־ליך צושמייכלען, ווען דער שכן לויבט פאַר איהם זיינע קינדער — אזוי בין איך שווייגענדיג ביי דער זייט געזעסען, און דערביי אַז אַ פּקורסישען געדאַנק געטראַכט:

— ביי אונז, אַז מען דאַוונט שוין, פאַרוואָס זאָל מען עס ניט טאָן אין אַ פאַרשטענדליכער שפּראַך, און טאַקע ב ע ט ע ן גאָט, ניט טומ־לען בלויז צו איהם זאַכען, וואָס מען ווייס אליין ניט וואָס זיי באַדייטען?

שוין בעסער זיינען די טעמפּעל־אידען.

און מיט אַ טרויעריגער פרייד, האָט זיך מיר די זונטאָג־ליכטיגקייט פאַר די אויגען געטראָגען...

נאָך?

צוליעב וואָס? — די, וואָס ז ע ה ע ן, ווייסען עס שוין בדרך כלל פון לאַנג, און די, וואָס זעהען ניט...

II.

ליעבע

ליעבע. ניט בין אדם לחורו. נאר — בין אדם לחות.

ליעבע צווישען מענש און מענש אין צייט פון קריעג?...

ניט קיין ליעבע, נאר שנאה. שנאה, די חיה'דיגסטע, די בעסטיאלישסטע, וואס די בייזעסטע, קראנקסטע מענשליכע פאנטאזיע קאן זיך נאר ניט פארשטעלען. אן אוממענשליכע—און אפשר טאקע א מענשליכע? — פיינדשאפט, א גיפטיגקייט, וואס האט אין איהך הנאה־פארשאפענים דערגרייכט ביז צו יענער בלייבער, לייכט־פארשווינדענדיגער ליניע, וואס איז די זיך־גרינג־אפווישענדיגע גרעניץ צווישען געשלעכטליכער ליעבע און געשלעכטליכער שנאה.

די מלחמה האט ארויסגעבראכט און אקצענטירט דעם קריגערישען מיסטרויען און פיינדשאפט צו דעם מיט־מענשען. וואס איז צו אלע צייטען—אפילו „פרידליכע" — פארהוילען אין דער מענשליכער טיף. ביי ווענען ביז א גרעסערען, און ביי ווענען ביז א קלענערען גראד, נאר איצטער, אין דער צייט פונ'ם אפענעם קריעג, איז די שנאה פון מענשען צו מענשען ביז א פאראקסיזם דערגאנגען, און מענשען האבען אין דער גיפטיגקייט א סאדיסטישע הנאה אנגעהויבען געפינען.

וואס עס איז פארגעקומען אויפ'ן שלאכטפעלד, די אומבאשרייבליכע גרוילען, וואס די דורכשניטליכע זעלנערישע נשמה האט דורכגעמאכט. וועט שוין קיינמאל ניט באקאנט ווערען. שוין דערפאר אליין, וואס די איבערלעבונגען. פון אזא אומגעוועהנליכער, ביז־אהער נאך ניט געזעהענער גרויס, קאנען מיט בלויז גרויסע שוועריגקייטען אין ווערטער אנגעקליידט ווערען. און אויך דאן בלייבט ביי דעם דערצעהלער דער ביטערער.

אנטווישטער נאכגעפיהל, אז די ווערטער זענען אזו יבלייך און פארבלאז אין פארגלייכעניש מיט דאס, וואס ער האט איבערגעלעבט, אז ער וואלט שוין גלייכער געטאן, ווען ער וואלט געשוויגען.

זיי, די איבערלעבונגען קאנען מיט שוועריגקייטען איבערגעגעבען ווערען אפילו דורכ'ן קינסטלער, וואס האט די מתנה פון ארטיקולאציע, בפרט נאך דורך דעם דורכשניטליכען, געוועהנליכען מענש, וועלכער איז אין דעם פרט א שטומע חיה.

דאס, וואס איז ביז אהער איבערגעגעבען געווארען אין די פארשי־דענע מלחמה־ביכער — און עס איז געווען א גאנצע פארפלייצונג פון אזעלכע ביכער, ווייל די פראפעסיאנעלע „שרייבער" האבען זיך ווי ראבען אויף די טויטע קערפערם ארויפגעכאפט, און אלץ צו געלט געמאכט — איז, מיט א דריי־פיער אויסנאמען בלויז, פאלש און טענדענציעז. די מייסטע שרייבער האבען געהאט די — דערקענבארע אדער ניט דער־קענבארע—כונה צו גלאריפיצירען דאס, וואס מען מוז צוגעבען, נויטיגט זיך זעהר און זעהר שטארק אין גלאריפיקאציע.

א שמיק צייט האב איך מיך געפונען אין באראקס צוזאמען מיט א גאנצע קאמפאניע פארוואונדעטע סאלדאטען, וואס האבען זיך דא גע־היילט, און געווארט מען זאל זיי אפשיקען אהיים. אין די רעגענדיגע טעג און אין די אבענדען פלעגען זיי, אין פריידען און א לייכטזיניג־גלייכגילטיגען טאן — אפשר אן אנגעצויגענעם בלויז, ווי עס איז נאַ־טירליך פאר א מענשען, וואס האט אמת־טיפע איבערלעבונגען דורכגע־מאכט, און ציטערט אינערליך איבער זיי, און, אין זיין סענסיטיוויטעט, וויל זעהר ניט, אז מען זאל איהם באטראכטען פאר ווייך און סענטי־מענטאל — איבערגעבען פארשידענע עפיזאדען פון זייער טרענטש־לעבען.

א מעשה מיט א סאלדאט, וואס האט אין אן איינגענומענעם טרענטש א טויטען דייטשען אפיציר געפונען, מיט שעהנע לאקירטע שטיוועל אויף די פיס, האבען זיך איהם, דעם לעבעדיגען, די שטיוועל פארגלוסט. האט ער זיי געפרואווט ארונטערציהען, ניט געקענט, ווייל דעם טויטען'ס פיס, אויפגעשוואלענע זענען גרויס און שטייף געווארען. האט ער מיט'ן טרענטש־מעסער די פיס איהם אפגעשניטען, און די באשטיוועלטע פיס

מיט זיך אין דער טרענטש־קאַנורע צוגענומען. און אַלעמאַל, ווען ער פלעגט נאר האבען א פרייע מינוט, פלעגט ער געדולדיג מיט'ן מעסער דאָס שטינקעדיגע, פארווערימטע און בלוי־פוילענדיגע פלייש פון די שטי־וועל אויסקאַלופען, ביזקעל, אין איינעם א ליכטיגען טאָג, האָט ער זיי שוין געקאָנט אויף זיינע אייגענע פיס אַנמעסטען, און ווי א קינד זיך פון גליק דערביי צושמייכעלט.

א מעשה מיט אַ אַנדער סאָלדאט וואָס האָט א דייטשען קאָמעראד געפאנגען גענומען. האָט ער איהם אויפ'ן וועג צו די הויפט־קווארטירען אַלע קעשענעס אויסגעליידיגט. געפונען בלויז א שעהנעם היימישען מעסערל און א טואַלעט־שפיגעלע. לויט די מיליטערישע אוסטאַווען איז הפנים ניט ערלויבט צו אויסבייטלען א געפאַנגענעם. האָט ער זיך מורא געהאַט, אַז דער געפאַנגענער זאָל זיך אויף איהם פאר די העכערע אַפי־צערען ניט באַקלאָגען, און מען וועט נאָך ביי איהם דאָס מעסערל מיט'ן שפיגעלע צוריק צ:נעמען. נאָ, מיט איין לעבען ווניגער — ער האָט איהם דעם באַגנעט אין ברוסט אריינגעשטעקט — „און אַלץ איז שוין געווען אָלל־רייט".

נאָך ?

דאָס איז אויפ'ן שלאַכט־פעלד, וואו מען קאָן נאָך א זכות געפינען. און אין דער היים, צווישען די איבערגעבליבענע ?

באַלד נאָך אמעריקא'ס אריינטרעטען אין דעם וועלטליכען קריג, האָט זי דאָ אויפגעהויבען א וואקכאַנאַליע פון שנאה און פון פרעמדענ־פארפאָלגונגען. צו וועלכע עס איז ניט צו געפינען קיין גלייכען אין די אייראָפּעאישע לענדער. און אין אייראָפּא, דארפט איהר וויסען זיין, האָט מען זיך מיט „פרעמדע" אויך ניט אויף די הענט ארומגעטראָגען.

מען האָט אָנגעהויבען רודף זיין די „דייטשען". און די פרעמדע איבערהויפּט. די „פרעמדע" פרעסע און די „פרעמדע" שפּראַכען — אסור אויב איך וויים, פארוואָס ענגליש איז עס ניט קיין פרעמדע שפּראַך אין אמעריקא ? — אין ניו־יאָרק האָט די באָארד אָוו עדיוקיישאָן אויפ־געהערט צו געבען לעקטשורס אין פרעמדע שפּראַכען, לעקטשורס, וועמעס צוועק עס איז אייגענטליך געווען צו אמעריקאַניזירען די „פרעמדע".

איינער האט דעם אנדערען חושד געווען, פארדעכטיגט, נאכגעשפיאנע־וועט. איינער האט דעם אנדערן געוואלט אריבערשטייגען אין דער שנאה וואס מען פלעגט — אויף א „פרידליכען אופן—ארויסווייזען צום „שונא“ אין דער היים. מען האט זיך געכלוניעט און געטרונקען, דא אין פיינד־שאפט און אין גיפט, דער פרעזידענט האט אזש געדארפט בעטען זיך און ווארנען, אז מען זאל צו עקסצעסען ניט קומען, אין אייראפא — צווישען די „פארבינדעטע“, אין ענגלאנד און אין פראנקרייך — האט מען זיך אזש אנגעהויבען שרעקען און זארגען זיך איבער דעם שווין צו־אינטענסיווער באוועגונג פאר דעמאקראטיע, וואס האט זיך ביי אונז אין לאנד אנגע־הויבען.

איך וויל מיך דא ווענען דעם ניט פארשפרייטען. די, וואס ווילען האבען, כאטש א בלייכען באגריף, ווענען מענשען־ליעבע אין דער צייט פון מלחמה, זאלען זיי איבערלייענען דזשארדזש קריעל'ס ארטיקעל אין „עוורי באדי'ס מעגעזין“ פאר'ן מאנאט אפריל, 1919. דער ארטיקעל איז געשריבען ניט פון א סאציאליסט, ניט פון א ראדיקאל, נאר פון א רעגירונגס־באאמטען, דעם טשערמאן פון דער קאמיטע אן פאבליק אינ־פארמיישאן. א קאמיטע וועלכע איז ספעציעל געגרינדעט געווארען פאר דעם צוועק צו פארשפרייטען פאטריאטיזם, און דערוויי‌זען אמעריקא'ס גערעכטע אורזאכען אין אנשליסענדיג זיך אין דעם קריעג. דער ארטיקעל, איהר פארשטעהט שוין אליין, איז זיכער א געמעסיגטער, נאר — ער איז גענוג.

קריעג און מענשענליעבע.

איך וועל עס ניט פארגעסען.

עס איז געווען אין דער צייט פון די אוניווערסיטעטס וואקאנציעס צוליב'ן איסטער־יום־טוב, איך בין נאך דאן קיין סאלדאט ניט געווען. איך בין איינגעלאדען געווארען פון מיינעם א פריינט, א שוהל־חבר, צו זיי אהיים אויף פסח. די לעצטע טעג פונ'ם אידישען פסח זענען גראד אויסגעפאלען צוזאמען מיט די ערשטע פונ'ם קריסטליכען.

עס איז געווען פריהלינג. א שטילע, שעהנע שטאט אין דער מיטעל־וועסט, איינגעטונקט אין זיך פונאנדערבליהענדיגע גערטנער. און דער

טאג, זונטאג, דער אנהויב פונ'ם קריסטליכען פסח, איז געווען א ליכטיגער און א ווארימער, — א פסח'דיגער.

מיר, מיין חבר און איך, זענען אריינגעגאנגען אין א קירך, ביי־וואוינען דעם גאטעס־דיענסט, און דער עיקר הערען דעם ארגעל שפּילען די פאסיאנס־מוזיק. געזוכט האבען מיר א קאטוילישע קירך, ווייל דארטען איז דער פסח'דיגער גאטעס־דינסט דער שעהנסטער און דער איינדרוס־פולסטער, נאר אזא איז ניט געווען אין דער נאכבארשאפט, זענען מיר אריין אין אן עפּיסקאפּאלישער קירך, וואס איז כמעט עהנליך אויף דער קאטוילישער.

די לופט איז געווען שטיל און ווירציג. אנגעזאפּט שווער מיט'ן איינ־שכור'נדיגען ריח פונ'ם ווייערעך, וואס איז געברענט געווארען אין די לעמפּלעך אויף דער בימה. דורך די שווערע געמאלענע פענסטער, האבען זיך אריינגעבראכען זונען־זיילען, פארשידען־געפארבטע. די מתפללים האבען געהאט בלומען אין זייערע לאצען. עס האט זיך אין די אויגען געווארפען א ווייסקייט. די קינדער, יונגע אינגלעך און מיידלעך, זענען געווען אנגעטאן אין ווייס. דער כאר — אין ווייסען. דער גלח — אין א ווייסער ריאסע, און די גאנצע בימה איז געווען איינגעטונקט אין בלומען, בלומען אין הויכע גלעזערנע וואזען, ליליען שלאנק־דינע און ווייס־בלייכע, דער סימבאל פון מיידעלשקייט און אונשולדיגקייט.

ווייסקייט און בלומען.

עס איז געווען פּאסכא. „יעזוס איז אויפגעשטאנען. מיט זיין בלוט האט ער אונזערע זינד, די ערדליכע, אויסגעלייזט". דער ארגעל האט געשפּילט פאססיאנס־מוזיק. ליידען וואס לייזען אוים מענשען, און מאכען איהם נאהענט צו גאט. די לופט איז אנגעפילט געווען מיט שטילער מחילה...

נאר דא איז דער „מיניסטער" ארויפגעגאנגען אויף דער בימה פאר זיין פּריידיגט. ער האט געדארפט דרש'ענען מענינא דיומא — „וועגען פּאסכע, קריסטוס'עס תחית המתים און פארגעבונג". דאס איז געווען דער נאמען פון דעם פּריידיגט. א ווײַלע האט ער גערעדט מיט פּאטאס אין דעם באקאנטען נוסח. נאר — ווי האט ער עס געקענט ניט ארויס־ציינען זיין פאטריאטיזם? האט ער אנגעהויבען רעדען וועגען „דעם ערנס־

טעז מאָמענט וואָס אונזער לאַנד לעבט איצטער דורך".

איז א ווײלע ארום איז מיר געוואָרען הײס און ענג אין האַלז. דער קאָפּ האָט מיר געברענט. עס האָט מיך אָנגעהויבען שטיקען. אין דער געווירצטער לופט פון דער קירך האָט אָנגעהויבען זידען א ריטשקעלע גיפטיגער שנאה... ביסלעכווייז האָט עס אָנגעהויבען קיפּיען און קאָכען עס איז געוואַקסען — — — עס איז געוואַקסען — — —

אפנים אז לופט האָט אין דער קירך אָנגעהויבען אויספּעהלען. די וועקסענע ליכט־פלעמלעך האָבען זיך געהאַלטען ביים אויסלעשען. די בלײך־ווייסע ליליען האָבען זיך אָנגעהויבען אײנקאָרטשען.

איך בין ארויסגעלאָפען אין מיטען. עס האָט מיר געפעהלט לופט.

נאָר ניט וועגען ליעבע צווישען מענש און מענש וויל איך דאָ ריידען. איך וויל דאָ ריידען וועגען די מאַן־ און פרוי־ באַציהונגען אין דער מלחמה צייט.

עס וואָלט געווים געווען אינטערעסאַנט, ווען איינער באַטראַכט די דאָזיגע פראַגע פון א וויסענשאַפטליכען־פיזיאָלאָגישען אדער פסיכאָלאָגישען ווינקעל, ווייל ליעבע וועלכע איז אפילו אין פרידליכע צייטען א קאַמף צווישען דיביידע געשלעכטער, ווערט זיכער ביאָלאָגיש באַאיינפלוסט און איבערגעביטען אין צייט פון קריעג.

איך פאַרנעם מיך דאָ בלויז מיט א קאָנסטאַטירונג פון עטליכע געזעלשאַפטליכע ערשײנונגען.

די מלחמה איז געפיהרט געוואָרען מיט'ן אָנגעגעבענעם צוועק צו פאַרבעסערען און פאַרשעהנערען די וועלט. מאַכען זי זיכערער און ריינער. איך ווייס ניט, צי די וועלט ו ו ע ט ווערען א שעהנערע און א רייַנערע. א באַשטעטיגונג אויף איינעמס נביאות וועט נאָך יעדענפאַלס אַזוי שנעל ניט אָנקומען. און איך, פון מיין זייט, האָב מיר אמאָל מיינע ספקות, און אמאָל — אין די ליכטיגערע מינוטען, וואָס זענען א פסיכאָלאָגישער ארויסוואוקס פון די טונקעלע; עס איז שווער איינעם צו לעבען

א יאוש׳דיגער, מיט תמיד׳יגע געדאנקען וועגען אונטערגעהן — האָב איך מיר מיינע האָפנונגען.

נאָר וואָס שפּעטער וועט זיין, וועט מען שוין זעהן. מיר, אדער אַנ־דערע. נאָר איצטער...

מאוס׳דיגקייט, אומריינקייט, צופוילטקייט. עס איז דאָ בלויז א שוואכע טרייסט: פון דעם שטיקענדיגען, עפּוש׳דיגען הנאי וואַקסט דאָך תמיד אין פּריהלינג א ניי לעבען ארויס.

וואויל איז צו די גלויביגע.

נאָר איצט:

די געשלעכטליכע עטיק איז פארשוואונדען, צוזאמען מיט די איבע־ריגע מינים עטיק. א צולאָזענע אומריינקייט, ווי דער געשטאַנק פון די שלאַכט־פעלדער־פּגרים, האָט פארנומען איהר פּלאַץ.

עס האָבען זיך פונאנדערגעשפּילט די פארבארגענסטע ליידענשאַפ־טען און די אומריינסטע בלוטען. דער געשלעכטליכער הפקר־פייער, וואָס טליהעט פון נאַטור־אויס אינ.ם מענשען, באַהאַלטען און ראַפינירט בלויז ביי די „העכערע" און אנטוויקעלטערע ברואים, האָט זיך אין א פאר־צעהרענדיגען תאוה־פלאַם פונאנדערגעפלאַקערט, און דער רויך און טשאַד האָבען אלעמען אין די אויגען געשלאָגען.

אין די ציימונגען פלעגט זיך פון צייט צו צייט דורכ׳גנב׳ענען — ווייל א גאַנץ קנאַפּען באַגריף האָט איינער געקאָנט קריגען דורך זיי ווע־גען דעם אמת׳דיגען צושטאַנד פונ׳ם לעבען. דערהויפּט פונ׳ם אדם וחוה־לעבען, אין די מלחמה־לענדער — נאָר פון צייט צו צייט פלעגט איהר לעזען אַן ארטיקעל וועגען דער אָפּשוואַכונג פון דער געשלעכטליכער צניעות ביי די פרויען — וועגען די מענער, די סאָלדאַטען, איז א „באַ־זונדער זאַך — וועגען די פּיעלע „ממזרים" און „מלחמה־כלות" — וואָס דאָס איז געוועזן די מינדסטע און אומשולדיגסטע פארם פון דער געשלעכט־ליכער אויסגעצאַמטקייט — און די רעגירונג האָט שוין געמוזט הייליגען און סאַנקציאָנירען די לעצטע.

אין די קאַבאַרעטען פון א ספק׳דיגער רעפּוטאַציע, אין די טשאַפּ־סיואַי פלעצער און אין די געוויסע „סיידער־רומס", האָט מען עס געקאָנט זעהען. מילא, מענער, אין זיי האָט זיך געפּיהלט א דוחק. אָבער פרויען...

צוזאמען מיט נאך גאר יונגינקע מיידלעך האט מען דארט געקאנט זעהען עלטערע פרויען, אין די פערציגער, פרויען־מאמעס, ביי וועמען א מאן מיט א פאר דערוואקסענע זיהן זענען פיליכט אין שלאכט אוועק.

די מענער האבען זיך צוהולטייסטוועוועט. אין דער אמת׳ן, ווער ווייס זיך עס פיהלען צו דעליקאט מיט אזעלכע קלייניגקייטען. ווען א מעגליכער טויט שטעהט איינעם פאר! און איידער מען וועט פיליכט אויף אייביג פארשווינדען, טא זאל מען כאטש אויספּרובירען אליין אלע סארטען תאוה׳דיגע פארגניגענס! א סך סאלדאטען זענען געקומען אין די קעמפּס מיט ווענערישע קראנקהייטען, וועלכע זיי האבען געקראגען אפילו די לעצטע פאר וואכען, פאר׳ן געהן אין קעמפּ אריין.

און די פרויען. עס זענען אלעמאל דא מעהר פרויען ווי מענער. און דא — עס זענען שוין מיליאנען מאנסבילען אויסגע׳הרג׳עט געווארען. און עטליכע מאל אזוי פיעל געווארען קאליקעס און בעלי־מום׳ס, ווער ווייס, ווי לאנג דער קריעג קאן נאך אנהאלטען. די פארפלייצונג שיינט צו ווערען אלץ גרעסער. די געליעבטע געהען אוועק, איצטער זענען מיר נאך יונג און שעהן. שפּעטער וועלען מיר ווערען אלט און מאוס. אונזערע געליעבטע, אונזערע מאנען, וועלען אדער גארניט קומען, אדער צוריק־קעהרען זיך פארקריפּעלטע. ווער ווייס...

און סתם, אז אזויפיעל גדרים זענען שוין געבראכען געווארען אין דער וועלט, און אזויפיעל צוימען האלטען אין געבראכען ווערען. — איז נאך איינער! דער א סך מאל אומבאזיגבארער און קריינקליכער — אפשר נארמאל־געזונטער? — חשק צו פּריצות און דאס ארונטערווארפען פון אלערליי יאכען, איז איצט אומבאזיגבארער געווארען. די ווילדקייט, די הפקרות און די חיות׳דיגקייט וואס ארום־און־ארום איז אין בלוט אריין. און די פרויען, אפילו אין פרידליכע צייטען, זענען דאך אלעמאל אונ־טערגעווארפען צו עקסטרעמען, סיי אין ליעבע, און סיי אין שנאה.

האט זיך אנגעהויבען אזא וואקכאנאליע און אזא געשלעכטליכע הינטישקייט, וואס דוכט זיך, האט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער מענש־ליכער געשיכטע, ניט אפילו די צולאזענקייט, וואס פאר דעם אונטערגאנג פון דער רוימישער אימפּעריע — די לעצטע איז דאך כאטש געווען פארשלייערט מיט עסטעטישע וואלען און באהויכט מיט שעהנע

קונסט־פארמען — אזוי ווי דער אקארשט פארענדיגטער (?) קריעג האט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער מענשליכער היסטאריע. שפעטער, ווען די וועלט וועט זיך איינשטעלען — און זי וועט זיך דאך איינשטעלען אויף א ווײלע, אויב זי וועט ניט אונטערגעהן — וועט זיך מסתמא שוין געפינען איינער, וואס וועט שוין וועגען דעם א גרויס ווערק אנשרייבען.

די רעגירונג האט געצוואונגען אלע פארהייראטע סאלדאטען, זיי זאלען שיקען אהיים צו זייערע פרויען אין „עלאוענס" א געוויסע סומע מאנאטליכען אויסהאלט, דאס האט געדארפט פארמיידען ארימקייט אין דער היים, וואס וואלט געקאנט פיהרען צו א געצוואונגענער געשלעכטלי־בער אויסגעלאסענקייט.

עס האט ווייניג געהאלפען.

איך האב מיך אנגעהערט און אנגעזעהען א היפש ביסעל איבער די דאזיגע זאכען. נאר איך וויים ניט וואס צו דערצעהלען. פאר קיין סך איז קיין פלאץ ניטא, און איך ריזיקיר, אז דאס וואס איך וועל אויס־קלייבען, זאל גראד ניט זיין אזוי כאראקטעריסטיש פון דעם, וואס איז פארגעקומען.

און אפשר איז דאס גאר א געוועהנליכע מעשה.

אבער, אין אונגעוועהנליכע צייטען, וואלטען אפשר קיין „געוועהנ־ליכע מעשיות" ניט געדארפט זיך פארלויפען?

א מעשה מיט א מאטראז.

דער מאטראז האט געדינט אויף א שיף. א יונגער מאטראז. ערשט חתונה געהאט. ער האט די ווייב שטארק ליעב געהאט, און זי איהם נאך מעהר. ער פלעגט איהר כמעט טעגליך בריעף שיקען, און אזוי אפט פון איהרע ווארימע ענטפערס קריגען. „זי בייינקט נאך איהם. זי קאן אהן איהם ניט אויסקומען. א. א. ווען וועט זיך שוין די אומגליקליכע מלחמה ענדיגען? עס איז אזוי שווער אהן איהם אויסקומען".

„אויסקומען" האט דא, פארשטעהט זיך, ניט געמיינט אין אן עקאָ־נאמישען זין, ווייל ער פלעגט איהר מאנאטליך צושיקען כמעט דאס גאנצע געלט וואס ער פלעגט קריגען, פלוס דער רעגירונגס־סובסידיע. נאר —

אהן זיין ליעבע. און איהם איז געווען אזוי ווארים דארטען אויף׳ן ים !...
א בריעף איהרער פלעגט איהם א ליכטיגקייט אין די אויגען אריינשיינען.

זייער ליעבע איז נאך פארשטארקט געווארען דורך דער ווייטקייט און דורך דעם. וואס ס׳איז געווען אקארשט נאך דער חתונה.

א היים האט ער געקאנט קומען זעלטען. זייער שיף האט זיך געפּור־נען ווייט אויף די „הויכע ים׳ען". נאר אט מאכט זיך, אז צוליעב עפּעס א רעגירונגס־שליחות ווערט זייער שיף געשיקט צו די אמעריקאנער ברעגען.

דער מאטראז ציטערט דעם גאנצען טאג פון פרייד.

ער לאזט זי וויסען וועגען זיין אנקומען דורך א בריעף.

דאס שיף איז אנגעקומען. ער האט גענומען א צוג. אויף גיך גע־קומען אהיים, אין דעם פארשטאדט פון א גרעסערער שטאדט. ער געהט אריין אין שטוב. דארטען איז קיינער ניטא. די שכנים גיבען איהם צו וויסען, אז די פרוי, מאכענדיג גרויסע הכנות, פאר זיין אנקומען, איז אוועק אין מארק איינקויפען פארשידענע פאטראוועס.

און אז זי זאמט זיך, הויבט ער אן ארומגעהן אין פריידיגער אומגעדולד איבער דער שטוב און מיט ליעבע באטאפען די זאכען. ער עפענט א שופלאד, דארט ליגט א פעקעל־בריעף, מיט א ראזען העמדעל ארומגעווי־קעלט. ראזע פאפיר. דאס זענען עס זיינע בריעף. ווי פארזיכטיג און מיט גרוים ליעבע זי קלייבט זיי !

ער הויבט זיי אן לייענען.

„ליעבע פרוי..."

אלע אזוי הויבען זיי זיך אן. „ליעבע טייערע פרוי..." אבער דאס איז דאך ניט זיין כתב ! מיט א פארכאפּטען אטעם לייענט ער איינעם נאך דעם אנדערן. דארטען רעדט זיך עפּעס וועגען מאנאטליכע טשעקס. ער לעזט און לעזט.

ביסלאכווייז ווערט איהם קלאר :

זיין פרוי, באלד ווי ער איז אפגעפאהרען אפּנים, האט חתונה גע־האט מיט נאך איינעם. איהר איז געווען אזוי אומעטיג ! צו וויים זי דען. ווען איהר טייבעלע וועט צו איהר צוריקקומען ? — דערווייל איז יענער. דער צווייטער, אויך אוועק אין דער ארמיי. ביידע שיקען איהר מאנאט־ליכען אויסהאלט. איינער וויים ניט פון דעם אנדערן. נאר זי — זי ווייס

פוןביידען, און האָט זיי ביידען אזוי שטאַרק ליעב!

דער יונגער מאַטראָז האָט אויף א ווײַלע זיין קאָפּ אַנגעבויגען. אויף גיך האָט ער גענומען זיין נאָך ניט־אויסגעפּאַקעוועטען טשעמאָדאַנטשיק. און פון שטוב אַרויס, און אוועק.

אין דעם בריעף, וואָס איך האָב מיט א שטיק צייט שפּעטער פון איהם געקראָגען, שרייבט ער:

— „....און איך וועל שוין מעהר פונ׳ם ים צוריק ניט קומען“...

און די סאָלדאָטען.

די פאַרהייראַטע, אָדער די וואָס האָבען א כלה, צי א „מיידעל“ הינטער איבערגעלאָזען. האָבען דאָך אַלעמאָל געהאַט דאָס ווערימעל פון צווייפעל, גליהענדיג אין האַרצען: „אפשר? אפשר? בשעת איך פינסטער מיך דאָ, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, און איך טו מיין חלק איז מאַכען א שעהנערע און א „דעמאָקראַטישערע“ וועלט — ווער ווייס, וואָס זיי טוען דאָרט?

לאָזען זיי זיך דאָרטען אָפּטמאָל ניט טרייסטען?...

האָט מען געמוזט דעם וועהטאָג פאַר׳שכור׳ען. און, ווי אויף צו להכעיס, האָטמען נאָך געמוזט אריבערשטייגען די „זינד“ פון די אייגענע און געליעבטע, וואָס זענען אפשר גאַר ניט באַגאַנגען געוואָרען. איז דאָך דער וועהטאָג געווען א דאָפּעלטער, האָט מען נאָך מעהר געדאַרפט איהם פאַרטומלען...

און די איבעריגע סאָלדאַטען — זיי האָבען זיך צוהוליעט פאַר דער תליה! צו וואָס איינצעלהייטען? — גאַרניט איז צו גוט געווען, און גאַרניט איז צו שלעכט געווען. וואָס גרעסער די עולה — אַלץ שאַרפער דער פאַרגניגען און אַלץ פולשטענדיגער די צופרידענשטעלונג.

— און אז מען טוט אונז עולות?... מיר וועלען זיך שוין פאַר אַלץ אָפּרעכענען...

און די ציין האָבען בייזליך געקריצט.

און אין פראַנקרייך.

ווי אזוי די זיגער האָבען זיך באַגאַנגען מיט די באַזיגטע, מיט די פרויען — וועגען דעם דאַרף מען ניט ריידען. מען ק ע ן ניט ריידען.

אונמעגליך. א באשרייבונג וועגען דעם, וואס דארטען איז פארגעקומען, וואלט זיין אזוי בלייך. עס זיינען דא אזעלכע פאסירונגען, וועלכע זיינען צו גרויס מען זאל זיי קענען איבערגעבען. עס וואלט זיך באקומען א צייטונגס־באריכט, פון וועלכען מען וואלט קיין אהנונג ניט באקומען וועגען דער שאנדע און דעם גרויל. א ל ץ, וואס אייער פאנטאזיע זאל אייך ניט אפמאלען — און מאגט איהר זיין דער באזיצער פון א קראנק־צוהיצטער פאנטאזיע — וועט זיין שוואך, בלייך קעגען דעם וואס איז אין דער ווירקליכקייט פארגעקומען.

וועלען מיר דאריבער נעמען דאס אייגענע היימישע לאנד, דארטען זענען די באציהונגען געווען „נארמאלער“ און מענשליכער, און עס לאזט זיך דאריבער באשרייבען און כאטש א קנאפען באגריף וועגען זיי קריגען.

עס האט מיר דערצעהלט מיין פריינד, א סאלדאט א צוריקגעקומע־נער, מיט וועמען איך פלעג אבענדען גאנצע אין די באראקען פארברייי־גען:

— אבענד. טונקעל אדער ליכטיג. שעהן אדער רעגענדיג. א וואַ־סער־רעגען אדער א פייער־רעגען. הימעל־בלוי, אדער בליי. ווען די סאל־דאטען געפינען זיך אין די ערהאלונג־קעמפּס, א שטיקעל מהלך הינטער די טרענטשעס, וואו זיי רוהען זיך אוים נאך אן ערשט דורכגעקומענער שלאכט, אדער גרייטען זיך צו צום ווייטערדיגען געשלעג.

אין אבענד הויבען זיך אן ציהען איינציגע, פארלעך, קופקעס, גרו־פען, שערענגעס, מחנות סאלדאטען, זיי ציהען זיך צום נאהענסטען דארף, שטאדט און ישוב. מען געהט אין זוכעניש נאך ליעבע.

מען קומט אן צום פלאץ. א הויז — א קליינס, פון צוויי עטאזשען. א סך מאל רואינירט און חרוב געווארען דורך באמבעס און שראפּנעל. סאלדאטען — א סך, מיידלעך צו ווענינ. אמאל בלויז — צוויי־דריי. ווארט מען שעה־ווייז אויף נעקסט. מען שטעלט זיך אוים אין „ליין“, אין רייע. עס הויבט אן פליוכען אמאל א רעגען — שטעלט מען אן די קאלנערס. מען קוקט ניט פארגינערריש און חיה'דיג ווי אן אפיצער געהט אריין אין הויז, ניט אכטענדיג די „ליין“.

דא, מעהר ווי אומעטום, טרעפט עס אז די מיליטערישע דיסציפ־לין ווערט געבראכען.

אט אזוי שטעהט מען דורך אבענדען, דורך נעכט, דורך רעגען, דורך שטילקייט.

אין פראנקרייך — זיכער איז עס דאסזעלבע אין אלע אנדערע לענ־דער, וואס זענען באריהרט געווארען פונ׳ם קריעג, נאר אין פראנקרייך האבען זיך דאך די גרעסטע ארמייען, פוןביידע צדדים, קאנצענטרירט — הערשט איצט א גרויסע אויסגעלאסענהייט, דערהויפט הינטער די „ליינס“. פארשטעהט זיך, אז די סאלדאטען שפילען דא א וויכטיגען פאקטאר, ווענערישע קראנקהייטען זענען פארשפרייט אין אן אומגלויב־ליכער מאס. פון איינעם א רעגימענט, וואס איז שוין צוריק אהיים געקו־מען, זענען גאנצע זיבען הונדערט סאלדאטען אין פראנקרייך איבערגעלא־זען געווארען. זיי זיצען ארעסטירט און אפגעזונדערט אין א „גארד הויז“. ביז וואנען עס וועט מעגליך זיין זיי אויסהיילען פון זייער קראנקהייט, פון וועלכע א גאנץ גרויסער פראצענט איז ניט צום אויסהיילען.

וועגען דעם שרייבט מען ניט. דא איז ניטא קיין „רוהם“. דאס איז איינע פון די טונקעלע זייטען — וויפיל זענען עס דא ליכטיגע זייטען? — פונ׳ם קריעג, וועלכע ווערט פונ׳ם זייטיגען אויג געהאלטען אין פאר־הוילעניש און אין דער געשיכטע ווערט דאך זיכער וועגען דעם ניט דער־צעהלט...

די געשלעכטליכע אויסגעלאסענהייט און אונצוכט, האט זיך דארטען פארשפרייט אונגעהייער. נאך גאר יונגע מיידלעך, פון 13—14 יאהר, זענען אנגעשטעקט מיט די מיאוס׳ע קראנקהייטען. פאר א צוויי־דריי־פיער פראנק קריגט איהר זייער ליעבע.

עס פארשטעהט זיך, אז אין א סך פעלען זענען אויך דא הונגער־מאטיוון. אבער ביי גאר א סך — געשלעכטליכע קוריאזיטעט, וואס איז קריינקליך צורייצט געווארען, אלס א רעזולטאט פונ׳ם טיפען קריעג.

די קליינע מיידלעך איבערהויפט פלעגען די סאלדאטען רייסען ביי די פאלעס. מיין חבר דערצעהלט מיר:

— ער איז געשטאנען אויף א פאסטען. עס האט גערעגענט — א

גום רעגען. די ביקס האט ער געהאלטען אונטער'ן פאנטשא — אזא סארט רעגען־מאנטעל. — ער דערהערט טריט. ער ווערט אנגעשטריינגט. פון אויף יענער זייט ווינקעל פון דעם שפייז־שפייכלער, וועלכען ער האט באוואכט, ציינט זיך א צושוואומענע פארדעגענטע פיגור. ער שטעלט אן די ביקס — „האלט", ער וועט שיסען.

דאס איז געווען בלויז א מיידעל, א קליינע מיידעל פון א יאהר דרייצעהן. זי באט זיך איהם אן צוויי פראנק. דער סאלדאט אנטזאגט זיך. אורזאך — און איינפאכע: פאר פארלאזען דעם פאסטען, אויב מען כאפט נאר, ווערט מען גע'משפט אין פעלד־געריכט, און א טויט־שטראף איז מעגליך. די מיידעל באשטעהט. זי וועט עס אראנזשירען דא אויפ'ן פלאץ. דער סאלדאט קווינקעלט זיך. די מיידעל, אלס אן ענדגילטיגע איבערצייגונג פון איהרע „שעהנקייטען", הויבט דאן איינע נאך די אנדערע אויף איהרע קליידער:

Cher, regardez mes jambes!

און איך האב צו זיך געזאגט, אפשר איז דער פריינד־מאטראז נעכעכט געווען, ווען ער האט מיר געשריבען:

—„און איך וועל שוין מעהר פונ'ם ים צוריק ניט קומען".

III.

זעמדלער

ווער וועט זיך עס אויף זיי ארומקוקען. און ווער וועט זייערע נעמען יוען־עס־איז דערמאנען?

אפשר, אין א פארווארפענעם דערפעל, אין דעם טומעל פון א גרויסער שטאדט, אין א פלוצלונגדיגער נביאות׳דיגער מינוט, וואס טיילט זיך ארויס פון׳ם טומעל, אין אן אפגעאיינזאמטער שעה, וועלען זיך צוקע. באווייזען אויף מאנכע בלייכע פנים׳ער. און א נשמה וועט א ציטער טאן מיט א ווייטער דערמאנערונג. און א הארץ וועט אנהויבען קלאפען אין דער שטיל.

א נר־תמיד, אן אומגעזעהענער צו די היימישע און נאהענטע, וואס זענען אמאל געווען, און זענען שוין ניטא, און ניט מיט זייער ווילען פארשוואונדען. צו די וואס זענען איינגעוועבט געווען אין דעם אייגענעם לעבען, און זענען ווי א שטיק לעבעדיג פלייש־געוועב ארויסגעריסען געווארען, נאר קליינע ווארצעלעך הינטער זיך איבערגעלאזען.

און די ווארצעלעך וועלען אויך פארשווינדען, און אין די זעלביגע הערצער וועלען אנדערע, לעבעדיגע — „און עס האט א פארטייל דער לעבעדיגער איבער׳ן טויטען“ — שטארקערע שפורען ארייננדריקען. נאר דאס איז דאך דער גורל פון אלעמען. איז עס אויך א טרייסט.

כאטש — פאר דער צייט פארגאנגען.

אבער — די וועלט?

די „וועלט“, די וואס טומעלט זיך איבער די „העלדען“, און בויט זיי — אנסאמבל — טריאומפ־ארקען, מיט אומזיסטע מאהלצייטען זונטאג אבענד, און אפלאדיסמענטען, ווען מען זעהט זיי מארשירענדיג אין ברייטע קאלאנען איבער די גאסען, און אין קינעמאטאגראף. — וואס ווייס די וועלט פון זיי, די פיעלע, די בלוטענדיגע, די זעמדעלער?

מען וועט זיי ניט פארגעסען — מען האט זיי קיינמאָל ניט גע־דיינקט. מען האט גערעדט פון א צושוואומענעם „עפעס". ווי עס וואלט איין מענש, מיט איין פארלאנג און איין איבערלעבונג געוועז, אט די מיליאנען, וואס האבען פאר העכער 4 יאהר אין קויט און בלוט זיך גע־קאטשעט.

די קליינע טראגעדיעלער — גרויס יעדע איינע באזונדער, ווייל אין א סך פאלען אזוי איינפאכ־מענשליך — די פארגאנגענע לעבענס. יעדע איינע — א וועלט.

קיין אבסטראקט ריידען וועגען דעם וועט ניט געבען קיין קנאפסטען באגריף וועגען די טאג־טעגליכע טראגעדיעס און חלום און לעבען צו־שטערונגען — און איז דען ניט דער חלום וויכטיגער פאר'ן לעבען? — וואס זענען פארגעקומען אלס א רעזולטאט פון דער אונגעהויערער מאסען־פארגוואלטיגונג פון מיליאנען באזונדערע און פארשידענארטיגע ווילענס. מען דארף בלויז דערצעהלען און דערצעהלען, קליינע, טאג־טעגליכע פּאַ־סירונגען פון דעם לעבען פונ'ם סאלדאט, סיי אין די קאזארמעס, און סיי אויפ'ן שלאכט פעלד.

בארביוס און לאצקא — די צוויי איינציגע מלחמה־קינסטלער — האבען עטוואס די טירעל פון דעם גיהנום געעפענט און אונז באוויזען מענשליכע לעבענס באלויכטען מיט'ן רויטען בלוט־פייער. און וויפיעל אזוינע בארביוסעס און לאצקאס, מענשען מיט קינסטלערישער ארטיקו־לאציע האבען ניט דערלעבט צו דערצעהלען און צו איבערגעבען דאס, וואס זיי האבען דורכגעליטען? בארביוס און לאצקא — די צוויי דורכ־געלייטערטע זענען דאך אויך ביים שוועל געשטאנען, און בלויז דורך א צופאל אויף ד ע ר זייט געבליבען.

גרויסע מענשען זענען דער'הרג'עט געווארען. גרויס מענשען איז עמבריאָן.

מ ע נ ש ע ן זענען דער'הרג'עט געווארען — און א ל ע מענשען זענען גרויס, און יעדענס לעבען איז פול מיט אלערליי מעגליכקייטען.

ווער האט זיך אויף זיי אומגעקוקט? ווער האט זיי באמערקט?

און שוין יאָ באַמערקט, איז דאָס בלויז צוליב קאַפּיטאַל שלאָגען. פאַר'ן א י י ג ע נ ע ם רוהם. מענשען האָבען זיך באַריהמט גע־מאַכט און אונשטערבליכקייט געוואונען — אויפ'ן חשבון פון די געשטאָר־בענע — די גע'הרג'עטע. ווי געוועהנליך, ווי אַלעמאָל, דורך דער גאַנצער מענשליכער געשיכטע.

נאָר מען דאַרף עס אַלעמאָל איבער'חזר'ן — איז עס ניט קיין „אָרי־גינעלער" געדאַנק! — א ל ע מ א ל, אין א ל ע צייטען, א ל ע מענשען וואָלטען עס גערדאַרפט וויסען.

ו ו ע ן זיי וואָלטען עס אַלעמאָל געוואוסט!

קעניג אַלבערט.

דער שעהנער. דער איידעלער. דער וואויל־ערצויגענער. דער קיניג־אַריסטאָקראַט.

אייגענטליך — אַ שוואַכער מענש. איז קיינמאָל ניט באַרימט גע־ווען. קיינמאָל, פאַר דעם אויסברוך פונ'ם קריעג, מיט גאָרניט זיך באַ־רימט אָדער באַקאַנט געמאַכט. אָבער, זאָגען די גרויסע — און אפילו די גרויסע אין דער וועלט פון גייסט און חכמה — סטייטש, אַ קיניג זאָל זיין אַזאַ איידעל מענש? מיט שעהנע מאַנירען, ווייך־הערציג, קיינ־מאָל קיין פליג אויף דער וואַנט ניט געטשעפּעט? אַ קיניג, וואָס איז ניט קיין דעספּאָט, וואָרפט ניט אומזיסט קיין מענשען אין תפיסה — שוין פאַר דעם אַליין קומט איהם דאָך אַ לויב! ניט פאַר דאָס גוטס, וואָס ער האָט געטאָן — פאַר דאָס שלעכטס, וואָס ער האָט נ י ט געטאָן!

איז קעניג אַלבערט אייגענטליך אפילו ניט גע'הרג'עט געוואָרען. איך ווייס קוים אויב ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרען. און שוואַרץ ברויט און זופּ האָט ער געוויס געהאַט צו זאַט, און קיין לייז דרייי־אינטשיגע, קיין „קודדים", זענען איהם געוויס איבער'ן לייב ניט גע־קראָכען, נאָר וואָס דען — מען האָט ביי איהם „זיין" לאַנד צוגענומען.

נו, האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה אַלבערט, קיניג פון בעלגיען. האָט מען אַרויסגעגעבען דעם מאָנומענטאַלען — און אַלטען סטיל, משניות'דיג דאָס הייסט: לדורות — קעניג אַלבערט־בוך. האָבען אין דעם דאָזיגען בוך

אנטייל גענומען ניט בלויז גרויסע פּאָליטיקער און שטאַאטס מענער, — אזויגע, פאר וועמען קיין איינציגע לעבענס, קיין מענשען, עקסיסטירען ניט, נאר וועלכע ווייסען בלויז פון גרויסע צאהלען, פון ארמייען, פון גוואלטיגע נומערן, ווי עפּעס א י י ן פיעל אבר׳דיג באשעפענים — נאר עס האבען אנטייל גענומען אויך, און גאנץ אנגעזעהן, פּאעטען, קינסטלער, מענשען פון גייסט, פאר וועמען יעדעס איינציג לעבען איז א יש, א וויכטיגקייט, און אוצר, א וועלט פאר זיך.

איז דארטען דא אנאטאל פראנס, מילא, א פראנצויז. אייגען בלוט. אבער אט — קופּרין! און, דוכט זיך, אויך מערעזשקאָווסקי. און אלע צאהלען צינש, און זינגען הללויה, צו דעם קעניג, צו אלבערט׳ן, וואס האט זיך אויסגעצייכענט מיט דעם וואס ער האט געהייסען די בעלגיער, זיי זאלען ניט דערלאזען, אז מען זאל צונעמען „זיין" לאנד.

און זשאן? און אנרי? און מישעל? און אלע ד יוועלכע זענען דער׳הרג׳עט געווארען, אומגענשליכע וואונדען געקראגען, ניט קיין ערד־ליבע ליידען דורכגעטראגען, און ביי וועמען מען האט טאקע זייער לאנד און היים — ז י י ע ר ע אהן געגזענפּיסלעד — צוגענומען? וואס איז וועגען זיי? האט מען אויך צום אנדיינקען פון זייער נאמען ביכער ארויסגעגעבען?

איהר וועט זאגען: קיניג אלבערט איז דער סימבאל פון דער פּאַרווים־טער און הרוב־געווארענער בעלגיען.

זאג איך אייך:
עס איז א ליגען!
ער איז א סימבאל — נאר פון גאר עפּעס אנדערש!

דארף מען דערצעהלען, ווי ווייניג מענשליכע לעבענס ווערען גע־שאצט אין מלחמה־צייטען דארף מען דערצעהלען, ווי איינצעלנע און זייערע ווילענס ווערען פארגוואלטיגט אויף שריט און טריט, מיט אדער אהן נוצען, צוליעב אדער אהן נויטווענדיגקייט, בלויז צוליעב דעם, וואס די וואס קריגען שוין אריין די מאכט אין די הענט, ווערען דורך דעם פאר׳שכור׳ט און ווילד, און געברויכען זי, די מאכט, צוליעב אייגענער הנאה?

מען דארף נים — און מען קען נים. צוליעב פארשידענע סבות — אינערליכע און אויסערליכע.

טאקע, וואס זענען יחידים אין דעם לויף פון דער וועלט־געשיכטע? וואס פאר א ווערט האבען איינצעלנע, ווען דער וואויל פון דער מענש־הייט — אמור אויב איך זוים גענוי, וואס מען מיינט מיט דעם ווארט — איז אין קאן? אבער די וועלט — די וועלט ווערט דאך א בעסערע!

ניינא. לאזט מיך צורוה מיט דעם וואויל פון דער מענשהייט. ער איז נאך דערוויל נים קאנטיג, און עס זענען נימא נאר קיין אויסזיכטען. אז די וועלט זאל עס בעסער און וואוילער ווערען אין דער נאהענטער צוקונפט און זיכער נים — אלס רעזולטאט פונ׳ם קריעג.

נאר — אפילו אז יא?

וויל איך נים, אז דער וואויל פון דער אומבאשטימטער מענשהייט זאל געקויפט ווערען מיט׳ן בלוט פון באשטימטע לעבענס, ווען אפילו עס וואלט גויטיג געווען.

די וועלט, די „מענשהייט" איז נאר קיינמאל נים בעסער געווארען נאך אזעלכע גוואלדיגע בלוט־פארלירונגען, ווייל וויפיעל אזעלכע בלוט־פארלירונגען האט די „מענשהייט" שוין דורכגעמאכט — און איז זי בעסער געווארען? און די מענשען גופא — ווערען זיכער נים בעסער, איידעלער און גייסטיגער.

אפשר — קליגער בלויז. וואס דאס איז נאר נים אזא מעלה.

נאר דאס איז אויך א גרויסער ספק. ווילדער ווערען זיי, און נקמה־דורשטיגער — דאס יא.

אין דער הקדמה צו איינעם פון זיינע ביכער, שרייבט דער קינסט־דער־פילאזאף לארד דאנסאני:

“And do not regret the lives that are wasted amongst us, or the work that the dead would have done, for war is no accident that man’s care could have averted, but is as natural, tho’ not as regular as the tides; as well regret the things that the tide has washed away, which destroys, and cleanses, and crumbles, and spares the minutest shells.”

.אַס איז שוין פילאָזאָפיש. ניט קינסטלעריש. דער פילאָזאָף איז אַלעמאָל רוהיג, און צופרידען. ער ו ו י י ס. ער אַרבייט זיך סוף־כל־סוף אויס — איך רייד ניט פון די „פילאָזאָפירענדע“. וואָס קומען שוין אויפ׳ן פאַרטיגען, און באַגנוגענען זיך מיט׳ן געבאָרגטען, און אַליין ניט דורכגעוועהטאָגטען — אָבער אַפילו דער אמת׳ער פילאָזאָף אַרבייט זיך סוף־כל־סוף אויס זיין וועלט־סיסטעם, זיין לעבענס־אַנשויאונג — איז באַרוהיגט זיך. אַלע פאַסירונגען נעמט ער אַריין אין די אָפטען שמאָלע ראַמען פון זיין געבוי. ער פאַסט זיי שוין אַריין. ער הובלעוועט זיי אַרום, ביז וואַנען די ראַם, וואָס ער האָט אויף צו אַפריהער געמאַכט, פאַסט זיך אַז אויפ׳ן בילד.

ער ווייס. ער איז רוהיג.

ניט אַזוי דער קינסטלער. ער איז שוין גאָרניט אַזוי זיכער. ער האָט שוין זיינע ספקות, ווען אַפילו ניט אַלעמאָל אויסגעדריקטע. ער האָט זיך זיינע טעג פון יאוש.

אפשר מעהר טעג פון יאוש, ווי טעג פון גלויבען. און אין דעם ליכט פון דעם וואָס איך האָב געזעהען און דורכגעלעבט אין מלחמה־צייט — ניט „סוב ספעציע עטערניטאַטוס“ — קען איך ניט איינזעהן „ווי דעם ים־צוגוס האָט גערייניגט, און אָפּגעהיט די קלענסטע ים־מייער־לעך“.

זאַכען, וואָס איינער האָט אַליין באַמערקט און דורכגעלעבט, קריצען זיך איהם איין אין זכרון טויזענט מאָל שאַרפער, ווי זאַכען און איבער־לעבונגען, מעגען זיי זיין ווי גרעסער, שוידערליכער און וויכטיגער — אינ׳ם אַבסאָלוט — ווענען וועלכע ער האָט בלויז געלייענט.

די פאַקטען, וועלכע איך וואָלט דאָ געקענט דערצעהלען פון מיין אייגענער ערפאַהרונג, כדי צו דערווייזען די ריכטיגקייט פון מיין טעזיס זענען מיר זעהר נאָהענט. און האָבען אויף מיר אַ וועהטאָגדיגען און דויערנדיגען איינדרוק געמאַכט. אָבער פאַר אַ זייטיגען, פאַר אַ פרעמדען, וועלכער האָט געלעזען, למשל אַזעלכע ביכער, ווי באַרביוס׳עס און לאַצ־קאָ׳ס, וועלען זיי אפשר אויסקוקען בלייך און געוועהנליך. איז שוין בע־סער גאָרניט אָנהויבען.

ניט אַפילו ווענען אַ געוויסען טויט אין אַ געוויסען ערב־שבת.

IV.

דער טאָג פון רעכנונג

ער איז נאָהענט. ער איז שוין דאָ.
אומעטום. איבער דעם גרעסטען טייל וועלט.
קיין גערעכטיגקייט זעהט זיך נאָך אפילו ניט אין ערגעץ.
עס ווייזט אויס, — אומרעכט ווערט מיט אומרעכט אפגעוואשען.
און מארד — דורך מארד.

טויט. ווייסער, שווארצער, רויטער — וואס איז די נפקא־מינה?
ס'איז טויט. ס'איז א פאר־דער־צייט אפגעשניטענער לעבען. ס'איז בלוט. און ס'איז רויט.

פאר די טויט־זינד, די באגאנגענע — איז אפשר די שטראף נאָך צו מילד.

כרת. נאָר אין די הענט פון מענשען.

ס'איז אבער מילד. די ג א נ צ ע וועלט האט דאך נעקענט זיין חייב כרת!

און די וועלט, ווייזט אויס, וועט קיין דערלייזונג ניט געפינען, ביז דאס אומשולדיג־פארגאסענע בלוט וועט מיט'ן שולדיג־פארגאסענעם בלוט אפגעוואשען ווערען.

און אפשר — טאקע מיט אונשולדיגען?

עס דערצעהלט רבי יהושוע בן קרחה:

— איז איין טאָל האט ער, דער רב־טבחים נבוזראדן, אויסגע־הרג'עט צוויי הונדערט און עלף רבוא מענשען, און אין ירושלים האט ער אויסגעשאכטען פיער און ניינציג רבוא מענשען אויף איין שטיין, ביזקעל זייער בלוט האט פארפלייצט און דערגרייכט צו זכריה הנביא'ס בלוט.
און זכריה הנביא'ס בלוט האט געהאלטען אין איין זידען.

— האט ער נעבראכט די גרויסע און די קליינע סנהדרון, און זיי נעשאכטען אויפ'ן בלוט — און ס'האט זיך ניט איינגעשטילט. נעקוילעט בחורים און בתולות — און ניט איינגעשטילט. נעשאכטען שוהל־קינדער — און אלץ ניט איינגעשטילט."

און מעהר ווי איין זכריה הנביא'ס בלוט איז אין די טעג פארגאסען נעווארען.

V.

רוה

דאָס קליינע, דריי־אותיות'דיגע וואָרט...

דער שטילער געפיהל פון א זיד ניט־כוואַליענדיגען געמיט, פון אן אבענדיגען שווייגען! אויפ'ן לאַנד, פון א רוהיגען שווייגען, פון אן א י נ ע ו ו י י נ י ג ט ע ן שווייגען...

רוה, רוה, רוה.

ווי גוט עס וואָלט מיר געווען, ווען איך ציה אוים מיינע פים איבער א גראָז, אדער איבער א זאַמד, און פאַל אריין אין א רוהיגער ניט־טראַכטענדיגקייט.

גארנישט איז געווען, גארנישט קומט פאר. עס איז א חלום בלויז, א בייזער חלום פון א קראַנק־צורייצטען'ס דמיון...

און דער חלום וועט פארשווינדען, ווי אלע בייזע חלומות. נייז, ס'איז דאָך אבער ניט קיין חלום! חלומות זענען גוטע און צוזאַגענדיגע! אבער — די דערוואַכונג... און איצט איז די דערוואַכונג, די דערוואַכונג פון פאר'חלומ'טע איינצעלנע צו דער ווירקליכקייט.

אבער איך — עגאָאיסטיש — מענשליך וואס איך בין — וויל פון קיין זאך שוין מעהר ניט וויסען! וויל בלויז איין זאַך, דריי זאַכען:

רוה, רוה, רוה.

אין א פריהמאָרגען האָט מען אונז ארויסגעמארשירט פון קעמפ אויף א „הייק“, א שפּאַציר־גאַנג איבער'ן ארומיגען לאַנד. דאָס איז געווען באַלד נאָכ'ן קאַראַנטין איבער דער אינפלוענציא. און מיר זענען געגאַנגען איבער די זאמדיג־גאַלדענע וועגען, און געזונגען, און ניט גע־

טראכט ווענגען, דעם וואס מען וועט אונז די טעג אפשיקען נאך פראנק־רייך, צו א מענגליכען טויט.

מיר זענען געגאנגען און געגאנגען, ווייל מיר האבען א טעם פון באפרייאונג פארזוכט.

און מיט אמאל האט מיין הארץ אויפגעשאלען אין מיר, און א גרויסע אומבאשרייבליכע פרייד האט מיך ארומגענומען, און מיינע אויגען זענען פייכטיג־ליכטיג געווארען, און איך האב חדוה׳דיג אויסגעשריען:

— א הויז! א הויז!

עפעס עהנליכעס צו מיין פרייד האט געמוזט זיין קאלומבוסעס, ווען ער האט מיט א פיער הונדערט יאהר צוריק אויסגעשריען:

— לאנד! לאנד!

פון צווישען די ביימער האט זיך א ווייס, שטיל הויז ארויסגעוויזען, מיט גלאנצענדיגע, קלארע שויבען, באצווייגענע מיט ווייס־שנייאיגע פאר־האנגען, און א וועראנדא איז געווען ארום הויז, און א שטילע פרוי איז דארטען ארומגעגאנגען, און א קינד האט זיך אויפ׳ן גראז לעבען איהר געשפיעלט, און דאס גראז, ווי דאס הויז, איז געווען מיט׳ן פריהמאר־גענדיגען זון־ליכט באגאסען.

שוין, חדשים־לאנג קיין הויז ניט אנגעזעהן, קיין וואוינונג פון דער ציווילער פרידליכער באפעלקערונג. די שעהנקייט פון א הויז, פון א שטילען הויז אין פעלד! און פון דעם הויז, וואס איך האב אין מיטען פעלד אנגעטראפען, איז א רויך פונ׳ם קוימען געגאנגען. מענשען רוהיגע הא־בען דארטען געוואוינט.

איך בין געגאנגען און האט געזונגען:

— א הויז! א הויז!

און איינמאל האב איך „אטפוסק" איבער נאכט געהאט. איך האב אפילו קיינעם אין שטאדט ניט געוואוסט, און ניט געהאט צו וועמען צו געהן, נאר איך האב דעם „אטפוסק" גענומען בלויז צוליעב דעם, כדי איך זאל קענען שלאפען אין א האטעל, אין א ריינעם בעט.

און פאר׳ן שלאפען, אז איך האב אויפגעהויבען די קאלדרע, און דערזעהן פאר זיך די ווייסקייט פונ׳ם בעטגעוואנט, און די גלאטקייט

פונ'ם ליילעך, האב איך נים געהאט דאס הארץ די ריינקייט צו צוקנייט־שען. נאר איך בין צוגעפאלען צום בעט, און שיער נים געוויינט פון גרויס פרייד איבער דער שנייאיגער ריינקייט. און שעה'ן לאנג בין איך אויף די קניע געשטאנען. און מתפלל געווען צום ווייסען בעט.

און וואס געהט מיך אן דער גאנצער משוגע'נער טומעל? איך האב מיך נים צוליעב וואס צו שלאגען, ווייל מיר פעהלט איים גאנץ ווייניג: בלויז א שטיל הויז און א ווייס בעט.

איך לאז מיך טראגען דורך יעדען מעגליכען ברעקעל טרייסט, דורך יעדען שאטען־בליץ פון האפנונג.

איך וויל אזוי אפגענארט ווערען! איך האב נאך א לאנגען לעבען פאר זיך... און ווי אזוי וועל איך ווייטער לעבען? די איצטיגע פאסי־רונגען אין גאנצען פון נעדעכעניש ארויסרייסען? אונמעגליך. זיך איבער־בעטען מיט זיי, זיך צוגעוואוינען צו זיי, און מיט א שטילען טרויער ווייטער לעבען?...

כאטש א ברעקעל טרייסט, א ברעקעל האפנונג!

און אז איך בין איינמאל אין אן אבענד שפאצירען געגאנגען, האב איך מיך אנגעשטויסען אן די טרענטשעס און גראבענס ארומגערינגעלט מיט שפיציגע דראטען, און זאמד, און די מיט שטרו־געשטאפטע זעק פאר באנגעטען — פראקטיק, און צווייגען, און אננעקליבענע שטיי־נער. פון צווישען די אפגעטריקענטע צווייגען און שטיינער — דער פלאץ איז שוין געווען א פארלאזענער — האבען זיך דורכגעשלאגען גראזען און פעלד־בלומען, כאטש עס איז געווען שוין שפעט־הערבסט. און דאס פעלד איז א גאנצען זומער געטאפטשעט געווארען פון די סאלדאטסקע פיס. פון די צופוילטע שטריי־זעק. צולעכערטע דורך די באגנעטען, האבען פון די לעכער א פאר פארבלאדזשעטע פענזים ארויסגעוואקסען. איהר ווייסט דאך, ווי איידעל א פענזי־בלום איז?

און נאכ'ן גרויסען חורבן, וועלען בוימער ווידער וואקסען, און קריי־טיכצער בליהער נאך בעסער — אזוי פיעל בלוט און איבערגעפוילט מענ־

שענ־פלייש איז אין דער ערד. אויף די פעלדער. וועט סטאַיען מענשענהנאַי אויף דורות.

גרויסע חורבנות און פאַרוויסטענישען זענען דאָך שוין אַ סך מאָל פאַרגעקומען. און ווידער האָבען זיך די וואונדען פאַרהיילט. און די שלעכטע זכרונות זענען אָפּגעמעקט געוואָרען. און מען האָט ווייטער געשמייכעלט. און געבוים. און געהאַט קינדער.

און אזוי איז עס געווען. און אזוי וועט עס ווייטער זיין.

און דאָס איז דער גרויסער שרעק.

ווייל מענשען פאַרגעסען זיך. און דאָס איז נויטיג. און האַלט אויף און מאַכט מעגליך דאָס לעבען. און אין הונדערטער יאָהרען וועלען פאַרגעהן, און אפשר בלויז צעהנדליגע, וועלען זיך הייטלען איבער די וואונדען. און געפעל־פאַרגעסעניש איבער די זכרונות פאַרציהען.

און אַ נייער דור וועט אויפשטעהן, וועלכער איז דורך די העלעדישען, וועהטאָגען און פיין פון מלחמה נ י ט דורכגעגאַנגען. און ער וועט דאַרפען אנהויבען די מענשליכע געשיכטע פון דאָס ניי.

מיר האָבען ביז אהער קיינמאָל ניט און גאָרנישט ניט אָפּגעלערענט פון אונזערע פאָטערס ערפאַהרונגען. און אונזערע קינדער וועלען גאָרנישט פון אונז אָפּלערנען. און זיי וועלען אַלץ אַנהויבען, און אַלץ דורכגעהן פון דאָס ניי.

און מען וועט זיך אָן אַלץ פאַרגעסען. ווי מען האָט עס געטאָן ביז אהער. און הייזער און שטעדט און דערפאַר וועלען צוריק אויפגעבויט ווערען. און די האָפנונג וועט צוריק אויפשיינען. און די דורות וועלען ווייטער פאַרטגעזעצט ווערען — און ווידער וועט בלוט אומזיסט פאַרגאָסען ווערען. און עהנליכע הריגות וועלען פאַרקומען, און מען וועט זיך ווייטער טרייסטען. אז דאָס איז שוין צום לעצטען מאָל, ווייל מיר פאַרגעסען זיך.

אָט דאָס איז די טרייסט. אָט דאָס איז דער שרעק.

לידער:

זישאָ לאַנדוי.

נחום י.

י. סלאָנים.

ג. גראפשטיין.

ב. ביאַלאָסטאָצקי.

זישאָ לאַנדוי.

מלכה שבת.

קומט צונעהן די מלכה שבת
בונט אזוי וו'א רעגענבויגען;
די אראָפּגעלאָזטע אויגען
פול מיט תאוה גליהען, ברענען, —
קענסט אין טומטום'ס אויג דערקענען,
אז ס'איז דאָ די מלכה שבת.

ווען עס קומט די מלכה שבת,
פינקלען אויף די אויגען ווידער,
וואכיג ווערען דיינע גלידער,
און אין אלע, אלע עקען
הויבט מיט ווייבער פלייש אָן שמעקען,
ווען עס קומט די מלכה שבת.

ס'ארא רחבת, מלכה שבת,
ברענגסט מיט זיך אין אלע זייטען;
יעדעס הארץ וויל זיך צעשפרייטען,
וויל זיך מעהרען און פארמעהרען,
און אין רויך פון די באגעהרען,
ווערסט פארברענט דו, מלכה שבת!

א תימן.

לבנה — דו פארקערפערונג פון טוגענד,
ווי גנעדיג שפאנסטו אין דיין שטערען קרייז;
דו קוקסט אראָפּ, ווי אויף דער ליעבער יוגענד,
קוקט שמייכלענדיגערהיים דער קלוגער גרייז.

א דאמע, וואָס פאראַרימט איז געוואָרען,
דאָך אין איהר יעדען ריהר איז ווירדע דאָ!
אויך איך בין אין דער אלטער וועלט געבאָרען,
און איהרער בין איך ביז דער לעצטער שעה!

אַ, וועלט פון מאָרד, פון אומגליק און פון פּיינען,
עס איז דיין קבר שוין פאַר מיר געגרייט. —
דאָך קומט מיין שעה, זאָלסטו פאַר מיר ערשיינען,
באוויַיז זיך כּלה, חלום אין מיין פריַיד!

דערווייל איז גוט מיר דאָ אויף דער וועראַנדע
אַרום די בערג — ווי זיילען טויטע רוה,
און גוט איז מיר, וואָס איך בין זישא לאַנדוי,
און גוט איז אַלעס, וואָס איך טראַכט און טו!

ענדע יולי, קוני אײלאַנד.

אַ, קיהלע טעג אין ברענענדיגען יולי!
ס'איז אונערטרעגליך היים און מיט אַמאָל
דאָס וועטער בייט זיך, און אַ קיהלקייט
נעמט דורך די לופט און דיינע גלידער.
די ליבע פרויען טון אָן זיך ווארעמערע קליידער
און מילדער ווערען זייערע אויגען
און מיט אַזוי פיעל ליבע קוקען זיי אויף דיר
אַז אַלץ דאָס גוטסקייט, וואָס עס ליגט אין דיר
פון דיר און אַלעמען פאַרבאָרגען,
געהט פון באהעלטעניש אַרויס און יעדער
וואָס האָט דיך ביז אהער געקאָנט, דערקענט דיך ניט.
און (ווי איך האָב 1916 אין אַ ליד געזאָגט:)
דו רעדסט אזוינע רייד, וואָס קיינמאָל האָסטו ניט גערעדט,
דו זעהסט אזוינס, וואָס קיינמאָל האָסטו ניט געזעהן
און אַלץ צו וואָס דו ריהרסט זיך צו איז וואונדער,
באמת וואונדער.

נחום י.

פראגמענט.

עס ווערען לענדער תרוב און עס ווערען שטעט פארוויסט,
בלויז שטעכעדיגע פלאנצען וואקסען אוים אויף זייער מיסט.
און דארטען צווישען ברוך פון ציגעל און פון אלטען ליים
געפינען פאר זיך עקדישען און פלעדער־מייז א היים,
און צווישען שטיינער שלייכט נאר דורך א הונגעריגע שלאנג.
און וויסט איז דארט עס הערט זיך ניט קיין לעבעדיגער קלאנג;
בלויז ווינטען יאגען, ראנגלען זיך און וויינען אין דער נאכט,
און אויף אן אלטען אבעליסק א סאווע זיצט און לאכט...

מיין באגלייטער.

א נאכט בין איך פון גאס צו גאס ארומגעלאפען,
און אומעטום האב איך דעם בלייכען שרעק געטראפען.
געקוקט האט ער אויף מיר פון אלע בלינדע ווענט,
און אויסגעשטרעקט צו מיר די קלעפיג־קאלטע הענט.

איך האב פון איהם אין ערגעץ ניט געקאנט אנטלויפען —
נאך מיר האט ער געיאגט זיך איבער מערק און הויפען.
גענומען האב איך שרייען אימה׳דיג און ווילד,
האב איך זיין שווערען אטעם אויף מיין האלז דערפיהלט.

א ווארף געטאן זיך האב איך אויף דער ערד א מידער
און האב איהם באלד דערפיהלט אין אלע מיינע גלידער.
זיך אויפגעהויבען האב איך — און אין פעלד אוועק —
נאר נאכגעגאנגען שטום איז הינטער מיר דער שרעק.

און ווען דער מזרח האָט גענומען ווערען רויטער, —
האָב איך דערזעהן דאָס בלאס געזיכט פון מיין באגלייטער
און אויפ'ן אָרט, צעמישט, בין איך געבליבען שטעהן:
דערקאָנט אין מיין באגלייטער האָב איך זיך אליין.

מיין לעבען.

ווי דער פליהענדיגער פונק
פון דעם ברענענדיגען פלאם,
איז מיין לעבען.

ווי דער בעטענדיגער רוף
פון די שיפען אויפ'ן ים, —
איז מיין לעבען.

קינד און קייט.

גארבען, גארבען,
ווער וועט ארבען
מיינע גארבען
נאָך מיין טויט?
— קינד און קייט.

און די קווייטען
פון די בייטען
קווייטען, קווייטען
בלוטיג רויט?
— קינד און קייט.

וועמען פרעהען
מיינע וועהען,
וועמען פרעהען
וועט מיין טויט?
— קינד און קייט.

י. סלאָנים

1.

ז [illegible]יינער, ווילדער פייער פון'ם זומער
האָט אויסגעברענט. א נעביל נאָס און שווער
האָט זיינע לעצטע פלאַמען אויסגעלאָשען
און אויסגעלייגט זיך ווי א טויטער מעער...

איז ווער דאַ ביינאַכט ארומגעגאנגען,
איינער ווי דער שאָטען פון דעם טוידט,
טרויעריג צו יעדען בוים געמורמעלט:
„באלד וועט איהר שוין זיין דאַ איינגעשנייט..."

האָט א קראנקער שרעק אויף אלע ביימער
אויסגעשפרייט זיך אין'ם פעלד און וואלד,
געהט א גראָהער ווינט אויף בערג און טהאלען,
טראָגט א זאָק מיט אַש און אָטהעמט קאלט...

האָט דער גראָהער ווינט היינט נאכט גענעכטיגט
ביי מיר אין הויז. א שרעק אויף מיר געוועהט.
דעם פייער אין מיין הארץ האָט ער פארלאָשען
און הורבעס אַש ביי מיר אין הארץ פארשפרייט...

2.

נעכטען איז עפּעס געשעהן אין'ם וואלד,
כאָטש קיינער האָט קיינעם געזעהן.
פריהמאָרגען האָט זיך א געיאָמער דערהערט,
דער וואלד איז געוועזן אזוי דאָר, אָפּגעצעהרט,

און יעטווידער בוים איז געשטאַנען פארטרעהרט,
און קיינער האָט קיינעם געזעהן.
עס זענען נאָר ריזיגע פוס־טריט
צווישען די ביימער געוועזן...

און שטיל איז איצט ווידער געוואָרען אין וואלד,
די שטילקייט וואָס איז אזוי שווער.
אפילו די קראָה האָט קיין לוסט צו געזאַנג,
און ס'דאכט זיך אז אלץ איז שוין טויט אזוי לאַנג,

און קיינער קומט מעהר ניט אהער.
דאך ווערען די ריזיגע פוס־טריט
אלץ מעהרער און מעהר...

3.

איך הער אין מיין גאַרטען די פוס־טריט פון ווינד.
ער וואקעלט זיך גלייך ווי א מענש וואס איז בלינד,
ער בלאָנדזשעט ארום אויף די וועגען און שטעגען,
עס טריפט פון די אויגען איהם קאלט־גראָהער רעגען...

איך צינד אן דעם גאַז־לאָמפּ ביי מיר אין׳ם הויז,
ס׳ווערט ליכטיג, דאך ס׳געהט ניט דער אומעט ארויס.
איך הער אין דער שטילקייט א וויינענדע שטים,
איך זעה ניט דעם וויינער נאר ס׳הארץ גיט א גרים...

די בלומען אין גאַרטען זיי בויגען זיך איין,
די ביימער זיי פיהלען זיי מיט זייער פּיין,
דער ווינד־רעגען פאַלט אויף זיי אלע אראָפּ,
עס קריכען די האָר זיי ארויס פון׳ם קאָפּ...

איך הער אין׳ם גאַרטען די פוס־טריט פון ווינד,
עס האָט מיין נשמה דערפיהלט איהרע זינד.
איך הויב אן צו פייפען א לוסטיג געזאנג,
און הער אין מיין פייפען: ניט לאנג שוין, ניט לאנג.

איך געה צו צום פּיאנא, פּרואוו „רעג־טיים" אויף איהר,
פּיליכט וועט דער אומעט אנטלויפען פון מיר,
נאר כ׳הער אלץ אין גאַרטען די פוס־טריט פון ווינד.
עס האָט מיין נשמה דערפיהלט איהרע זינד...

4.

שעהנע, לעצטע שעה׳ן פון׳ם שטארבענדיגען זומער,
שעהן איז אייער זיי־געזונד און שעהן איז אייער קומער.
ליעב האָב איך אליין צו געהן דורך אלע פּארק אלעען,
ווען פארביי־רייך און טרוימענד־שטיל די זומער־טעג פארגעהען,
ווען רויט־קאָלירטע בלעטער הייבען אן אין לופט צו וועהען...

לאנג קען ניט דער זומער מעהר מיט אונז, מיט אונז פארבלייבען,
ער הייבט שוין אויף זיין ווייטען וועג זיך לאנגזאם אן צו קלייבען.
איך פיהל שוין אין מיין הארץ אז ער האט שוין זיין הארץ פארלארען,
איך הער זיין שטום געוויין... ער האט זיין גליק שוין אנגעווארען,
ווי איך האב מיינע זומער־טעג, די שעהנסטע אנגעווארען...

דאך ליעב האב איך אליין צו געהן דורך אלע פארק־אלעען,
ווען פארביג־רייך און ביינקענדיג די זומער־טעג פארגעהען,
ווייל שעהן זיינען די שעה'ן פון'ם שטארבענדיגען זומער,
און שעהן איז זייער זיי־געזונד און שעהן איז זייער קומער.

5.

ס'איז איינער געגאנגען דא היינט פארנאכט
טרויעריג־געבייגען,
מיט וויינענדע שאטענס באהאלטען אין ברוסט,
מיט שרעק אין די אויגען...

איז געל־גראה דער הימעל געווארען. איז געל
די לבנה פארשוואונדען,
האט עפעס אן אומעט זיך שווער אויפגעפרעסט
אזוי־ווי אין וואונדען...

איז פלוצלונג פון יעדווידער זייט פון'ם פעלד
א נעביל געקומען,
און שנעל איז געווארען דער הימעל, די ערד
מיט נעבלען פארנומען...

און איך בין אין נעבעל־געפלאנטער אריין,
פארשלונגען געווארען,
און איך האב אין געל־גראהען נעבעל־געמיש
מיין נשמה פארלארען...

ג. גראַפשטיין.

וויזיאָנען.

I

שוואַרצע שמעטערלינגען
מאַכט א קרייץ אויף מיינע אויגען,
לאָזט אזוי מיך ליגען,
זאָל די בייזע שעה מיך וויגען
אויפ׳ן שוואַרצען פייער.
א דערלייזטער וויל איך ליגען
אויפ׳ן אש פון פייער.
וויזיאָנען
וויזיאָנען.

II

האַרציג לייכטע גוטע רייד
קומען פון דיין מויל אַרויס,
שפּרייטען ליכט און שטילע פרייד
אין די ווינקלען פון׳ם הויז.

דורך די הערצער, שמאָל און לאַנג
ציהט זיך אזא דין געמיט,
רוהיגט איין, ווי לייכט געטראַנק
אונזער לויטער בלוט וואָס גליהט.

III

מיט דער גלוּיביגקייט פון איהרע פרומע אויגען,
בעט איך גרויסער גאָט ביי דיר:
צו דער גלויביגקייט פון איהרע פרומע אויגען,
האַלט מיך נעהענטער צו איהר.

מיט דער גלוּיבּיגקייט פון איהרע פרומע אויגען,
קוק איך יעדען אין געזיכט;
דורך דער גלויביגקייט פון איהרע פרומע אויגען,
שיינט דיין גאנצע וועלט אין ליכט . . .

IV

א בליץ און א דונער,
א ווינט און א רעגען
און עפּעס א גוטסקייט
אין הארצען נעט רעגען.

אַט גלאנצט אויף פון ווייטען
אין רעגענדען שימער
א כוואליעדיג וואסער
און איך בין דער שווימער.

און צווייגען און בלעטער
פארשווימען אין ווייטען,
עס ווילט זיך אזוי מיר
דעם זומער באגלייטען.

ב. ביאלאָסטאָצקי.

דעם פויער'ס ליד.

גאָט וועט מיין פעלד ניט לאָזען וויסט.

דער אקער בליציג־שארף איז גרייט,
דער אָקס אין שטאל א זאטער שטעהט
און ציהט די פיס צום אקער־שטעג . . .
עס האָט מיין ערד דורך הונגער־טעג
פארשלונגען און אין זיך פארדייט
דאָס ביסעל ווארימע פעטע מיסט,
וואָס איך האָב מיט מיין האנט פארשפרייט
אויף יעדען פאס, אויף יעדען בייט.

גאָט וועט מיין פעלד ניט לאָזען וויסט.

באלד קומט א וואָלקען אָן פון ווייט,
א שפע פאלט מיט יעדען טראָפ
אויף מיין צעאקערט פעלד אראָפ.
עס קרעהט מיין האָהן אין מאָרגען־שטונד,
עס בילט א פריידיגער דער הונט.
גלייך מיט'ן ברויט — וואקסט אויס מיין קינד.
מיין ווייב געהט אום אין שטוב, אין הויף
און הויבט די אויגען פרום ארויף —
זאָל ע ר פון זינד אונז וואשען ריין,

און ניט אומנישט און ניט אומזיסט
זאָל אונזער שווערער טאָג פארגעהן . . .

גאָט וועט מיין פעלד ניט לאָזען וויסט.

דער ברוינער שמעטערלינג.

באַרוהיגט, רוהיג ווי די נאכט, געווען איז מיין געמיט,
ווי ס'טרעפט אמאָל אין קיהלע, שטילע זומערדיגע נעכט.
בין איך אין הויז אריין מיט לייכטע זינגענדיגע טריט,
מיין לאָמפּ מיר אָנגעצונדען — און ס'האָט א העלער שיין
באלויכטען מיינע ווענט, ווי ס'וואָלט יום־טוב זיין.
איז מיט אמאָל פון גאס, פון נאָט — ווער וויים פון וואַן' —
א קליינער, ברוינער שמעטערלינג צו מיר אריינגעפלויגען,
האָט איינס און צוויי און דריי געשווינדעלט פאר די אויגען
און נעהענטער אלץ נעהענטער געצאפּעלט זיך ביים שיין.
און נאָכדעם, ווי אנטוישט — געבליבען שטעהן —
ביים שפּיגעל אויפ'ן וואנט
מיט פליגעלעך צעשפּרייט.
געוועזען איז מיר אויפ'ן הארצען גרינג און גוט,
און רוהיג — ווי די נאכט — געאָטעמט האָט מיין בלוט,
אוי, שמעטערלינג אין דער נאכט, —
פאראיינזאמטער, זיך צאפּלענדער, פארבלאָנזשעטער אהער,
פארוואָס איז מיר געוואָרען אומעטיג און שווער
ווען ס'איז דער קליינער, ברוינער שמעטערלינג צו מיר אריין
דערזעהענדיג אין נאכט מיין זומערדיגען שיין?
אודאי האָט ער זיך אויף וועג און שטעג געצאפּעלט לאנג
זייט זון־פארגאנג —
אלץ זוכענדיג א שיין,
נו, איז ער איצט צו מיר אריין,
האָט איינס און צוויי און דריי געשווינדעלט פאר די אויגען
און נאָכדעם אין א ווינקעל שטיל פארפלויגען
ביים שפּיגעל אויפ'ן וואנט
מיט פליגעלעך צעשפּרייט.

ווער האָט אין זומער־שעה דעם אומרוה מיר געבראכט?
אוי, קליינער, ברוינער שמעטערלינג, אין נאכט. . .

פנחס יאַסינאָווסקי

אידישע מעלאָדיען.

י. טאָפּעל:

מאָדערניזם.

אַ בילד פון אַ טויטען פערד.

פנחס יאַסינאָווסקי:

אידישע מעלאָדיען.

די גרעסטע שאפונג פון אונזער פאָלק אין גלות איז זיכער די היינטיגע אידישע שפראך, — שוין דערמיט אליין וואָס זי באווייזט אז מיר האָבען אייגענארטיגע פסיכיש מוזיקאלישע רעגונגען. וואָרים עס זענען די פסיכאָלאָגיש מוזיקאלישע רעגונגען, וואָס צווינגען א פאָלק אויסצואַרבייטען זיין שפראך אזוי און ניט אנדערש. און זייענדיג א פאָלק מיט אן אייגענארטיגען טעמפּאָ, האָבען מיר, און וואָלטען במילא, אירגענד וועלכע שפראך געמוזט ברענגען צו אזוינע קלאנגען וואָס זאָלען אָפּענטפּערען די אייגענארטיגע רעגונגען פון אונזער נשמה. און עס איז דערפאר גאנץ נאטירליך, אז א פאָלק, וואָס האָט פאר זיך אויס־געבילדעט אזא אייגענארטיגע שפראך, זאָל פאר זיך אויך אויסבילדען אייגענארטיגע מעלאָדיען און פאָלקלידער.

פון דערסטוועגען, ווען דער נאציאָנאלער באוואוסטזיין האָט ביי אונז ערוואכט, און ביי דעם איבערשאצען די נאציאָנאלע ווערטען איז אויך אנטדעקט געוואָרען דער גרויסער אוצר פון אונזערע פאָלקסטימליכע מעלאָדיען; און די יונגע אידישע מוזיקער, די סטודענטען פון דער פעטערבורגער קייזערליכער קאָנסערוואטאָריע, האָבען זיך גענומען זאמ־לען אידישע מאָטיוען, זיי הארמאָניזירען, זיי צוגעבען נייע פאָרמען און זיי ברענגען פאר דער עפענטליכקייט. זענען די מעלאָדיען, אינאיינעם מיט די, וואָס האָבען זיי געבראכט פאר דער וועלט, שטארק אטאקירט געוואָרען פון אלע זייטען.

צווישען די אטאקירער זענען אויך געוועזען פילע פּראָמינענטע קריטיקער. און אויך אזא ערנסטער מענש, ווי דער באוואוסטער, ניט לאנג פארשטאָרבענער פּראָפעסאָר פון דער דערמאָנטער קאָנסערוואַ־טאָריע, סאקעט, האָט דאן געפונען פאר נויטיג צו ווענדען זיך צו אונז, די יונגע אידישע מוזיקער, די סטודענטען פון דער קאָנסערוואטאָריע,

און אונז, ווי א געטרייער לערער, וואָרענען, אז אונזער מיה איז אומזיסט, אז דאָס וועט ניט ברענגען די געווינשטע רעזולטאטען, אז דאָס אידישע ליד וועט ניט רייכער מאכען די אוניווערזאלע מוזיק, וואָרים עס איז ניט אייגענארטיג. אז אפשר האָבען די אידען אמאָל געהאט אייגענאר־טיגע מוזיק, אָבער זינט זיי זענען פארטריבען געוואָרען פון זייער אייגען לאנד האָבען זיי גענומען זינגען די לידער פון פרעמדע.

אודאי האָט מען קענען אזוינע טענות געקאָנט ארויסשטעלען אָהן א שיער תירוצים. מען וואָלט זיך איבערהויפט גענוג געקאָנט אָנלעהנען אָן דעם פאקט, אז די אידישע מעלאָדיען זענען פאָרט אנדערש, ווי די מעלאָדיען פון אנדערע פעלקער, און אז אויב עס איז אפילו דאָ א געוויסער אמת אין דעם, אז זייענדיג צווישען פרעמדע פעלקער זינגען מיר אויך פרעמדע לידער, איז אָבער דאָס אומענדליך רייך און פארביג אידישע ליד גענוג צו באווייזען, אז דאָס אלץ האָט אונז ניט געשטערט, מיר זאָלען אונטער דעם איינפלוס פון די פרעמדע פעלקער אנטוויקלען אונזער אייגענטימליך אידיש ליד.

אָבער דער איינפלוס פון אזא ערנסטען מוזיקער ווי סאקעט, איז פאָרט געווען גרויס און דאָס האָט צום באדויערען געבראכט צו דעם אז א סך פון די יונגע אידישע מוזיקער האָבען זיך דערשראָקען, זענען אנטוישט געוואָרען און האָבען פארלאָזט דאָס פעלד. אייניגע זענען אָבער פאָרט געבליבען געטריי צו זייער גלויבען אין דעם אידישען פאָלקגייסט און האָבען מיט איבערגעבענהייט פאָרטגעזעצט זייער ארבייט, ניט אכטענדיג אויף אלע שטערונגען, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו באגע־גענען אויף זייער שווערען וועג.

איין צעהנדליג יאָהר איז אריבער, און מען קאָן זיך איצט גאנץ קלאָר אָפּגעבען א חשבון וואָס די עטליכע איבערגעבליבענע עקשנים האָבען אויפגעטאָן אין אזא צימליך קורצער צייט. צו וואָס פאר א שטאנד מען האָט געבראכט דאָס פארשריגענע אידישע ליד. די אלע פּאָראויסגע־זאָגטע נביאות זענען געוואָרען צו גאָרנישט, אפילו דער אויבענדער־מאָנטער פּראָפעסאָר סאקעט, צוזעהענדיג דעם אנטוויקלונגגאנג פון דעם אידישען ליד, האָט אין דער עפענטליכקייט צוריקגעצויגען זיין אמאָליגע דערקלערונג. ער האָט נאָכדעם אליין געמוזט צוגעבען, אז דאָס אידישע ליד איז אייגענארטיג און האָט פאר זיך א גרויסע צוקונפט. און ניט נאָר

סאקעט, נאָר רימסקי־קאָרסאקאָוו, די הויפט פיגור פון דער רוסישער מוזיקאלישער וועלט און פון דער רוסישער שקאָלע, דער געניאלער טעאָרעטיקער און קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָט אליין אָפטמאָל געשריבען זיינע ווערק אויף אידישע נגונים, פלעגט זיך נאָכדעם זעהר אָפט ווענדען צו אונז מיט די ווערטער : — געדענקט, אז אייער אידישע מוזיק טראָגט מיט זיך זעהר גרויסע מעגליכקייטען ! געדענקט, אז די אידישע מוזיק ווארט נאָך אויף דעם אידישען גלינקאָ. (גלינקאָ איז דאָס געווע ןדער, וואָס האָט געלעגט דעם פונדאמענט פאר דער רוסישער מוזיק. און איז אויך געווען דער ערשטער קאָמפּאָזיטאָר ביי די רוסען וואָס האָט הויפּט־זעכליך געשריבען זיינע ווערק און אָפּערען אויף רוסישע פאָלקטעמען.

שפעטער האָט זיך ארויסגעוויזען, אז די פריהערדיגע פארזיכערונג אין דעם, אז די אידען האָבען ניט קיין אייגענע מוזיק, האָבען אונזערע פּראָפעסאָרען און קריטיקער אייגענטליך דערגרייכט דורך אן ערנסטען שטודיום, נאָר דאָס מאטעריאל וואָס איז זיי געקומען צו דער האנט האָט זיי פארפיהרט און אָפּגענארט. — ברענגען צו זיך דאָס גאנצע פאָלק וואָס זינגט ביי זיינע טאָג טעגליכע באשעפטיגונגען, וואָס זינגט זמירות ביי זיינע שבת׳דיגע און יום־טוב׳דיגע טישען, וואָס זינגט ביים גמרה לערנען, וואָס זינגט ביים דאוונען, האָט מען דאָך ניט געקאָנט, האָט מען זיך אָבער אזא עצה געגעבען, מען האָט צו זיך געשיקט רופען דעם אָפיציעלען פאָרשטעהער פון אידישער נגינה, דעם חזן. און ווען דער חזן איז געקומען (חזן רעסעק, פון דער פעטערבורגער קהלה) און האָט פאר זיך דערזעהען א טריבונאל פון אזוינע גרויסע וועלט באַ־ריהמטע פּראָפעסאָרען און מוזיקער ווי ליאדיאָוו, סאקעט און פילע אנדערע, האָט ער פאר זיי אוועקגעלעגט די בעסטע פּאָרטיטורען פון לעוואנדאָווסקי און זאלדער, זאכען וואָס זענען לכתחילה געשריבען געוואָרען פאר די דייטשע רעפאָרמירטע טעמפלען, אָבער ניט דעם „בעל תפילה“ און פארשטעהט זיך, אז פאר אזוינע הערען האָט זיך נאָך זיין מיינונג ניט געפּאסט אוועקצושטעלען זינגען די אלטע אידישע נסחאות, וואָס זענען אפילו אין ערגעץ ניט פארשריבען !

און אָט אויף אזוינע אויספאָרשונגען, האָבען דאָס דעמאָלט פילע פון דער מוזיקאלישער וועלט געהאט באשלאָסען אז מיר האָבען ניט

קיין מוזיק, אז מיר זינגען נאָך פרעמדע. און זיי פּאָלגען נאָך ביז היינט נאָך א סך פון אונזערע, צום באדויערען, חזנים.

עס איז מערקווירדיג, ווי די חזנים שפּילען דאָס שטענדיג די רעאקציאָנערע ראָל אין דער אנטוויקלונג פון אונזער פאָלקמוזיק. צי דאָס איז דערפאר וואָס עס איז שוין אזא געזעץ אז די „הייליגע" דארפען זיין רעאקציאָנער, אָדער דאָס איז דערפאר וואָס זיי קאָנען איינפאך ניט צוזעהן דעם גרויסען ערפאָלג וואָס ווערט געמאכט אהן זייער מיטווירקונג. אָבער עס איז סיי ווי סיי זעהר נאָהענט דער טאָג ווען די גאנצע וועלט וועט דערהערען מיט פרייד די שעהנע רייכע מע־לאָדיען וואָס דאָס אידישע פאָלק האלט אין שאפען.

און די שולד קאָן זיין, דארף מען איבערהויפּט ניט ווארפען אויף קיינעם. פונקט ווי מען דארף ניט באשולדיגען די רוסען, וואָס האָבען אין דער צייט פון יעקאטעדינא דער גרויסער געוואָלט דוקא נאָר רעדען דייטש און אנדערע שפּראכען נאָר ניט רוסיש, אָדער ווי די דייטשען וואָס האָבען אין זייער צייט דוקא נאָר געוואָלט רעדען פראנצויזיש און ניט זייער איינענער שפּראך. — עס איז אזא צייט געווען.

די ערשטע טרעגער פון אונזער פאָלקליד

דאָס פאָלק געוועהנליך וועבט זיך זיינע לידער פאר זיך, פאר זיינע ליידען און פריידען, און ערשט נאָכדעם קומען אויף די טרעגער פון דעם ליד.

ביי אונז זענען די ערשטע טרעגער געווען אזוינע גראמענמאכער און זינגער, וואָס פלעגען פון פאָלק גערופען ווערען „פאָרשטעלער" און „משוגע׳מאכער". דער „פאָרשטעלען" און „משוגע׳מאכען" איז באַ־שטאנען אין דעם, וואָס דער זינגער פלעגט זיך אָנטאָן ווי א גוי, ווי א שכור, צו להבדיל, ווי א גוטער איד א. א. וו. דער זינגער פלעגט דאָס דערגרייכען דורך אָנטשעפען א באָרד, דורך אויפשטעלען דעם קאָלנער און דורך אויסשמירען זיך דאָס פנים מיט סאזשע פון קוימען. צווישען אָט די זינגער משוגע׳מאכער, האָבען זיך געפונען מענשען, וואָס זענען מיט דער צייט באריהמט געוואָרען ביים עולם, ווי למשל: „ארעלע דער משוגענער", „מרדכי׳לע דער משוגענער" און א. וו.

זיי זענען מעהרסטענס געווען וואַנדערענדיגע נאַטורען; זיי פלעגען ארומגעהן פון שטאָדט צו שטאָדט „פראווען זייערע שטיק“ און יעדעס שטעדטעל פלעגט ביי זייער אָנקומען אויפגעטרייסעלט ווערען פון פרייד, און נאָך זייער אוועקגעהן פלעגט יעדעס שטעדטעל באַרייכערט ווערען מיט נייע געזאַנגען און לידער. אָט אָ די וואַנדערענדיגע גראַמענמאַכער, פאַרשטעלער זענען געווען אונזערע „מייסטער זינגער“. זיי זענען ניט נאָר געווען די טרעגער און באַרייכערער פון אונזערע פאָלקלידער, נאָר זיי האָבען אויך געלעגט די גרונטשטיינער פאַר דעם אידישען טעאַטער. זיי זענען דאָס אויך געווען די פאָרגעננגער פון די צונזערס, די גאָלד־פאַדענס און איך מיין, אז מען מעג מיט זיכערהייט זאָגען, אז זיי זענען דאָס דער אמת׳ער אָנהויב פון דער איצטיגער אידישער ליטעראַטור. דורך זיי האָט זיך דאָס גענומען דורכברעכען דאָס ריין אידיש־שעפערישע, אין וואָרט און אין קלאַנג, אלס א קולט, אלס א קונסט.

אן אנדער, אויך פאָלקטימליכער שטראָם, וואָס האָט פיל געהאָלפען צו באַפרוכפערען דעם באָדען פון דעם אידישען ליד, איז געווען אן אנדער מין גראַמענמאַכער, דער בדחן. צווישען די בדחנים זענען זיכער געווען א סך באַגאַבטע מענשען, און דער עולם האָט זיי זעהר ליב געהאַט. זיי פלעגען איינגעלאַדען ווערען אויף פארשידענע אידישע שמחות און ביי א קנס־מאָל אָדער א חתונה פלעגט דער בדחן אָפט דאַרפען אימפּראָוויזירען די ווערטער מיט דער נגינה אויפ׳ן שטעל. דער זינגער אימפּראָוויזאַטאָר פלעגט נאָך דערביי אָפט באַגלייט ווערען פון דעם סאָליסט — דעם פידלער, וואָס איז געווען דער בעסטער מוזיקאַנט פון דער קאַפעליע. דער פידלער פלעגט דאַרפען באַגלייטען דעם זינגער מיט וואַריאַציעס אויף דער אימפּראָוויזירטער מעלאָדיע און דערביי אליין אויך אימפּראָוויזירען. און דערביי פלעגען נאַטירליך, אָפט גע־בוירען ווערען זאַכען, וואָס דאָס שטעדטעל פלעגט נאָכדעם לאַנג נאָכ־זינגען, אמאָל פאַרצווייגענדיג דעם אָריגינאַל, אָדער אפילו ענדערענ־דיג, ביז עס איז פון דעם אויסגעוואַקסען א נאַטירליך אידיש פאָלקליד.

עס קאָן אָבער גאָר קיין צווייפעל ניט זיין, אז דער חסידיזם, וואָס איז געווען איינע פון די ליכטיגסטע ערשיינונגען אין דעם לעבען פון אונזער פאָלק, האָט פיל מיטגעהאָלפען דעם אידישען ליד, דער אידישער נגינה — דער מוזיק. די הייליגע ליכטיגקייט פון דעם רבינ׳ס פער־

זענליכקייט, די גרויסע התלהבות׳דיגע איבערגעבענקייט צו איהם פון זיינע חסידים, דער איבערגעשטראַלטער עקסטאַז פון דער גאַנצער באַוועגונג, וואָס האָט געצונדען די הערצער פון פאָלק מיט א הייליגער פריידיגקייט, האָט זיך אויסגעגאָסען אין נגונים פון א זעהר טיפען מיסטעריעזען אינהאַלט. און זעהר אָפט פלעגען חסידים קומען אהיים מיט א נייעם זמר׳ל, אין וועלכען עס האָט זיך גערעגט פרייד און הייליגקייט, טיפע כונות און אָנגעצונדענע פאַרלאַנגען. און אזוי זענען אָפט געשאפען געוואָרען פאַרצווייגטע קאָמפּאָזיציעס, נגונים מיט און אָהן ווערטער. אזוינע נגונים פלעגען טראָגען די נעמען פון די רביים וואָס האָבען זיי געשאפען. ווי למשל: רב נחמנ׳ס נגון, דעם בערדיטשעווער׳ס נגונים, און אזוי ווייטער.

דער בערדיטשעווער, — רב לוי יצחק בערדיטשעווער, — איז איבערהויפּט געווען איינער פון די וואונדערבארסטע פערזענליכקייטען, וואָס דער חסידיזם האָט ארויסגעגעבען. ער איז געווען די ליכטיגסטע איבערגעשטראַלטע פארקערפערונג פון דעם איינפאכען פאָלקסטימליכען גלויבען. ער האָט פאַר דעם פאָלק און פאַר גאָט ניט נאָר „געזאָגט“ תורה און דערצעהלט מעשיות, נאָר אויך לידער געזונגען, לידער מיט יווערטער, וואָס אָטעמען מיט איבערצייגטען גלויבען. דער וועג צווישען איהם און גאָט איז געווען זעהר א קורצער און אן איינפאכער. אין איינעם פון זיינע, ווייזט אויס ערב יום־נוראים׳דיגע לידער, ווענדט ער זיך צו גאָט אזוי:

רבונו של עולם, ווייסטו וואָס איך בין צו דיר געקומען?
איך בין געקומען מיט דיר מאכען א בייט.
מיינסטו אפשר, אז איך וועל מאכען מיט דיר א גוט געשעפט,
האָסטו א טעות. —
דער בייט אונזערער וועט זיין ניט קיין גלייכער. —
איך וועל דיר געבען חטאים ועונות ופשעים, טאטעניו,
זאָלסטו מיר געבען בנים, חיים ומזונות, גאָטעניו.
אי וועסטו מיך פרעגען אויף וואָס דארף איך דאָס?
זאָג איך דיר, אז אַלץ פון דיינעטוועגען. —
בנים עוסקים בתורה, טאטעניו!

חיים, — חי, חי יודיך ה׳!
ומזונות, דאַרף איך, ווייל דו אליין זאָגסט דאָך:
„ואכלת ושבעת וברכת“, טאַטעניו!
אין אנאנדער ליד ווענדט ער זיך צו גאָט ווי א פאַסטוך מיט א „דודע“:

רבונו של עולם! איך וועל דיר א דו־דו שפּילען.
דו־דו, דו — דו, דו־דו.

איפה אמצאך — א וואו וועל איך דיך געפינען?
איפה לא אמצאך — און א וואו וועל איך דיך ניט געפינען?
אז אומעטום ביסטו דאָ, אלץ דו, רק דו, נאָר דו,
דו־דו! — — —
דו־דו דו־דו, דו־דו!

איז עמיצען חלילה שלעכט — דו.
און טאָמער גוט אודאי — דו.
אלץ דו, רק דו, נאָר דו, דו, דו,
דו, — דו, — דו, — דו, — דו,

מזרח — דו, מעריב — דו, צפון — דו, דרום — דו,
דו, — דו, — דו, — דו, — דו,

מעלה — דו, מעטה — דו, אומעטום ביסטו דאָ
דו, — דו, — דו, — דו, — דו,

דער חסידיזם פלעגט געווענליך אויסגעלאכט ווערען פון די „פאַר־שטעלער“ און „משוגע׳מאכער“, וועלכע זענען לויט זייער נאטור נאָך געווען וואוילע יונגען. האָבען דאַרויף די חסידים געענטפערט אויף זייער אופן:

ווי למשל:
קום אחער דו פילאָזאָף
מיט דיין קעצישען מח׳על.

קום אהער צום רבינ׳ס טיש
און נעם זיך אָן מיט שכל.

א דאמף־שיף האָט ער אויסגעטראכט
און ער נעמט זיך דערמיט איבער,
דער רבי שפרייט זיין טיכעל אויס
און ער שפאנט דעם ים אריבער.

און נאָך אזוינע ענליכע לידער. און אזוי ארום זענען אין פארשי־דענע עפּאָכען ביי אונז באשאפען געוואָרען פארשידענע קאמפּלידער מיט גוטען קינסטלערישען געשמאק און רייכען מוזיקאלישען אינהאלט.

עס זענען ביי אונז אויך געווען בעל דרשנ׳ס, וואָס פלעגען ליב האָבען צו זינגען א „שיר המעלות“ איידער זיי האָבען אָנגעהויבען זייער דרשה, דאָס איז געווען א מין צורוף צום עולם, א מין צוגרייטען איהם דורך א הארציג, ריהרענדיג אידיש ליד וואו די העברעאישע ווערטער פלעגען גלייך אין דעם ליד אָפּגעטייטשט ווערען אין אידיש, ניט נאָך זייער איינפאכען טייטש, נאָר לויט דעם זין, וואָס דער בעל דרשן האָט פון זיי געוואָלט ארויסקריגען.

אָט האָט איהר א ביישפּיל פון אזא ליד, וואָס איז נאָך אגב ביז איצט אין ערגעץ ניט געדרוקט געוואָרען:

שיר המעלות, — א געזאנג מיט מעלות.
ס׳איז א פלא׳דיגער געזאנג —
פלא, פלאי, פלאים.
הני, — עס איז דאָך א וואונדער,
הני, — עס איז דאָך א פלא.
ברכו את ה׳,
ברכו את ה׳,
בלילות — ביינאכט,
בלילות — אין דער פינסטערניש,
בלילות — אין גלות.

עס האָבען פארשטעהט זיך ביי אונז אויך ניט געפעהלט קיין

סענטימענטאלע און טראגישע ליבעלידער, ווי צום ביישפיל א ליד, וואָס הויבט זיך אָן מיט:

איך האָב געליבט א מיידעלע פון אכצען יאָהר,
איך האָב איהר געליבט צייט פיר יאָהר.

און ענדיגט זיך מיט:

אויפ'ן קבר וואקסט אוים א בוים
און אויפ'ן בוים א צווייג
און אויפ'ן צווייג שטעהט אָנגעשריבען,
צוויי געליבטע טוען אין קבר ליגען.

אָדער א ליד פון א שכור שוין אין דער צייט פון דעם מאָנאָפּאָל:

צייט דער מאָנאָפּאָל איז אויף דער וועלט,
בין איך אויף איהר אין כעס:
זי קאָסט מיך אָפּ מיין גאנצע געלט,
און טרינקען, טרינק איך אויפ'ן גאס.
א. א. וו.

אלי אלי

די פּיאָנערען ארבייט פון ברענגען דאָס אידישע ליד פאר דער עפענטליכקייט, האָט זיך אָנגעהויבען אין מזרח אייראָפּא. לעאָ ווינץ, האָט אין בערלין, געזאמעלט הארמאָניזירטע אידישע פאָלקלידער, און האָט זיי דאָרט געדרוקט אין זיין מאָנאטליכען זשורנאל, „אָסט און וועסט". און אין א קורצער צייט נאָכדעם האָט ער אויך אָנגעהויבען אראנזשירען קאָנצערטען פון אידישע פאָלקלידער איבער'ן גאנצען לאנד. אויף איהם קוקענדיג האָט זיך אויך אין מאָסקווע, יוליע ענגעל, גענומען זאמלען און דרוקען הארמאָניזירטע אידישע פאָלקלידער. די ארבייטען פון דיביידע האָבען געבראכט דערצו אז אין 1908 האָבען זיך אין פּעטערבורג פארזאמעלט א גרופּע אידישע טאָן־קינסטלער און האָבען אונטער דער איניציאטיווע פון דעם פּיאניסט ל. נעסווישקי, געגרינדעט א געזעלשאפט אונטער דעם נאָמען „געזעלשאפט פון אידישער פאָלק־מוזיק". די געזעלשאפט האָט גלייך געוואונען די סימפּאטיען פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג אין רוסלאנד און די שטיצע פון גרויסע

אידישע מעצענאַטען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען דער פּע־טערבורגער באראָן גאָראביאָ גינסבורג און דערנאָך זיין זוהן — דוד גינסבורג. דאָס האָט דער געזעלשאַפט געגעבען די מעגליכקייט צו אָר־גאניזירען עקספּעדיציעס און קאָנצערטען און זיי ארויסשיקען איבער דער וועלט צו זינגען און זאמלען אידישע לידער. צווישען די פילע לידער, וואָס זענען דעמאָלט געזאמעלט געוואָרען איז אויך אריינגעפאלען דאָס איצט באריהמט געוואָרענע ליד „אֵלי אֵלי“. און פון דעמאָלט פאנגט זיך אַגב אָן די וואונדערבארע געשיכטע פון דיזען ליד, וועלכען עס איז באשערט געווען צו ווערען דאָס פּאָפּולערסטע ליד ביי אלע אידישע קאָנצערטען און איצט אויך ביי די קאָנערטען פון די אומות העולם.

און אָט פארוואָס דאָס ליד איז אזוי פּאָפּולער געוואָרען. — צום אלעם ערשטען ציהט צו זיך די אויפמערקזאמקייט דער נאָמען אליין. דאָס האָט זעהר א סך צו זאָגען. „אֵלי אֵלי למה עזבתנו“, איז פּאָפּולער צווישען אונז אידען ווייל דאָס איז א פסוק אין איינעם פון די באַ־ליבטסטע קאפּיטלעך תהילים און איז אויך פארבונדען מיט דעם אינ־טערעס פון דעם ניט אידען, ווייל דאָס זענען די לעצטע ווערטער וואָס יעזוס האָט אויסגעשריען אויפ׳ן קרייץ. (אנדערע ווילען האָבען אז ער האָט אויסגעשריען „אֵלי אֵלי למה זבחתנו“, אין אראמיש וואָס איז דאַן געווען די אידישע שפּראַך.)

דאָס ליד דאַרף אלט זיין א יאָהר פינף־זעקס און צוואנציג, און ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס דאָס ליד איז געשריבען געוואָרען דאָ אין דער נייער וועלט, פאר׳ן היגען אידישען טעאטער, האָט דאָס אָבער באקומען דעם תקון אין דער אלטער היים, אין רוסלאנד, ערשט פופצען יאָהר שפּעטער.

צום טעאטער האָט מען דאָס ליד צוגעטשעפּעט אויף אזא אופן. הער הורוויטש האָט דאַן אָנגעשריבען א פּיעסע מיט׳ן נאָמען „ברכה“. אין דער פּיעסע קומט פאָר ווי א מיידעל ברכה, ווערט געצוואונגען פון די פּאָליאקען צו שמד׳ען זיך. די אידישע טאָכטער איז אָבער גרייט צו שטארבען פאר איהר גלויבען און ווען די פּאָליאקען פיהרען זי צו קרייציגען זינגט זי אין איהר פארצווייפלונג „אֵלי אֵלי למה עזבתנו“. און אזוי ווי די צייט ווען דאָס ליד איז געפונען געוואָרען איז נאָך

דערצו פאר די אידען אין רוסלאנד געווען א זעהר שרעקליכע : א צייט פון שווערע ליידען, פון פארפאָלגונגען און פּאָגראָמען, האָט דאָס דאָזיגע ליד דערפאר גיכער אפּעלירט צום אידישען געמיט ווי פילע אנדערע, מוזיקאַליש און ליטעראריש וויכטיגערע לידער. און דערצו האָרף מען נאָך געדענקען דעם כלל אז א אידיש ליד וואָס איז געשריבען נאָכ'ן נוסח פון אונזערע תפילות אַפּעלירט איבערהויפּט זעהר לייכט צו אידען.
אין דער הינזיכט זענען מיר גאַנץ אנדערש פון די אנדערע פעלקער. ביי די אנדערע פעלקער, ביי די דייטשען צום ביישפּיעל, האָט לוטער אריינגעבראכט די פאָלק פארוויילונג לידער אין דער קירך כדי דער עולם זאָל זיך מיט מעהר אינטערעס צוהערען צו זיינע קירכליכע תפילות און זאָל זיי נאָכדעם קאָנען לייכט נאָכזינגען. ביי אונז אָבער, ביי דעם פאָלק, וואָס האָט געגעבען דער וועלט א רעליגיאָן האָבען נאָר די ערשטע טעאטער דירעקטאָרען געמוזט אריינגעמען אין זייערע פּיעסען אידישע תפילה מעלאָדיען כדי דער עולם זאָל חשק האָבען צו געהן אין טעאטער, כדי ער זאָל נאָכדעם קאָנען לייכט נאָכזינגען די פאָלק, אָדער פאָלקטימליך געשריבענע לידער.

אברהם גאָלדפאדען, דער מענש מיט'ן פיינעם חוש פאר דעם, וואָס איז אייגענטימליך אידיש, איז געווען דער ערשטער וואָס האָט דאָס קלאָר געפיהלט און פארשטאנען, און דערפאר איז ער טאקע מיט רעכט פארעכענט פאר דעם אמת'ן גרינדער פון דעם אידישען טעאטער.

אָט דער אידישער פארלאנג נאָך תפילה'דיגס אין די טעגליכע פארוויילונגען האָט אגב צום גליק אָדער צום אומגליק, אויך געבראכט דערצו, אז די אלע ווייטערדיגע מוזיקער פון אידישען טעאטער, פון דעם דיריזשאָר ביז צום לעצטען כאָריסט און אויך די אקטיאָרען זענען צונויפגעשטעלט געוואָרען פון מענשען וואָס האָבען זייערע קינדעריאָהרען פארבראכט אלס משוררים ביי די חזנים, ווארים זיי איז דאָס געווען לייכטער פון יעדען אנדערען צו נעמען דעם עולם דורך זייער זינגען די לידער פון דעם טעאטער שטיק מיט די מעלאָדיען פון אונזערע תפילות ביים דאווענען.

עס איז פאראן נאָך א סיבה פאר וואָס „אלי אלי" איז אזוי לייכט געוואָרען פּאָפּולער. ניט קוקענדיג דערויף וואָס צווישען די יונגע לייט וואָס האָבען צונויפגעשטעלט די „אידישע געזעלשאפט פאר פאָלקס

מוזיק", זענען געווען מענשען מיט גרויסע קענטענישען, זענען אָבער כמעט די גאנצע חברה געווען ווייט פון דעם אידישען גייסט און פון דער אידישער פאָלק־נשמה. איך מיין צו זאָגען, אז צווישען זיי זענען געווען וועניג אמת אידישע פאָלקס מענשען, און דערצו האָבען זיי, נאָך מיין מיינונג, געליטען פון דעם פעהלער, וואָס זיי האָבען געוואָלט אלע זייערע קענטענישען ארייגשפארען אין א קליין פאָלקלידעל פון עטליכע טאקטען, דערביי ניט שארענדיג און ניט פיהלענדיג ווי געהעריג דאָס פראָבלעם פון דעם ליד. אין אנדערע לידער ווידער, האָט ביי זיי דער רעאליזם אריבערגעשטייגט אלע גרעניצען, אזוי אז דאָס גייסטיג רע־ליגיעזע, וואָס דער איד פארלאנגט אזוי אָפט פון זיין ליד איז אָפט פארלוירען געגאנגען. „אלי אלי" אָבער, איז באשערט געווען ארייגצופאלען אין די הענט פון מיין חבר שליט, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבען צו אראנזשירען דאָס ליד מיט געשמאק, און דאָס אלץ האָט זעהר פיל מיטגעהאָלפען צו דעם קאָלאָסאלען ערפאָלג פון דעם ליד. דער ערפאָלג איז געווען אזוי גרויס אז די פעטערבורגער געזעלשאפט פאר דער אי־דישער פאָלקמוזיק, דורך וועמעס מיה דאָס ליד איז געבראכט גע־וואָרען פאר דער עפענטליכקייט, האָט דאָס נאָכדעם פארבאָטען צו זינגען אויף איהרע וויטערדיגע קאָנצערטען. אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען. צי „אלי אלי" איז געווען אויפ'ן פראָגראם צי ניט, זינגען האָט מען דאָס געמוזט, אזוי האָט דאָס פובליקום פארלאנגט.

אָבער שטעלט מען ערנסט די פראגע, צי איז טאקע „אלי אלי" אונזער שענסטע ליד? איז דאָס טאקע דער פערעל פון דער אידישער מוזיק? דאן ענטפער איך, ניין! „אלי אלי" איז פון די ניט געלונגענע לידער אונזערע, סיי אין מוזיקאלישען זין, סיי אין ליטעראַרישען שטאנד. נאריש איז דער אינהאלט פון דער אזוי גערופענער פאָעזיע, און צו איינטאָניג און לאנגווייליג איז די מעלאָדיע. און שטעל איך געגען איהם אוועק, דאָס נאָך ביז איצט אין ערגעץ ניט פארעפענטליכט ליד, דעם בעל דרשנ'ס „שיר המעלות", וואָס איך דרוק דאָ צום סוף פון דעם דאָזיגען ארטיקעל אינאיינעם מיט דער מוזיק, בין איך זיכער, אז יעדער מוזיקער וועט מוזען צוגעבען אז „אלי אלי" איז בלאָס אנטקעגען דעם טיפען אינהאלט פון די עטליכע נאָטען. אָדער טאקע אָט דעם

נגונים פון שלוש סעודות, צי דער דרור יקרה לבן עם בת, צי גאָר די ווייבערישע הבדלה „גאָט פון אברהם“. און נאָך און נאָך לידער, פון וועלכע די אידען אליין ווייסען נאָך צום באדויערען זעהר ווענינ.

דאָס, וואָס אזא פערזענליכקייט ווי הינעקער האָט זיך אין דער היגער „טיימס“ ניט לאנג צוריק אזוי באגייסטערט אָפּגערופען וועגען דעם ליד, באווייזט בלויז וואָס מיר קאָנען ערוואַרטען ווען די וועלט וועט דערהערען אונזערע בעסערע מעלאָדיען און לידער. אָבער וואָס מען זאָל ניט זאָגען וועגען „אלי אלי“, איז דאָך דאָס פאָרט א אידיש ליד, געבויט לויט די אלטע אידישע פאַר קריאת־שמע נסחאות, און דאָס איז דערפאַר געוועזן גענוג, אז אזא מאן ווי הינעקער זאָל פון איהם קריגען אן אָנרעגונג וועגען דער גרויסער און ערנסטער אידישער נשמה.

אָבער פון דעם וואָס איך האָב געזאָגט אין אָנהויב פון מיינע נאָטיצען, איז פארשטעהט זיך קלאָר, אז הינעקער איז ווייט ניט דער איינציגער, וואָס איז מיטאמאָל אזוי באגייסטערט געוואָרען פאַר אידישע מוזיק. און אָט נאָט אייך נאָך א מעשה:

צווישען די מצבות, וואָס שטעהען אויף א פראָמינענטען פלאַץ אין די הייליגע פעטערבורגער „נעווסקי ליאַווורעס“, געפינט זיך אן אָנגעזע־הענער מצבה־שטיין אויף וועלכען עס איז אויסגעקריצט א אידישער חסידישער נגון. די מצבה מיט'ן אידישען נאָמען איז אויפגעשטעלט געוואָרען אויף אזא הייליגען קריסטליכען אָרט, אין די צייטען ווען א איד אליין האָט זיך ניט געטאָרט ווייזען אויף די גאסען פון פעטער־בורג און אויפגעשטעלט איז די מצבה געוואָרען אויף דעם קבר פון איינעם פון די געניאלסטע רוסישע קאָמפּאָזיטאָרען, — מוסאָרסקי, דער פארפאסער פון די וואונדערבארע אָפּערען „כאוואטשינא“ און „באָרים נאָדונאָוו“. און אָט ווי אזוי עס האָט פאסירט. — אין דער יוגענד איז מיסאָרסקי געווען אן אָפיציר אין דער ארמיי. ער איז דעמאָלט געשיקט געוואָרען אויף מאנעוורעס מיט זיינע סאָלדאטען קיין וואָלין. וואָלין, מוז איך אייך זאָגען, איז דאָס ווינגעלע פון אידישער נגינה. אלע בעסטע חזנים און זינגער קומען פון דאָרטען, אפילו אונזערע הייליגע תפילות האָבען זיך דאָרטען אזוי אויסגעבויגען, אז זיי זענען נאָכדעם אוועק אין פאָלק אונטער דעם נאָמען „וואָלינער נוסח“ און אויב א חזן אין א וועלכער עס איז שוהל דאווענט אפילו מיט א שלעכטער

שטימע נאָר אבי מיט דעם „נוסח וואָלין", איז מען איהם אלץ מוחל. — און אזוי איז דאָס באשערט געווען אז דער געניאַלער צוקונפטיגער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר זאָל פארבלאָנזשען אין וואָלין. זיין רעגימענט האָט ער, ווי עס האָט זיך געפיהרט אויפ'ן רוסישען שטייגער, געהייסען געהן שלאָפען אונטער דעם וואָלינער הימעל און אליין איז זיך דער יונגער אָפיציר געגאנגען זוכען ערגעץ א שטוב וואו איבערצונעכטיגען. עס איז געווען א פרייטאָג צו נאכט, און מוסאָרסקי איז זיך אריין אין דעם ערשטען ליכטיגען הויז וואָס זיינע אויגען האָבען דערזעהן און זיך דאָרטען איינגעבעטען אויף נאכט. א וואָלינער איד, כאָטש אפילו בלויז א שניידער דארף דאָך זינגען זמירות און גלאט זינגען, ווייל עס איז דאָך שבת, און ער איז דאָך א וואָלינער איד! האָט ער דאָס אזוי ארום מכבד געווען מוסאָרסקי'ן מיט אן עכט אידישען, חסידישען נגון. מוסאָרסקי האָט דאָס פאר זיך גלייך אויפגעצייכענט און האָט נאָכדעם אויף דעם מאָטיוו אָנגעשריבען זיין געניאַלע קאָנטאַנטע „יהושע בן נון". און ווען מוסאָרסקי איז געשטאָרבען און מען האָט איהם פאר זיין בארימטקייט באהאלטען אין די הייליגע פעטערבורגער לאַווּרעס, האָבען זיינע פארעהרער אָט דעם חסידישען מאָטיוו אויסגעקריצט אויף זיין מצבה־שטיין:

און דאָס איז פארשטעהט זיך, ניט די איינציגע מעלאָדיע וואָס האָט באוויזען וואָס פאר א גאונות מען קאָן אויפטאָן מיט אונזערע מעלאָדיען. און דאָס איז אויך ווייט ניט דער איינציגער קאָמפּאָזיטאָר וואָס האָט אויסגענוצט אונזערע מאָטיוון. — עס איז מעהר ווי זיכער אז אלע הימנען פון די קריסטען זענען גענומען ביי אונז, אידען. מיט דער מיינונג זענען א סך מוזיקאַלישע היסטאָריקער איינשטימיג.

אָבער וועגן דעם א צווייטען מאָל.


Andante
mf
espressivo
a tempo
religioso


accel.
rit.
p.
pp.

י. טאָפּעל:

1. מאָדערניזם.

2. אַ בילד פון אַ פערד מיט אַ טויטען רייטער.

(עסעיס)

.1

מאָדערניזם.

אזוי ווי עס וואקסט אַן עפּעל אויף אַן עפּעלבוים אזוי וואקסט אַ קונסטווערק פון דעם לעבען ארוים; און דאָך איז נישט דער עפּעל דער עפּעלבוים — אזוי ווי קונסט איז נישט די נאטור. די ערשיינונגען, וואָס ליגען אָפען פאר'ן אויג דינען אי דעם פארשטאנד אי דעם הארץ. דער פארשטאנד בויעט מאשינען, וואָס האָבען אין זיך אַ סאָרט געאָמעטרישע פארשטאנדיגקייט, אַ טרייבקראפט, וואָס איז די באגרעניצטע נשמה פון מאשינען. דאָס הארץ געהט זיך זיין אייגענעם גאנג און וואָס דאָס הארץ שאפט האָט זיך זיין גייסטיגע טרייבקראפט. דאָס לעבען אליין באשאפט נישט דער מענש. עס ליגט אויסערהאלב זיינע גרעניצען. דאָס לעבען איז אזא זאך, וואָס איז דאָ און וועט זיין אייביג אפילו ווען דער הימעל זאָל צו דער ערד פאלען. דאָס לעבען איז אַן איינהייטליכקייט, רופט עס נשמה, רופט עס גאָט. און מיר קאָמביניערען בלויז ווען מיר שאפען. דערפאר איז טאקע נישט פאראן קיין נייקייט אונטער דער זון, אין דעם טיפען זין, אז די נשמה פון דער זאך איז אַ נייע, אָדער אפילו אז די שטאָפען זענען נייע. ווייל גאָרנישט ווערט און אלעס איז שוין דאָ.

נאָר ווייל עס איז פאַראַן צייט און רוים און די וועלט איז אַ גרויסע, און די אַלע גוטע זאַכען ליגען פאַרבאַהאַלטען פון אונזערע אויגען, אויף דער ערד און אין די הימלען, איז עס אַן אויפגאַבע צו פאַרבינדען און קאָאָרדינירען די נויטיגע ווייטע געגענשטאַנדען. אַזוי ווי די בין האָט זיך איהר פאַרדינסט ווען זי טראָגט איבער דעם מעלזאַמען פון איין בלום צו דער אַנדערער; אַזוי אויך די קינסטלער־בין, וואָס פאַרשטויבט זיך די פליגעל מיט די גוטע שענע זאַכען פון דער וועלט און צעטראָגט דאָס איבער דער וועלט פון אייביגען טויט־און־לעבען און באַשאַפט נייע פאַרבינדונגען. אפשר נאָר דורך דעם קריגט די וועלט איהר האַפט, ווייל זייט מיר ווייסען האָבען דאָך מענשען געזוכט צו באַפרידיגען זייער גייסטיגקייט אַזוי גוט ווי זייער קערפּער. און די וואָס האָבען גאָר קיין גאָט אין הארצען, ווערען דאָך צומייסט ווי אַ וואַסער וואָס טריקענט אויס, אָדער ווי שטיינער ביים וועג.

אָט די נשמה, וואָס איז אַזוי עכט ווי די פּעדער וואָס איך האַלט אין האַנט, געהט דורך אַלע קונסטווערק, פון די צייטען ווען דוד האָט געזונגען זיין ערשטען פּסאַלם ביז די צייטען ווען ראָדען האַקט אויס זיין באַלזאַק פיגור, און פון די האַלבפאַרגעסענע צייטען פאַר דוד׳ן און די אומבאַשטימטע צייטען, וואָס דאַרפען ערשט קומען. אָט די נשמה איז דער קערפּער און גייסט פון דער קונסט, און דער איינציגער מעסטשטעקען פון אַ קונסטווערק. די פאָרמען ענדערען זיך מיט דער צייט, און יעדע נייע פאָרמע פאַרמאָגט איהר באַזונדערען חן. נאָר דער קריטעריאָן איז דער געפיהל, די מאָס נשמה, וואָס קוקט ארויס פון אונטער דער פאַרב, וואָס זינגט אַרויס פון צווישען די ליניען פון ליד.

נאָר נשמה איז אַזאַ זאַך, וואָס לאָזט זיך נישט צוהאַלטען מיט די הענט; און אַ נישט אויפריכטיגער ווענד, און עס בלייבט הוילער ליים, פלאַכע פאַרב, ווערטער אָהן בילדליכקייט, אַ ליד אָהן לעבען. ביז עס קומט אָן אַ נייער גייסט, אַ פּריש אויג, וואָס זוכט אָפּ דאָס האַרץ, דעם סאַמע וואָרצעל פון דער זאַך, וואָס עס דערזעהט. און יעדעס נייע זוכען איז דער אָנפאַנג פון אַן עפּאָכע. און יעדע עפּאָכע איז ניי און מאָדערן אין איהר צייט. עס איז געווענדט אין די מענשען, די אומשטאַנדען און דער צייט וואוהין עס זאָל זיך פאַרקירעווען דער גאַנג פון דער אויפלע־

בונג, ווי ווייט און ווי טיף דער קבר זאָל ליגען פון דער וויג. נאָר דער גייסט איז ווי דער ים און באוועגט זיך אייביג אָהן אן אָפּהאַלט.

ווען דו באטראכסט א מאָזאאיק פון די צייטען פון פאר דזשיאָטאָ, לאָמיר זאָגען פון צענטען יאָרהונדערט נאָך קריסטוס, און דערנאָך די דעקאָראציעס אויף אן עגיפּטישער מומיע פון פאר קריסטוס, און אויב דו ווילסט, א געמעלד פון דעם נישט־לאנג פארשטאָרבענעם אמעריקאנער אלבערט פּ. ריידער, למשל — מוזטו קומען צום באשלוס, אז ווי פאר־שידען עס זאָלען נים זיין זייערע פאָרמען און דער רעספּעקטיווער קינסטלערישער צוטריט פון יעדען פון זיי, באקומט זיך דער איין און זעלבער געפיהל: דער קינסטלער האָט געוואָלט דערגעהן און פעסטשטע־לען דאָס אייביגע, דערקאָנען גאָט ווי ער אנטפּלעקט זיך אין דער זאַך און אין יענער זאך, און באלייכטען דאָס נאָהענטע פארהאלטען זיך פון זיך צו גאָט. זיי געהען דערפאר מיט די פיס פון זייערע קערפּער אריבער די גרענעצען פון קערפּער און מישען זיך צונויף מיט די אבסטראקציעס, די נשמה, פון ליבע, פון נאכט, פון דער זון און פון טויט. מיט דעם כח פון זייער אייגענער פארטיפונג רייסען זיי אונז מיט מיט זיך, און ווי דאנטע אין די קרייזען פון גיהנם זעהען מיר דעם זין און דעם ווערט פון לעבען און פון טויט, פון ליבע און פון זומער. זייער ארט שאפען איז דער טויער צו דער גרויסער וועלט פון דער נשמה. דער טויער פאר־שטעלט און קאָן זיך אָבער אויך ברייט צעעפענען און אנטפּלעקען די ווייטע וועלטען.

מאלעריי איז א שפּראך וואָס נויטיגט זיך נים אין איבערזעצונגען און דערקלערונגען, נאָר רעדט אימער און צו אלעמען גלייך, אזוי ווי די זון, וואָס שיינט גלייך פאר אלעמען דארף קיין דערקלערונגען. אָהן מיה גנה איך דורך די טויערען פון דער און יענער טעכניק, און זעה פאר מיר די נשמה פון דעם קינסטלער, זיין ליבע צו דער וועלט, זיין אָפּענ־הארציגקייט, זיינע גערריקטע און געהויבענע שטימונגען, צי ווען ער האָט געמאָלען זיינע פארנעפּעלטע צוויי־דימענסיאָנדיגע פּאָרטרעטען אין כינא צי ווען ער האָט געמאָלען זיינע פולע דריי־דימענסיאָנדיגע לאנדשאפטען און שטיל לעבענס אין פראנקרייך און אויך איצט ווען ער זוכט א פערטע דימענסיע.

מאָדערניזם איז אלזאָ ווי איינער וואָלט זאָגען: „היינט"; אימער

איז „היינט“, דאָך אַן אַנדערער היינט. מאָדערניזם איז פּשוט אויפלעבונג: מאָרגען פרישקייט און די אַלע גוטע ריחות פון טויפּעלדער מיט יונגע גראָזען. עס איז דער קומען פון אַן עפּאָכע — די ערשטע ליבע. צווישען די בלומען וואַקסט שוין שטעכיגס, און די רויזען זענען דאָך די רויזען פון פריערדיגע באַגעגענישען. נאָר דאָ ליגט נאָך דער טוי אויף זיי. זיי בליהען נאָך אויף דער ערד גופא, און טרינקען נאָך לופט און וואַסער און זענען נאָך צונויפגעוואַקסען מיט׳ן לעבען פון דער וועלט.

ווען די פאָרם ליגט שוין אויף דער לייוועגט, ווי אַ קבר, וואָס באַגראָבט די נשמה, אין אינהאַלטלויזע בילדער אָהן עמאָציע, מיט פּוסטע הימלען, וואָס פאַרשפּרייטען זיך אויף שטרעקען און ליגען ווי נבלות, און די סענטימענטאַלע זיסקייט שלאָגט צו צום האַרצען; דעמאָלט רעוואָלטירט דער יונגער גייסט, ווערט ווילד, צעשפּרייט די הענט מיט רציחה און מיט געבעט און געהט אַוועק זוכען. ווישט ער אָפּ פון וועג, וואָס קומט אונטער דער האַנט און געהט גלייך צו זיך. הייבט אָן פון דאָס ניי. דערגעהט ער אַמאָל און אַמאָל נישט. נאָר אין זיין שאַפען ליגט שוין דער כח פון זיין גרויסען ווילען. געהט ער און זוכט, דערגעהט ער אַמאָל צו די ערשטע לערער פון דער וועלט. און אַמאָל געפינט ער אין די אַרכיווען פאַרגעסענע פאַרנאַכלעסיגטע קונסטווערטען. אַמאָל דערזעהט ער גאָר אויף אַלטע ווענט די בילדער, וואָס ער וויל מאָלען. און דאָס וואָס ער לערנט איז שוין פון פריהער געוועזען אין איהם, איידער ער האָט נאָך אָנגעהויבען זוכען. די צייט האָט בלויז אָפּגעדעקט זיין אייגענעם כח: אַזוי ווי פון דער נוס וואַקסט אויס אַ דעמב נאָר דער דעמב איז שוין אין דער נוס גלייך פון אָנהויב.

דער וואָרצעל פון בוים איז רעוואָלט. רעוואָלט איז אויך די שפּייז פון דער ערד: די אַטמאָספערע פון מאָדערניזם. דאַן צעצווייגט זיך דער שטאַם, פאַרנעמט זיך אַהער, אַהין, אַרויף, אַראָפּ, אַרום, בייגט זיך אויס, ברעכט זיך, טיילט זיך אָפּ, גראָבט זיך איין. דאָס אמת׳ע אינדיווידועלע באַנייען קומט פאָר צווישען די פיר ווענט פונ׳ם קינסטלער׳ס צימער. דאָ דערזעהט עס דאָס ליכט. און אין די גרענעצען פון אייגענעם כח וואַקסט דאָס נייע לעבען, מאַכט זיך אַ נייעם אייגענעם באָדען, באַוואַסערט איהם, האַלט איהם דערהויפּט פריש און קרעפטיג. איינער צעשפּרייט די הענט ווי ווייט ער קען און נישט ווייטער. דער קינסטלער

גערהט ווי ווייט ער קען און ווי אזוי ער קען. נאָר דאָס וואונדערליכסטע איז, אז וואָס מער איינער גיט אַלץ מער פאַרמאָגט ער. ווער קען אויס־שעפּען דאָס הארץ און דעם מח, און די ליבשאַפט וואָס שפּייזט דאָס הארץ און דעם מח, און פון וואָס מיר אַלע לעבען.

עס איז רעכט, אז דער היסטאָריקער זאָל זיך ארויסגעהן מיט זיין לאמטערען אין האנט אויפזוכען אין דער פאַרגאנגענער קונסט־עפּאָכע איהרע מיטלען און מאָטיוועז. טעאָריען גערהען נישט פאָראויס צו צייגען דעם וועג, בלויז די קאָנקרעטע ווערק ווערען די איינציגע מיילען־שטיינער. דערפאַר איז עס נאָך שווער צו זאָגען באשטימט, וואָס עס איז אזוינס „מאָדערנע" מאלעריי אויסער ר ע ו ו אָ ל ט.

2.

אַ בילד פון אַ פערד מיט אַ טויטען רייטער.

עס שפּרייט זיך אַ פעלד אונטער דער זון. אַ פערד מיט אַ רייטער שטעהען אין פעלד. רוה. דער עק פון פערד הענגט אראָפּ, דער קאָפּ הויך פון די אקסעל ארויס. דער רייטער זיצט טויט. זיץ איך אויף אַ שטיין און קוק. און די ערד דרעהט זיך נישט אָפּ פון דער זון, און בלייבט. און עס איז שטיל: טראכט איך, דערפאַר איז דאָס אזוי, ווייל אַלעס דאָ איז געשטאָרבען נאָר איך לעב. לעבט דאָך דאָס פערד אויך. אין דעם שטעל פון די לאנגע פיס, אין דעם האלטען פון הויכען קאָפּ איז דאָ אזוינס וואָס איז לעבען. אָט וועט זיך דער קערפּער געבען אַ נעם אויף צוריק און די פאָדערשטע פיס וועלען זיך געבען אַ ציה צוריק, און אוועק, עס וועט פליהען. נאָר דער טויטער מענש זיצט, און וועט אפשר פאלען, אראָפּפאלען און בלייבען ליגען, אַ פּאָר טויטע ביינער. דאָס פעלד וועט בלייבען אויב איך וועל דאָ בלייבען. און איך ווייס נישט צי די זון וועט אויך דאָ בלייבען. איך קוק אין דער זון אריין. זי עסט מיר די אויגען אויף — ווייס איך, אז זי וועט דאָ נישט בלייבען. איך וועל דאָ בלייבען אליין אין פעלד.

נאָר דאָס פערד בלייבט, און די זון שטעהט אין פעלד. טראכט איך, פאַרוואָס זעהט דאָס פערד אויס ווי עס געהט, און דאָך עס געהט

נישט. דער מענש יאָגט עס נישט, ווייל דער מענש איז טויט. אָבער דאָס פערד קאָן דאָך געהן. און פארוואָס הייבט זיך דאָס פעלד נישט אויף און געהט אוועק? איך זיץ דאָ, טראכט איך, און איך לעב דאָך געוויס. לעבט אפשר יענער טויטער אויך? און דאָס פעלד — לעבט עס אויך? עס שפּראָצט נישט קיין גראָז. איך וויים אָבער, אז עס וואקסט גראָז — לעבט דאָס פעלד.

זיץ איך אויפ'ן שטיין לאנג, לאנג. נאָר איך וויים, אז דאָס איז איין מינוט; נאָך וויינינגער, איין אויגענבליק; נאָך וויינינגער, גאָרנישט; ניין, עפּעס עפּעס מער פון גאָרנישט — דער פּונקט ווי צוויי מינוטען טרעפען זיך. דאָס טרעפען זיך פון דאָס, וואָס איז פארגאנגען מיט דאָס, וואָס דארף קומען. אָט דאָס וויינינגער־פון־צייט, די גאָרנישט־טראָפּען פון וואָס עס באשטעהט די צייט. וויים איך שוין, אז דאָס פערד איז נישט באשאפען געוואָרען דאָ אין פעלד, נאָר אז עס קומט פון דער פארגאנגענהייט און אז עס האָט נאָך א צוקונפט, און אז עס וועט צוזאמענגעמען דעם גרויסען לאנגען קערפּער אויף די דינע פיס און אוועקפליהען.

און דער מענש, טראכט איך, דער טויטער? אלץ דאָ איז דאָך איין מאָמענט, דער העכסטער מאָמענט, וואָס איז צווישען פארגאנגענהייט און צוקונפט. און דער העכסטער מאָמענט איז דאָס לעבען. און פון טראכטען וויים איך שוין, אז דער טויט איז אויך א סאָרט לעבען און האָט אויך א העכסטען מאָמענט, אָבער נישט זיין אייגענעם, נאָר אן אָפּשפּיגלונג פון מיינעם. און דער טויטער איז נישט דאָ געשטאָרבען, נאָר דאָס פערד האָט איהם דאָ אראָפּגעבראכט א טויטען. און דער, וואָס האָט אהערגעבראכט דאָס פעלד מיט דער זון מיט'ן פערד האָט אויך געבראכט דעם מענשען א טויטען.

און ווען איך בין אהיימגעגאנגען פון פעלד האָב איך געזאָגט צו זיך אין דער שטיל, באטראכטענדיג די מענשען, די פערד און אלעס וואָס לעבט, אז דאָס אלעס לעבט איין מאָמענט, און וויינינגער פון א מאָמענט, נאָר דער מאָמענט פארקערפּערט און אנטהאלט די גאנצע פארגאנגענהייט און אלעס וואָס דארף ערשט קומען. נאָר אז די הייזער, די שטיינער און די רעלסען, וואָס זענען טויטע זאכען, זענען נישט אין דער מדרגה פון אן אייגענעם העכסטען מאָמענט, קענען זיך אָבער אָפּשפּיגלען אין מיין מאָמענט.

און אזוי ווי בילדער זענען איין מאָמענט, דער העכסטער מאָמענט, פיהל איך און איך וויים, אז דער מאָמענט מוז, אויב דאָס בילד זאָל לע־בען, אנטהאלטען דאָס וואָס איז געווען און דאָס וואָס דארף קומען.

און עפּעס פיהל איך איז געווען דעמאָלט אין דעם שטילען פערד אויפ'ן פעלד פון וואָס עס וואָלט געקענט צוזאמענגעמען דעם לאנגען קערפּער אויף די דינע פיס און אוועקפליהען.

באָרים אַניספעלד :

צוויי קעפ. יציאת מצרים.

א. וואָלקאָוויץ :

אין בית המדרש.

י. טאָפעל :

סאלאָמע.



ב. אניספעלד — ש. ניגער

ב. אַניספעלד — יציאת מצרים

אין בית המדרש

א. וואָלקאָוויין

א. וואָלקאָוויץ   אין בית המדרש

י. טאָפּעל

סאַלאָמע

י. טאָפעל — סאַלאָמע

י. טאָפּעל סאַלאָמע

איינציגע לידער:

ראשעל וועפּריגסקי.

ציליע דראַפּקין.

אידאַ גלאַזער.

אסתר פּעווזנער.

בערטאַ קלינג.

ראַשעל וועפּרינסקי:

פון מיינע שלאַנקע גלידער.

פון מיינע שלאַנקע גלידער וויינען קינדער ניט געבוירענע,
וואָס ווילען דורך מיין לייב די ווייסע וועלט דערזעהן,
און אויפבליהען אונטער דער זון,
מיט קעפּעלעך געקרויזעלטע,
אויגעלעך ברייט פאַרוואונדערטע,
שווארצינקע און בלוי.
נאָר טיף אין זיך פאַרטויב איך
יענע צאַרטע שטימעלעך;
מיט טויזענט שטימען פון א פיבערישען דראַנג,
צו זיין ווי איצטער, אייביג אזוי בויגזאַם, אזוי שלאַנק
און פריי פאַר מיין קאַפּריז,
פאַר נעכט געשטערענטע,
און פאַר דיינע צערטלענדיגע הענט —
זאָלען מיינע טעג כאָטש ווערען האסטיגער פאַרשווענדט,
אז דאָרטען וואו איהר וואַרט —
איהר וויינענדיגע אויגעלעך אונטער די ווייסע טויערען
קומען זאָל איך יונג צו אייך,
איך וועל אייך שטיל צוזאַמענגעמען
אונטער מיינע ווייסע פליגלען,
און אויף עפּעס טרויערען
און וויינען שטיל מיט אייך.

ציליע דראפקין:

אין העמאק.

איך ליג אין העמאק
דורך צווייגען שיינט הייס אריין די זון,
איך פארמאך מיינע אויגען
און זעה א בלויע כינעזישע שריפט
אויף א גאָלדענעם בלאט.
ליכטיג בלויע כינעזישע אותיות
פינקלען ארויף און אראָפּ,
ווי קליינע פאנטאסטישע פענסטער,
אויף א וואנט פון א גאָלדענעם טורעם.
איך פארשטעה ניט די שריפט
נאָר עפּעס פארדריקט מיין הארץ,
איך דערמאָן זיך:
„איך ליב דיך, איך ליב דיך",
אזוי לעז איך די בלויע
כינעזישע שריפט.

אידא גלאזער:

דער לעצטער קלאנג.

פון איין זייט מיר שטעהסטו אצינד
און הערסט נישט אויף צו קלינגען.
פון וועהטאג ביים איך זיך די הענט
און דרעה זיך אויף אין רינגען.

עס רייסען זיך די פיס צום טיר —
אין שטול בלייב איך דאך זיצען,
און הער צונויפגעדרעהטערהייד
ווי מיינע ציינער קריצען.
— — — — — — — — —

דער לעצטער קלאנג פון דיינע טריט
אין שטילקייט ווערט פארשלונגען,
און אין דער שטילקייט ווער איך אויך,
ווי דיינע טריט פארזונקען.
— — — — — — — —

עס וועט זיך קיינמאל מעהר מיין טיר
ניט עפענען פאר דיר...

אסתר פעוזנער:

די שליסעל מיינע.

איך ביינק נאָך דיר,
דיין פנים האָב איך קיינמאָל ניט געזעהען.
א טיפער טרויער נאָגט און נאָגט מיין הארץ.
אליין בין איך פאר זיך א צייכען אין דער לופטען,
א באוועגונג וועלכע זוכט א ציעל.

אין א שווייגען נעץ בין איך פארפלאָנטערט,
אין דער שטילקייט קלאפט זיך אָפּ מיין בליק.
אין פארגליווערונג פארמאך איך מיינע אויגען —
עס עפענט זיך ערגעץ ווייט פאר מיר א לאנד.
אין יענעם לאנד ביסטו,
ביי דיר די שליסלען מיינע.

פארשלאָסען אין מיין וועלט, בין איך אליין פארבליבען.
רייס דעם שווייגען נעץ פון מיר ארונטער,
וועל איך פריי צו דיר אין יענעם לאנד זיך לאָזען.
אומזיסט פרואווסטו די שליסלען צו אלע טירען, —
זיי נוצען קאָן נאָר איך אליין.
מיין וועלט איז פעסט פארשלאָסען.
איך ביינק צו דיר
פון לאנד פון מיינע סודות.

בערטא קלינג:

טעג געגאַרטע.

טעג געגארטע,
טעג געגארטע,
טעג איהר בלויע,
טעג איהר גרויע,
אייער געהן,
אייער קומען
האָט ביי מיר וואָס
שטענדיג צוגענומען.

טעג באשטראלטע,
טעג איהר קאלטע,
טעג באשעהנטע,
טעג באוויינטע,
מיר געלאָזען
האָט איהר נאָר
פעדים זילבער
גרויע האָר.

א. ראַבאָי

דאָס ווילדע לאַנד

קאַפּיטעל א.

בען איז אַראָפּגעשפּרונגען פון א וואַגאָן, געבליבען שטעהן ביי א קליין הויז. אויף דעם דאַך פון הויז איז געהאנגען א טאַבעל מיט גרויסע אותיות: סטאַנציאָן ט..., נאָרד דאַקאָטא.

ער האָט זיך ארומגעקוקט פון אַלע זייטען. דערזעהען העט ווייט אין אונטערגרונד פון דער דאָזיגער סטאַנציאָן א קליינע שורה נידריגע הייזער, ווייט אָפּגעטיילטע איינע פון דער אַנדערער.

דערווייל, איז נעבען איהם דורכגעגאַנגען א פארטראַכטער מיטעל־יאָהריגער מענש מיט א פּייפ אין זיין מויל. זיין פּנים פאַרוואַקסען מיט הארטע האָר, זיין קאַפּעליוש א פארשמאָלצענער און פארשטויבטער און זיין גאַנצער הולך איז געוועזען, אזוי ווי דער גאַנג פון א „היימלאָזען" אין די גרויסע שטעדט פון דער איסט.

בען האָט געפּרובט און איהם א פרעג געטאָן:

— ווייסט איהר, ברודעריל, ווי ווייט עס איז פון דאַנען קאַלדוועל׳ס ראַנדזש?

— וואָס הייסט צי איך ווייס, סיר, פאַר וואָס זאָל איך ניט ווייסען וואו קאָלדוועל׳ס ראַנדזש איז? איך בין דאָך דאָס קאָלדוועל אליין.

— און מיין נאָמען איז בען. איך האָב אייך געשיקט א טעלעגראַם, אַז איך קום — האָט דער איסטערנער אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו קאַלדוועל׳ן.

— אזוי, גוט וואָס איהר זייט געקומען אין צייט; ווען איהר קומט שפּעטער טרעפט איהר מיך שוין ניט און איהר וואָלט באַדאַרפט כאַפּען א שפּאַציר אויף עטליכע מייל — אָבער ווי אזוי האָב איך אייך ניט באַמערקט, וואָס פאַר א באָב איך בין. לויפענדיג באַהגען באַמערק איך קיינמאָל ניט, וואָס פאַר א באָב איך בין. נו, קומט שוין.

בען האָט דעם דאָזיגען פארשוין וואָס הייסט קאַלדוועל שטאַרק באַ־

טראַכט און מורא געהאַט, אַז דאָ האָט מען מיט איהם ווייטער געשפּילט אַ שיינעם וויץ. אַזאַ פּאַרשוין באַדאַרף דאָס אַ מענשען צו זיין ראַנדזש.

נאָר פונדעסטוועגען איז ער איהם נאָכגעגאַנגען ביז צו דער שורה מיט די נידריגע הייזלאַך וואָס האָבען פאַרגעשטעלט דאָס שטעטעל ט... ער האָט זיך אָבער געטראַכט, אַז ער וועט פריהער אַ פרעג טאָן ביי עמיצען אין שטעטעל אויף דעם מאָדנעם הערר קאַלדוועל און זיין ראַנדזש.

אַזוי געהענדיג זענען זיי צוגעקומען צו אַ שיינעם פאַעטאַנדעל, אין וועלכען עס זענען געוועזען איינגעשפּאַנט צוויי קליינע פּעטינקע פערד־לאַך, ווייסע מיט גרויע פּינטלען. קאַלדוועל האָט צוגענומען בען׳ס וואַ־ליז און איהם אריינגעלעגט אין פאַעטאַנדעל. אַז בען האָט דאָס דערזעהן, איז איהם אַראָפּ אַ שטיין פון הארץ. וואָרים, אויב אַ מענש קאָן זיך פאַר־גינען ארויסצופאָהרען אין אַ מיטענוואָך מיט אַזוינע צוויי פערדלאַך און אַזאַ גוטען געשפּאַן, מוז ער זיין עפּעס מעהרער ווי אַ גוטער באַלעבאָס.

דערפאַר, האָט שוין בען ניט געפרעגט ביי קיינעם וועגען זיין נייעם באַלעבאָס. און באַלד זענען זיי ביידע שוין געזעסען אין פאַעטאַנדעל און די צוויי גרויע פערד האָבען געטאַנצט אַזוי לייכט און גרינג אַז מען האָט ניט געקענט זעהן, ווי זיי רירען אָן מיט זייערע פיס די ווייכע ערד פון וועג.

קאַלדוועל האָט אָנגעטריבען און בען איז געזעסען ביי זיין לינקער זייט און געקוקט און זיך געוואונדערט. פאָרענדיג מיט דער באַהן האָט בען געזעהן כאַפּענדיג די לויפענדע פעלדער פון אַלערליי שטאַטען אָבער איצטער האָט ער מיט זיין נאַקעטען אויג געקאָנט זעהן די פּרעירים פון נאָרד דאַקאָטאַ. באַרג און טאָל און גרויסע אויסגעשטרעקטע פלאַכע לענדער. דאָ און דאָרט אַקערט איינער מיט פיער פערד אין־דער־ברוסט און אויף אַן אַנדער פעלד בראָנעוועט אַ מענש מיט זעקס פערד אין־דער־ברוסט, אָבער מיט אַזאַ ברייטער בראָנע, וואָס מען זעהט גאַר ניט אין דער איסט, און פון דער ערד געהט אויף אַ גרויסער זייל מיט צומאָלענעם שטויב פון דעם וואָס די בראָנע מאָלט די צואַקערטע ערד מיט איהרע גראָבע שטאַרקע ציין.

און אַזוינע לאַנגע און ברייטע בייטען וואָס ווערען ערגעץ פאַרפאַלען פון דער אַנדער זייט פון אַ באַרג אָדער זיי לויפען פון אַ באַרג אַראָפּ אין אַ טיפען טאָל.

און הימעל און ערד און דער ווייסער וועג, וועלכער ציהט זיך און צעצווייגט זיך דא און דארט אין אנדערע קלענערע וועגען. וואו ניט וואו ערגעץ פארוואָרפען שטעהט זיך א היים פון א מענשען מיט זיין שטאל און ברונעם; ברונעמס עפעס אזוינע הויכע, טורעמדיגע מיט ווינד־מילען אויף זייערע שפיצען און די ווינד־מילען דרעהען זיך און פאמפען דאס געבענשטע וואסער פון דער טיפעניש פון דער ערד.

און די ווייטע פעלדער זענען ארומגערינגעלט מיט דראטענע פלויטען. שטעכיגער דראט אנגעצויגען אויף קיילכיגע ווייסע סלופעקלאך.

הערר קאלדוועל האט געזאגט:

— איהר ווייסט, סיר, ווען איך בין אהער געקומען צוריק מיט א סך יאהרען האט מען נאך ניט געוואוסט פון פלויטען. די פרעירי איז געוועזען אפען און פריי. איצט, פון א פאר יאהר צוריק, האבען מיר איינגעפירט פלויטען, דאס הייסט איך האב עס איינגעפירט און די טייוואלים האבען שוין געמוזט מיר נאכטאן.

בען האט ארויסגענומען א סיגאר און דערלאנגט צו הערר קאלדוועל. ער האט זיך אפגעזאגט:

— ווען איך טרייב מיינע פערד רויכער איך ניט. אויב אבער איהר ווילט מיר גיבען א געלעגענהייט צו רויכערען, דאמאלט מוזט איהר נעמען די לייצעס. איך וויל זיי אייך איבערגעבען אזוי שטיל און פאמעליך אזוי אז מיינע פערד זאלען עס ניט באמערקען.

קאלדוועל האט זעהר פאמעליך און שטיל איבערגערוקט די לייצעס אין די הענט פון בען.

בען האט שוין געהאט אנגעגרייט פאר זיין נייעם באלעבאס א קאנווערט און אויך דעם סיגאר. קאלדוועל האט פאררויכערט, אויפגעריסען דעם קאנווערט און איבערגעלעזען דאס פאפיר, וואו עס איז געשטאנען אנגעשריבען, אז בען ווייסט דאס פערד בעסער ווי זיך אליין און אז עס איז פאראנען אין זיין בלוט עפעס אזוינס, פאר וואס א פערד האט זעהר מורא.

קאלדוועל האט אויפגעהויבען זיינע אויגען פון פאפיר און שטרענג אנגעקוקט דעם וואונדער־בלוטיגען בחור בען, איהם אויסגעפרעגט אלערליי קליינינקייטען. עס האט זיך געהערט אין קאלדוועל׳ס טאן אזוינס, ווי

ער וואָלט איהם אַליין ווייזען, אַז ער איז שוין גאָר ניט קיין פערד און האָט ניט מורא פאר דעם וואָס עס איז פאראַן אין בען'ס בלוטען.

און כאָטש בען האָט זיך ניט אַזוי באַקוועם געפיהלט אונטער דעם דאָזיגען טאָן פון קאַלדוועל'ס אויספרעגען, האָט ער אָבער ווי אַ מייסטער געהאַלטען די צוויי קליינע האַלב ווילדע בראָנקאָס, זיי האָבען געטאַנצט איינער אָפגעטיילט פון אַנדערען אין אַ סימעטרישער שיינער ליניע, מיט דעם דישעל אין דערמיט.

קאַלדוועל איז שוין די גאַנצע צייט פון פאָרען געזעסען אַ פרייער און דערצעהלט און געגעבען צו פארשטעהן איטלאַך ווינקעל אויף דער פרעירי וואָס איז געלאָפען פון ביידע זייטען וועג.

דער וועג האָט זיך אַראָפגעלאָזען אין אַ סקאָסנעם טאָל אריין, אין טאָל איז געלאָפען און איבערגעשניטען דעם וועג אַ שמאָל טייכעל. אריבערפאָרען דאָס טייכעל האָט מען באַדאַרפט אָהן אַ בריקעל.

קאַלדוועל האָט אַריינגערעדט אין בען'ס אויערען, ווי ער וואָלט זיך היטען אַז זיינע פערד זאָלען עס ניט הערען, אַז דאָס טייכעל אריבערצופאָרען מיט די דאָזיגע צוויי בראָנקאָס באַדאַרף מען קאָנען.

פארשטענדליך, אַז בען האָט זיך דערפילט אין דער מינוט עפּעס מאָדנע, נאָר באַלד האָט ער זיך איבערגעגעבען אין די הענט פון זיין בלינדען, פאר איהם אַליין אומבאַוואוסטען, וואונדער־בלוט. די בראָנקאָס זענען אריבער דאָס טייכעל גלאַט ווי מיט אַ ווירע, דאָס וואסער פון טייכעל האָט געטאָן אַ שפריץ און איז געוואָרען באַדעקט מיט בולבאָנס און איז געוואָרען קאַלעמוטנע.

דערפאר אָבער האָט זיך פון דעם פלאַכען שטיק פעלד, וואָס איז געלעגען אויסגעשטרעקט אויף יענער זייט טייכעל, אויפגעהויבען אַזאַ מאָדנע מין בילעריי, אַזוי ווי פון אַ גאַנצער מחנה קליינטשיגע הינטלאַך.

קאַלדוועל האָט דאָס דערקלערט:

— דאָס איז אַ שטעטעל פון פרעירי הינט. אַזוי הייסט עס, דאָס דאָזיגע אָרט. מיר פלעגען האָבען זעדר פיעל שאָדען פון די דאָזיגע פארראַמטע פרעירי הינט. זיי וועלען אייך קיינמאָל ניט ארויסקומען פון זייערע לעכער ביי טאָג. און אויב אַ פרעירי הונט וויל טרינקען וואסער אין מיטענטאָג, קריכט ער אונטער דער ערד דורך אַזוינע קאַנאַלען, וועלכע ער מאַכט. ער קריכט אויף מיילען און מיילען ביז ער קומט צו אַ טייך

און טרינקט זיך אָן. אונזער נאָרד דאקאָטא איז, ווי מען רופט זי, אַן אָרט פון „טרוקענע פארמינג". מיר האָבען זעהר ווינציג רעגען און אַז עס רעגענט שוין יאָ אמאָל, ריינט דאָס וואסער אוועק פון די בערגינגע לענדער אין די טייכען אריין. אונזער ערד איז דערפאר אַלע מאָל אַזוי ווי אַ הארטער קליי, און דאָס ביסעל פייכטקייט וואָס די ערד זאפּט אין זיך אריין, איז ניט גענוג, אַז דאָס „ברויט" זאָל זיך קאָנען איבערשטופּען זיין לעבען. פארשטעהט איהר דאָך, אַז צו דעם דאָזיגען ניט זעהר וואוילען צושטאַנד פון אונזער צוזאַמענגעקלאפּטער ערד, פלעגען נאָך קומען די פּרעירי הינט און נאָך גראָבען קאַנאַלען הינטער דער אויבערשטער פלאַכע פון דער ערד. איז שוין דאָס ביסעל פייכטקייט דורך די דאָזיגע קאַנאַלען זיך אוועקגערונען און די אויבערשטע ערד איז געבליבען טרוקען ווי אַ שטיין. מיר האָבען דאָס געפיהלט זעהר שטאַרק און געלערענטע מענשען האָבען אונז געגעבען אַן עצה צו מאַכען אַ באַזונדערע שטאָט פאַר די דאָזיגע הינט ערגיץ נאָהענט פון אַ טייך. און אָט אַזוי האָט אונזער קאָמונע געבויט די דאָזיגע הינט־שטאָט...

בשעת קאלדוועל האָט דאָס אַזוי בריימלאַך און אויף זיין איינענעם שטיינער דערקלערט האָט דערווייל בען געקוקט אויף דער גאַנצער פּרעירי־הינט־שטאָט. דאָס איז געוועזען אַ פעלד באַדעקט מיט קליינע בערגעלאַך ערד, נעבען יעדען בערגעל אַ לאָך אין דער ערד און פון יעדען לאָך האָט ארויסגעשטעקט דאָס קעפּעל פון אַ פּרעירי־הונט. אַלע האָבען געבילט אין הימעל אריין און עס איז געוועזען אַ כאָר פון בילעריי פון אַ גאַנצער מחנה קליינטשינקע הינטלאַך.

בען האָט געטראַכט, אַז די וועסט איז עפּעס מאָדנע און אַנדערש פון דער איסט.

קאלדוועל האָט דאָס דערשמעקט און באַלד איהם איבערגעשלאָגען זיינע געדאַנקען :

— מיר, אין דער וועסט זענען פריש, געזונט און משוגע, כע, כע —

זיי זענען אוועקגעפאָרען ווייטער און קאלדוועל האָט זיך פאראינ־טערעסירט אין דעם, צי האָט בען עלטערען אין דער איסט און וואָס זיי זענען פאַר אַ מין מענשען.

בען האָט איהם אין קורצען דערציילט, אַז זיינע עלטערען זענען אין דער איסט ביזנעס־מענשען. ער אליין האָט ניט געוואָלט שטעקען זיין

נאָז אין ביזנעס; דורכגעמאַכט די געוועהנליכע שול, זיך נאָכדעם אוועק־געלאָזט אין אַן אגריקולטור שול און האַרטען אָפּגעווען צוויי יאָהר, זיך ספּעציאַליזירט אין א קורס וואָס מען רופט „פערד, און ווי אזוי מיט זיי ארומצוגעהן". נאָכדעם איז ער אוועק אויף א גרויסען פארם, וואו ער האָט נאָר געהאַט צו טאָן מיט פערד. ער האָט דערפילט אין זיך דעם באַרוף צו זיין א מייסטער פון פערד. און פון יענעם פארם קומט ער דאָס גלייך אהער אין דער ווייטער וועסט. און ער האָט אפילו ניט אָפּגעטראָטען צו זאָגען זיינע עלטערן גודבאַי, דאַרטען אין ניו יאָרק, זיינע עלטערן ווי־לען איהם סיי ווי סיי איבער זייער שוועל ניט ארויפלאָזען...

קאַלדוועל האָט זיך איינגעהערט מיט אָנגעשטעלטע אויערען און האָט פון צייט צו צייט ארויסגעלאָזען אזא מין זיפץ וואָס האָט זיך אויסגע־דריקט אין א טרויעריגען גוטמוטיגען העך, העך.

דערווייל, ניט אזוי גיך ווי עס רעדט זיך, זענען זיי דורכגעפאָרען דורך א דראָטענעם פלויט. קאַלדוועל האָט זיך אזוי ווי אויפגעכאַפּט פון א לייכטען דרימעל און געזאָגט:

— יונגערמאַן, דאָ הויבען זיך אָן מיינע לענדער, און אז איהר וועט דאַרטען פון יענעם בערגעל דערזעהן אַן אָפענעם טויער וועט איהר אזוי גוט זיין און אריינקירעווען אהין. איך וועל אייך שוין ווייזען.

פון יענער זייט בערגעל האָט זיך אַנטפּלעקט, אויף ווי ווייט האָס אויג האָט נאָר געקאָנט כאַפּען, א ברייט פעלד, ערטערווייז באַפלעקט מיט צעאַקערטע שטיקער ערד און ערטערווייז מיט אלערליי גרין־קאָלי־רענדיגע פאסען און דאָ און דאָרט א קליין סקאָסנע בערגעל. און ביי איינעם פון אָט אזוינע בערגלאַך האָט זיך געטוליעט א קליין ווייס הויז מיט א רויטען דאַך, נאָהענט פון הויז — א שטאַל, און אביסעל ווייטער — א ברונעם מיט א טורעם און אויפ'ן טורעם א ווינדמיל.

— דאָס איז מיין היים — האָט קאַלדוועל שטאָלץ געזאָגט.

בען האָט פארקירעוועט די פערד אין דעם אָפענעם דראָטענעם פלויט, די פערד זענען דורך דעם טויער ווי א פייל פון בויגען. קאַלדוועל האָט געהייסען בלייבען שטעהן. בען האָט א ציה געטאָן די לייצעס. די פערד זענען געבליבען שטעהן. קאַלדוועל איז ארונטער פון זיין זיץ, צוגע־גאַנגען צום טויער און איהם פארמאַכט, צוריק זיך אוועקגעזעצט אויף זיין זיץ, און בען האָט ווייטער געטריבען און זיך ניט איינגעהערט צו דעם

וואָס קאַלדוועל האָט געמורמעלט: אז ער האָט טויערן, וויל ער זיי זאָלען זיין פארמאַכט.

זיי זענען צוגעפאָרען צו דעם וועג וואָס איז געלאָפען צווישען דעם הויז און דער שטאַל. עס האָט זיך דערהערט א פערד הירזשען פון שטאַל ארויס.

א פרוי איז ארויס פון הויז אקעגען זיי, זיך אוועקגעשטעלט מיטביידע הענט אונטערגעשפארט אויף ביידע זייטען און געזאָגט: א גוטען־טאָג אייך, מענער.

קאַלדוועל האָט פאָרגעשטעלט:

— דאָס איז, מיין טייערע, אונזער בחור פון דער איסט. זיין נאָמען איז בען.

די פרוי האָט זיך פארנויגט און מיט א גאַסטפריינדליכען שמייכעל געזאָגט:

— דאָס מאָל איז גוט. וואָס אונזער נייער איז ניט קיין הויכער. יע־נער, וואָס דו האָסט געבראַכט פאר א יאָרען, איז געוועזען הויך און גראָב און אונזערע פערד האָבען איהם פון זיך ארונטערגעוואָרפען ווי א האַק יוארפט אראָפּ שפענער... העי, איסטערנער, וואָס האָט איהר עפּעס גע־בראַכט פון דער איסט, פאר דער ליידי, פאר מיר?

קאַפּיטעל ב.

נאָכדעם ווי בען האָט זיך אַרומגעוואַשען און פאַרקעמט זיינע האָר איז ער געבליבען שטעהן אין דערמיט פון דער גרויסער, ריין און ווייס געהאַלטענער קיך, און זיך אַזוי ווי פּלוצים דערפילט, אַז ער איז אין דער פרעמד. ער איז אַזוי געשטאַנען אַביסעל, זיך געוואָלט אָוועקזעצען און ניט געפונען קיין אָרט. ביז די פרוי קאַלדוועל האָט מיט אַ ברייט צו־שמייכעלטען פּנים איהם געזאָגט, אַז ער זאָל אַריינגעהן אין עס־שטוב, ווייל דער טיש איז שוין געגרייט פאַר אָוענדמאָלצייט.

קאַלדוועל'ס הויז איז באַשטאַנען פון דער גרויסער קיך, דורך וועל־כער מען איז אַריינגעקומען פון דרויסען. נאָך דער קיך איז געקומען די עס־שטוב. איין טיר פון עס־שטוב האָט געפירט אין אַן אַנדער צימער. די קיך איז געוועזען אין גאַנצען אויפגעבויט איבער דער פלאַך פון דער ערד און אין מזרח זייט. און דער לעצטער צימער אין מעריב זייט אָבער שוין טיף פאַרגראָבען און אַריינגערוקט אין דעם קליינעם רונדען בערגעל וואָס האָט פאַרשטעלט און איינגעטוליעט דאָס גאַנצע לאַנגליכע הויז. די פענסטער זענען געוועזען קליינע, פירעקיגע און נאָהענט פון דער ערד פון דער דרויסענדיגער זייט און אינוויינינג אויף האַלב וואַנט הויך פון דיל. געזעהען האָט זיך דורך דעם שניט פון די פענסטער אַז די ווענט פון דעם דאָזיגען הויז זענען גראָבע, שטיינערנע. אינוויינינג זענען די ווענט געוועזען ווייס באַקאַלעכטע און געהאַלטען אין אַ זעהר פיינעם און ריינעם פאַסאָן. די דילען פון ברעטער. פון עס־שטוב אין אַ ווינקעל האָט געפירט אַ טיר אין דער דאַך שטוב אַרויף מיט טרעפּ. בען האָט באַדאַרפט שלאָפען אין דאַך שטוב מיט די איבריגע צוויי בחורים וואָס האָבען געאַרבייט אויף קאַלדוועל'ס ראַנטש.

די פרוי האָט אין איילעניש, ווען זי האָט איהם אָנגעוויזען אין וועלכען בעט ער וועט שלאָפען, דערצעהלט בען'ען, אַז ער וועט שלאָפען נאָך

מיט צוויי מענער דאָ אין דאַך שטוב. און אַז זי האָפּט, אַז ער איז חלילה ניט אַזוינער ווי יענע צוויי, וועלכע שלאָפן מיט די שטיוועל, ווי עס שיינט איהר, אין זייערע בעטען און זי באַדאַרף נאָכדעם אַלע איבערפּריה אַרויסטרייסלען דעם שטויב וואָס זיי ברענגען אַריין מיט זייערע שטיוועל פון דער צעאַקערטער ערד.

בען האָט זיך ניט גוט געפילט פון די אַלע זאַגעכצען וואָס קאַלדוועל אַליין האָט אין איהם אַריינגערעט און וואָס זיין פרוי האָט אויך ניט פאַרשוויגען איהר טייל. ער האָט דערפאַר זיך טאַקע באַלד דערפילט זעהר פרעמד און געהאַט דאָס פאַרגעפיל, אַז ער וועט דאָ אין דעם הויז ניט שטעהן לאַנג.

נאָר וואָס דען, אַז ער איז אַריינגעקומען אין עס־שטוב און האָט דערזעהן דעם אויפגעדעקטען טיש, אַ טיש אָהן אַ סערוועט, און די אַלע געריכטען מיט די גאָפּעל מעסער און לעפעל אויף איהם, די צוויי לאַנגע בענק פון ביידע זייטען טיש און דער גרויסער קעראָסין לאָמפּ אין דערמיט, האָט עס אויף איהם אָנגעהויכט מיט דעם ריח פון אַ היים. בען האָט זיך אַוועקגעזעצט, וואו קאַלדוועל האָט איהם געהייסען. באַלד זענען אַזוי ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסען צוויי בחורים, איינער אַ לאַנגער אַ דאַרער און דער אַנדערער אַ קירצערער און אויך אַ דאַרער, ביידע מיט פאַרוואַקסענע, אָפּגעברענטע פון דער זון פּנימער מיט אויך אַזוינע הענט און מיט לאַנגע נעגעל אויף זייערע פינגער. זיי האָבען זיך שטיל, און אַזוי ווי שעמעוודיג, אַוועקגעזעצט איינער נעבען אַנדערען קעגענאיבער בען׳ן. די באַלעבאָסטע איז אַריינגעקומען מיט אַ גרויסער טיפער שיסעל, פון וועלכער עס האָט געזעצט אַ פּאַרע. זיך אַוועקגעזעצט אויבענאָן נעבען הערר קאַלדוועל.

באַלד איז נאָך איהר אָנגעקומען אַ מיידעל, דין ווי אַ פייפעל, און אַ בויגיגע, אַ ווייכע, און איהרע באַקען האָבען זיך גערויטעלט. זי האָט ניט אויפגעהויבען איהרע אויגען פון דעם דיל און אַזוי ווי עס האָט אויסגעוויזען, בלינדערהייט זיך אַוועקגעזעצט אין עק פון טיש.

דער מאָלצייט האָט זיך אָנגעהויבען מיט דעם, וואָס קאַלדוועל האָט אַריינגעשטעקט זיין גאָפּעל אין אַ שטיק פלייש.

בען האָט געגעסען, ווי נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען, מיט אַ גרויס צעעפענט מויל, זיינע ציין האָבען געקייט מיט אַזאַ געשמאַק, אַז ער האָט

זיך אליין געוואונדערט ווי אזוי ער האָט ביז איצט ניט באמערקט, אז ער האָט אזוינע שטארקע ציין.

ער האָט פון צייט צו צייט געטאָן א קאַפּ זיינע אויגען אָנצוקוקען די נייע מענשען ארום טיש. אַלעמאָל איז איהם אויסגעקומען זיך אָנצוטרעפען מיט דעם מיידעל׳ס אויגען, וועלכע האָבען זיך אזוי דערשלאָגען, אזוי קינדיש, שולדיג און דערשראָקען פארבאהאלטען.

דעם געשפּרעך האָט אָנגעהויבען פרוי קאלדוועל.

— קינדער, טוט א קוק, וואָס פאר א מתנה דער איסטערנער האָט מיר געבראַכט.

אַלע האָבען אויפגעהויבען זייערע אויגען פון די שיסלען און באַטראַכט די צוויי גרויסע שעהנע גערינצעלטע אראנזשען, וועלכע זענען געלעגען אינדערמיט טיש אויף א טעלער.

פרוי קאלדוועל האָט זיך אויפגעשטעלט און א כאַפּ געטאָן ביידע אראנזשען און מיט זיי אָנגעהויבען צו טאנצען איבער דער גרויסער עסשטוב און זיך אויסגעקייקעלט דאָס פּנים מיט זיי.

קאלדוועל האָט זיך צעלאַכט, פארוואָרפענדיג זיין קאָפּ אויף ארונטער.

— וואָס איז דאָ די פרייד, — האָט ער געזאָגט, — איך מוז צוליב מיינער נאָך פארזעצען אראנזש בוימער ארום מיין הויז.

די צוויי בחורים און אויך דאָס מיידעל האָבען מיט איינמאָל אויסגעשאָסען אין א געלעכטער פון קאלדוועל׳ס וויץ.

נאָכדעם האָט קאלדוועל געזאָגט שטאָלץ און פאראַדנע:

— פארוואָס ניט... איך געדענק צוריק מיט יאָרען, אז בראנפען פלעג פארפּדוירען ווערען ביי אונז אין די דאקאָטאַס.

שוין ביי דעם ענד פון מאָלצייט האָט זיך קאלדוועל אזוי ווי דערמאָנט און געפרעגט בען׳ן מיט וואָס פאר א ביזנעס, זיין פאָטער אין ניו יאָרק, פארנעמט זיך.

בען האָט געענטפערט:

— אידר וועט לאַכען, ווען אידר וועט הערען. ער קויפט צונויף פון אנדערע ביזנעסלייט דעם אָפּפאל פון רויכוואַרג און מאכט דערפון צוויי מאטעריאלען. די האָר ווערען אראָפּגעשאָבען פון די שטיקלאך פעל. מען מאָלט זיי אין אזא מעל און מען פארקויפט עס צו די פארמער פאר אזא מין באמיסטיגונג צו זייערע פעלדער און די שטיקלעך פעל וועלכע פאר־

בלייבען ווערען געקאָכט און נעקאָכט, ביז זיי צולאָזען זיך און עס ווערט פון זיי אזא קליי.

— קאַלדוועל, וויפיעל זאכען און מאטעריאלען ווערען דאָ אויף דער פּרעירי פארלוירען און פארפוילט — האָט דער הויכער בחור אינדערגיך מיט א קוויטשיגער שטימע געזאָגט:

— וואָס עס באטרעפט נאָר דאָס, וואָס מען שניידט אלע יאָהר אראָפּ פון די איבערגעוואקסענע האָפּס פון די פערד. מען וואָלט עס האָך אויך געקאָנט צומאָלען, כע, כע — האָט קאַלדוועל זיך געוויצעלט — היינט ווען מען שטעלט נאָך אונטער ביי יעדען זאנג ווייץ א טעפּעל, וואָלטען דאָך אָנגעזאמעלט טעפּ און טעפּ מיט ווייץ בשעת דער ווינט שאָקעלט דעם זאנג און די קערנער טרייסלען זיך אראָפּ.

בען האָט געלאַכט הארציג. זיינע אויגען זענען פול געוואָרען מיט טרערען. דער גוטער מאָלצייט און די אלע מענשען האָבען איהם שטארק דערוואַרעמט.

נאָך דעם מאָלצייט האָט קאַלדוועל זיך דער ערשטער אויפגעהויבען און נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעזאָגט די צוויי בחורים וואָס זיי זאָלען מאָרגען טאָן און וואו זיי זאָלען אקערן, האָט ער זיך געווענדט צו זיין נייעם בחור בען און צו איהם געזאָגט:

— בען, אייך, מאַך איך, פון מאָרגען אָן פאר דעם שעף איבער מיינע פערד; אי די פערד אין שטאל, אי די פערד וואָס לויפען ארום איבער מיינע פּרעירים.

בען האָט זיך גוט איינגעהערט צו דעם וואָס קאַלדוועל האָט געזאָגט און ווען יענער האָט געענדיגט, האָט ער געפרעגט:

— וואָס וועל איך באדארפען טאָן?

— דאָס איז אייער ארבייט און אייער זאַך איז פערד, ווייסט איהר דאָך וואָס איהר האָט צו טאָן. איך האָב פיינט צו זאָגען. איך האָב ליב אז יענער ווייסט אליין, וואָס ער האָט צו טאָן, — האָט קאַלדוועל שוין אזוי ווי זיך א בייזער געטאָן און איז אוועק אין דער טיר וואָס האָט געפירט אין דעם דריטען צימער, פון עס־שטוב.

די צוויי בחורים האָבען זיך אָנגעקוקט איינער דעם אנדערען. אונטער דער פארוואקסענער הויט פון זייערע שמאָלע פנימער האָט זיך באַ־

האַלטען אַ לייכטער שמייכעל און זיי האָבען, אַזוי ווי ביידע מיט אַמאָל, געזאָגט:

— מיר וועלען ארויס אין דרויסען, לאָזען רויך.

בען איז מיט זיי ארויס אין דרויסען. מען האָט זיך אויסגעשטרעקט אויף דעם גראָז און איטליכער האָט זיך פארטיפט אין זיין ארבייט פון מאכען א סיגארעט.

אין דרויסען איז געוועזען נאָך ליכטיגלאַך, אָבער שוין בלאָה. מען האָט נאָך געקאָנט זעהן אזוי ווייט ביז די בערג. אָבער וואָס עס טוט זיך אן דאָרט אויף די בערג און פון יענער זייט איז שוין געוועזען אוממעגליך צו זעהן.

די גאנצע פרעירי האָט געשמעקט, און איז געוועזען שטום.

איינער פון די בחורים וואָס זענען געלעגען מיט בענ׳ן האָט זיך אזוי ווי איינגעשטעלט דאָס לעבען און געפרעגט:

— פון ווי ווייט קומט דער ברודער?

— האָ, פון זעהר ווייט. פיר טאָג מיט דער באהן געפאָרען. צום טייוועל, זאָגט מיר פריהער, ווי מען רופט אייך — האָט זיך בען פון זיין פארטראכטקייט אזוי ווי אויפגעכאפט.

— מיך רופט מען מעק — האָט דער הויכער בחור געענטפערט — און איהם רופט מען עד. נאָר ווער ווייסט צי דאָס איז אמת. אָבער אז מיין נאָמען איז מעק, דאָס בין איך אן עדות.

— העי, העי, הויבסט שוין אָן, קאָמעדיאַנט.

— איידער איך האָב מיט איהם חתונה געהאט — האָט דער הויכער בחור, וואָס האָט געהייסען מעק, זיך צעוואָרעמט מיט זיינע חכמות — האָט ער געהייסען פיל. אזוי ווי איך בין א הויכער און ער א נידריגער, איז ער דערפאר מיין ווייב, האָך, האָך —

האָס געזאָגט, האָט ער זיך אויפגעזעצט, אויסגעשטרעקט זיינע לאַנגע פיס פאר זיך געטאָן א שטארקען ציה פון זיין סיגארעט, דעם סיגארעט נאָכדעם אריינגעשטופט אין דער ערד מיט זיינע פינגער און זיך גע־ווענדעט צו בענ׳ן, אזוי ווי שוין אן אלט באקאַנטער:

— צו וואָס אזא יונגערמאן ווי איהר קומט אויף דער פרעירי ווייס איך נים. פון אונז איז נישטאָ וואָס צו רעדען, מיר האָבען זיך ביז איצט געוואַלגערט אויף די דאָזיגע ווילדערנישען און מיר וועלען זיך ווייטער

וואַלגערען ביז וואַנען ער, עד אונזער פּילאָזאָף זאָגט, דער קאַיאָט וועט אונז אויפעסען. אָבער גלויבט מיר, אַז איך וואָלט ניט געקומען צופאָרען אַזש פון דער ווייטער איסט אַהער און נאָך צו קאַלדוועל אויפ׳ן ראַנדזש.

בען איז געלעגען אויסגעשטרעקט מיט זיין פּנים צו דעם פּיאָלעטעוועז הימעל אויף וועלכען עס האָט שוין, אַזוי ווי אין א חלום, ערגעץ זיך גע־וויזען א שוואַכער שיין פון א שטערען. בען איז געוועזען פאַרטיפט און פונדעסטוועגען געהערט וואָס מעק האָט גערעדט, אָבער די דאָזיגע רייד האָבען איהם ניט גענומען, אַזוי ווי ניט איהם מיינט מען דאָס.

וואָס האָט ער טאַקע מורא צו האָבען אויב קאַלדוועל איז ניט גוט?

דער קורצער בחור, וואָס האָט געהייסען עד, האָט געזאָגט:

— ניט אַזוי באַדאַרף מען צעשרויפען א נייעם מענשען. וויפיל ערטער ער איז שוין ניט אויסגעוועזען האָט ער נאָך אַזאַ גוטען מאָלצייט אין ערגעץ ניט געגעסען. שלעכט זענען זיי די באַלעבאַטים, אַלע.

— קאַלדוועל קען מען דען רופען שלעכט — האָט מעק שטילערהייט געזאָגט, אַרומקוקענדיג זיך אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט הערען — ער איז אַן אויסוואורף, א הינטישער זוהן. זיין אייגענעם זוהן, איינאייניציגען זוהן האָט ער אַליין מיט זיינע הענט, זאָגט מען, דער׳הרג׳עט און ערגעץ אויף דער פּרעירי באַהאַלטען. עס האָט זיך דאַמאָלט אָפּגעטאָן אַביסעל. פּלוצים ניטאָ קאַלדוועל׳ס זוהן. די שטיף מאַמע האָט איהם ניט געגליכען, נו, האָט ער גענומען און איהם פאַרטיג געמאַכט. מען האָט דאַמאָלט די גאַנצע פּרעירי איבערגעקעהרט און איהם ניט געפונען, ער איז אַריין ווי מען זאָגט טאַקע, אין דער ערד אַריין.

— דאָס האָב איך אויך געהערט — האָט עד, דער קורצער בחור, ליי־גענדיג מיט זיין בויך אויף דעם גראָז, געזאָגט — זיין זוהן איז מיט איהם אַרויס טאָן אין פעלד עפּעס אַן אַרבייט. האָבען זיי זיך צוקריגט. און דער פאַטער קאַלדוועל האָט דעם זוהן געטאָן א כמאַליע מיט א לאָם איבער׳ן קאָפּ און איהם צופּלעטשט. און איך האָב אויך געהערט, אַז ער האָט פיינט צו צאָלען זיינע מענשען. ווען וועט ער געבען געלט, מעק?

— געלט וועט ער דיר געבען, — האָט מעק מיט גאַל געזאָגט, — ער גיט גוט אָפּצועסען, אָבער געלט האָט ער אַליין ליב. מאָרגען מאָן איך געלט. אויב ער וועט געבען, איז גוט, און אויב ניט, וועלען מיר נעמען אונזערע פּעקלאַך און אַרויס פון יענער זייט טויער.

בען האָט אזוי ווי דערפילט, אַז ער באדארף מיט די דאָזיגע חברה מער ניט רעדען. ער האָט זיי דערפאר גאָרניט געזאָגט נאָר געלעגען און געקוקט ווי אַזוי דער הימעל פון דער וועסט ווערט וואָס אַמאָל טונקעלער. ער האָט געפילט אַ מידקייט אין זיינע גלידער פון דער לאנגער באַן רייזע און זיך קוים דערוואַרט ביז די אַנדערע צוויי האָבען פאָרגעשלאָגען צו געהן זיך לייגען שלאָפען.

קאַפּיטעל ג.

בען איז איבערגעשלאָפען די ערשטע נאַכט אויף דער פּרעירי זעהר גוט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַז עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען טאָג. ער איז אַזוי געלעגען אַביסעל און באַטראַכט זיין שלאָף־צימער. עס איז געוועזען נאָך דעם געשמאַק פון דער וועסט. אָהן א סופיט, נאָר די שינדלען און די באַלקענס אָפּגעווייסט מיט קאַלך, און זעהר ריין געהאַלטען. זיין בעט איז ברייט, דיין פאַרשפּרייט, אָבער ניט גענוג ווייך.

און מיט דעם איינגענעם געשמאַק האָט זעהר שעהן אין דרויסען אָנגעהויבען צו טאָגען. בען האָט זיך אויפגעהויבען פון בעט שטילערהייט, ניט געוואָלט אויפוועקען די אַנדערע צוויי, וועלכע האָבען נאָך געשלאָפען, זיך אָנגעטאָן און אַראָפּ מיט די טרעפּ.

ווען ער איז אַריין אין קיך האָט ער זיך דערשראָקען. אויף דעם הילצערנעם גרויסען סטאַפּטשאָן, איז געלעגען אויסגעשטרעקט דאָס דינע, שעמעוודיגע מיידעל. בען האָט אינדערגיך אוועקגעכאַפּט זיינע אויגען און מיט דער זייט זיך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסען אַרויס.

עס איז געוועזען קאַלט, אָבער לויטער און שעהן. א האָן האָט גע־קרעהט ערגעץ נאָהענט און פון שטאַל האָט זיך געהערט דאָס טופּען פון די פערד און א גרויסער געל־ברוינער הונט מיט גרויסע פלעקען איז צוגעקומען צו די פיס פון בען׳ן און האָט זיך אָנגעהויבען צו טוליען און צו רייבען זיך אַרום איהם.

בען האָט זיך איינגעבויגען, געטאָן דעם הונט א גלעט איבער זיין שמאַלען, קלוגען קאָפּ און איז נאָכדעם אוועק אין שטאַל.

צעעפענט די טיר פון שטאַל. אַלע פערד האָבען אויסגעדרעהט זייערע קעפּ און איהם באַטראַכט. בען האָט דערפילט, אַז זיי קוקען אויף איהם, ווי אויף א נייעם מענשען און עס איז איהם אומהיימליך געוואָרען. און

אומבאוואוסט האָט ער נעטאָן זאכען אזוי כדי די פערד זאָלען אנהויבען צו האָבען א שעהנע מיינונג וועגען איהם.

אויף דעם בוידים איז ער ארויפגעקראָכען, דורך דער לייטער אין א ווינקעל פון שטאל, וואוילקענעוודיג, פארפעלט איין סטעבליע איבער דער אנדערער און זיך אנגעהאלטען נאָר מיט איין האנט. און שוין דאָרט אויף דעם בוידים, שטעהענדיג מיט דעם היי־גאָפּעל אין דעם בארג־היי האָט ער געוויזען, אז ער קאָן ארויסקנייפען מיט איינמאָל א גרויסען בינט היי.

ארונטערגעוואָרפען דורך דעם לאָך איבער איטליכען פערד'ס קאָפּ א בונט היי, און עס איז געוואָרען א רעש אין שטאל. פערד קייען היי, בלאָזען אוועק דעם שטויב פון זייערע נאָזדרעס. בען שפרינגט אראָפּ פון בוידים און פאלט אריין, אנשלאָגענדיג זיך אָן די צוויי בחורים, מעק און ער.

זיי זאָגען איהם ביידע מיט אמאָל גוטמאָרגען, רייבען מיט זייערע הענט די פארשלאָפענע קליינע אויגלאך און וואונדערען זיך אויף דעם וואָס ער האָט שוין באטיילט אלע פערד מיט היי, און וואס פאר א טייוועל ער איז, אזוי פריה אויפגעשטאנען.

— איצט, קינדער — האָט בען געזאָגט — פירט ארויס די פערד אָנטרינקען.

מעק און ער האָבען זיך איבערגעקוקט, אָבער גאָר ניט געזאָגט, נאָר אזוי געטאָן ווי בען האָט זיי געהייסען.

די פערד אָנגעטרינקען, הויבט זיך אָן נאָך אמאָל דאָס קייען פון היי, נאָך מיט מעהר געשמאק. די גאנצע שטאל ווערט פול, אזוי ווי מיט מיל־שטיינער. בען זאָגט, אז די פערד זענען שעהנע, אָבער זיי זענען אָפּגע־לאָזענע. שוין יאָרען אוועק, אז מען האָט זיי ניט גערייניגט און ניט געקאמט.

— איהר, קינדער — האָט ער באפוילען — רייניגט נאָר ארויס דעם מאנור פון אונטער די פערד און איך וועל זיי אויסקעמען; אויב איהר ווילט, אָבער, קענט איהר קעמען די פערד און איך וועל רייניגען דעם מאנור.

— זיכער ווילען מיר קעמען — האָט דער הויכער מעק ווי זיך אנגעכאפּט.

בען איז געוואָרען שטארק פארנומען. גערייניגט דעם מאַנור פלאַכ־

טעסוויים. דער שאַרפער ריח איז נעקראָכען אין זיין נאָז אריין. קאָמאַנ־דירט מיט די פערד, אָנרירענדיג זיי ליכט מיט זיין האַנט אויף זייערע קריזשעס, דאָ רעכטס, דאָ לינקס, און אנדערש מאָל האָט דאָס פערד געמוזט פאָלגען און אויפהויבען א פוס אין דער לופטען, ווייל בען האָט באַדאַרפט אויסגראָבען דעם איינגעטראָטענעם מאַנור.

נאָכדעם האָט דער נידריגער עד געבראַכט א ריידעל־טראָגער און אָנגעהויבען ארויסצעפירען דעם מאַנור פון שטאָל אין דרויסען, דערביי אונטערברומענדיג עפּעס אין דער שטיל, אזוי ווי ער וואָלט עמיצען גע־שאָלטען.

פאַרטיג געוואָרען מיט דעם מאַנור האָט בען באַטראַכט די פערד.

— אָט דאָס רופט איהר קעמען? — האָט ער זיך גע׳ברוגז׳ט און גע־טאָן א וואַרף מיט דעם שטאָל־גאָפּעל צו דער ערד מיט א קלונג — וואו זענען דאָס קעמעל מיט דער באַרשט?

באַלד האָט פון דעם שוואַרצען פערד, וואָס איז געשטאַנען אין דער ערשטער אָפּגעזונדערטער שטאָל ביי דער טיר, אָנגעהויבען אויפצוקומען א באַרג מיט שטויב. בען האָט דאָס דאָזיגע פערד געריבען מיטביידע הענט, אין איין האַנט דאָס קעמעל און אין דער אַנדערער די באַרשט. דאָס פערד איז געוועזען א קיצעלדיגער און זיך געבויגען נידריג צו דער ערד אונטער דעם דרוק פון בען׳ס הענט. בען האָט אויף דעם פערד אַלע מאָל בייז אָנגעשריגען און געהאַלטען אין איין איבערזאָגען: אָט אזוי קעמט מען א פערד!

מעק און עד זענען געשטאַנען, מיט די הענט פאַרשטעקט אין זייערע הויזען קעשענעס, און געקוקט ווי אזוי דער בען פון דער איסט — אזוי האָט ער ביי זיי געהייסען — מאַכט זיך קינדער־נאַריש, זיך איינגעהערט צי מען שרייט שוין נים פון דער קיך אז איבערבייסען איז פאַרטיג, גע־שלונגען דאָס שפּייעכץ אין זייערע מיילער און זיך איבערגעקוקט מיט ווינקענדיגע אויגען.

— איסטערנער, זייט פאַרזיכטיג ווען איהר קעמט דאָס דאָזיגע פערד אויף זיינע פיס, ער איז א קיצעלדיגער אזוי ווי אונזער מיידעל — האָט דער הויכער מעק געזאָגט און געטאָן א טרייסעל מיט זיין שמאָלען קאָפּ און מיט דער הימשקע האָר אויף זיין קאַרק.

דער נידריגער בחור האָט זיך פּלוצים צעלאַכט און געמאַן א שמויס מעק׳ן, אז יענער איז שיר ניט אומגעפאַלען :

— איך בין היינט אריין אין קיך האָב איך אונזער מיידעל געפונען ליגענדיג אַן אויסגעשטרעקטע און זי האָט געכראָפּעט ווי א קאַץ. בין איך צוגעגאנגען און זי אויפגעדעקט, האָב איך דערהערט טריט און איך בין ארויס אין דרויסען.

— ביזט א נאר. איך בין באלד נאָך דיר אָנגעקומען. איך — —

ער האָט ניט דערענדיגט, דערוואָרגען זיך מיט זיינע ווערטער, ווייל עס האָט זיך דערהערט האָס אויסזינגען פון א פרויענשטימע :

— איבערבייסען, איבערבייסען !

קאַפּיטעל ד.

די שטאַל איז געוואָרען לײדיג. מעק האָט אײנגעשפּאַנט פיר פערד און ער האָט אויך אײנגעשפּאַנט פיר פערד. ביידע בחורים זענען אוועק אין באַזונדערע וועגען אַקערען קאַלדוועל׳ס פעלדער.

קאַלדוועל האָט געזאָגט, אַז בען זאָל אַנזאַטלען דאָס רייטפערד און אַרויסרייטען אויף דער פּרעירי, צונויפרינגלען אַלע פערד און זיי ברײנגען אין דעם קאָרעל. אָן, דאָרט צופוסענס פון יענעם באַרג שטעהט אין טאָל די קאָרעל. דאָס איז די אײנציגע, און ער וועט זי זעהן, די קאָרעל. אויף זיינע פערד איז אויסגעברענט א צייכען: א קיף מיט א קעסטאַלע אַרום דער קיף. און זיין פּרעירי איז גרויס. נאָר איין זאַך זאָל ער וויסען, אַז זיין פּרעירי האָט אויך אַ גוטען צייכען. זי איז אַרומגעצאַמט מיט שטעכיגע דראָט און ווייסע סלופּיקלאַך און דערהויפּט זענען די פּלויטען ניט קיין קיילעכיגע; קאַלדוועל האָט פּיינט קיילעכיגע זאַכען און ווען ער קאָן זיך העלפען, וואָלט ער די רעדער פון א וואָגען אויך ניט געמאַכט קיילעכדיג.

בען איז אַרויסגעפאָרען אויף דער פּרעירי. געגעבען זיין רייטעדיל פרייע לייצעס. אַריין אין דעם טאָל וואו קאַלדוועל׳ס קאָרעל איז געשטאַנען. מיט דעם שמאָלען שטעגעל פון טויער פון קאָרעל אַוועקגעריטען. צוגעקומען צו א קלאָרען ווייסען טייך, אַריבער דעם טייך, אײנגעטונקען זיינע שיך אין דעם קלאָרען קאַלטען וואַסער און אַוועק מיט דער פּרעירי. א נאַקעטע, אָהן א בוים צו זעהן אויף מיילען און מיילען איז זי געלעגען אײנגעטונקען אין אַלערליי נידריגע גרינסען, מיט שמאָלע שטעגלאַך א צעשניטענע.

די שטעגלאַך פאַרנאַרען דעם פרעמדען רייטער, ער ווייסט ניט וואוהין זיי לויפען און ווער עס האָט זיי דאָ אויסגעלייגט און צוואָרפען איבער דער פּרעירי.

בען האָט זיך געפּילט אויף דעם רייטעריל ווי אויף א פליהענדיגען פויגעל. ער איז געשטאַנען מיט זיינע פיס אין די זאָטעל טרעטערס און זיך געוויגט אראָפּ און ארויף און געקוקט אין אלע זייטען פאר קאָלד־וועל'ס פערד.

אונטער די פיס פון זיין רייטעריל זענען געשוואונדען בערג און טאָלען און גרויסע שטיקער פלאַכעס. די זון האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבען צו ווארעמען און פון די גראָזען האָט זיך אויפגעהויבען א פּארע. בען האָט געשמעקט מיט דעם ריח פון דער פּרעירי, זיינע ברייטע נאָזלעכער זענען צעשפּרייט געוואָרען און ער האָט עפּעס א ניגון אונטערגעפּייפט. דאָס פערד האָט אָנגעשפּיצט זיינע אויערען, גענומען זיך יאָגען מיט א זייט פאָרדרעהענדיג זיין קאָפּ און מיט איין אויג ארויסגעבויגען צו זיין רייטער.

בען האָט דערזעהן א סטאַדע פערד און א שניט צווישען צוויי בערג. צופאַרענדיג צו יענעם אָרט האָט ער זיך דערמאָנט ווי אזוי מען האָט איהם געלערענט ארומצוריינגלען פערד אויף דער פּרעירי. דאָס איז גע־רעדט געוואָרען, אז די פערד שטעהען אויף א פלאַך שטיק לאַנד. אָבער וואָס טוט מען ווען זיי זענען אין א טיפען שניט צווישען צוויי בערג?

בען האָט זיך פריהער גוט ארומגעקוקט און עס איז איהם איינגעפאַלען אז ער זאָל די דאָזיגע סטאַדע דאָ איבערלאָזען און אוועקרייטען ווייטער. זיי וועלען האָך ניט אנטלויפען פון דאַנען ווייל זיי זענען איצט הונגעריג און עסען זייער איבערבייסען און אין דעם טיפען שניט איז דאָס גראָז געוועזען טיפער ווי אויף דעם פלאַכען לאַנד.

ער איז אוועק ווייטער. געפונען א ריידעל פערד ארומטאַנצענדיג אין א קיילעכיגען קאראהאָד ארום א צעשראָקענעם האָז. ער האָט איהם זיך ניט געגלוסט צו צעברעכען אזא שיינעם טאַנץ, אָבער אז ער האָט זיך גוט אָנגעזעטיגט האָט ער אריינגעריטען אין דעם רינג פון די פאַרטיפטע טאַנצענדיגע פערד. די פערד האָבען זיך צעשראָקען און דער האָז איז אנטלאָפען שפּרינגענדיג אויף צוויי פיס בארג ארויף, בארג אראָפּ.

בען איז ארומגעפאָרען ארום דעם קליינעם טאבון עטליכע מאָל און זיך געטאָן א לאָז רייטענדיג גלייך אויף זיי ארויף. זיי האָבען זיך דער־שראָקען, די ווילדע פּרעירי לאָשעקעס, און אויסדרעהענדיג זיך מיט א שפּרונג האָבען זיי אָנגעהויבען צו לויפען, וואו בען האָט זיי געטריבען.

גאָכדעם האָט בען צונויפגעבראַכט, א ביסעל און א ביסעל, א סך פערד נאָהענט צו דעם טיפען שניט צווישען די בערג און זיי אלע ארויסגעטריבען, מיט א פייפעריי און פאָכענדיג מיט זיין קאַפעליוש אין דער לופטען, פון דעם שניט אויף דער נאָהענטער פלאַך; דאָרט האָט ער זיי ארומגעריטען עטליכע מאָל, געמאַכט דעם טאַבון ענגער, אזוי, אז איין פערד איז געשטאַנען מיט זיין האלז ארויפגעלעגט אויף דעם אַנדערען פערד. אוועקגעריטען א ווייטען דיסטאַנץ און צוריקגעקומען מיט א גאַלאָפ גלייך אויף דער סטאַדע ארויף.

דער גאַנצער, גרויסער בונט מיט פערד האָט זיך צעשאָטען. בען האָט געריטען אין דער מיט און זיי זענען געלאָפען און געלאָפען, מיט זייערע פיס געריסען דאָס גראָז פון אונטער זיך, די עקען צעשפרייטע אזוי ווי פליגלען.

בען האָט זיי געבראַכט צו דעם טייך וואָס איז געפלאָסען נאָהענט פון דעם קארעל. זיי זענען אלע אריין, צעשלאָגען דאָס וואסער און געמאַכט א ווייסען שוים דערפון, געבליבען שטעהן, געטרונקען, געשמיסען מיט די עקען איינגעטונקענע אין וואסער איינער אויף דעם אַנדערען, געהויבען די הינטערשטע פיס און געבריקערט ווייזענדיג אויסגעוואשענע האָפען.

עס האָט זיך שוין ניט געגלוסט ארויסצוגעהן פון טייך. בען האָט אויף זיי אָנגעשריגען ארויסברייגענדיג פון זיין מויל און ווארפענדיג אין דער לופט ארויס אזוינע קיילעכדיגע אויסגעשרייען, אז די פערד האָבען געמיינט, אז טויזענדער יונגען זיינען געקומען צו לויפען און טרייבען זיי.

דערפאַר זיינען זיי ארויס פון טייך מיט אזא ווילדקייט, שפרינגענדיג איינער איבער דעם אנדערען דאָס קליינע בערגעל פון טייך ארויף, אז בען האָט זיך ניט געקאָנט איינהאלטען און האָט זיך צעלאַכט.

פארטרייבענדיג זיי אין דער קארעל האָט בען פארמאַכט דעם טויער און איז צוריק ארייגגעשפרונגען אין זאָטעל און אוועקגעריטען אהיים.

אויף קאלדוועל׳ס הויף זיינען געשטאַנען פוהרען. אין די פוהרען גרויסע בונטען היי און פערד אָנגעטאָן אין זייערע געשפאַנען האָבען געהאלטען זייערע קעפ טיף באהאלטען אין דעם היי.

בען איז וואוילקענעוודיג אראָפגעשפרונגען פון זיין רייטערעל, ווען ער איז צוגעקומען צו דער טיר פון שטאַל. פון דאָרטען זענען ארויסגע־

פלויגען מיט א קאַקאַדאקען צעשראָקענע הינער. די זון איז געליגען אויף א האלבער שטאַל און זי געוואַרעמט און די צווייטע האלבע שטאַל איז געוועזען אין שאָטען.

בען האָט אריינגעלאָזען זיין רייטערל אין שטאַל. אוועק מיט גיכע טריט צו דעם הויז. קאַלדוועל האָט איהם באגעגענט ביי דער טיר און געזאָגט, אז איהם וואונדערט ווי אזוי ער איז אזוי גיך צוריקגעקומען. און אז עס איז דאָ קונים וואָס ווילען קויפען פערד און צי דאָס רייטערל איז נאָך אָנגעזאָטעלט. אויב יאָ, מעג ער דאָס אויסזאָטלען.

איידער בען האָט אויסגעזאָטעלט זיין רייטערל און איז ארויסגע־קומען אין דרויסען, האָט שוין קאַלדוועל געפירט א גרויסען שווארצען ברייטביי'ניגען אָגער.

קאַלדוועל האָט איבערגעגעבען אין די הענט פון בען'ן א שטריק צו־זאמענגעלעגט אין א רינג און א ווייכע לאַנגע בייטש און אויף דעם מיט א גראָבען קניפּ פארענדיגטען עק פון דער קאפּעסטרא, אין וועלכער דער אָגער איז געוועזען אָנגעטאָן.

נאָהענט פון דער קארעל האָט דער אָגער אנגעהויבען אויפצעציטערען און אלעמאָל אויסגעצויגען זיין ברייטען לאַנגען האלז און צעשניטען די לופט מיט זיין הירזשען. אויב א לייב שרייט, דאמאָלט איז דאָס ווי אזוי דער אָגער האָט איצט געהירזשעט נאָך העכער ווי געשריגען.

די פערד פון קארעל, דאָס מייסט, זי־פערד, האָבען אָפּגעענטפערט און זיך אויסגעשטעלט ארום דעם פּלויט און ארויסגעשטעקט זייערע קעפּ צו כאַפּען א קוק אויף דעם שענעם שווארצען אָגער, ווענען זיי האָבען שוין אפשר א גאנצען ווינטער ניט אנגעזעהן אין זייערע אויגען און גע־מיינט אז דער אָגער האָט זיי שוין פארלאָזען און וועט שוין צו זיי מעהר ניט קומען.

אז בען האָט אריינגעבראכט דעם אָגער אין דעם אינוועניג פון דער קארעל האָט קאַלדוועל געזאָגט בען'ן אז ער זאָל דעם אָגער לאָזען א שמעק טאָן צו איטליכען פערד, אויב דער אָגער וועט נאָר וועלען.

אליין איז קאַלדוועל געשטאַנען פון דער ווייטענס מיט זיינע קונים און אויסגעהערט וואָס זיי האָבען גערעדט צו איהם און אויך מיט זיינע שארפע אויגען זיך איינגעקוקט ווי אזוי דער אָגער שמעקט זיך אָן מיט די פערד. קאַלדוועל האָט אויך באמערקט אז זיין אגער, ווי אזוי ער

זאָל ניט ווערען אַנגעצונדען פון דער ליידענשאפט, קאָן ניט פארגעסען, אז עמיצער האלט איהם אין די הענט. דאָס איז איהם שטארק געפעלען. און קאלדוועל האָט געטראכט, אז איצטער האָט ער אין דער פערזאָן פון בענ'ן אן אמת'ן פערד־מענשען.

און אזוי איז דאָס געווען: דאָס זי־פערד האָט געווארט ביז דער אגער איז צוגעקומען, געטאָן א שמעק צו איהר, ארויפגעלעגט זיין שווע־רען קאָפּ אויף איהר האלז און אזוי ווי ער האָט נאָר געטאָן א הויב מיט א פוס אויף איהר ארויפצושפּרינגען איז זי שוין אויסגעטריקענט געוואָ־רען און נישט.

וואָס זשע האָט דער אגער געטאָן? ער האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ אין דער הויך, אויסגעשטרעקט זיין האלז און פארהויבען די אויבערשטע ליפּ און מיט זיינע גרויסע ווייסע ציין שטיל געהירזשעט.

דער אַגער האָט זיך ניט פארלוירען און אז דאָס דאָזיגע פערד האָט איהם אוועקגעוואָרפען איז ער צוגעגאנגען צו אן אנדער פערד, זיך געהיט טאָמער איז איינעם איינגעפאלען איהם צו געבען א בריק מיט די הינטער־שטע פיס אין זיינע ציין. פאר א ביס האָט ער גאָר און גאָר קיין מורא ניט.

פארקערט, איינער א זי־פערד גיט איהם א ביס, האלט ער שוין מיט איהר אויף א וועג. דער אגער דערפיהלט דאמאלט א ווארימען שטראָם אריבערלויפענדיג הינטער זיין גאנצער הויט. ער קושט זי אין איהרע ליפּען. און מיט זיין גרויסען קאָפּ גיט ער א שאָקעל אראָפּ און ארויף, שפּייט אויף דער ערד מיט שטיקער ווייסען שוים, לעגט ארויף זיין האלז אויף דער שקאפּע'ס האלז און נאקען. פאָהרט אריבער איבער דער גאנ־צער שעהן און רונד אויסגעבויגענער לענג פון איהר קריזש מיט זיין האלז, א שפּרונג, א כאפּ מיט זיינע ציין איהרע האָר און זי איז זיינע.

דער אגער בלייבט דערנאָך שטעהן מיט צעשפּרייטע פיס אויף דער ערד, שאָקעלט מיט זיין קאָפּ ארויף און אראָפּ אוןווארפט פון זיין מויל מיט ווייסען שוים. און דאָס זי־פערד יאָגט זיך ארום און ארום איבער דער קארעל מיט אויסגעשאָסענע אויגען, יאָגט זיך און ווערט ערגעץ אזוי ווי פארפאלען.

קאלדוועל קומט צו און זאָגט, אז בען זאל דעם אגער ארויסנעמען

פון קאַרעל און אהיים פירען. פאַר דעם אַנער איז געווען היינט. און איצט געהט מען א היים עסען מיטאָג.

איינער פון די קונים האָט שמייכלענדיג געטאָן א וואונק צו בענ'ן און אויסגעשריגען :

— א פיין שטיק ארבייט, בחור.

קאַפּיטעל ח.

בען האָט ארייננעלאָזען דעם אָגער אין זיין גרויסער אָפּגעזונדערטער שטאַל, פאַרמאַכט דאָס טירעל און איז ארויף אויף דעם בוידים אָנצוואַ־ ווארפען היי פאַר איהם און פאַר אַלע פערד.

פון אַלע ווינקעלעך פון שטאַל זענען געלאָפען צעשראָקענע הינער מיט אויסגעשטרעקטע קעפּלעך און מיט צעשפּרייטע פליגלען.

בען האָט געטראַכט, אַז ער וועט זאָגען דער פרוי קאַלדוועל, אַז ער וויל ניט האָבען קיין הינער ביי זיך אין שטאַל. זיי מאַכען דאָס היי פול מיט ליין. נאָכדעם עסען די פערד דאָס לייזיגע היי און די לייז באַפאַלען די פערד, בררר...

אַז בען האָט געטאָן א שפּרונג ארויף אויף דעם בוידים האָט ער זיך געטאָן א וואָרף פון שרעק.

דערזעהן דאָס מיידעל פון הויז מיט איהרע פיס טיף פאַרשטעקט אין דעם ווייכען היי. ער האָט צו איהר עפּעס געוואָלט זאָגען, נאָר די ווערטער האָבען איהם געוואָרגען.

זי האָט פון די הענט ארויסגעלאָזען די עקען פון איהר פאַרטוך און און עס האָבען זיך געטאָן א שיט ארוים פון פאַרטוך אַלע אייער, וואָס זי האָט פון די פאַרבאָרגענע, אין היי, הינערנעסטען צונויפגעקליבען.

— וואָס האָט איהר זיך אזוי דערשראָקען, מיידעל — האָט בען זי אָנגעכאַפּט ביי איהרע קליינע הענט.

— צובראָכען אַלע — האָט דאָס מיידעל דערוויל געריסען איהרע הענט פון בען'ן — לאָזט מיך אָפּ, איך בעט אייך.

— איך וועל אייך ניט אָפּלאָזען ביז איהר זאָגט מיר ניט ווי אזוי מען רופט אייך — האָט בען מיט זיינע שטאַרקע הענט זי נאָך שטאַרקער גע־ האַלטען.

— איך וועל ניט זאָגען — האָט זיך דאָס מיידעל געריסען.

— אויב איהר זאָגט ניט וועל איך דערצעהלען אייער מוטער — האָט בען א פארפלאמטער מיט א מימיק אָנגעוויזען אויף דעם בערגעל צעבראָכענע אייער.

— מיין מאמען קענט איהר געהן דערצעהלען, זי וואוינט זעהר ווייט פון דאנען — האָט דאָס מיידעל געלאכט אזוי ווי פון זיך ארויס.

— אזוי. איך האָב געמיינט, אז פרוי קאלדוועל איז אייער מאמע — האָט בען שטילערהייט, מיט גרויס צועפענטע אויגען, געזאָגט. —

— איך דיען אָפּ פאר מיין טאטענ'ס פערד, מיין טאטע האָט גע־קויפט צוויי פערד ביי הער קאלדוועל. מיין טאטע האָט אָבער ניט גע־האָט קיין געלט. האָט ער געזאָגט צו מיר: ליזאבעט, געה וועסטו אָפּ־דיענען ביי הער קאלדוועל פאר די צוויי פערד. בין איך געגאנגען, — האָט דאָס מיידעל אזוי שעהן און פראָסט דערצעהלט, אקוראט ווי א קליין קינד, ווען עס דערצעהלט עפּעס זיין מאמען.

— אהא, איך ווייס שוין ווי איהר הייסט, ליזאבעט — האָט בען זיך דערפרעהט און אָפּגעלאָזט דאָס מיידעל און מיט ביידע הענט געטאָן א פאטש.

דאָס מיידעל האָט געטאָן א שפרונג, צוגעלאָפען צו דער טיר פון בוידים און איז, אזוי ווי ארונטערקייקלענדיג זיך פון א בארג, אראָפּ דורך דער לייטער.

ווען מען האָט געגעסען מיטאָג האָט פרוי קאלדוועל געפרעגט בענ'ן צי דעם אגער איז היינט געגאנגען אין ליבע.

בען האָט געפיהלט ווי זיין גאנצער פנים פלאמט. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז די דאָזיגע פרוי צילט ערגיץ אנדערש. ער האָט זיך געוואָלט ארויסדרעהען פון דער דאָזיגער לאגע און געזאָגט:

— איהר הערט, אייער מיינונג וועגען אייערע הינער מעג זיך זיין! ווער ווייסט וואָס, אָבער איך האָב פיינט צו זעהן, ווי זיי קריכען מיר אין שטאל אריין. איך וועל דארום זעהן מאכען פאר די הינער אייערע א באזונדער אָרט ארומגעצוימט מיט א פלויט פון דראָט.

— אָט אזוי, הייסט געררעדט — האָט קאלדוועל אונטערגעגעבען חשק — זי מיינט, אז איהרע הינער מעגען טאָן וואָס זיי ווילען.

— און דאָס וואָס אייערע פערד פרעסען אויף די אייער — האָט פרוי קאלדוועל געזאָגט האלב אין ברוגז און האלב אין שפּאס — אייערע

פערד, איהר מענער מיט אייערע פערד. דאָס מיידעל איז ארויסגעגאַנגען אויפקלייבען אייער און צוריקגעקומען מיט גאָרניט.

בען האָט זיך איבערגעקוקט מיט דעם מיידעל, פארלוירען א שמייכעל. ליזאבעט האָט אויך פארלוירען א שמייכעל. הינטערען טיש האָט בען דערפיהלט, ווי עמיצער דריקט איהם לייכט אויף זיינע שיך.

נאָכמיטאָג האָט זיך ווייטער אָנגעהויבען דער אנדערער טאָג פון שפאנען פערד. די מענער זענען זיך צעגאנגען פון הויז, איבערלאָזענדיג וואָלקענס רויך, דעם ריח פון ערד און זאמדיגע ברעקלעך אויף די דילען.

קאלדוועל מיט זיינע קונים און אויך בען זענען אָנגעקומען אין דער קארעל, וואו דאָס ווילדע געזינדעל פון דער פרעירי, קאלדוועלס פערד, זענען געשטאנען איינגעשפארט און זיך געבאָדען אין דער זון.

דאָס מאָל האָבען די פרעמדע מיטגעבראכט זייערע וואָגענס מיט די פערד איינגעשפאנט און זיי איבערגעלאָזט שטעהן אין דרויסען פון קארעל. דאָס געיעג האָט זיך אָנגעהויבען. מען האָט באדארפט כאפען צוועלף ווילדע פערד.

בען האָט גענומען אין זיינע הענט דעם פארוויקעלטען שטריק. אָנגעשפיגען אין די דלאָניעס, פארבונדען א שלייף און איהם געמאכט לויז און גענוג גרויס און הער קאלדוועל האָט איהם אָנגעוויזען וועלכען מען דארף כאפען.

בען האָט אין איין האנט געהאלטען דעם גאנצען שטריק און אין דער אנדערער האנט האָט ער גענומען דעם שלייף, איהם געטאָן א הויב איבער זיין קאָפּ און מיט איהם געדרעהט אין דער לופטען און אָנגעהויבען צו געהן אויף די שפיצען פון זיינע שיך נאָך דעם אָנגעוויזענעם פערד.

דאָס פערד האָט באלד פון אָנהויב זיך דערשראָקען און אָנגעהויבען צו לויפען ארום און אנשלאָגענדיג זיך מיט זיין קאָפּ אין אנדערע פערד. יענע האָבען זיך אָנגענומען מיט זיין שרעק און אויך אָנגעהויבען צו לויפען. א גרויסער בארג מיט שטויב האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד.

בען האָט אָנגעהויבען צו לויפען פונקט אקעגען דעם קאָפּ פון זיין פערד, וועלכען ער האָט געוואָלט כאפען. אז זיי האָבען זיך באגעגנט האָט דאָס פערד זיך שארף אויסגעדרעהט און אנטלאָפען אין אן אנדער

זייט. בען האָט געדרעהט מיט זיין שלייף אין דער לופטען און מיט איהם געטאָן א וואָרף אויף דעם פערד, פארכאפּט זיין קאָפּ און נאָכגע־לאָזט די גאַנצע לענג פון שטריק.

דאָס ווילדע פערד האָט גאַלאָפּירט ארום און ארום, געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ, געוואָלט אראָפּוואַרפען פון זיין האלז דעם שלייף וואָס האָט איהם שוין אָנגעהויבען צו שניידען. אז ער האָט געזעהן, אז עס איז שוין פארפאַלען, האָט דאָס פערד אָנגעהויבען ערשט גיכער צו בריקערען און געריסען דעם גאַנצען לאַנגען שטריק מיט בען׳ן נאָך זיך.

בען איז נאָכגעלאָפען מיט גרויסע שפּאַן און געוואָרפען זיין גע־וויכט אויף ארונטער, געריסען די ערד מיט זיינע שטיוועל, איינגעגראָ־בען זיינע אָפּצאַסען און זיך באלד געמוזט אונטערגעבען, ווייל טויזענט טייוועלס האָט די בראָנקאָ אין זיך געהאַט און איהם בייגעקומען.

אָט אזוי האָבען זיי זיך געשפּילט אין יאָגעניש ביז בען איז צוגע־קומען צו דער מיט פון קאָרעל וואו עס איז געוועזען אין דער ערד טיף אריינגעשטעקט א שווערער סלופּ. בען האָט ארומגעכאפּט מיט דעם עק פון שטריק דעם דאָזיגען סלופּ. גיך געמאַכט א שטאַרקען קניפּ און שווער אָפּגעאָטעמט.

איצט איז שוין דאָס פערד געוועזען זיינער, ווייל ער האָט זיך גע־דרעהט ארום דעם סלופּ און זיך נאָהענט צוגעדרעהט, ארומוויקלענדיג דעם שטריק ארום דעם סלופּ, אז ער האָט געמוזט אויפהערען צו לויפען.

צוויי וועגען האָט ער געהאַט, אָדער זיך אוועקלעגען אָדער שטעהן און זיך אונטערגעבען.

דאָס פערד האָט אויסגעקליבען דעם אַנדערען וועג. געשטאַנען און ערגעץ ווייט געוואָרפען זיינע ווילד ארויסגעשאָסענע אויגען, זיין גאַנצע פעל איז געוועזען באדעקט מיט שוויים און זיינע ברוינע האָר האָבען זיך אָפּגעלעגט אין קנייטשען. זיינע נאָזלעכער זענען געוועזען רויט אָנגע־צונדען און צעשפּרייט.

איצט איז שוין איינער פון די פּרעמדע, א מיטעלוואוקסיגער מיט א גרויסער שוואַרצער באָרד און א פארוואקסענעם קאָפּ און האלז און נאַקען צוגעגאַנגען פּאַמעלעך צו דעם דאָזיגען ווילדען פערד און נאָכדעם ווי ער האָט איהם מיט זיין גרויסער שווערער האַנט געפּאַטשט אין האלז אריין און געגלעט איבער דעם פּנים, איהם דעם גאַנצען קאָפּ ארומגע־

פלאָכטען מיט א נייעם ווייסען שטריק און אויך ארומגעבונדען זיין נאָז און מויל.

מען האָט דעם שלייף פון זיין האלז אראָפגענומען. א שארפע צייכען איז געבליבען אין די ברוינע האָר. דער באַבאָרדעטער מאַן האָט דאָס פערד געהאלטען ביים שטריק נאָהענט פון זיין מויל און איהם געפירט צו זיין וואָגען.

אז אלע קונים האָבען שוין געהאט צוגעבונדען זייערע נייע איינגעקויפטע ווילדע פערד ארום זייערע וועגענער האָט קאלדוועל צוזעענט בריים דעם טויער פון קארעל און די איבערגעבליבענע פערד זענען זיך צעלאָפען אין א צעשפרייטער פארם.

דערנאָכדעם האָבען זיך די פרעמדע אריינגעזעצט אין די וואָגענס און געריהרט פון אָרט.

צוערשט האָבען די איינגעבראָכענע אלטע פערד ניט געקענט רירען די וואָגענס פון אָרט, ניט קענענדיג ביישטעהן דאָס צוריקציהען פון די ווילדע פערד פון הינטען. נאָר, אז קאלדוועל האָט געטאָן א פאָך מיט זיין בייטש און עס האָט זיך אָפגעשלאָגען א פייף אין דער לופטען האָבען די ווילדע פערד צעשראָקענע זיך ארונטערגעקוקט צו דער פרעירי און מיט אראָפגעלאָזענע קעפ אָנגעהויבען צו געהן נאָך די וואָגענס.

— גוד ביי — האָט קאלדוועל נאָכגעשריגען.

קאַפּיטעל ז.

קאַלדוועל'ס פּערד אין שטאַל האָבען אָנגעהויבען צו שיינען און זייערע האָר האָבען באַקומען אַ שעהנעם גלאַנץ דערפאַר ווייל בען האָט זיי געקעמט און געבאַרשט אַלע אינדערפריה.

קאַלדוועל האָט דאָס באַמערקט, עס האָט איהם דערפון הנאה געטאָן אָבער ער האָט עס ניט אַרויסגעוויזען און אַז ער איז אַריינגעקומען אין שטאַל איז ער אומערוואַרטעט צוגעגאַנגען און באַטראַכט, ווי אַזוי די פּערד זענען צוגעבונדען צו די רינגען פון דער שטאַל.

ער האָט צוגערופען בען'ן און איהם מיט אַ ווייכער גוטברידערליכער שטימע געזאָגט, אַז ער בעט איהם איבערצובינדען די פּערד, אָט אַזוי ווי ער וויל און אַזוי ווי מען באַדאַרף עס טאָן אין דער וועסט.

יענע צוויי קען ער דאָס ניט אַריינקלאַפּען אין זייערע קעפּ. זיי פאַרבינדען אַזוי ווי עס מאַכט זיך און קאַלדוועל האָט ליב, אַז אַלע פּערד זאָלען זיין צוגעבונדען מיט אָט דעם דאָזיגען קניפּ. דערביי האָט קאַלדוועל אַליין געמאַכט אַ קניפּ. עס איז אַי גרינג צו פאַרבינדען, אַי שטאַרק גענוג, אַז דאָס פּערד זאָל ניט קענען זיך אַליין אויפבינדען און אַרויס פון שטאַל און עס איז אויך גרינג אפילו פאַר אַ קינד אויפצעקניפּען. מען דאַרף נאָר אַ שלעפּ טאָן דעם עק און עס איז אויפגעבונדען, וועט בען אַזוי גוט זיין?

און נאָך אַ זאַך. קאַלדוועל וויל אַז בען זאָל אַלע טאָג אַרויסרייטען מיט דעם אָגער אויף אַ צוויי שעה, פאַר אַ שפּאַציר. אַנדערע ראַנדזשערס אַרבייטען מיט זייערע אַגערס אָבער קאַלדוועל'ס אַגער איז פון אַ גרויסער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע און ער וויל מיט איהם ניט אַרבייטען. דערפאַר אָבער באַדאַרף דער אָגער שפּאַצירען.

קאַלדוועל אַליין איז שוין אַן אַלטער מאַן, כע, כע, און וועט זיך ניט גאַר און פּלוצים אַרויפזעצען און רייטען אויף אַן אַגער. ווידער, דעם

אגער געטרויען אבי וועמען, קען קאלדוועל אויך ניט. דאָס פערד איז א טייערער אוצר. ווי קען מען היינט ערגיץ קויפען אזא אגער? ווען מען פאָהרט אוים די גאנצע פרעירי, וועט מען ניט געפינען א פאָר צו איהם. ער קאָסט צעהן טויזענט אין בארעס גאָלד, אָבער דאָס איז גאר ניט אקעגען דעם, וואָס דער דאָזיגער אָגער איז איינגעבאקען אין הארצען. קאלדוועל האָט איהם ליב, האָט מורא פאר איהם און ציטערט און פלאָ־טערט נאָך זיינע טריט. ווי אזוי זשע קאָן איך איהם געטרויען אין פרעמדע הענט?

וועט איהר דאָך פרעגען, ווי אזוי וועל איך איהם געטרויען אין אייע־רע הענט? נו, דאָס איז שוין מיין זאך. קאלדוועל רעדט ניט קיין סך און ווייסט שוין מיט וועמען ער האָט צו טאָן.

בען האָט געטאָן שטאל ארבייט, אויפגעהאנגען באמוטען, זאָטלען, בייטשען און אנדערע זאכען, יעדע שטאל זאך אויף א באזונדער אָרט, וואו מען זאָל עס קענען געפינען, ווען מען וועט עס באדארפען. זיך מיט א האלבען אויער צוגעהערט, וואָס קאלדוועל האָט צו איהם גערעדט.

אז ער וויל זיין אגער זאָל שפאצירען, זאָל זיין שפאצירען, וועמענס דאגה איז דאָס.

און נאָכדעם אז בען איז שוין געוועזען אין דער גרויסער אָפגעזונ־דערטער שטאל וואו דער אגער האָט זיך אויפגעהאלטען און איהם געזאָ־טעלט מיט א לייכטער אויפרעגונג, איז קאלדוועל אויך אויסגעוואקסען ביי דער טיר.

און ביי דעם פארבינדען די רימענס פון זאָטעל ארום דעם בויך פון פערד איז קאלדוועל צוגעקומען און געזאָגט, אז עס איז ניט זיין טבע זיך ארייצומישען, אָבער דאָ אין דער וועסט פארבינדט מען אנדערש די רימענס פון זאָטעל, ווי אין דער איסט.

אָבער אזוי ווי עס איז געשטאנען אין בען'ס רעקאָמענדיר פאפירען אז ער ווייסט דאָס פערד בעסער פון זיך אליין, איז שוין אליין פאר־שטענדליך, אז בען האָט זעהר גיך איבערגענומען די ווענדונג און דעם סטיל, וואָס די וועסט האָט געהאט, ווי אזוי דעם רימען פון זאָטעל ארומצובינדען ארום דעם בויך פון א פערד.

בען האָט זיך ארויפגעכאפט אין זאָטעל און פאר דעם אוועקרייטען האָט קאלדוועל איהם געבעטען, אז ערשטענס זאָל ער רייטען זעהר פא־

מעלעך, אזוי אז דאָס פערד זאָל האָבען א געוועהנליכען גלייכען טראָט. און צווייטענס זאָל ער זעהן, אז דאָס פערד זאָל זיך ניט שטארק דערהוי־צען. און דריטענס זאָל ער מיט דעם פערד ניט רייטען אויף דעם וועג, נאָר זיך האלטען אין די רעמלעך פון די דראָטענע פלויטען. און אז ער מעג זיך נעמען צייט א צוויי שעה.

בען האָט ארויסגעריטען פון דער ברייטער גרויסער טיר פון שטאָל גלייך אין דעם טאָל, וואָס האָט זיך געשפרייט פון הויז און שטאָל ביז וואנעט עס האָט זיך ווייטער אויפגעהויבען א לאנגער, לאנגער בארג.

דאָס פערד האָט פון אָנהויב געריסען מיט זיין מויל די לייצעס פון בען׳ס הענט. אָבער באלד האָט ער זיך איבערגעגעבען אין די הענט פון זיין רייטער, זיין קאָפּ רונד און ישעהן אויסגעבויגען, האלטענדיג איהם אין דער הויך, און געטראָטען מיט זיינע שווערע פיס שטיל און וויגענדיג און אויף זיין גלאנציגער שווארצער פעל האָבען זיך געוואָרפען און פאר־שוואונדען קנייטשיגע כוואליעס. אויף דער ערד און אויף דעם גרינעם נידריגען גראָז איז די זון געליגען אויסגעגאָסען אזוי ווי א ליכטיגער טייך און דער שאָטען פון דעם פערד און זיין רייטער האָבען זיך געבאָ־דען און געשוואומען אין דעם טייך פון זונשיין, א לאנגער שאָטען, דאָס פערד איז געוועזען לאנג און דער רייטער א קליינער.

צוקומענדיג צום לאנגען בארג האָט בען פארדרעהט דאָס פערד און געריטען ביים פוס פון בארג ארום און ארום. בען האָט א קוק געטאָן צו קאָלדוועל׳ס הויז און שטאָל. פון וויטען האָבען זיי אויסגעוויזען ווי קליינע קעסטעלעך. פון איין קעסטעלע האָט זיך געצויגען צו דעם הימעל א לאנגער פאָדים פון ווייסען רויך.

ארומרינגלענדיג דעם לאנגען בארג איז בען געבליבען אויג אויף אויג מיט דעם גרויסען פערד.

ער האָט פארדרעהט א ציגארעטעל, אין דעם ווייסען דיקלעכען פאפיר, וואָס ער האָט שוין געקויפט אין דער וועסט און פארדרויכערט.

און צוקומענדיג צו א פלויט פון שטעכיגע דראָטען איז בען ארונ־טערגעקראָכען פון זאָטעל און געגאנגען ביי דער זייט פון פלויט, פירענ־דיג לויז דאָס פערד הינטער זיך.

דאָס פערד איז געוואָרען גוטברודער מיט איהם און געשטעקט זיין מויל אין בען׳ס קעשענע אריין, דאָרט וואו דער טיטון איז געליגען.

— ברודערעל — האָט בען צו דעם פערד געזאָגט, וויסענדיג אַז אַ פערד וועט צו אַ מענשען זיין זעהר שטארק צוגעבונדען, אויב דער מענש וועט איהם געבען אביסעל טיטון אויפצעפרעסען — נעם און פארזוך מיין טיטון, אפשר וועט עס דיר געפעלען.

דאָס פערד האָט געדרעהט מיט זיין צונג און דער אייזערנער צוים האָט געקלונגען צווישען זיינע ציין ווען ער האָט דאָס ביסעל טיטון, וואָס בען האָט איהם געגעבען, אויפגעפרעסען.

זיי זענען געגאנגען לעבען פלויט און בען האָט באטראכט די צע־דערנע סלופיקלאַך און די גלייכקייט פון דעם אויג, וואָס האָט זיי אזוי אין דער ערד פארגראָבען, אז אלע באגעגענען זיך אין איין אָפּגעווירעטער ליניע. און אין די שטייף אָנגעצויגענע דראָטען איז געלעגען אן איי־ביגע איינגע׳עקשנ׳טע ענערגי.

און אַ מענש האָט דאָס מיט זיינע הענט געמאכט.

שטעהט זיך אַ מענש אויף דער פּרעירי, צעווישען לאנגע בערג, הויכע אזוי ווי אינדערמיט איבערגעהאקטע שטיינערנע, ווייסע סקאָלעס, קניי־טשיגע פלאכעס באוואקסען מיט ווילדע גראָזען, און איינער אליין פלעכט ער זיין פלויט ארום זיינע לענדער, שטעלט אויס זיינע סלופּעקלעך אי־בער קרומע און אָפּגעהאקטע בערג און אין טיפע טאָלען און אויף ווייטע ברייטע שטיקער פלאכעס פארוואָרפט די שטעכיגע דראָטען און ציהט זיי אָן אזוי שטארק אזוי ווי סטרונעס און מיינט אז ער האָט שוין די פּרעירי ארומגערינגעלט, זי זאָל ניט קענען אנטלויפען.

בען האָט אזוי געהענדיג פארטראכט, מיט דעם אגער פון הינטער זיך, ביי דער זייט פון פּלויט פּלוצים דערזעהן, אז אַ שמאָל טייכעל שנייט איהם איבער דעם וועג.

דאָס גרויסע פערד האָט מורא געהאט אריבערצוגעהן דאָס שמאָלע טייכעל און בען האָט זיך געמוזט אויפזעצען אין זאָטעל און זיך צעלאכט, וואָס מיט זיין רייטער אויף זיך איז דאָס פערד יאָ אריבערגעגאנגען דאָס טייבעל.

אריבערקומענדיג אויף דעם אנדערען ברעג, דורך אן איינגעשני־טענעם טיפען שטעגעל אין גראָז, האָט בען באמערקט פון ווייט קליינע קעסטעלעך פון אן אנדער פארוואָרפענער היים אויף דער פּרעירי.

דער אנגער האָט באַלד ארויסגעהירזשעט, ווי דאָס פייפען פון א באהן.

דער פּלויט האָט זיך ארײנגעשניטען אין א סקאָסנעם שמאָלען ווינ־קעל און פון ווינקעל האָט ער זיך אין דעם אייגענעם סטיל אוועקגעצויגען ווייטער. וואָס ווייטער דער פּלויט איז געלאָפען זענען זיך די קעסטעלעך אַלץ מעהרער גרעסער געוואָרען ביז זיי זענען אויסגעוואַקסען אין א שטיבעל און שטאַלען.

א לאנגע פיגור אין א הוט, האָט זיך בען'ן אויסגעוויזען, פּאַכט מיט איין האנט און געהט איהם אקעגען.

בען האָט זיך אוועקגעשטעלט און געוואַרט. וואָס נעהענטער די פיגור איז צוגעקומען, האָט שוין בען געקאָנט זאָגען אויף זיכער, אז דאָס איז א פרוי אין א מענער הוט.

די פיגור איז צוגעקומען פון יענער זייט פּלויט. דאָס איז געוועזען א בלאָנד מיידעל מיט א דערשראָקענעם, ווייסען פּנים.

דאָס פערד איז געוואָרען נערוועז און געריסען די לייצעס פון בען'ס הענט, געקלאפּט מיט זיינע ברייטע פיס און אויסגעקארבט טיפע רינגלען אין דעם ווייכען גראָז. בען האָט איהם אנגענומען און געגלעט אויף זיין ווארימען האלז.

דאָס מיידעל איז צוגעקומען זעהר נאָהענט צו דעם פּלויט, זיך אָנגע־שפּארט אין איינעם פון די סלופּעקלעך, געטאָן א שמייכעל, וויזענדיג איהרע ווייסע ציין און אויפהויבענדיג איהר פארריסען נעזעל אביסעל העכער, האָט זי געפרעגט:

— ווילט איהר זיך אָפּרוהען, סיר?

— איך בין ניט מיד — האָט בען זיך א בויג געטאָן און געדאנקט.

— איך וויים, אז איך זעה איינעם מיט א פערד און זאָטעל און דער מענש געהט צו פוס, וויים איך, אז ער מוז זיין מיד — האָט דאָס בלאָנד מיידעל געזאָגט און איהרע דינע ליפּען האָבען זיך קוים אָנגערירט איינע אָן דאָס אנדערע — איהר זייט א פרישער נאָוויטנער מענש. קומט איהר פון ווייט?

— פון דער איסט.

— אזוי! פון דער ווייטער איסט — האָט דאָס מיידעל פארמאכט

איהרע אויגען און זיך געוואונדערט — זייט איהר מיד? טאָמער ווילט איהר א טרונק וואסער?

אויף איהר ווייס פּנים האָט זיך צעשפּרייט א ראָזעווע שעמעוודיגקייט. בען האָט זיך אונטערגעגעבען, אז ער איז טאקע מיד, ווייל דער פארנעם פון זיינע פיס איז צו קליין, פאר דעם דאָזיגעןברייטבייניגען פערד, און אז זי איז אזוי גוט און וויל גיבען א טרונק וואסער וועט ער טאקע דערקוויקען זיין טרוקענעם גומען.

זיי זענען אזוי נעגאנגען, דאָס מיידעל פון יענער זייט פלויט, בען מיט זיין פערד פון דער זייט, ביז זיי זענען צוגעקומען צו א דראָטענעם טויער. דאָס מיידעל האָט דעם טויער געעפענט און מען איז אוועק גלייך צו דעם מיידעל'ס היים.

הינטער א קיילעכיג־אויסגעבויגענעם בערגעל איז דאָס קליינע פירעקעכיגע הויז געשטאנען. די פערדערשטע האלב אין דרויסען און די אנדערע העלפט איז געוועזען איינגעגראָבען אין בערגעל אריין.

דאָס מיידעל איז אריין אין הויז און האָט זיך באדארפט איינבויגען, אז זי זאָל ניט א קלאפּ טאָן מיט איהר קאָפּ אין דער אויבערשטער שוועל פון טיר.

בען'ן האָט פארדראָסען פארוואָס איהר פאָטער האָט געמאכט אזא נידריגע טיר. און איבערהויפּט מאכט מען אין דער איסט פאר א חזיר א שענערע הויז פון דעם דאָזיגען קליינעם ערדענעם כליוו.

דערווייל איז דאָס מיידעל צוריק ארויסגעקומען מיט א בלעכערנער קוואָרט פול מיט וואסער. בען האָט נעמענדיג דאָס וואסער אָנגערירט זיין האנט מיט דעם מיידעל'ס. ארונטערגענומען זיין הוט און אָנגעהויבען צו טרינקען, פארהויבענדיג זיין האלז, געשלונגען דאָס קאלטע וואסער און דערפיהלט, אז דאָס מיידעל נעמט די לייצעס פון זיין צווייטער האנט ארויס.

אז בען האָט ארויסגענומען, פון דעם דנאָ פון דער בלעכערנער קוואָרט, זיינע אויגען, איז שוין זיין גרויסער פערד לעבען איהם ניט געוועזען.

דאָס מיידעל איז געקומען צוריק א שפּרינגענדיגע פון דעם דערבייאיגען שטיינערנעם שטאל, מיטביידע הענט פארלעגט אויף הינטען און אויף איהר פנים איז געוועזען צעשפּרייט א ווייסער ברייטער שמייכעל.

— איך האָב צוגע׳גנב׳עט אייער פערד, ביל.

— מיין נאָמען איז בען און ווי אזוי רופען איך אייערע עלטערען, ליידי?

— איך וואוין דאָ מיט מיין מאַן, סיר.

בען האָט געמאכט א באוועגונג צוצוגעהן צו דער שטיינערנער שטאַל, זעהן וואָס זיין גרויס פערד טוט דאָרט.

דאָס מיידעל האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי זיין האַנט און שטילערהייט געזאָגט:

— האָט געדולד, מיין מאַן איז איצט ווייט אין פעלד, ער זייהט האָבער. מיר זענען דאָ „האָמסטעדערס“, ערשט דאָס צווייטע יאָהר. האָבען מיר נאָר איין פערד. זייהט מיין מאַן האָבער מיט די הוילע הענט און דאָס פערד שטעהט אין שטאַל.

— זעהר גוט. עס פרעהט מיך, ליידי, אָבער מיין פערד איז א ווילדס, אז ער וועט דערזעהן אייער פערד אין שטאַל וועט עס ווילד ווערען, אייך טאָן שאַדען און זיך אליין.

— בארוהיגט זיך. אונזער פערד איז א ליידי...

בען האָט ארונטערגעלאָזען זיינע אויגען צו דער ערד, זיך פארלוי־רען ווי א אינגעל. איהם האָט זיך געוואָלט כאָטש איינמאָל א קוק טאָן אין איהרע אויגען, אָבער זיין פּנים האָט געפלאַמט אָהן אן אויפהער און ער איז געשטאַנען אזוי אומבאהאָלפען נאָהענט פון דער ליידי מיט די בלאָנדע האָר.

שפּעטער האָט זי ארויסגעבראַכט דאָס פערד און געזאָגט:

— גאָט זאָל העלפען, וועט איבער א יאָהר זיין נאָך א פערד.

זי האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף דעם ברייטען האלז פון אַגער איהם געקושט אין זיינע אויגען און אויך אין דעם ווייסען פלעק וואָס דער אגער האָט געהאַט צווישען זיינע אויגען. איהם גערופען אלערליי שענע נעמען.

נאָכדעם איבערגעגעבען די לייצעס אין בען׳ס הענט. בען האָט זיי גענומען און אוועק צו פוס מיט זיין פערד ביז צו דעם טויער. געזעגענדיג זיך מיט דער ליידי, דורך א הויב פון זיין הוט הויך איבער זיין קאָפּ, איז בען ארייַן אין זאָטעל. פון יענער זייט טויער האָט ער זיך ארומגעקוקט. די ליידי איז געגאַנגען צו זיך אין הויז ניט אומקוקענדיג זיך.

דעם גאַנצען וועג צוריקרייטענדיג, האָט דאָס פערד געהויבען זיין קאָפּ, אויסגעשטרעקט זיין האלז און פארבויגען זיין אויבערשטע ליפּ.

בען איז געוועזען בייז אויף זיך אליין און געקוקט אלע מאָל אויף די ווייזערלעך פון זיין זייגער. ניט געזעהן די צייט.

אַז ער איז צוגעקומען צו דער שטאַל איז גראָד קאַלדוועל ניט נעווזען אין דרויסען. בען האָט שטיל געמורמעלט א דאנק צו גאָט און אריינגעריטען דורך דער ברייטער טיר פון שטאַל.

ארונטער פון פערד, איהם אויסגעזאָטעלט, און פארמאַכט דאָס דראָטענע טירעל. ער האָט געפונען א שטיק בורלאָפּ און אין קיך ביי ליזאבעטען אויסגעבעטעלט אביסעל קעראָסין.

וואשענדיג דעם שווארצען אגער מיט קעראָסין, האָט בען נערוועז געשריגען אויף דעם פערד פארוואס ער שטעהט ניט רוהיג.

קאַלדוועל איז אריינגעקומען אין שטאַל, שטיל ווי א קאַץ.

דער אגער און בען האָבען זיך ביידע דערשראָקען.

קאַלדוועל איז צוגעקומען נאָהענט צום פערד. דעם אגער גערופען סיר און א קוק געטאָן אין זיינע אויגען. נאָכדעם געזאָגט:

— האָט בען פארמאַכט דעם טויער?

בען האָט אביסעל געווארט, זיך אזוי ווי מיט א שלונג וואסער נעווארגען און געענטפערט:

— וואָס פאר א טויער?

— פארגעסען, אַז איהר זייט אין דער וועסט, סיר.

מעהר האָט קאַלדוועל נאָר ניט געזאָגט.

שפּעטער אין אָוועגט, נאָכדעם ווי בען האָט שוין אינסטינקטיוו ניט געקענט גאָר ניט טאָן קיין שום ארבייט, האָט מען געגעסען ביים טיש, דאָס גאַנצע געזינדעל. דער גרויסער לאָמפּ האָט געלויכטען. פון דרויסען האָט זיך געהערט דאָס וואָיען פון פּרעירי וועלף.

פרוי קאַלדוועל האָט זיך אויפגעהויבען, גענומען א ביקס פון דער וואנט און דורך דעם אָפענעם פענסטער אין דעם טונקעלען אָוועגט אויסגעשאָסען.

אזוי גיך ווי קאַלדוועל האָט איהם אָפּגעגעבען, נאָך אין דעם אייגענעם אָוועגט, דעם קאָנווערט מיט די רעקאָמענדיר־פּאַפּירען האָט בען נישט געמאַכט קיין שום טענות און איז ארויפגעגאנגען אין דאך שטי־

בעל, גענומען זיין וואליז און ארונטערקומענדיג האָט ער אויסגעשטרעקט זיין גרויסע האָריגע האנט צו דעם באלעבאָס און געזאָגט גודביי.

עס האָט ניט געהאָלפען דאָס פארוואונדערען זיך פון הער קאלדוועל, פאר וואָס בען פארלאָזט אין אָווענט זיין הויז איבערהויפט ווען ער איז א פרעמדער אויף דער פרעירי און אז מאָרגען אינדערפריה וועט ער איהם אָפּפירען צו דער באַן און אז בען טוט איהם אָן א בושה ניט וועלענדיג איבערנעכטיגען אין זיין הויז. עס האָט אויך ניט געהאָלפען דאָס אריינמישען זיך פון דער באלעבאָסטע.

בען האָט געזאָגט גודביי צו דעם מיידעל ליזאבעט. זי האָט געשמייכעלט. געמיינט, אז בען מאכט שפּאַס. אָבער באלד האָט זי אויסגעשטרעקט איהרע אויגען און א דערשראָקענע ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, צי זאָל זי איהם געבען א האנט, צי זאָל זי זיך צוואויינען. בען איז ארויס גיך פון הויז. ער איז ניט אוועקגעגאנגען ברוגז, ווייל ער האָט פארמאכט אונטער זיך די דרויסען טיר אזוי שטיל, גלייך ווי ער וואָלט באלד געדארפט צוריק אריינקומען. אָבער ווען בען איז שוין געוועזן ווייט פון קאלדוועל'ס הויז, האָט ער דערפיהלט, אז ער הויבט אָן צו ווערען ברוגז.

די נאכט איז אָבער געוועזן א שווארצע און א מילדע און בען איז באלד רוהיג געוואָרען. ער האָט זיך געלאָזט געהן גלייך אויף דער נאכט ארויף, מיט דעם וועג, וואָס האָט געפירט צו דער באַן. די קאיאָטען האָבען געוואָיעט אויף דער פרעירי, ווער ווייסט וואו ווייט זיי זענען געוועזן אָדער עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז זיי זענען זעהר נאָהענט פון איהם.

איהם איז פון דעם דאָזיגען וואָיען שטארק אומהיימליך געוואָרען. פארוואָס עפּעס וואָיען היינט פרעירי־וועלף ?..

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א ווײַלע און אויסגעדרעהט זיין פּנים אויף צוריק, פון דעם וועג צו דער באַן.

געהענדיג צוריק, האָט איהם אזוי ווי א לייכט געטאָן עפּעס א געדאנק. ער האָט פאר זיך דערזעהן אזוי פיעל ארבייט דאָ אין דער ווייטער וועסט. בען האָט אלעמאָל אזוינע שלעכטע אָנהויבען געהאט, זיך אלעמאָל איבערגעגעבען צו דעם שיקזאַל און ניט געגאנגען ווייטער; דאָס וואָס עס איז ניט גוט אָנגעהויבען איז שוין ניט גוט — און פארפאלען...

אָבער איצטער וועט בען א פּרואוו טאָן בלייבען דאָ אין דער ווייטער וועסט, כאָטש ער האָט געהאַט אַזאַ ניט גוטען אָנהויב.

בען איז צוגעגאַנגען צו אַ דראָטענעם פּלויט, דורכגעקראָכען צווישען די שטעכיגע דראָטען און איז אַוועק מיט דער פּרעירי. ער איז געגאַנגען מיט דעם אייגענעם מאַרשרוט, וואו ער איז געפאָרען מיט קאַלדוועל'ס אָגער ביז ער איז צוגעקומען צו דעם טויער פון יענער פאַרוואָרפענער היים, וואו די שלאַנקע פרוי האָט איהם מיט אַ טרונק וואַסער פאַרנאַרט.

גוט אַזוי.

אָט שטעהט די קליינענקע היים פאַרגראָבען אין אַ בערגעל. בען שטעהט אַ מידער ביי דער נידריגער טיר. זאָל ער אַ קלאַפּ טאָן?

ער איז מיד, אָבער דאָס בלוט פון דער איסט, וואָס פליסט אין זיינע אָדערען, גיט איהם גענוג מוט.

אפשר וואָלט שענער געווען אויסצואוואַרטען אויף דעם פרימאָרגען, האָט בען געטראַכט, און אינדערפריה וועלען זיי אויפשטעהן און איהם געפינען שלאָפען ביי דער טיר. די פרוי האָט שוין מן הסתם דערצעהלט איהר מאַן, ווי אַזוי זי האָט אויסגענאַרט ביי אַ יונגען בחור פון דער איסט קאַלדוועל'ס אָגער. צוערשט וועט דער מאַן אַרויס פון הויז און דערזעהן אַ פרעמדען שלאָפען ביי זיין טיר. וועט ער באַלד אַריין אין הויז און דאָס ווייב זיינס אַרויסברייננגען און איהר ווייזען דעם פרעמדען ביי זייער טיר. וועט די יונגע פרוי איהם שטיל און מיט אַ לייכטען שרעק אָנזאָגען אַז דער פרעמדער איז, דאַכט זיך איהר, אָט יענער יונגער בחור ביי וועמען זי האָט אויסגענאַרט קאַלדוועל'ס אָגער. זי וועט באַלד אַריין צוריק אין הויז און זיך אַזוי ווי באַהאַלטען און איהר מאַן וועט צוגעהן און מיט אַ לייכטען שטויס פון זיין שטיוועל איהם אויפוועקען און איהם זאָגען: „גוטער מאָרגען, וואָס טוט אַ פרעמדער דאָ ביי מיין טיר?"

„וואָס וועל איך איהם דעמאָלט ענטפערען?" האָט בען ווייטער געטראַכט.

בען האָט זיך דערפאַר אָנגענומען מיט מוט און איז באַלד צוגעגאַנגען צו דער נידריגער טיר פון דער קליינער איינגעגראָבענער הויז און צוערשט אָנגעקלאַפּט זעהר לייכט. געוואַרט און זיך איינגעהערט. אָנגעקלאַפּט נאָכאַמאָל שוין שטאַרקער.

ער האָט דערהערט אַזוי ווי א פּאָל פון א שווערער זאַך באַלד:

— וועלכער טייוועל קלאַפּט דאָרט אין מיין טיר?

עס איז געווען א גראָבער, קייל־עכדיגער טאָן, וואָס האָט זיך איהם אויסגעוויזען פון דעם באַלעבאָס פון יענער זייט טיר. דער האַלב פאַרשלאָפענער בייזער מענש האָט געוואָלט וויסען ווער עס קלאַפּט אין זיין טיר — און בען האָט געענטפערט:

— א פרעמדער פאַרבייגעהער.

— וועלכער טייוועל האָט עס געטריבען א פרעמדען ארומצוגעהן ביינאַכט אויף דער פּרעירי?

— עפענט, וועל איך דערצעהלען.

— פון ווי ווייט קומט דער פרעמדער?

— זעהר פון ווייט. לאָזט מיך אריין אויף איבערצונעכטיגען — האָט שוין בען אַזוי ווי געציטערט אין זיין שטים.

— איבערנעכטיגען? ביי אונז אין הויז איז נישטאָ וואו. אויב דער פרעמדער וויל, זאָל ער געהן אין שטאַל. אין מיין שטאַל איז דאָ היי, וועט איהם זיין ווייך צו שלאָפען, נאָר, זאָל דער פרעמדער ניט רויי־כערען, צום טייוועל!

עס איז געוואָרען שטיל פון יענער זייט טיר.

בען איז געשטאַנען אַביסעל ווי צומישט, זיך דערפיהלט אַזוי קליין און דערשלאָגען. איהם האָט שוין באַנג געטאָן פאַר וואָס ער האָט גע־קלאַפּט אין דער דאָזיגער פרעמדער טיר.

בען איז אוועק פון דער טיר און זיך אוועקגעזעצט אויף דעם ווייי־כען גראָז, פאַרדרעהט א סיגאַרעט און געררייכערט און זיך געהיט אַז די פונקען פון זיין סיגאַרעט זאָלען נים פאַלען און טאָן שאָדען.

נאָכדעם, ווי ער האָט זיך גוט אָנגערויכערט, האָט ער באַקוקט די נאַכט איבער דער גאַנצער פרעירי, דעם ווייטען הימעל און די ווייטקייט פון דעם גאַנצען ארום און ארום. ער האָט געהערט ווי די קאַיאָטען שווייגען. עס קאָן זיין, אַז זיי האָבען פון דער ווייטענס דערהערט ווי א פרעמדער איז דאָ אויף דער פרעירי און זיי האָבען אויפגעהערט צו וואָיען און שטעהען ערגעץ אויף בערג און קוקען צו דעם פרעמדען.

בען האָט איינגעגראָבען דאָס איבערבלייבעכץ פון זיין סיגאַרעט אין דער ווייכער ערד, זיך אויפגעהויבען און אוועק אין שטאַל אריין. די

טיר פון שטאַל איז געוועזען אָפען און די פינסטערקייט פון דער שטאַל אין דער אָפענער טיר האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער דרויסענדיגער נאַכט אַזוי ווי עס וואָלט געוועזען אָפּגעשניטען מיט א מעסער.

ער איז אריין אין שטאַל, געהערט ווי דאָס פערד האָט א בלאָז געטאָן מיט זיינע נאָזלעכער. בען האָט אָנגעשמעקט דעם ריח פון דער שטאַל, געבליבען שטעהן א ווייל און אָנגעהויבען צוביסלאַך ארויסצוזעהן וואָס אין שטאַל טוט זיך אין דער פינסטער. ער האָט באלד דערזעהן די גאַנצע פיגור פון א פערד, די ווענט פון שטאַל און דאָס איינציגע פענסטער, און שפּעטער האָט ער אין א ווינקעל פון שטאַל אויך באַמערקט, ווי דורך א נעבעל, א לאַנגע לייטער.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער לייטער, זיך ארויפגעדראַפּעט און איז ארויפגעקראָכען אויף דעם בוידים פון שטאַל.

דאָרט האָט ער באלד דערשמעקט דעם זיסען־ביטערען טעם פון היי, וואָס האָט זיך געבויערט דורך זיינע נאָזלעכער און געקראָכען אין זיין האלז אריין.

בען איז אריינגעקראָכען אין דעם היי, זיך צעשטרעקט, געפיהלט ווי עס איז איהם קיהל געוואָרען אין זיינע ביינער. האָט זיך גוט איינגעגראָבען טיף אין היי אריין. דאָס היי האָט איהם געשטאָכען אין זיין פּנים, אין זיין האלז און אויך געקראָכען דורך זיינע קליידער; האָט ער געפּרובט איין שטרויעלע מיט זיינע הענט איינפּלעטשען איז אַן אַנדער אויפגעקומען און איהם געשטאָכען. ער האָט זיך געדרעהט אויף אַלע זייטען.

די קאַיאָטען האָבען זיך ווידער צעוויינט אָדער צעשריגען, ווייסט זיי דער טייוועל, וואָס דאָס הייסט ביי זיי, און עס האָט אויסגעוויזען, אז זיי שטעהען נאָהענט ביי דער שטאַל.

בען איז געליגען און געטראַכט. פאַרגלייכט דאָס דאָזיגע בעט פון היי צו זיינע ווייכע בעטען אין דער איסט, פון וואַנען ער איז אַהער געקומען, און האָט זיך צעלאַכט. זיך באלד בארוהיגט און דערפיהלט ווי עס ווערט איהם וואַרים אין אַלע זיינע גלידער.

די טיר פון שטאַל אָפען. די שטאַל שטעהט אין דער אָפענער ווייטער פּרעירי און ער ליגט זיך א פרעמדער, איינער אליין, אין א בארג מיט היי און ווערט צוביסלאַך איינגעשלעפערט — זאָל זיין, וואָס עס וועט זיין — מאָרגען.

קאַפּיטעל ח.

אינדערפריה, נאָכדעם ווי בען איז אוועק, זיינען מעק און עד אריינגעקומען אין שטאַל, זיך געריבען זייערע אויגען, באַקוקט די פערד, זיך איינגעהערט צי עמיצער איז דאָ דאָרט אויף דעם בוידים, געוואָרט א קליינע ווייל און אז זיי האָבען געזעהן, אז בען איז טאַקע נישטאָ האָבען זיי זיך שטאַרק דערפרעהט. דער קורצער עד האָט געטאָן א שטויס, פאַר פרייד, דעם לאַנגען מעק און יענער האָט זיך אויסגעשטרעקט אין דער מיט שטאַל.

— ביזט אראָפּ פון זינען, דזשימנים.

— ער איז נישטאָ — האָט עד אויסגעשפּרייט זיינע הענט — מען האָט איהם, דזשימנים, געהייסען פאַרמאַכען דעם טויער פון יענער זייט. וואָסער, וויל ער מען זאָל געבען די פערד, אי פאַר דעם איבערבייסען, אי נאָך דעם איבערבייסען. איצט איז אומזיסט דאָס אויסשטרעקען פון דיינע אויגען. וואָסער וועט איהר טרינקען נאָך איבערבייסען.

דאָס לעצטע האָט ער געזאָגט, זיך ווענדענדיג צו איינעם פון די פערד, וועלכער האָט געהאַלטען זיין קאָפּ אויסגעדרעהט און געקוקט אויף די צוויי יונגען און זיך געוואונדערט, פאַר וואָס זיי וואַרפען ניט אָן קיין היי אין זיין קאָרעטע.

מעק און עד האָבען געטאָן שטאַל אַרבייט זעהר פויל און פאַמעלעך אַלעמאָל געפרעגט איינער ביי דעם אנדערען צי האָט ער ניט אפשר שוין געהערט רופען פון קיך פאַר דעם איבערבייסען.

די פערד האָבען געקייט זייער היי און נאָכדעם נאָך מיט מעהר אַפּעטיט זיך צוגעכאַפּט צו דעם האָבער. און עד און מעק האָבען געוואַרט אויף דעם איבערבייסען, געשלונגען די סלונקעס, געשאָלטען דעם אומבאַוואוסטען ערגעץ אין דער וועלט פאַראַנענעם הער „דזשימני“, אויסגעלאָזט צו איהם זייער הונגער.

אין הויז ביי קאַלדוועל'ן האָט זיך געפּיהלט, אז עס איז עפּעס גע־שעהן, קיינער האָט עס ניט דערצעהלט און ניט ארויסגעבראכט פון זיין מויל, אָבער געוואוסט האָט קאַלדוועל, אז ער האָט פארלוירען, אין אַנ־פאַל פון איינעם פון זיינע קאפּריזען, א מענשען, וואָס קיינער אין דער וועלט וועט איהם ניט קענען איבערבייטען. פרוי קאַלדוועל, האָט מיט איהרע נאַקעטע אויגען, אזוי ווי אַלע פרויען, געזעהן, אז זינט בען איז אוועק איז נאָך קיין מעת לעת נישטאָ און אויף ליזאבעט'ס געזיכט ליגט א טול פון טרויער, נאָט זאָל אויסהיטען, וואָס דער דאָזיגער משוגענער מאַן איהרער, האָט דאָ פארקאָכט. ליזאבעט האָט זיך געמאכט, ווי זי איז זעהר פארנומען מיט צוגרייטען דעם איבערבייסען. עס איז ביי איהר פון די הענט געפאלען און דאָס פייער אין אויוון האָט ניט גע־וואָלט זיך צעברענען און אז דער אויוון איז געוואָרען הייס, האָט זיך דאָס קאפּע קריגעל מיט וואסער איבערגעקערט אויף דעם הייסען אוי־וון, די קיך איז געוואָרען פול מיט פארע. און דורך דער פארע האָט זי געקענט שווערען, אז זי האָט געזעהן בען'ס פּנים.

פרוי קאַלדוועל איז געוואָרען מיט איהר אזוי ווייכהארציג, ווי זי וואָלט געוועזען איהר מאַמע. די מאַמע איז ווייט און זעהן וועט ליזא־בעט איהר מאמען שפּעטער מיט עטליכע וואָכען. פאר וואָס ניט היינט? א שטיק פון טאָג איז ליזאבעט ארומגעגאנגען מיט דעם געדאנק, אז זי נעהט א היים צו פוס און זי וויל זיך נאָך היינט זעהן מיט דער מאַמען. זי האָט זיך געהיט, אז פרוי קאַלדוועל זאָל דאָס ניט דערקענען אין איהר פּנים.

ביז איצט איז זי געוועזען ליזאבעט. דער טאטע האָט געהייסען געהן ארבייטען פאר די צוויי פערד. איז זי געגאנגען, אָט, אָט ארבייט זי א יאָהר און נאָך א יאָהר און זי קומט א היים און איהר פאָטער האָט שוין זיינע אייגענע פערד.

איצט איז זי אַן אנדערע. זי מוז אהיימגעהן און זעהן, וואָס די מאַמע טוט עפּעס.

ווען ליזאבעט האָט געהאט א געלעגענהייט צו זיין אין דרויסען איז זי לאַנג געשטאַנען און געקוקט אויף אַלע זייטען אין דער פרעירי.

אקעגען אָוועגט אז זי האָט געזעהן, אז אהיימגעהן וועט זי שוין

ניט, האָט זי פּלוצים געזאָגט צו פרוי קאַלדוועל, אז זי וויל מעהר ניט שלאָפען אין קיך אויף דעם סטאָפּטשאַן. א ניט, געהט זי אהיים.

פרוי קאַלדוועל האָט זי אָנגעקוקט, פארשטאנען און געזאָגט:

— מיט מיר אין איין בעט, וועסטו ניט מורא האָבען?

ליזאבעט האָט געשאָקעלט מיט איהר קאָפּ אויף ניין.

פאַרוואָס האָט פרוי קאַלדוועל איהר ניט געהייסען געהן אהיים. וואָלט זי זיך איינגעפּאקט איהרע זאכען און אהיים געגאנגען.

ביז דער קומענדער זונטאָג איז אָנגעקומען, האָט ליזאבעט'ן זיך אויסגעוויזען, אז עס ציהען זיך לאַנגע יאָרען און יאָרען. עס איז איהר איינמאָל פאָרגעקומען אז איהר פאָטער האָט זי פארקויפט צו הער קאַלדוועל אויף אייביג פאר צוויי פערד און אן אנדערש מאָל האָט זי פּלוצים דערפיהלט, אז זי האָט צוויי פליגלען, אזוי לייכט איז זי געוועזען און ארומגעטאנצט און אָט באלד טוט זי א פאָך מיטביידע פליגלען און פליהט אוועק אויף דער פּרעירי.

דער זונטאָג איז אָנגעקומען. דערלעבט די שעה ווען ליזאבעט האָט איהר אָפּרוה, נאָך דעם מיטאָג. זי האָט זיך אָנגעטאָן אן אנדער קלייד און האָט פּאמעלעך אוועקגעשפּאצירט איבער דער פּרעירי. אז זי איז אוועק ווייט פון הויז האָט זי זיך אוועקגעלעגט אויף דעם גראָז און זיך דערפיהלט, אז איהרע אויגען ציטערען און אויף איהרע באקען רינען ריטשקאלעך.

זי האָט גערעדט צו זיך אליין, זיך פאָרגעשטעלט, אז בען שטעהט לעבען איהר און זי רעדט מיט איהם. זיך געוואונדערט וואו זי האָט גענומען אזוינע קלוגע און גוטע רייד. בען איז געוואָרען צוגעבונדען צו איהר און געזאָגט, אז אזוי ווי זי באַדאַרף אָפּדינען פאר צוויי פערד וועט ער אויך מיט איהר דינען. ביידע אינאיינעם. און דערנאָכדעם וועט ער זי צונעמען פון קאַלדוועל'ס הויז. ליזאבעט וועט זיין זיינע. יאָ, איך וועל זיין דיינע, האָט זי איהם אינדערהויך געזאָגט, אזוי הויך, אז זי האָט זיך דערשראָקען. דערנאָכדעם אָפּגעוואשען דאָס פּנים ביי דעם טייכעל און צוריקגעקומען אין קאַלדוועל'ס הויז, פארנאכט, ווען די זון האָט אָנגעהויבען צו פארגעהן.

געוועזען פרעהליך. געשאָטען מיט וויצען, גערעדט אזוינע רייד, וואָס זי האָט זיך אליין געוואונדערט פון וואנען זי האָט זיי גענומען.

קאַפּיטעל ט.

הער קאַלדוועל איז ארומגעגאנגען, אזוי ווי א דערשלאָגענער. געמאַכט דעם אונטערציה פון זיין לעבען אויף דער פּרעירי, לאַנד, ברויטען, גראָזען ווילדע און בעסערע. פלאַקס און האָבער, מאשינען און פערד ווילדע און אויסגעלערענטע. דראָטענע פּלויטען, טייכען, א קארעל, א הויז און שטאַלען. דערפון האָט ער אראָפּגערעכענט אזוי פיעל יאָהר הארעוואניע. דאָס, וואָס עס וועט זיך שוין מעהר ניט אומקערען און דאָס, וואָס ער האָט מורא צו ברענגען אויף זיינע ליפּען — די פארלוירענע יאָרען און דער סוף. עס בלייבט גאָר ניט. זירא.

אז קאלדוועל איז אין די יונגע יאָרען אראָפּגעקומען אויף דער פּרעירי, האָט ער מיטגעבראכט א ווייב מיט צוויי קליינע קינדער, א אינגעלע און א מיידעלע, זיין מוטער, וועלכע איז שוין דאמאָלט געוועזען אן אלמנה, א וואָגען מיט א יאָך־אָקסען, צוויי גרויסע ברייטביינינגע אָקסען זענען זיי געוועזען, איין אקעראייזען, א פולער וואָגען מיט געהילץ, ברייטע זיילען און שינדלען, און די פרייד זיינע, אז ער הויבט אן בויען זיין היים.

זיין שטיק לאַנד איז געוועזען באוואקסען מיט הויכע פּרעירי גראָז. דאָס ערשטע האָט ער אויסגעקאָסעט אין דער מיט פון א פלאַכען אָרט דאָס גראָז און אויפגעשפּרייט זיין לייוועגטע ביידעל. עס איז געוועזען אין אָנהויב זומער. וואַרימע טעג, שענע נעכט. די אָקסען זיינען אריין אין גראָז אזוי טיף, אז מען האָט זיי קוים געקענט געפינען. אָבער זיי האָבען דאָס דאָזיגע גראָז ניט געוואָלט עסען, ווייל עס איז געוועזען גראָב און ווילד און הארט ווי האָלץ. נאָר אזוי ווי די קליינע קינדער קאלדוועל׳ס, האָבען זיי זיך געשפּילט און געשוואומען אין דעם טיפען גראָזיגען טייך.

די קינדער און די אָקסען האָבען זיך געשפּילט און קאלדוועל, זיין

ווייב און זיין מוטער, האָבען געבויט דאָס הויז. א גאנצען טאָג האָט געהילכט דאָס קלאַפּען פון העמערלעך און פון דער האַק.

פארטיג מיט דעם הויז געוואָרען, האָט קאלדוועל אָנגעיאָכט זיינע אָקסען און דאָס ערטשע ארומגעאקערט א גרויסען קיילעכדיגען רינג ארום הויז. ער איז געוועזען יונג, האָט ער זיך אזוי צוגעכאַפּט צו דעם אקער, אז איינער פון די אָקסען איז געפאַלען אין שפּאַן. געזיפּעט און געבלאָזען מיט זיינע זייטען און זיך שוין ניט געקענט אויפהויבען. האָט ער, אויף דעם באראָט פון זיין מוטער, דעם דאָזיגען אָקס ניט גע־לאָזען קיין סך זיך מאטערען און איהם געקוילעט. זיי האָבען געהאט פלייש, און דער אָקס האָט ניט באדארפט שטארבען מיט אזא שווערען טויט. און דערווייל איז ער געבליבען נאָר מיט איין אָקס.

דאמאָלט האָבען איהם גוטע מענשען געזאָגט, אז ער זאל זיך בעסער קויפען פערד, נאטיווע פערד. די גראָזען זאָל ער פריהער אויסברענען וועט ניט זיין אזוי שווער צו אקערען.

פון דאמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבען די מעשה מיט די פערד. ווייבאלד פערד, און נאָר זי פערד, וועלען זיי דאָך געווינען אלע יאָהר לאָשעקעס, וואו זשע וועט קאלדוועל זיי אהינטאָן? דערפאר האָט קאלדוועל׳ס מוטער גענומען אויף איהר נאָמען נאָך אן אנדער שטיק לאַנד. עס איז אין נאָרד דאקאָטא געוועזען גענוג ערד און מען האָט עס געגעבען איטליכען אומזיסט, כדי מען זאָל די ווילדע לאַנד באזעצען. קאלדוועל׳ס ווייב האָט אויך גענומען אויף איהר נאָמען א שטיק לאַנד און אז קאלדוועל׳ס קינדער האָבען געטאָן א וואקס אריבער די צוועלע־וועהר, הויבנעוויקסיגע זיינען זיי געוועזען, האָט קאלדוועל זיי געשיקט צו דעם אפיס און זיי האָבען אויך אויף זייערע נעמען גענומען שטיקער לאַנד.

פארשטענדליך, אז קאלדוועל האָט געוואָלט, אז די אלע שטיקער לאַנד זאָלען זיך גרעניצען איינער מיט דעם אנדערען, כדי ער זאָל פון זיי אלע קענען מאכען איין גרויסען טראקט.

איז אָבער אזוי, ווי איהם אויף צו להכעיס, אויסגעקומען, אז א פרעמדער האָט געהאט א שטיק לאַנד צווישען די גרעניצען פון קאלד־וועל און זיינע קינדער׳ס, אָדער ווייב׳ס לענדער.

דערווייל איז קאלדוועל געוואקסען, פון יאָהר צו יאָהר. זיינע פערד

האָבען זיך געמערט און געוואקסען ווי אויף הייוועז. די פרעמדע מענשען, וועלכע האָבען געהאַט זייער שטיק לאַנד צווישען זיינע גרעניצען, זיינען קאלדוועל'ען געשטאנען ווי א ביין אין האלז.

וואָס זשע האָט קאלדוועל געטאָן? אזוי ווי די גאנצע פרעירי איז געוועזען פריי זיינען זיינע פערד ארומגעלאָפען אומעטום. די שכנים זיינע, אז זיי האָבען באדארפט ערגעץ פאָרען אָדער אזוי געהן, האָבען זיי געמוזט זיך דורכברעכען א וועג דורך קאלדוועל'ס לענדער. האָט קאלדוועל געזאָגט פאר דער וועלט, אז ער קען ניט ליידען וואָס זיינע פערד שפרינגען ארום איבער דער פרעירי און מאכען שאָדען וועמען זיי מאכט זיך צו מאכען, איז דערפאר, האָט קאלדוועל ארום זיינע לענדער אויסנעצווינגען צוימען פון שטעכיגען דראָט. שוין. קענען זיינע פערד ניט ארויס פון זיינע גרעניצען.

דערפאר אָבער האָט זיך באוויזען אומצופרידענהייט צווישען זיינע שכנים. וואָס איז דאָס פאר א שטיק? נעמט א מענש און פארצוימט זייערע וועגען. וואו ארומעט ארויסצופאָרען, איז נישטאָ קיין וועג. עס האָט זיך אָנגעהויבען קריגערייען. אָבער געה קריג זיך מיט קאלדוועל, אז ער האָט אזא מין נאטור, גאָר ניט צו ענטפערען ווען יענער רייסט זיך אוים דאָס הארץ.

— קינדערלעך, איהר ווילט איך זאָל אייך מאכען טויערען. גוט. אָבער איך וויל פאר מיינע טויערען געלט. און איהר וועט זיי מוזען אָפּהיטען מיינע טויערען, אז זיי זאָלען זיין אלע מאָל צוגעמאכט — האָט קאלדוועל קאלטבלוטיג צו זיינע שכנים געזאָגט.

איינער אָדער צוויי האָבען זיך אונטערגעגעבען. אנדערע האָבען אויפגעהויבען א גוואלד, אוועק אין אָפיס, געריסען טירען. געה שריי. אז קיינער הערט ניט. קאלדוועל האָט באשמירט און זיינע רעדער דרעהען זיך. צודערצו האָט גלאט געברענט ביי די מענשען א פייער. זיי האָט זיך תמיד אויסגעוויזען, אז זיי ליגען אויף דער ערד און קאלדוועל שפאנט איבער זיי פון איין שטיק לאַנד צו דעם אנדערען.

מען האָט געטאָן א שפיי און פארקויפט צו דעם דאָזיגען קאלדוועל'ן, אי דאָס לאַנד, אי אלע זאכען און אוועק וואו די אויגען האָבען געוויזען.

אַט אזוי האָט זיך קאלדוועל צעשפרייט איבער דער גאנצער פרעירי.

די צאָל פון זיינע פערד איז געוואקסען. ער איז אזוי געוועזען אריינגעטאָן אין זיין אייגענעם וואקסען, אז ער האָט ניט באמערקט, ווי אזוי זיין מוטער איז געשטאָרבען. דערנאָכדעם איז דאָס ווייב זיינ׳ס אויך אוועק אויף יענער וועלט. זיינע קינדער זענען שוין געוועזען אויפגעוואקסען. א געזונטער הויכער בחור און א הויך שלאַנק מיידעל.

ער האָט ניט פארשטאנען זיינע קינדער און זיי איהם אויך ניט. אָפט האָט מען זיך געקריגט, זאָגאר געשלאָגען. אז דער פאָטער איז אָנגעפאלען אויף זיין זוהן, איז דאָס מיידעל געוועזען אויף דעם פאָטער׳ס זייט. איז דער זוהן אָנגעפאלען אויף דעם מיידעל, האָט דער פאָטער געהאלטען מיט דעם זוהן. און עס איז צווישען זיי ניט געוועזען קיין פארשטענדניס פאר וואָס זיי טוען עס אזוי און ניט אנדערש.

קאלדוועל האָט זיך אויסגעשריבען דורך א צייטונג אן אנדער ווייב. האָט עס געטאָן אזוי, אז זיינע קינדער זאָלען עס ניט וויסען.

און אזוי, ווי ער האָט ביי זיי ניט געפרעגט, איז דאָס געוועזען א פארפאלענע זאך.

געקומען איז קאלדוועל׳ס נייע ווייב.

דאָס הויז איז געוועזען פארפונדעוועט מיט אלדאָסגוטס. זי, דאָס נייע ווייב, האָט געמאכט אזוי, אז די ברעגען פון קאלדוועל׳ס הויז זאָלען ווערען אריבערגענאָסען מיט דעם שוים פון די גוטע זאכען.

איינגעפירט נייע זאכען. געבראכט מיט זיך א נייע קאץ.

און באַלד אזוי ווי זי האָט אריבערגעטראָטען די שוועל פון קאלדוועל׳ס הויז, האָט זיך דאָס רעדעל איבערגעדרעהט. דאָס הייסט ניט, אז מען האָט זיך בעסער אָנגעהויבען צו פארשטעהן. עס איז אָבער אזוי איינגעטיילט געוואָרען, אז דאָס מיידעל, קאלדוועל׳ס, האָט זיך אָנגעהויבען צו פיהלען אונטער דעם שוץ פון דער שטיף־מאמע, אביסעל וואָרימער, און דער בחור פאַרקערט איז געוואָרען פון טאָג צ טאָג אָפּגעפרעמדט.

קאלדוועל האָט געבליט און געוואקסען. זיינע לענדער זיינען גע־

וואָרען ברייטער און זיינע פערד האָבען זיך פארמערט, אזוי גוט ווי זיינע שונאים.

האָט ער געהאט שונאים! אפילו זיין זוהן האָט איהם אויך שטאַרק פיינט באקומען. ביז איינמאל אין אַ מיטענטאָג, ווען זיי ביידע זיינען גע־וועזען אויף דער פּרעירי, געמאכט פּלויטען, האָט זיך אָנגעהויבען אַ קריג צווישען טאטען און זוהן און פון דעם קריג זיינען זיי אריבער אין אַ געשלעג.

דערנאָכדעם איז קאַלדוועל'ס זוהן אזוי ווי אין וואסער אריין.

קאַלדוועל'ס שונאים האָבען געזעהן, אז עס פעהלט דער בחור, האָ־בען זיי אָנגעהויבען צו מורמלען, און עס איז ארוים אַ קלאַנג, ביז עס איז דערגאנגען אזוי ווייט וואו מען באַראַרף, און מען איז געקו־מען ביי איהם אויף דער פּרעירי זוכען, דעם דער'הרג'עטען זוהן זיינעם. מען האָט געזוכט און געזוכט אָבער גאָר ניט געפונען.

קאַלדוועל האָט געלאכט. זאָלען זיי זוכען די נאַראָנים. ער האָט צו זיי געזאָגט, די נאַראָנים, אז אויב זיי מיינען אז קאַלדוועל האָט דער־הרג'עט זיין אייגענעם זוהן און איהם באהאלטען אויף דער פּרעירי, דאַמאָלט צו וואָס טויג דאָס זוכען. מען קען דען איבערזוכען אזא פּרעירי. עס באדארף דאָך נעמען טויזענט יאָהר.

קאַלדוועל האָט אָבער דאָס אויך אריבערגעלעבט.

מען האָט אין דעם פארגעסען. דאָס נייע ווייב זיינס האָט באַלד, נאָכדעם ווי דער זוהן איז ערגעץ פארפאלען געוואָרען, אָנגעהויבען אנ־דערש צו פיהלען אקעגען דעם מיידעל.

דאָס מיידעל, מארגארעט, איז געבליבען אן איינזאמע אין הויז. ווער האָט זיך אויף איהר אומגעקוקט?

מארגארעט, דאָס פּרעירי מיידעל.

זי האָט זיך ניט געבויגען און ניט אונטערגעגעבען. זי האָט דער שטיפמאַמען גאָר ניט געוואָלט העלפען. זי האָט פארקערט געזעהן, אז זי זאָל איהר נאָך קאַליע מאַכען.

צוטריבען די הינער, וואָס די שטיף מאַמע האָט אָנגעזאמעלט, אוי־בער דער פּרעירי און זיי בעסער אוועקגעגעבען צו די ווייזלען און ווילדע קעץ איידער זיי זאָלען לעגען אייער און די שטיף מאַמע זאָל זיך מיט זיי בארימען.

די שטיף מאמע האָט נעוואָלט פרעגלען וויינשעל איינגעמאכץ, איז מארגארעט אוועק אויף דער פרעירי און אָפּגעטרייסעלט די וויינשעל פון די ווילדע נידריגע וויינשעל ביימלעך, וועלכע וואקסען אין טאָל לעבען דעם טייכעל.

אויף דער שטיפמאמע'ס נאָרטען, האָט מארגארעט ארויפגעלאָזט עטליכע פערד און זיי האָבען אָפּגעביסען און צוטראָטען אלע בלעטער און נרינסען.

מארגארעט, דאָס פרעירי מיידעל, האָט ניט מורא נעהאט פאַר קיי־נעם, ווייל זי האָט נעקאָנט נעמען א ווילדען פערד, זיך אויפזעצען אויף איהם אָהן א זאָטעל און אוועקפליהען.

מארגארעט האָט נעשאָסען מיט דער ביקס, און אלעמאָל נעטראָ־פען. זי האָט אלעמאָל געבראכט ווילדע פרעירי הינער, וויזעלס, ווילדע קעץ, האָזען געשאָסענע און האלב לעבעדיגע.

דער הונט „טייג“ איז נעוועזען איהר איינציגער חבר, ווייל זי האָט איהם נעקענט פון קינדהייט אָן. יאָ, איז „טייגער“ געוועזען מיט איהר א פריינד, ביז עס איז צו הער קאלדוועל אָנגעקומען ארבייטען א בחור מיט דעם נאָמען ראָבערט.

קאַפּיטעל י.

ווער איז אָט דער דאָזיגער ראָבערט?

ראָבערט איז דער זוהן פון דעם אלטען קאראבעל, וועלכער איז שוין אזוי אלט, אז ער געהט ארום אָנגעשפּארט אויף אַ שטעקען. דער אלטער טוט שוין איצט גאָר ניט, נאָר ער זיצט אויף די טרעפּ פון פּאָסט הויז און ווארימט זיך מיט זונענשטראלען. זיין היים איז דאָס „מושב־זקנים" פון שטעטעל ט...

קאראבעל איז ווייס, ווי אַ ווייסע גאנז און זיין פּנים איז איינגע־שרומפּען און צעקנייטשט, זיין האַלז איז דין און איבערגעפּלאָכטען מיט קליינע בלאָהע אָדערען, זיינע הענט און פינגער זענען בלאָה און זיינע אוי־גען זענען אלע מאָל בלאָה געוועזען, אָבער איצטער זענען זיי שוין אויך לויטער און רוהיג.

אין ט... רופט מען איהם אָנקעל קאראבעל.

דער אלטער קאראבעל, ווען ער איז געוועזען געזונט און יונג האָט ער געהאט אַ נאָמען איבער דער גאנצער פּרעירי, אז ער איז אַ בראַווער קאו־באָי. ער איז קיינמאָל ניט אראָפּגעקראָכען פון זיין זאָטעל, אזוי ווי דער ווינט, געיאָגט זיך איבער דער פּרעירי, וואו געטאָגט דאָרט האָט ער ניט גענעכטיגט. זיין גאנץ פארמעגען איז געוועזען דאָס פערד, זאָ־טעל און אַ שטריקערנער כאַפּער.

אז עס איז געקומען דער הערבסט און מען האָט באדארפט אָפּטיי־לען די יונגע פערד פון די אלטע איז קאראבעל ארויסגעפּאָרען זיי צו צעטיילען. ער האָט געהאט אַ גאנצע חברה קאו־באָיס, וועלכע האָבען איהם געהאָלפען. אז מען האָט געלאָדען וואגאָנעס מיט אָקסען צו דער שלאכט, האָט קאראבעל ארומגעריטען אויף דער פּרעירי, ווי אַ ווילדער אינדיאנער צווישען זיינע קריגער, געכאַפּט די אָקסען, זיי אָפּגעצייכענט

און זיי אָנגעזאַמעלט אין די טאָלען און פון דאָרטען זיי געטריבען צו דער באַן און געלאָדען די וואַגאָנען.

דאַמאָלט איז די פּרעירי געוועזען אָפען. ווילדע פערד און אָקסען זענען אַרומגעלאָפען און זיך געמערט, מען האָט ניט געוואוסט צו וועמען זיי געהערען. נאָר עס איז געוועזען אַזוי. יעדע שטעטעל האָט פאַרמאָגט איהרע קאַו־באָיס. די קאַו־באָיס זענען אַרויס אויף דער פּרעירי און ווי־פיל זיי האָבען געכאַפּט, איז דאָס געוועזען זייער גליק. זיי פלעגען ווע־רען אַרויסגעשיקט פון איינעם, אָדער צוויי, רענטשערס אין איין צייט. אַז זיי האָבען געהאַט, אַז די רענטשערס זענען רייך געוואָרען. דערפאַר איז אָבער אָפט געקומען צו שיסערייען און געשלעגען צווישען די באַנ־דעס קאַו־באָיס. אַמאָל האָט איין באַנדע געפּרובט אָפּטרייבען פון דער אַנדערער באַנדע דאָס „געכאַפּ“. דאַמאָלט, איז, ווער עס איז געוועזען געזונטער, דער האָט באַזיגט.

אָן אַנדערש מאָל, פלעגען קומען באַנדעס פון ווייטע פּרעירים און אָפּרייניגען די פערד און אָקסען פון קאַראבעל׳ס קעניגרייך. דאַמאָלט האָט קאַראבעל באַדאַרפט באַווייזען וואָס ער קען, נאָכשפּירען די טריט פון דער באַנדע, געפינען דאָס אָרט, וואו זיי באַהאַלטען זיך, צוריק אָפּ־שלאָגען און אָפּנעמען די פערד אָדער אָקסען, זעהן, אַז קיין נעדעכעניש פון דער באַנדע זאָל ניט בלייבען.

קאַראבעל האָט געפיהרט זיין קעניגרייך, ווי ער אליין באַרימט זיך נאָך איצט, מיט דעם גראַדען און ערליכען וועג. וואָס גאָט האָט אַריינ־געשיקט, איז געוועזען גוט. אָבער געהן אין ווייטע ערטער און אָפּריי־ניגען פרעמדע פּרעירים, האָט ער ניט געוואָלט. און כאָטש עס איז ניט געוועזען קיין וויזיבאַלע גרעניצען, האָט מען אָבער געוואוסט, אַז אָט דאָ אָ, הויבט זיך אָן קאַראבעל׳ס גרעניצען אָדער עמיצען אַנדערש׳ס גרע־ניצען. און דאָס, האָט מען אָנגעשמעקט, מערסטענס מיט דער נאָז.

דער אַלטער קאַראבעל, האָט אַמאָל געהאַט א ווייב. קיינער אין ס... געדענקט זי ניט, און דערפאַר זאָגט מען זיך אָפּט א ווערטעל, אַז דער אַלטער קאַראבעל, האָט אליין געבוירען א זוהן, אליין איהם אויס־געזויגען און אויפגעבראַכט.

ראָבערט אַליין, געדענקט אויך ניט זיין מאַמען. ער איז אויפגע־וואַקסען אָהן די ווייכע און וואַרימע באַציהונגען פון א מאַמען. אַלע

מאָל האָט זיך ראָבערט געוואָלגערט אויף דער פּרעירי. דער פּאָטער קאַ־ראבעל, האָט זיך גאָר ניט אומגעקוקט אויף זיין זוהן. אזוי ווי ראָבערט איז אלט געוואָרען צען יאָהר, האָט ער שוין זיך פּארדונגען צו דער אר־בייט אויף א ראנדזש.

דער זוהן ראָבערט האָט געהאט איין ווילען, צו ווערען א קאו־באָי, אזא גרויסער, ווי זיין טאטע, און איינמאָל אין א שענעם טאָג אָנצופּאַ־לען מיט זיין באנדע און אָפּרייניגען זיין טאטענ׳ס באנדע פון דער פּרעירי.

דערווייל איז געקומען הער קאלדוועל און האָט אָנגעהויבען איינפּי־רען דראָטענע פּלויטען, דער אייזערנער קאלדוועל, וואָס איז אפשר גע־וואָרען רייך פון קאראבעל׳ס „באפעריען״, האָט געמאכט דראָטענע פּלויטען.

נו, אז מען מאכט פּלויטען, אנטלויפען שוין ניט די ווילדע פערד. האָט זיך אָבער אָנגעהויבען א נייע צרה. טאקע אמת, אז די פערד אליין וועלען ניט ארויסגעהן פון די פּלויטען. עס האָבען זיך אָבער גע־פונען אזוינע וואָס זיינען געקומען, אויפגעבראָכען די פּלויטען און ארויס־גענומען די פערד.

דאמאלט האָט קאלדוועל איינגעפיהרט דאָס „איינברענעכץ״. מען האָט אויף אלע פערד אָנגעהויבען איינצוברענען צייכענס.

קאראבעל איז דערווייל אלט געוואָרען, זיך צוריקגעצויגען און זיין בחור ראָבערט איז געבליבען מיט גאָרניט.

קיין קאו־באָי איז ער ניט געוואָרען. זיין טרוים צו ווערען דער הויפּט פון א באנדע איז זיך צעקראָכען, אזוי ווי דער רויך פון א קוימען.

ראָבערט האָט זיך אזוי ארומגעשלעפּט אויף דער פּרעירי, ביז ער איז אָנגעקומען צו הער קאלדוועל.

ער איז שוין אלט געוועזען אריבער צוואנציג. זיין פּנים איז געווע־זען באשפּרינקעלט מיט א ווייכער שווארצער באָרד און די לאנגע האר אויף זיין קאָפּ האָבען זיך געטרייסעלט און אראָפּגעפאלען אויף זיין האלז און נאקען.

ער איז געוועזען געזונט און פויל צו דער ארבייט. ניט פארמאָגט מערער ווי איין העמד, וועלכעס ער האָט געטראָגען אויף זיך. די שיך האָט

ער געטראָגנען אָהן זאָקען, אויף די הוילע פיס און איז געוועזען א פּריי־ליכער און געהאט אין זיך פעפער.

פאר דערפאר, וואָס ער האָט זיך ניט געהאלטען ריין און פאר זיין פעפער, האָט מען איהם אין ערגעץ ניט ליב געהאט.

פארשטענדליך, אז ראָבערט האָט אין קאלדוועל׳ס הויז אויך ניט גע־פונען קיין ווארימקייט, פאר א לאנגער צייט.

ביז אזוי פאמעלעך, פאמעלעך, קאלדוועל׳ס מיידעל, מארגארעט, האָט אָנגעהויבען צו קוקען אויף איהם און איהם איינמאָל געגעבען א פּאָר זאָקען, גייע, ריינע. ראָבערט האָט זיי באטראכט און נאָכדעם, אז ער האָט זיי אויף זיינע פארווילדעטע פיס אָנגעטאָן, האָט ער דערפיהלט גאָר אן אנדער טעם.

בשעת ער איז געגאנגען האָבען זיך זיינע פיס געבאָדען אין א וויי־כער ווארימקייט. עס איז גוט, האָט ער געטראכט, צו האָבען א מאמען, אויב ניט קיין מאמען, איז גוט צו האָבען א שוועסטער, וואָס איז אָבער, אז מען האָט ניט אויך קיין שוועסטער?

און טאקע דערפאר, וואָס מארגארעט האָט איהם געגעבען א פּאָר ווייכע, נייע זאָקען, איז ער געוואָרען צו איהר גאָר אנדערש, ווי צו די אנדערע.

ער האָט זיך אָנגעהויבען נאָכקוקען אויף מארגארעט׳ס גאנג, בא־טראכט איהרע פיס, זיך ארייגעקוקט אין זינען איהרע צוויי אקסלען.

ער האָט זיך אזוי גוט אָנגעהויבען איינצוקוקען אין מארגארעט׳ן, אז ביינאכט פלעג זיך איהם דאכטען, אז ער זעהט זי לעבען זיין בעט שטעהן.

ער האָט נעדענקט, איהר גאנצען וועזען, אויף אויסווייניג, וואו ער איז ערגעץ געוועזען, איז זי אלע מאָל פאר איהם געשטאנען אזוי ווי א לעבעדיגע.

צעביסלאַך האָט זי מיט איהם אנגעהויבען צו שמועסען, ווייל זי האָט געזעהן, אז ראָבערט איז טאקע א פוילער און א ווילדער, אָבער פאר איהרעט וועגען איז ער געלאָפען ברענגען וואסער אין הויז אריין, פאר איהרעט וועגען איז ער געקראָכען אויף דעם הויכען ברונעם טורעם און געלאָזען דאָס ראָד מיט די פליגלען דרעהען. פאר איהר, האָט ער גע־בראכט פון דער פרעירי א קליין ווילד קאיאָט־קינד.

דערפאַר, אז זי האָט געקאָנט, האָט זי איהם געגעבען א ריין העמד און פאר איהם אויסגעוואשען זיין אויבערשטען אנצוג. ראָבערט איז געוואָרען שטילער, עפּעס אזוי ווי ער האָט עפּעס אין זיך אָנגעהויבען באהאלטען.

הער קאלדוועל האָט איינמאָל דערזעהן דעם יונגען קאיאָט צוגעבונ־דען אויף א שטריקעל אין שטאל איז ער געוואָרען ברוגז און אויפגעבונ־דען דעם קאיאָט און איהם אָפּגעלאָזט אויף דער פּרעירי.

מארגארעט האָט זיך ארומגעקוקט, עס איז שוין געוועזען צו שפּעט, דאָס קליינע קאיאָטעל איז געלאָפען אזוי ווי אן אויסגעשאָסענער צו דער פּרעירי.

פון דעמאָלט אָן איז זי געוואָרען נעהענטער צו ראָבערט'ן.

מארגארעט און ראָבערט האָבען זיך אויסגעלערענט אזא מין אוי־גענשפּראך. זיי האָבען זיך נאָר אָנגעקוקט און פארשטאנען.

זיי האָבען זיך איינמאָל אזוי, אויף זייער אויגענשפּראך, אָפּגערעדט צו טרעפען זיך שפּעט ביינאכט, ווען אלע וועלען שלאָפען.

מארגארעט איז געקומען אָבער ראָבערט האָט זי נים פארשטאנען אזוי גוט. דערנאָכדעם האָט זי איהם מיט דער שפּראך פון די אויגען אויפגעוואָרפען, אז זי האָט אויף איהם געווארט און, פארוואָס איז ער נים געקומען. ער האָט שוין דאָס מאָל פארשטאנען, איז אויך געקומען.

דער הונט טייגער איז געשטאנען, אין דער פינסטער, צווישען מארגא־רעט און ראָבערט און זיך איינגעהערט, וואָס זיי האָבען גערעדט.

דערנאָכדעם, אז עס האָט געטראָפען א קריג צווישען הער קאלדוועל און ראָבערט'ן און דער בחור האָט באדארפט אוועקגעהן, איז ארויסגע־שפּרונגען, אזוי ווי א קאץ פון זאק, קאלדוועל'ס מיידעל מארגארעט, מיט לשון. ניין, זי וויל נים, מען זאָל ראָבערט'ן אוועקשיקען, ווייל ער איז איהר געליבטער און אז אינגיכען וועלען זיי חתונה האָבען.

און אזוי בלייבט עס!

קאלדוועל האָט אויסגעשטרעקט זיינע אויגען, געקוקט אויף זיין ווייב, אויף זיין מיידעל. וואָס עס קען איהם העלפען זיין קוקען האָט ער באלד געוואוסט. נאָר ער האָט פּאָרט געוואָלט וויסען צי הערט ער דאָס אין חלום צי אויף דער וואך.

ער רופט אריין דעם גרויסען און זעהר פאראנטוואָרטליכען מאן

ראָבערט׳ן און הויבט איהם אָן אויסצופרעגען. אהין אהער. ווי קומט ער צו פארפירען זיין טאָכטער. שיט ארבעס אויף א וואנט, אזוי קענען רייד איהם נעמען.

— נו, — האָט קאלדוועל געזאָגט — אויב עס האלט אזוי ווייט, בעט איך אייך מיט גוטען זיך אָפּצוטראָגען פון מיין הויז.

— וואָס דען האָסטו געמיינט, מיר וועלען ביי דיר וואוינען? — האָט דאָס מיידעל זיך מיט איהם גערייצט.

— אין אל די שווארצע יאָהר, אָבער ניט ביי מיר. — האָט קאלדוועל געקלאַפּט אין טיש מיט א פויסט.

— איך האָב מיין אייגענעם האָמסטעד, פּאַ, — האָט דאָס מיידעל זיך אלץ גערייצט, — מיר וועלען דאָרט וואוינען.

קאַפּיטעל יא.

קאַלדוועל'ס טאָכטער מאַרגאַרעט האָט זיך אָפּגענומען דאָס שטיק לאַנד, וואָס די רעגירונג האָט איהר געשאָנקען, ווען זי איז נאָך געווען א קליין מיידעל און זיך באַזעצט מיט איהר געליבטען און באַשיצער ראָבערט. און אַזוי ווי קאַלדוועל, איהר פאָטער, האָט דאָס דאָזיגע שטיק לאַנד אַרומגענומען מיט א דראָטענעם פּלויט, נאָך צוריק מיט יאָרען, איז זיי דאָס איצט זער גוט צונוץ געקומען.

דאָס קליינע שטיבעל פון איין צימער, וואָס קאַלדוועל האָט אויפ־געבויט איז געוועזען, אי א קיך אי אן עס־זאַל און אויך א שלאָפצימער. דערצו ווען עס האָט אין דרויסען געדעגענט און ראָבערט האָט באַדאַרפט האַקען האָלץ, פאַרשניצען א שטעקען, שאַרפען א האַק אָדער צורעכט מאַכען א מאַשין, האָט ער באַנוצט דאָס איינציגע צימער זייערס פאַר א וואַרשטאַט אויך.

אינוועייניג אין צימער אויף די ווענט האָט געהאַנגען דאָס געציינ: זעגען, העמערלעך, העק, צוויי ביקסען, א שטריק מיט וואָס מען כאַפּט פערד אָדער אָקסען.

דאָס מעבעל איז באַשטאַנען פון א בעט, וואָס ראָבערט האָט אליין געמאַכט פון ברעטער. א טיש, אויך אליין א געמאַכטער פון ברעטער און א לאַנגע באַנק. אין א ווינקעל איז געשטאַנען אן אייזערנער אויוועז. דאָס צימער האָט געהאַט צוויי פענסטער, איינע צו מזרח און איינע צו מעריב זייט און א טיר צו מזרח־דרום זייט.

דאָס גאַנצע שטיבעל איז געוועזען איינגעגראָבען א האַלב אין א בערגעל, די ווענט פון ברעטער, דער דיל אן ערדנער און אז עס האָבען גע־בלאָזען די נאָרד־דאַקאָטאַ'ער ווינטען האָט דאָס שטיבעל זיך געשאָקעלט און די ברעטערנע ווענט האָבען געסקריפּעט.

און פון דעם טאָג אָן וואָס זיי האָבען זיך דאָ באַזעצט, איז געלינגען,

איבער זיי, פאַרוואָרפּען קאַלדוועל'ס האַנט. זיי קענען זיך ניט טאָן א ריר פון דאַנען ביז אהין, אז זיי זאָלען ניט באַגעגענען קאַלדוועל'ס בייזע בליקען. די דאָזיגע בליקען זענען פאַרזייהט איבער דער גאַנצער פּרעירי ארום און ארום.

דאָס שטיק לאַנד ליגט צעשפּרייט איבער א רונדען באַרג און קייקעלט זיך אַראָפּ אין אן אויסגעבויגענעם טאָל. דער טאָל איז אויך ניט אזוי ווי אַלע טאָלען, נאָר דאָ און דאָרט געפינט זיך אויף דער פלאַך פון טאָל א סקאָסנע בערגעל אָדער א קנייטש.

לאַנד האָבען זיי, פלויטען אויך. איז דאָך דאַכט זיך גוט. קען מען דאָך אָבער מיט ליידיגע הענט ניט אַקערען.

נאָר דאָס איז אויך ניט געוועזען קיין גרויסע זאָרג. אויב ניט מיט אייגענע פערד, קען מען דינגען א פערמדען, אז יענער זאָל צעאַקערען.

ניט אזוי גרינג איז אָבער אָנגעקומען דאָס דינגען א פערמדען. כּמעט אַלע ארום האָבען פיינט הער קאַלדוועל, פונדעסטוועגען האָבען כמעט אַלע ניט געוואָלט געהן קעגען איהם. ווייל אויב זיי וועלען באַאַקערען ראָבערט'ס שטיק לאַנד, האָבען זיי געמיינט, אז קאַלדוועל וועט אויפגערייצט ווערען דערפון.

עס האָט זיך אָבער געפונען איינער, וועלכער האָט געזאָגט, אז ער גיט ניט א שאָס פון א ביקס, פאַר דעם הער קאַלדוועל'ס צאָרן.

אז מען האָט צעאַקערט זייער שטיק לאַנד, זענען זיי געגאַנגען קויפען ווייץ. עס איז זעהר שווער געוועזען צו באַקומען ווייץ אויף זריעה, איינמאָל דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלען און צווייטענס, וואָס הייסט, זי איז דאָך קאַלדוועל'ס טאָכטער, פאַרוואָס נעהט זי ניט צו איהר טאַטען נאָך ווייץ, האָט ער ווינציג ווייץ אין זיינע מאַגאַזינען ?

אז מען האָט שוין באַקומען ווייץ נאָכדעם, זואָס מאַרגאַרעט האָט זיך גוט אָנגעוויינט, א זאַך, וואָס זי האָט, ווען זי איז געוועזען א מיידעל, קיינמאָל ניט געוואוסט דערפון, האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען נייע צרות.

מאַרגאַרעט און ראָבערט האָבען באַדאַרפט זייהען ווייץ מיט די הוילע הענט. מען האָט באַדאַרפט אויפשטעהן באַגינען, אזוי ווי עס הויבט אָן צו ווערען ליכטיג. דאָבערט, אָבער, האָט זיך געפוילט אויפצושטעהן, און

איידער מאַרגאַרעט האָט דערלעבט צו זעהן, אז ער זאָל אויפשטעהן, איז דערווייל דער מאָרגען אריבערגעפלויגען.

מען קומט ארוים אין פעלד. זי טראָגט א זאק מיט ווייץ און ער טראָגט א זאק מיט ווייץ. מען פילט אָן די טאָרבעס, מען הענגט זיי אויף אויף דעם האלז און מען נעמט דעם ערשטען הויפען און מען טוט א וואָרף אויף דער ערד.

העלפט גאָט און עס הויבט אָן בלאָזען א ווינט. דער ווינט טוט א כאפ דעם הויפען ווייץ, פארטראָגט אהין, דאָרט וואו מען באדארף ניט.

טראָגט מארגארעט א זאק ווייץ צוריק אין הויז אריין און ראָבערט טראָגט א זאק ווייץ צוריק אין הויז אריין. ראָבערט שעלט דעם ווינט.

און מארגארעט וויינט. עס האָבען זיך געעפענט קוואלען פון טרע־רען. זי קען זיי ניט איינהאלטען און זי איז דאָך ניט מער ווי א מענש, זאָגט זי, אז שולדיג איז ראָבערט, דערפאר וואָס ער וויל ניט אויפשטעהן באגינען. די ווינטען הויבען אָן צו בלאָזען שפעטער און ביז דעמאָלט קאן מען א היבש שטיקעל לאנד פארזייהען.

ראָבערט שווייגט, לויפט און כאפט די בייטש, וואָס ליגט הינטערען בעט, און צעשניידט זי איבער מארגארעט׳ס פלייצע.

איינמאָל געטאָן א קנאל מיט דער בייטש, בלייבט ראָבערט שטעהן,ווארט אביסעל, צי מארגארעט וועט ניט וועלען נאָך און ווארפט אוועק די בייטש אויף דעם דיל אין דער מיט פון צימער. מארגארעט האָט זיך געטאָן א צאפעל, אונטערגעשפרונגען און אויפגעהערט צו וויינען. איהרע אויגען זענען מיט אמאָל טרוקען און גרעסער געוואָרען. זי זעצט זיך אוועק אויף דעם ברעג פון בעט.

איהר פנים פלאמט און איז באשמירט מיט פארטריקענטע טרערען. א גאנצען טאָג רעדט זי ניט צו איהם. איהר טוט באנג, וואָס זי האָט באלד ניט אויסגעכאפט די בייטש און איהם פארשוויגען, דאָס ערשטע מאָל.

איצט וועט שוין זיין ביי איהם גרינג. ער וועט זי שלאָגען, ווען ער וועט נאָר וועלען.

ראָבערט איז געלעגען אין דרויסען אויף דעם גראָז מיט זיין פנים אקעגען דער זון מיטביידע הענט אין דער ברייט אויסגעשטרעקט.

דער ווינט איז אלע מאָל צוגעלאָפּן צו דער צעאַקערטער ערד, זיך אָנגעבויגן, און א רים געטאָן א שטיק שווארצע ערד און אנטלאָפן.

ראָבערט איז געלעגן און געשאָלטן דעם ווינט, האָט דערפיהלט, אז ער איז הונגעריג און ניט געוואָלט אריינגעהן אין שטיבעל עפּעס עסן. מארגארעט באַדאַרף איהם רופן עסן. זי ווייסט, אז ער איז הונגעריג.

און דאָס וואָס ער האָט איהר געטאָן א שניט מיט דער בייטש, איז זי זיין ווייב און ער איז דער מאַן.

שולדיג איז דער ווינט!

נאָרד־דאַקאָטער ווינט! שטיבער מוז מען אין בערגלאך אריינגראָבען, אניט קערט זיי דער ווינט איבער. דעם וואָגען מוז מען אוועקשטעלען צווישען צוויי טיפאיינגעגראָבענע סלופּעס און איהם צוביידע סלופּעס צובינדען, בכדי דער ווינט זאָל דעם וואָגען ניט איבערקערען. ווינטער ברענגט דער ווינט צוטראָגען פון אלע עקען פון דער וועלט דעם שניי און לעגט איהם אוועק בארג אויף בארג אין נאָרד־דאַקאָטא. זומער כאַפּט ער מיט זיינע פליגלען דעם שווארצען שטויב פון די צעאַקערטע נאָרד־דאַקאָטער פעלדער און טראָגט דעם שטויב אוועק. געהט מען ארויס זייען ווייץ, אָבער, דאָס פלאַקס, צעבלאָזט זיך דער ווינט און שפּרינגט ארום ווי א משוגענער און צעטראָגט די קערנער דאָרט וואו מען באַדאַרף ניט. דער ווינט דרעהט א ראָד מיט פליגלען און פּאָמפּעט וואסער פון די טיפע קוואלען פון נאָרדדאַקאָטא, געהט א מענש און שעפּט אָן אן עמער וואסער, בלאָזט איהם דער ווינט ארויס פון האנט און צעגיסט דאָס וואסער. שניידט מען היי, און מען וויל צונויפלעגען אין סטאָג קומט דער ווינט און צעבלאָזט דאָס היי. געהט א מענש און רויכערט, כאַפּט דער ווינט ביי איהם אויס א פונק און צינדט אָן די פּרעירי פון נאָרד־דאַקאָטא.

קאַפּיטעל יב.

אזוי איז דאָס. ראָבערט האָט איינמאָל אָנגעהויבען צו שלאָגען זיין מארגארעט און זי האָט שוין קיינמאָל זיך ניט אויסגעדרעהט אָהן קלעפּ פון זיינע הענט. זי איז צו די קלעפּ צוגעוואוינט געוואָרען און האָט אלע מאָל געשריגען, אזוי ווי זי האָט געשריגען היינט אינדערפריה. ראָבערט האָט פארגעסען, אז א פרעמדער שלאָפט אין שטאָל. געשלאָגען האָט ער זי דערפאר, ווייל עס איז איהם ניט געפעלען געוואָרען די קאָפּע וואָס זי האָט, פאר דעם איבערבייסען, אויפגעקאָכט.

מארגארעט האָט אָבער זעהר גוט געדענקט, אז עס איז דאָ א פרעמדער אין שטאָל, זי האָט דערפאר אָנגעמאכט א גרויס גוואלד.

בען, וועלכער איז געלעגען אין היי און געשלאָפען, האָט דערהערט דאָס גוואלד. ער האָט זיך א דערשראָקענער אויפגעכאפּט, אביסעל נער־וועזען צעמישט, ניט געוואוסט וואו ער איז, אָבער ער האָט זיך באלד געפונען און אראָפּגעשפּרונגען פון בוידים.

און ניט אנקלאפּענדיג אין דער טיר פון דעם קליינעם שטיבעל, איז בען אריין מיט א ברייטען פראַל פון דער טיר און געבליבען שטעהן א פארגליווערטער.

ראָבערט האָט מיט א בייטש געשניטען זיין ווייב מארגארעט, און זי האָט געשריגען און באהאלטען זיך אין א ווינקעל פון הויז.

דער פראַל פון דער טיר האָט די גאנצע סצענע איבערגעשלאָגען. ראָבערט האָט אויסגעדרעהט זיין ווילדען פארוואקסענעם פּנים, זיינע אויגען האָבען געברענט און זיין הינטערשטע ליפּ איז געהאנגען אראָפּגע־לאָזט און אזוי ווי געוואָלט זיך אָפּרייסען פון זיין מויל. זיינע גאָזלעבער האָבען זיך געהויבען, ווי ביי א ווילדען אָקס.

— ווער איז דאָס פאר א טייוועל — האָט ראָבערט געזאָגט בייז און ווילד.

בען איז צוגעלאָפּען, ניט וויסענדיג אליין וואָס ער טוט, א כאַפּ געטאָן ראָבערט'ען ביי זיין האַלז מיט ביידע הענט און מיט איין דרעה איהם אוועקגעלעגט אויף דעם דיל. ראָבערט האָט זיך פון אָנהויב אויסגעשטרעקט, זיך ניט געווערט. נאָר, אז בען האָט ארויפגעשטעלט זיין פוס אויף ראָבערט'ס ברוסט און איהם צוגעטראָטען ביז צו וועהטאָג האָט ראָבערט זיך געטאָן א דרעה איבער און אויפגעשפּרונגען און זיך פארמאָסטען ארויפצוואַרפען מיט זיינע צוויי קולאקעס אויף בען'ן.

בען איז געשטאנען און געשמייכעלט. דאָס האָט ראָבערט'ן אזוי ווי באַגאָסען מיט קאַלט וואסער. ער האָט דערפאר ארונטערגעלאָזט זיינע קולאקעס און מיט זיינע הענט געשאָקעלט מאכטלאָז און אומבאַוואוסט אזוי ווי זיי וואָלטען געהאנגען ביי איהם אויף זאָוויסעס.

— שמעק אהער דיין האנט — האָט בען באַפוילען.

ראָבערט האָט דערלאנגט בען'ן זיין האנט, דערפיהלט אז יענער קוועטשט און וועט זיין האנט באלד צעברעקלען, זיך געוואָלט טאָן א טרייסעל, אָבער געהאלטען דאָס שפּיל.

מארגארעט איז אוועקגעלאָפען זיך אָפּגעוואשען דאָס פּנים מיט קאַלט וואסער. באקוקט דעם פרעמדען, איהם דערקענט. איהר פּנים איז באלויכטען געוואָרען מיט א שענעם חלום, א שטילען.

דערנאָך האָט מען געגעסען איבערבייסען. בען האָט געזאָגט, אז ער זוכט אן אָרט ערגעץ אויף א ראנדזש און פאר דערפאר, וואָס ער האָט ראָבערט'ן שוין ניט געוואָלט טרויען, האָט ער ניט דערצעהלט, אז ער איז אוועק פון קאלדוועל'ס הויז, נאָכדעם וואָס עס איז פאָרגעקומען עפּעס פאר איהם אומפארשטענדליכעס.

און אויב ראָבערט און די גוטע פרוי זיינע, וועלען איהם ערלויבען, אז ער זאָל ביי זיי איבערשטעהן, ביז ער וועט געפינען ארבייט אויף א ראנדזש. צי עס קאָן אפשר גאָר זיין מעגליך, אז די הערען און דאמען פון דעם דאָזיגען הויז באדארפען א מענשען.

ראָבערט האָט א טראכט געטאָן פון זיין שווער קאלדוועל, אָבער ער האָט ניט פארגונען קאָלדוועל'ן אזא מענשען און דערפאר האָט ער געזאָגט:

— וואָס ס'באלאנגט אונז, דארפען מיר קיין מענשען ניט האָבען. אָבער איהר קענט ביי אונז זיין ביז איהר וועט באקומען א שטעל, מיט

דעם באדינג, אז איהר וועט מוזען שלאָפען אין שטאל, עסען וועט איהר עסען, דאָס וואָס מיר עסען. מארגארעט וועט שוין זעהן, אז איהר זאָלט ניט שטארבען פון הונגער. הע, מארגארעט?

אז ראָבערט איז אוועקגעגאנגען, נאָך דעם איבערבייסען, אין פעלד אריין און בען איז געבליבען אליין מיט מארגארעט'ן, האָט זי אויפגע־הויבען איהרע אויגען צו בענ'ן, זיך צעשמייכעלט און געזאָגט:

- מיין פאָטער האָט אייך ארויסגעטריבען?

— מיך טרייבט מען ניט, מיין ליב קינד, — האָט בען גיך אָפּגע־ענטפערט — אָבער איך וויל פארשטעהן, וואָס דאָ טוט זיך.

— איך מיין, אז מיין פאָטער קאלדוועל, האָט זיך דערוואוסט פון דעם, וואָס איך האָב זיין אָגער ביי אייך אויסגענארט, האָט ער דאָס ניט געקענט פארטראָגען און אייך אָפּגעשאפּט — האָט מארגארעט ווייטער גערעדט — מיר טוט באנג און מיר טוט זעהר פיל פרעהען: מיר טוט באנג, וואָס איך האָב אייך פארשאפט אזוי פיל אומאנגענעמליכקייטען און מיך פרעהט ווייל עס קאָן זיין, אז עס וועט קומען א סוף צו מיינע צרות.

— אזוי, הער קאלדוועל איז אייער פאטער? וויבאלד אזוי — האָט בען געזאָגט א ווייט פארטראכטער — טוט מיר ווילד הנאה, וואָס עס האָט זיך אזוי געמאכט. איך האָב זיך, דעם אמת אייך צו זאָגען, שוין גע־לאָזט געהן צו דער באן, נאָר איך האָב זיך אומגעקערט, אזוי ווי עמיצער האָט מיך א שלעפּ געטאָן איך זאָל זיך אומקערען צו דער פרעירי. איך האָב געוואָלט זיין נאָך אמאָל לעבען אייך, אין אייער הויז...

— מיין פאָטער איז אזא שלעכטער, ביינאכט האָט איהר געמוזט אוועקגעהן פון איהם — האָט מארגארעט, ציטערענדיג געזאָגט —

— אייער פאָטער האָט מיך געוואָלט פארהאלטען — האָט בען גע־שמייכעלט — ביז אינדערפריה, אָבער איך בין געוועזען דער שלעכטער און אוועק באלד נאָך דעם אָווענט מאָלצייט.

— ווי אזוי נעמט זיך אונטער א מענש פון דער איסט צו געהן אליין ביינאכט אויף דער פרעירי? — האָט מארגארעט זיך געוואונדערט.

— זעהט איהר דאָך, אז איך האָב פארבלאָנדזשעט —

— אָוי, אז מיין פארשוין וועט זיך דערוויסען וועט זיין א קאָמעדיע! — האָט זיך מארגארעט געפרעהט און געפּאטשט מיט ביידע

הענט — אָבער איך בעט אייך, מיין באשיצער פון דער איסט, איך ווייס נאָך אפילו ניט ווי אזוי איהר הייסט, אז איהר זאָלט האלטען מויל. איך האָב פון מיין קינדערווייז אָן געטרוימט, אז עפּעס געהיימעס זאָל מיט מיר פּאַרקומען און איך זאָל ארומגעהן טאָג און נאכט, אזוי ווי אין א טרוים. ווי אזוי זשע רופט מען אייך, מיין באשיצער?

— בען.

— בען, איך האָב אזא נאָמען, דעם אמת אייך צו זאָגען, ניט ליב — האָט מארגארעט ווייטער געפּלאפּעלט — אָבער וואָס איז א שענער נאָמען, ווען אזוינער, ווי מיין מאַן, מיט זיין שענעם כאראקטער, דעקט זיך אין איהם איין. איך האָב געוואוסט און געהאט א געפיהל, אז עס וועט אמאָל עמיצער קומען און מיך ארויסראטעווען פון זיינע הענט. איך בין אריינגעפאלען צו איהם, דערפאר וואָס מיין פאָטער האָט מיך דערוויי־טערט, אוועקגעשטופּט, אזוי ווי איך וואָלט ניט געווען זיין קינד. איהר פארשטעהט, איך האָב זיך אין מיין טאטענס הויז ארומגעדרעהט ווי א פרעמדע, מיין מוטער איז געשטאָרבען, האָב איך געוואָלט מיטגעהן נאָך איהר, האָט מען מיך ניט געלאָזט. דערנאָכדעם זיינען געלאָפען איין יאָהר נאָך דעם אנדערען. איך בין געבליבען מיט מיין ברודער אָהן א מאמען. מיין ברודער איז געווען אזא שלעכטער, ווי מיין טאטע. איך פלעג געהן פאר איהם אין פייער און אין וואסער. ער איז געווען שלעכט צו מיר. ביז ער איז איינמאָל ניט געוואָרען און מיט מיר זיך ניט געזעגענט און איך קען אייך שווערען, אז מיין פאָטער האָט איהם ערגעץ אויף דער פּרעירי פארבאהאלטען א לעבעדיגען. איך האָב עס געזאָגט גלייך אין מיין טאטענ׳ס אויגען, ער האָט מיך אָבער דערפאר ניט גע־שלאָגען. זעהט איהר, דאָס קאָן איך זאָגען מיט א ריין הארץ, אז ער האָט קיינמאָל מיך ניט אָנגערירט. נאָר איינמאָל האָט ער אויף מיר אָנ־געשריגען, דאָס איז געווען ווען דער שווארצער יאָהר האָט מיך אָנגע־רעדט זיך צו פארליבען אין מיין איצטיגען מאַן...

מארגארעט האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף איהרע קני, אָנגעכאפּט מיטביידע הענט בענ׳ן און געזאָגט:

— איהר הערט, צו אייך רעדט איצט א צעטראָטענער ווילדער פּרעירי קוויט. איך בין מאראגארעט פון דער פּרעירי און איך זאָג אייך, אז איהר זייט צו מיר געקומען אזוי ווי א טרוים. איך וויל מיך

ארומטראָגען מיט דעם טרוים און קיינעם ניט דערצעהלען. אָבער איך וויל, אז איהר זאָלט מיך ניט לאָזען דאָ פארפאלען ווערען.

בען, האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען דערשראָקען, ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל טאָן, צי זאָל ער אנטלויפען פון דאנען, צי זאָל ער ארויסגעהן אויף דער פרעירי און שרייען, אפשר וועט עמיצער דורכפאָרען און דערהערען זיין געשריי.

קאַפּיטעל יג.

א גאנצע וואָך האָט מארגארעט געבענקט נאָך בענ'ן און שטילערהייט האָט איהר באנג געטאָן פּאַרוואָס זי איז אויך ניט אוועקגעגאנגען מיט איהם אינאיינעם.

בען איז אוועק איבער דער פּרעירי זוכען אן אָרט, וואו צו ארבייטען. צוגעזאָגט אז ער וועט קומען זיך זעהן אזוי גיך, ווי ער וועט זיך אביסעל איינשטעהן אויף זיין נייעם פּלאץ.

ראָבערט איז געוואָרען אן אנדערער, מארגארעט האָט איהם אליין ניט דערקענט. האָט אָנגעהויבען אויפצושטעהן זעהר פריה און אהיימגעקומען א שווערער, א געוויכטיגער שפּעט אין אָווענט.

נאָך דעם אָוונט מאָלצייט האָט ער אָנגעהויבען צו פּארציהען לאַנגע געשפּרעכען. גערעדט וועגען בויען א גרויס הויז, אז עס זאל זיין, וואו זיך צו טאָן א ריר און אויסגערעכענט וויפיל ווייץ מען וועט שניידען און, אז ער האָט שוין שכל און דעם ווייץ זיינעם ניט אוועקגעבען, עפּעס איינעם א רוח, פּאר אומזיסט. און דערנאָכדעם, אז ער וועט פארטיג ווערען מיט זיין אייגענער ארבייט וועט ער זיך פארדינגען צו די ארומיגע שכנים און פארדינען געלט און וועט קויפען נאָך א פערד, א זי פערד און איבעראיאָהר וועט ער ביידע שקאפּעס אוועקפירען ערגעץ צו א גוטען אָגער.

מארגארעט האָט איהם ניט אָנגעהויבען צו דערקענען. זי איז אָבער תמיד געזעסען אקעגען ראָבערט'ן און געהאלטען איהרע אויגען האלב פארמאכט און געגעניצט און אליין איז זי ערגעץ געוועזען נאָהענט מיט בענ'ן, דעם בחור פון דער איסט.

זונטאָג, ביי דעם מיטאָג, וואָס מארגארעט האָט ברייט און שען געמאכט, ווי א זאך מאכט זיך אפשר קומט בען צו מיטאָג, — האָט ראָבערט זיך דערמאָנט און געזאָגט:

— וואָס איז דאָס, וואָס דער איסטערנער קומט ניט?

— ווער ווייסט צי ער וועט שוין קומען — האָט מאַרגאַרעט געענטפערט.

— וואָס הייסט, ער וועט ניט קומען? — האָט ראָבערט געשמייכעלט — טאָמער נעם איך דיך נאָך אמאָל שלאָגען מיט דער בייטש?

— טאקע דערפאר, מיין איך, אז ער וועט ניט קומען — האָט מאַרגאַרעט טרויעריג געזאָגט —

— האָב איך א זאָרג, מאַרגאַרעט, איך וועל דיך שוין אָבער מערער ניט שניידן מיט דער בייטש. איך שווער דיר, ביי מיין מוטער, וועלכע האָט מיך געבוירן און געהאָדעוועט — האָט ראָבערט געזאָגט און זיך אריבערגעבויגן צו מאַרגאַרעט'ן, זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און איהר א קוש געטאָן.

אז מען האָט שוין באַלד געענדיגט דאָס עסן האָט זיך דערהערט פון ווייטן ווי עס דערנענטערט זיך דאָס גיכע און לייכטע טראָטן פון א פערד.

באַלד איז אויסגעוואקסען אין דער אָפענער טיר, בען, מיט א פרייליכען, ברייט צעשמייכעלטען פנים.

— גאָט זאָל העלפען!

— גאָט זאָל העלפען!

בען האָט אַרונטערגעכאַפּט זיין הוט, מיט איהם געטאָן א שמיץ אין א ווינקעל אויף דעם דיל, זיך געגריסט מיט ראָבערט'ן און מאַרגאַרעט'ן. דריקענדיג זייערע הענט.

דאָס קליינע שטיבעל איז אָנגעפילט געוואָרען מיט א הייכער, פרייליכער שטימע.

בען האָט דערצעהלט, אז ער האָט געפונען אן אָרט אויף א שוויין ראַנדזש.

ראָבערט האָט זיך געוויצעלט, אז ער, בען, וועט נאָך דאָ אויף דער פרעירי ווערען פעט ווי א שווין, ווייל אלע, וואָס ארבייטען ארום שווינען, ווערען אליין אויך פעט.

— ווי ווייט פון דאנען — האָט מאַרגאַרעט געפרעגט.

— עס וועט כאַפּען א צען פופצען מייל — האָט בען הויך און קלינגענדיג גערעדט — האָב איך געוואָלט כאַפּען א שפּאַציר, זאָגט צו

מיר מיין באַלעבאָס, ניין, ברודער, נעם און זאָטעל אָן דאָס פערד און פאָר זיך דורך.

— איך ווייס, ער איז א פיינער ברודער — האָט ראָבערט אריינגעוואָרפען — ווער קען איך דען ניט. אָבער ער איז א פיינער ברודער, ניט אזוי ווי מיין שווער. אָ, האָב איך א שווער, זאָל עס מיט איהם ווארפען אין א הייסען טאָג, דעם דאָזיגען קאָלדוועל.

מארגארעט איז געוואָרען בלאַס, זיך אויפגעהויבען אינדערגיך און איבערגעשלאָגען דעם געשפרעך:

— איך וועל ברייגנען קאַלט וואסער פון ברונען, אפשר זייט איהר הונגעריג, איסטערנער, פארוואס זייט איהר ניט געקומען פריהער מיט א שעה.

— איך דאנק, איך דאנק, געגעסען, איידער איך בין אוועק אהער, אָבער וואסער וועל איך טרינקען.

— הע, ברודעריל, ווען איהר ווייסט וואס פון אונזער פרעירי איז געוואָרען — האָט ראָבערט פלוצים אָנגעהויבען דעם געשפרעך פון אַן אנדער עק — שוויין ראנדזשען האָט מען דאָ פארפלאנצט און מען דערצעהלט, אז איינער וויל אָנהויבען א ראנדזש פון האָזען.

מארגארעט האָט געבראכט א קוואָרט וואסער. ראָבערט האָט אזוי ווי פלוצים דערזעהן, אז מארגארעט האָט אָנגערירט אין אַן אומגעוועלנליכען וועג בענ׳ס האנט. ער האָט זיך פארטראכט און איז געוואָרען טרויעריג, זיך בייגעקומען און פארגעשלאָגען אויב בען וויל ארויס אָנקוקען זייער היים.

מארגארעט איז געבליבען אין הויז.

און בען איז מיט איהם ארויס אין דרויסען.

די זון האָט געפרעגעלט די ערד און איהרע גראָזען און אלע מאָל האָט א ווינטעל אונטערגעטראָגען דעם געשמאקען ריח פון צוגעברענטע גראָז און ערד.

— אָט דאָס אָ, רופט מען אויך פרעירי — האָט ראָבערט אָנגעהויבען דעם געשפרעך — איהר זעהט וויפיל עס נעמט אונז ארומצוזעהן מיין גאנץ שטיק לאנד. קאָן איך זיך טאָן א ריר אויף אזא קליין שטיק לאנד? אמאָל ווען איך בין א קינד געוועזען איז דעמאָלט נאָך די פרעירי געוועזען ברייט און ווייט. היינט האָט מען זי צעשניטען אויף קליינע שטי-

קער. און ווי איינער האָט מזל. איינער האָט אריינגעכאפּט א סך שטיקער און דער אנדערער, נאָר איין שטיק. נעמט מיך וואָלט איך איין שטיק אויך ניט געהאט ווען איך האָב ניט קאלדוועל׳ס טאָכטער פאר א ווייב.

— וואָס זשע וויינט איהר? — האָט בען איהם איבערגעשלאָגען.

— איך וואָלט ניט געוויינט ברודער, און איך ווייז טאקע ניט, ווער וויינט דען —האָט זיך ראָבערט אָנגעהויבען צו ווארפען מיט זיינע ווערטער — עס איז שוין באלד דריי יאָהר, אז קאָלדוועל׳ס טאָכטער איז מיין ווייב. אָבער איהר וועט מיר ניט גלויבען, ברודער, אז איך וועל אייך זאָגען, אז זי איז נאָך א מיידעל. בעפאר איך האָב זי ארויסגענומען פון איהר טאטענס הויז האָט זי מיך ליב געהאט. איך קען אייך ניט אויסמאָלען, ווי אזוי שטארק זי האָט מיך ליב געהאט. אָבער איך בין געוועזען אין די הויכע בערג געהויבען, ווייל איך האָב געוואוסט, אז מארגארעט, איז מיינע. אָבער אזוי ניך. ווי מיר זענען אנטלאָפען פון איהר פאָטער׳ס הויז, דאָס הייסט, ווי מיר זענען נאָר ארויסגעבריקערט געווארען פון דאָרטען, האָט זיך באלד אָנגעהויבען נייעס. דאָס ערשטע, ברודער, וויל איך אייך בעטען, מיך גוט אויסצוהערען און, צווייטענס, זענען מיר דאָך, אי איך אי איהר, עפּעס אזוינע מענשען, וואָס גלויבען אין גאָט אין הימעל, היינט וועל איך פרעגען אזא פראָסטע זאך אויב א מיידעל האָט מיך ליב באדארף איך זי דאָך צען מאָל אזוי פיל ליב האָבען. ניט אזוי? אייער מוטער האָט אזוי ליב געהאט אייער פאטער. און מיין מוטער האָט אויך אזוי ליב געהאט מיין פאָטער. אניט, וואָלט איהר דאָך ניט געוועזען אויף דער וועלט און איך וואָלט ניט געוועזען אויף דער וועלט. איך זאָג — איז ראָבערט געוואָרען אביסעל דרייסטער אין זיין טאָן — צו מארגארעט׳ען, פארוואָס טרייבסטו מיך פון דיך? און זי לאכט פון מיר גלייך אין פנים אריין. שוין דריי יאָהר, אז זי טרייבט מיך. איך וויל, אז איהר זאָלט ניט אוועקגעהן און זאָגען, אז ראָבערט איז משוגע. איך האָב מארגארעט׳ען ליב, אָבער, וואָס הייסט ליב האָבען, אז איך קען זיך ניט צונויפקומען מיט איהר? אזוי איז זי געוועזען פון דעם ערשטען טאָג אָן ביז היינט. איך האָב א סך מאָל געוואָלט זיך אוועקזעצען מיט איהר און פראָסט, אָהן כעס, איהר זאָגען, אז איך וויל ניט מערער אזוי לעבען, אָבער אלע מאָל האָט מיר געטאָן א שיין א ליכ־

טיגער שטראל, אלע מאל האט זיך מיין הימעל אויסגעלייטערט, ווייל זי האט אלע מאל צו מיר געמאכט אזוינע שענע שטיק, מיך געשמיסען אי־בער מיין פנים מיט איהרע לאנגע האר, אדער זיך מיט מיר געשפילט, ווי מיט א קליין ברידערעל און איך האב אלע מאל זיך געטראכט: פון איצט אן וועט זי שוין ווערען אנדערש. ווער איז געבליבען דער נאר – איך. א סך מאל פרעג איך זיך, אפשר האט זי ליב עמיצען אן אנדערען? איך ענטפער זיך אבער באלד, אז זי קאן ניט ליב האבען אן אנדערען ווייל חוץ מיר איז דא קיין אנדערער נישטא.

בען האט איינגעהאלטען זיין אומרוהיגקייט און געפרעגט:

— איז דערפאר האט איהר זי אנגעהויבען שלאגען מיט דער בייטש?

ראבערט האט זיך דערשראקען פאר דעם דאזיגען ווארט, אנגעקוקט שטרענג דעם ביי זיין זייט שפאצירענדען בען'ן און געזאגט:

— אויב איהר זייט א מאן, באדארפט איהר וויסען. אז א מאן שלאגט ניט פאר אזוינע זאכען. מארגארעט האט נאך אנדערע פעלער.

קאַפּיטעל יד.

בען איז אהיימגעקומען צו זיין שוויין ראנדזש. פארשפּעטיגט. איבער דער ווייטער און דורכזיכטיגער לופט האָט זיך געהערט דאָס גרילצענדיגע געשריי פון די חזרים.

בען האָט גיך אויסגעזאָטעלט זיין פערד און אָנגעהויבען זיין ארבייט. געגעבען די חזרים פרעסען און טרינקען.

עס איז שטיל געוואָרען.

איבער א פּלויט איז אַן „ער“ שוויין אריבערגעשפּרונגען און מיט א הייזעריגען געלעכטער און שפּייענדיג ווייסען שוים פון זיין מויל, איז ער צוגעקומען צו א ווייסער „זי“ א לענגליכע און אויף נידריגע פיסלעך און מיט א נידריגען בויך ביז צו דער ערד.

די „זי“ האָט זיך באלד געטאָן א לעג אוועק אויף דער ערד, מיט די פיסלעך הינטער איהר בויך ארונטערגעלעגט און אויך געלאכט מיט א הייזריגען אָפּגעהאקטען געלעכטער.

דער „ער“ האָט מיט זיין ברייטען מויל און נאָזלעכער געגראָבען און געבלאָזען די ווייכע ערד ארום דער „זי“. געפּרופּט זי אויפהויבען און ניט געקענט.

איז „ער“ אריבערגעשפּרונגען אַן אנדער פּלויט און אריין צו אַן אנדער „זי“. יענע האָט זיך דערשראָקען און איז אנטלאָפען. איז „ער“ איהר נאָך און „זי“ געכאַפּט.

אזוי פראָסט, האָט בען געטראכט, ווילסט ניט, איז ניט — און אריבער אַן אנדער פּלויט.

נאָך דעם עסען איז בען אוועק צו זיך אין צימער. ער האָט זיך שוין געוואָלט אויסטאָן און לעגען שלאָפען, אז ער האָט באמערקט אין זיין הוט אַן ענדערונג. אויף דער לינקער זייט פון זיין הוט איז געוועזען ארומגענייט א ווייס טיכעל.

בען האט פאמעלעך אויפגעריסען די פערדים און לויז געמאכט דאס ווייסע טיכעל און אויף זיין טישעל איז ארויפגעפאלען א בינטעל בלאנדע האר.

בען האט די דאזיגע האר באלד דערקענט, אז זיי זענען האר פון מארגארעט'ס בלאנדען קאפ, איז ער געווען זיכער. עס איז איהם באפאלען אן אימה און א וועהטאג פאר דער דאזיגער מארגארעט, דאס מיידעל פון דער פרערי.

עס קען זיין, האט בען געטראכט, אז שרייבען קען זי ניט האט זי אפגעשניטען א בינטעל האר און אין זיין הוט פארנעהט.

ער האט א שמעק געטאן צו די דאזיגע האר, זיך געקוויקט און זיי געדריקט אין זיינע הענט, אזוי ווי מען דריקט בלומען.

בען איז ניט געגאנגען שלאפען. ער איז אזוי געזעסען מיט דעם בינטעל האר פארקוועטשט אין זיינע הענט און געטראכט פון זיך, פון זיין פאמיליע אין דער ווייטער איסט, און פון מארגארעט'ן.

מיט זיין פאמיליע, איז ער שוין לאנג גראד אויף גראד אפגעשניטען. ער וויל ווערען א מענש פון זיך אליין און פאר זיך אליין.

נאר מיט זיך אליין ווייסט ער ניט וואס צו טאן. ער האט אזוי שעהן אנגעהויבען. אלע זיינע חברים האבען איהם מקנא געווען. זיינע לערער האבען איהם אויסגעשפרייט א ווייטען גאלדענעם וועג. ער איז דאמאלט ארומגעגאנגען ווי אין חלום. ער האט ניט געוואוסט וואס דאס איז אזוינס, וואס פאר א קראפט און וואס פאר א מעגליכקייטען ער האט.

— „איינער פון הונדערט טויזענט, האט מען איהם געזאגט, האט אזא בלוט, וואס אז א פערד דערשמעקט דאס דאזיגע בלוט, ווערט דאס דאזיגע פערד באלד אונטערגעווארפען אין דעם מענשען'ס הענט. דער מענש מיט דעם דאזיגען וואונדערליכען בלוט קאן זאגען צו דעם פערד, אז דאס זאל א שפרונג טאן ביז צו דעם הימעל, וועט דאס פערד פאלגען און שפרינגען און פארקערט, וועט א פערד ווערען ווילד און דער מענש מיט דער אומבאוואוסטער קראפט, וועט גיבען שטילערהייט א זאג צו דעם פערד, אז עס זאל ווערען שטיל, וועט עס באלד פאלגען.

געלערענטע זענען געשטאנען אויף זייערע שפיץ פינגער און זיך איינגעקוקט שטיל, און אזוי ווי קליינע קינדער, ווי אזוי בען האט גע־

טריבען פערד, געהויבען זייערע פיס, זיי געהייסען אוועקלעגען און די פערד האָבען זיך אוועקגעלעגט, זיי געמאכט לויפען אזוי ווי ווילדע יונגע אָקסען און מיט איין שטיל וואָרט, האָט בען זיי איינגעהאלטען און באַרוהיגט.

אין דער איסט האָט ער נאָר איין מעגליכקייט געהאט. האָט ער אָבער ניט געוואָלט ווערען קיין שפיל אין א צירק. איידער דאָס, וואָלט ער זיך אין א טייך דערטרינקען.

עס האָט איהם דערפאר געשלעפּט און געצויגען די ווייטע וועסט.

נו, אָט איז זי, די ווייטע וועסט און ער באדינט גאָר שוויינען.

בען האָט שוין פון לאנג צעריסען זיין רעקאָמענדיר פּאפּיר, וואו עס איז געשטאנען אָנגעשריבען, אז ער קען דאָס פערד בעסער פון זיך אליין.

ער האָט עס צעריסען, ווייל עס האָט זיך מיט איהם געררייצט. איהם האָט וועה געטאָן. און ער איז, סיי ווי, אזוי ווי איינער וואָס הענגט אין דער לופטען, אויף א שטרוי. וואָס זאָל ער טאָן?

ווייט פון דאנען קאָן ער ניט געהן. מארגארעט.

וועט זי געהן מיט איהם?

פּארוואָס האָט איהר קיינער ניט אויסגעלערענט שרייבען, ווייל דאָס וואָס זי פיהלט צו איהם האָט זי אויסגעדריקט אין אזא פּרימיטיווען וועג.

א גאָלדענער לאָק!

קאַפּיטעל טו.

נאָכדעם, וואָס ראָבערט האָט געשפּאַצירט און געשמועסט מיט בען׳ן, האָט ראָבערט שוין געוואוסט, אז עפּעס אומפאַרמיידליכעס וועט ארויפּ־פליהען און צעשפּרייטען שווארצע פליגלען איבער זיין היים.

און אז מארגארעט איז שוין ניט זיינע, איז ער געוועזען ניט קיין נאַר, און פארשטאַנען.

עס האָט זיך איצט פאר איהם אזוי לאַנג געצויגען דער דאָזיגער זומער.

ראָבערט איז ווייטער געוואָרען פויל. ער האָט זיך גענויט צו זיין פלייסיג, אָבער ער האָט ניט געקאָנט. ער האָט אָנגעהויבען פארפאַלען צו ווערען אין שטעטעל אויף א טאָג אָדער צוויי און גאַרניט אהיימגע־קומען נעכטיגען.

איהם האָט פארדראָסען פאר וואָס מארגארעט איז גלייכגילטיג און פרעגט איהם גאָר ניט, פאר וואָס ער קומט ניט אהיים.

פארשטענדליך, אז איבער דעם לויף פון זומער, איז בען ביי ראָ־בערט׳ן אין הויז געוועזען עטליכע מאָל צו גאסט.

ראָבערט האָט אלע מאָל זיך מיט איהם געוואָלט צעקריגען, אָבער עס איז איהם ניט געגאַנגען און ער האָט ניט געוואוסט אויף וואָס פאר א וועג אָנצוהויבען א קריג, אזוי אז בען זאָל שוין מערער ניט קומען אין זיין הויז.

און ניט נאָר דאָס, נאָר ער איז אלע מאָל, ווען בען איז געקומען, געוועזען זעהר גאסטפריינדליך און אויסערגעוועהנליך גוט.

עס איז אוועק אזוי ווייט, אז ראָבערט האָט אָנגעהויבען, פאַרהאַ־האַלטען פון מארגארעטען, צו אנטוויקלען זיינע מוסקולען. זייענדיג א סך מאָל איינער אליין אין פעלד, האָט ער אוועקגעלעגט די ארבייט און געמאַכט מוסקול איבונגען. און אויפשטעהענדיג און ליגענדיג האָט ער

אַלץ געמאַכט אַזוינע באַוועגונגען מיט די הענט און פיס און אַלץ געטראַכט, אַז עס וועט קומען זיין סוף.

זיין אַרבייט האָט ראָבערט ניט געטאָן אין צייט. דער ווייץ איז פאַרטיג געוואָרען און זיך געשאָטען אויף דער ערד. עס זענען אָנגעלאָפען אַלע אַרבייטען אויף אַמאָל. און פון אַרויסגעהן ערגעץ מאַכען אַ דאָלאַר „פון דרויסען“, אַז עס זאָל זיין מיט וואָס זיך איבערצושטופען דאָס לעבען, איז שוין אָפּגערעדט, אַז ראָבערט איז געוועזען איינגעטאָן גאָר אין אַן אַנדער וועלט.

איינמאָל האָט ראָבערט געוואָלט אַנזאַטלען זיין פערד. האָט דאָס פערד ניט געלאָזען זיך אַרומבינדען מיט דעם זאָטעלרימען. האָט בען זיך דערשראָקען, פאַרגעסען אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז און אַרויסגערופען מאַרגאַרעטען.

— מאַרגאַרעט, זעה נאָר ביי אונזער פערד איז געשוואָלען דער בויך, גודביי!

מאַרגאַרעט האָט זיך שטאַרק צעלאַכט. זי איז אַוועקגעגאַנגען פון שטאַל ביז צו דעם הויז און זיך אונטערגעהאַלטען מיט ביידע הענט ביי איהרע זייטען און אויף אַזאַ קול געלאַכט, אַז ראָבערט איז געבליבען שטעהן, ווי אַ דערשראָסענער און ניט געקענט רירען מיט זיינע פיס.

ער איז אַזוי געשטאַנען אַביסעל און אַ שפּיי געטאָן צו דער ערד, אַרונטערגענומען דעם זאָטעל און איהם אַוועקגעוואָרפען און אַוועקגעגאַנגען אין הויז.

ווען ראָבערט איז אַריין אין הויז האָט מאַרגאַרעט נאָך אַלץ געלאַכט, באַלד האָט זי אויפגעהערט, געהיט ראָבערט׳ס האַרטען פּנים, וועלכער איז געוועזען פאַרכמאַרעט.

ער האָט אינסטינקטיוו געמאַכט אַ באַוועגונג און אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו דער בייטש אויף דער וואַנט, זיין האַנט צוריקגעכאַפּט. איינגעדרעהט זיין פּנים צו מאַרגאַרעטען און בייז אַרויסגעשאָסען זיינע ווערטער:

— וואָס איז דאָס געלעכטער?

— ניט פון דיר, ראָבערט, — האָט מאַרגאַרעט געזאָגט, איינהאַלטענדיג אין זיך דאָס לאַכען און געמאַכט אַ גרימאַסע אויף איהר פּנים — איך לאַך, פון אונזער געשוואָלענעם פערד.

— א שענער געלעכטער. טאָמער האָבען מיר איינעם א פערד, באַדארף דאָס ווערען געשוואָלען, נאָר דאָ מוז עפּעס זיין, א ניט וואָלסטו ניט געלאכט.

— פארשטענדליך, אז עס איז דאָ —

— וואָס בין איך דאָ, — האָט ראָבערט אָנגעהויבען צו שרייען — פאר וואָס קומט עס מיר, בין איך א פרעמדער?

— איך וועל דיר באלד דערצעהלען.

— בין איך דאָ א פרעמדער? — האָט ראָבערט אלץ געהאלטען אין איבעררייידען, אָבער שוין אין דער שטיל, אזוי ווי צו זיך אליין גערעדט.

—ווארט, ווארט איך דערצעהל דיר שוין אינגאנצען —

ראָבערט האָט זיך אוועקגעוואָרפען אויף דער באנק לעבען טיש, אָנגעשפּארט זיין קאָפּ מיט ביידע הענט און נאָכגעצעהלט די ווערטער וואָס מארגארעט האָט דערצעהלט:

— איינמאָל בין איך ארויסגעקומען אין דרויסען און טו א קוק, מיין טאטענס שווארצער אָגער געהט צו מיר פון ווייטענס. בין איך איהם אקעגען געגאנגען ביז צו דעם דראָטענעם פּלויט. איך בלייב שטעהן לעבען דעם טויער און ווארט. דער שווארצער אָגער איז צוגעקומען נאָהענט, ער איז ניט געוועזען, פארשטענדליך, אליין. א מענש האָט איהם געפירט. פרעג איך דעם מענשען צי ער איז ניט מיד, צי ער וויל ניט א טרונק וואסער, ווייל איך האָב זיך דערמאָנט, אז אונזער פערד איז א מיידעל, און אז מיר האָבען נאָר איין פערד. איך האָב פארנארט דעם יונגען מענשען צו אונז. איהם געגעבען וואסער צו טרינקען און דעם שווארצען אָגער צונויפגעפירט מיט אונזער מיידעל פערד. און דערפון איז אונזער מיידעל אָנגענומען געוואָרען און זי טראָגט א לאָשעקעל און מיר וועלן איבעראיאָהר האָבען צוויי פערד. דער יונגער מענש, באדארפסטו זיך שוין אליין אָנשטויסען, איז געוועזען אָט דער איסטערנער בען, און ווען ער איז צוריקגעקומען צו מיין טאטענס הויז, האָט מיין פאָטער מיט זיינע קלוגע אויגען באלד געוואוסט, וואָס מיט זיין שווארצען אָגער איז געשעהן און ער האָט דעם בחור פון דער איסט ארויסגעטריבען פון זיין הויז — דערפאר איז אונזער פערד אזוי געשוואָלען געוואָרען!

ראָבערט איז געזעסען אויף דער באנק, זיין קאָפּ ארייגעצויגען צווי-

שען זיינע אקסלען און ער האָט געפיהלט, ווען מארגארעט האָט גערעדט, אזוי ווי עמיצער שניידט איהם מיט א בייטש איבער זיין פּלייצע.

איהם איז עפּעס קלאָר געוואָרען. איהם האָט שוין גאָר ניט געקימערט צי מען לאכט, צי מען שמייסט איהם מיט א בייטש.

אקעגען אָוועגט האָט ער זיך אָנגעטרונקען מיט וואסער ביי דעם ברונען און איז אוועקגעגאנגען.

קאַפּיטעל טז.

מארגארעט האָט געוואַרט א טאָג, צוויי און דריי. פארשטאַנען, אז ראָבערט איז אוועק און וועט שוין מערער ניט צוריק אהיים קומען.

זי איז געבליבען אין דער קליינער שטוב אָהן ברויט און אָהן געלט.

מארגארעט איז אויפגעשטאַנען אויף דעם פערטען טאָג, גאַנץ פריה, האָט צעלאָזען איהרע בלאָנדע האָר איבער דער שמאָלער פּלייצע און איבער די דינע אקסלען און איז דאָס ערשטע צוגעגאַנגען צו דעם ברונען. זי איז געוועזען זעהר הונגעריג. האָט זי זיך פריהער גוט אָנגעטרונקען מיט קאַלטע וואַסער, נאָכדעם האָט זי זיך גוט אָפּגעוואַשען איהר פּנים אין קאַלטען וואַסער.

די זון איז נאָר וואָס ארויסגעקומען ביי דעם ברעג פון הימעל.

מארגארעט האָט זיך אוועקגעשטעלט און מיט וואָס פאַר א ווערטער עס איז איהר נאָר אריינגעפאַלען אין מויל אריין, האָט זי גאָט געלויבט און געדאַנקט, וואָס ער האָט צוגענומען ביי איהר ראָבערט'ן.

זי האָט ארויסגעבראַכט דאָס פערד און עס אָנגעטרונקען, אוועקגעפירט צו דעם טויער פון דראָטענעם פּלויט און אָפּגעלאָזט פריי, זאָל עס געהן און עסען וואָס עס וועט וועלען אויף איהר פאָטער קאָלדוועל'ס פּרעירי.

אליין איז זי אוועק צו דעם פעלד פון ווייץ און אָנגעריסען א סנאָפּ מיט זאַנגען און זיי געטראָגען אהיים.

אין דער היים האָט זי מיט די הוילע הענט ארויסגענומען די ווייץ־קערנער, זיי איבערגעקליבען און צוגעשטעלט אויף דעם אויוועז דאָס געקעכץ פון ווייץ מיט וואַסער.

אז עס איז פארטיג געוואָרען האָט זי גענעסען געקאָכטע ווייץ. עס איז געוועזען זיס און געשמאַק. עס האָט געשמעקט אזוי ווי בינען האָניג.

זי האָט זיך גוט אָנגעגעסן. און דאָס גאַנצע הויז האָט געשמעקט מיט בינענהאָניג.

מארגארעט האָט זיך דערמאָנט, אז זי איז נאָך א מיידעל.

איז זי ארויס אין דרויסן און אָנגעהויבן ארומצוגעהן איבער דעם שטיק פעלד, וואָס האָט ארומגערינגעלט איהר קליין הויז, מיט באַר־וויסע פיס.

זי האָט אָנגעהויבן צו זינגען און צו שרייען.

געזונגען אויף א קול: בען, בען, איך בין נאָך א מיידעל!

זיך פארשעמט פאר דער זון און זיך אויסגעשטרעקט אויף דער ערד מיט איהר פנים באהאלטען טיף אין גראָז.

איהר איינציג פערד, וועלכעס זי האָט ארייננעלאָזען אין איהר פאָ־טער׳ס פרעירי איז זיך דערווייל אוועק ווייט פון הויז.

דאָס פערד האָט געקניפען די טיפע גראָזען און קייענדיג זיך ווייטער געגאנגען. עס האָט זיך אלע מאָל אהינטערגעקוקט צי עס זעהט זיך נאָך דאָס הויז, ביז עס איז אזוי ווייט פארגאנגען, אז דאָס הויז און שטאל האָט מען שוין ניט געקענט זעהן.

דערפאר האָט מארגארעט׳ס פערד באלד דערזעהן א גרויסען בונט מיט פערד.

וואָס איז דאָס?

דאָס פערד איז געבליבען שטעהן, אויפגעהויבען זיין קאָפּ אין דער הויך, אויפגעשטעלט ביידע אויערען און באטראכט דעם בונט מיט די פערד. זיך דערמאָנט, אז ביי איהר אין בויך ווארפט זיך שוין א לעבעדיג לאָשעקעל, האָט דאָס פערד אראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ, געקניפען גראָז און געטראכט, אז אויב יענע פערד ווילען צוקומען, זאָלען זיי צוקומען.

וואס זשע, זיי וועלען דען ניט קענען זעהן, אז זי טראָגט א לאָ־שעקעל אין איהר בויך?

א רויט פערד מיט א ווייסען פלעק אויף דעם שטערן איז זעהר פאָרזיכטיג און אומבאהאָלפען אונטערגעקומען. זיך אוועקגעשטעלט ניט שטארק נאָהענט און מיט זיינע נאָזלעכער געשמעקט צו דעם נייעם פערד.

באלד נאָך דעם רויטען פערד איז צוגעקומען נאָך איינער, א רויטער, אָבער שוין מיט ווייסע, גרויסע פלעקען צעשמירט איבער זיינע פיס. דער,

מיט די ווייסע פלעקען האָט ארויפגעלעגט זיין קאָפּ אויף דעם רויטען פערד'ס קאָפּ און געפרעגט:

— ווער איז דאָס אָט דאָס דאָזיגע פערד?

מארגארעט'ס שקאַפּע האָט דערווייל געקניפען דאָס גראָז. זי האָט געזעהן, אז נאָהענט שטעהען צוויי פרעמדע פערד, אָבער זי האָט זיך ניט געמאכט זעהענדיג, גוט נאָכגעבליקט זייערע באוועגונגען און דערהויפּט שטארק אין זינען געהאַט, אז ביי איהר אין בויך ליגט א לעבעדיג לאַ־שעקעל.

זאָגט דאָס רויטע פערד צו דעם פערד מיט די ווייסע פלעקען אויף זיינע פיס:

— גיב א געה צו און פרעג דאָס פרעמדע פערד פון וואנען עס קומט?

— זאָגט דאָס פערד מיט די ווייסע פלעקען אויף זיינע פיס:

— פאר וואָס געהסטו אליין ניט צו א פרעג טאָן ביי איהם.

מארגארעט'ס פערד איז געשטאנען מיט זיין קאָפּ צו דעם גראָז אראָפּגעבויגען און גאָר ניט געזאָגט.

האָט שוין דאָס רויטע פערד געוואָלט זיך אויסדרעהען און געהן זענען דערווייל צוגעקומען אלע פערד פון זיין בינטעל, מיט וועלכע ער האָט זיך תמיד ארומגעפירט איבער דער פּרעירי.

אלע צוזאמען איז שוין אביסעל היימליכער.

און דאָס רויטע טוט א געה צו נאָהענט צו מארגארעט'ס פערד און כאפּט א שמעק מיט זיינע נאָזלעכער.

מארגארעט'ס פערד הויבט אויף דעם קאָפּ, צעעפענט זיינע אויגען און קוקט זיך ארום אין אלע זייטען. באטראכט אלע פערד און הויבט זיינע פיער פיס און געהט זיך אוועק אין א זייט אריין.

פון אָנהויב בלייבען אלע שטעהן, קוקען זיך איבער, שמעקען מיט זייערע נאָזלעכער צו די איינגעפּרעסטע פוס טריט אין דעם גראָז און נעמען זיך נאָך איינער נאָך דעם אנדערען און לאָזען זיך געהן נאָך דעם פרעמדען פערד.

געהט זיך איבער דער פּרעירי מארגארעט'ס פערד און א גאנצער בונט פּרעירי פערד נאָך איהם.

בלייבט די שקאפּע שטעהן, בלייבען די פּרעירי פערד אויך שטעהן. מען רינגעלט דאָס פרעמדע פערד ארום.

און דאָס רויטע פערד נעמט זיך אָן מיט כח און געהט צו נאָהענט און לענט ארויף זיין קאָפּ אויף מארגארעט'ס פערד.

דאָס פערד מיט דעם לעבעדיגען לאַשעקעל אין זיין בויך טוט א שפּרונג מיט זיינע הינטערשטע פיס און א בריק אין דער לופט.

דאָס מאָל גראָד קיינעם ניט געטראָפען. א גליק האָבען זיי, וואָס זיי זענען ניט געטראָפען געוואָרען.

דערפאר אָבער האָבען אלע געזעהן, אז דאָס נייע פערד האָט א לאַשעקעל אין בויך.

— דאָס פערד טראָגט א לאַשעקעל! — האָבען זיך די פּרעירי פערד אָנגעהויבען איבערצורניידען אין דער שטיל.

דאָס רויטע פערד האָט צו אלע זיינע פריינד אָנגעשושקעט אין די אויערען אריין, אז דאָס נייע פערד טראָגט א קינד און ווי עס דאכט זיך איהם פון דעם שווארצען אַגער.

באלד האָבען זיך די פּרעירי פערד צעשאָטען און אָנגעהויבען צו לויפען און צו שפּרינגען מיט פארהויבענע עקען און אלערליי אויסגעבויגענע פּאָזען. מיט העלזער, ווי האַלבע רעדער און מיט קעפּ אריינגעבויגען צווישען די פאָדערשטע פיס, אָדער מיט אויסגעשטרעקטע העלזער אזוי ווי ביי גענז, אָדער מיט אנדערע מינים ווילדע באוועגונגען.

מארגארעט'ס פערד איז זיי אויך נאָכגעלאָפען, זאָגאר איינינע מאָל זיי אויסגעלאָפען דעם וועג און ניט געוואוסט אליין, וואוהין עס פירט זיי, טאקע פארלאָפען ערגעץ אין טיפע טאָלען שמאָלע, אז מען האָט זיך קוים קוים געקענט דורכשטופען צווישען דעם גרינעם געדיכטען געוויקס, און אן אנדערש מאָל זיי צוגעבראכט צו א הויכען שטעהענדיגען בארג, ווי א וואנט, און א צעשניטענעם מיט שמאָלע שטעגלעך. אָבער אהין אין דער הויך איז שוין געווען שווערליך ארויפצולויפען, ווייל עס דערמאָנט זיך, אז ביי איהר אין בויך איז דאָ א לעבעדיג לאַשעקעל.

פאמעלעך דעם בארג ארויף, שטעלט מען זיך אָפּ און מען הירזשעט

און מען שרייט; דאָס רויטע פערד שרייט מיט אַן אויסגעשטרעקטען האלז און אלע הירזשען איהם נאָך:

— איך וויל אויך אָנהויבען צו טראָגען!

— איך וויל אויך אָנהויבען צו טראָגען! — ענטפערט עמיצער פון דעם פוס פון בארג.

קאַפּיטעל יז.

הער קאַלדוועל'ס שווארצער אָגער איז געשטאַנען אין שטאַל מיט זיין קאָפּ אראָפּגעזונקען, מיט פארמאכטע אויגען און צו זיך אליין געטראכט און זיך געוואונדערט.

וואָס זאָל עס זיין, וואָס מען פירט איהם מער ניט צו די שקאפּעס?

עס האָט זיך אזוי שען אָנגעהויבען, מען האָט איהם געקעמט, גע־באָרשטען און געוואשען. ער האָט זיך געפיהלט פריש און געזונט. איינמאָל האָט מען איהם אוועקגעפירט, בארג אראָפּ, צו דער קארעל. ער האָט נאָך אזא לאנגען ווינטער דערזעהן די ליכטיגע ברייטע וועלט און זיינע אלטע געליבטע פערד, די וואָס זענען שווארץ און די וואָס זענען רויט און די באשפּרינקעלטע מיט ווייסע און שווארצע פלעקען.

נאָר איינמאָל האָט ער זיי געזעהן און ניט מער.

אז דער זומער איז נאָך ניט אריבער, האָט דער שווארצער אָגער געוואוסט. ווייל ערשטענס איז נאָך היים אין די אוועגדען און צוויי־טענס בייסען נאָך די פליגען און דריטענס רעגענט אין דרויסען אזוי אָפט, און עס דונערט. פאר א דונער האָט ער מורא. זיין מאמע האָט איהם נאָך קינדווייז אריינגעשושקעט אין אויער אריין, אז ער זאָל זיך היטען פאר א דונער. ווינטער, ווייסט ער, אז עס דונערט ניט. הייסט עס, אז דער זומער, איז נאָך דאָ. פארוואָס זשע לאָזט מען איהם שטעהן אין שטאל א גאנצען טאָג?

ער רייסט זיך אויס דאָס הארץ, הירזשעט און שרייט און מען הערט זיך ניט איין צו זיין הירזשען. אמת, מען גיט איהם גענוג עסען. ער האָט אָבער שוין ניט קיין כח אזוי פיל אויפצועסען. ליגט טאקע דאָס היי אויף דער ערד, דעם האָבער צעשיט ער איבער דער גאַנצער שטאַל, בלאָזענדיג מיט זיינע נאָזלעכער. א גאנצען טאָג מעסט ער אויס זיין גרויסע איינזאמע שטאל ארומשפּאנענדיג אויף זיינע פיס.

אלע מאָל, אז עמיצער קומט ארויס פון הויז, דערקענט דער שוואר־צער אָגער אין די טריט ווער עס געהט דאָרט.

און אז ער הערט ניט עמיצענס טריט פאר א לאנגער צייט וואונ־דערט זיך דער שווארצער אָגער וואָס מיט יענעם מענשען איז עפּעס גע־שעהן פאר וואָס ער לאָזט פון זיך ניט הערען.

ער האָט פאר זיך אליין גאנץ לאנגע טעג, זיך גוט איינצוטראכטען אין אזוינע קלייניגקייטען, וואָס קומען פאָר דאָ ארום איהם און מען קען איהם ניט אָפּנארען. זיינע אויערען פארנעמען אלעס און זיינע אויגען זעהען ווייט און באנעמען אזוינע זאכען, וואָס א פערד באדארף ניט וויסען.

אָבער איין זאך פאר וואָס מען נעמט איהם ניט מער ארויס צו די שקאפעס האָט ער ניט געקענט פארשטעהן.

איינמאָל שפּעט אין אָוונט, עס איז געוועזען א ווארימע זומער נאכט, דער שווארצער אָגער האָט ניט געקענט ליגען, ווייל ער איז שוין גענוג געלעגען א גאנצען טאָג, האָט ער זיך ארומגעדרעהט אין שטאל אין דער פינסטער און דערהערט אז מען געהט.

ער האָט באלד דערקענט די טריט. שוין לאנג ניט געהערט די טריט פון דעם מענשען אָבער באקאנט זענען זיי איהם זעהר און זעהר.

באלד איז עמיצער אויסגעוואקסען אין דער טיר. דער הונט איז אָנגעלאָפען, זיך געוואָלט צעבילען, אָבער דער מענש האָט געטאָן א גלעט דעם הונט איבער זיין קריזש און דער הונט איז מיט זיינע צוויי פאָדער־שטע פיס צו איהם ארויפגעשפרונגען.

באלד איז דער מענש צוגעקומען צו דעם שווארצען אָגער, איהם אויך אָנגעהויבען צו גלעטען איבער זיין פנים און האלז.

דער שווארצער אָגער האָט איהם דערקענט, אין זיינע הענט אָנגע־שמעקט, צי דער אלט באקאנטער מענש האָט עפּעס ניט געבראכט א נאש צו טאָן.

— ניין, ניט געבראכט גאָר ניט. אָבער אלט באקאנטער מענש, וואו ביזטו געוועזען ביז אהער? — האָט דער שווארצער אָגער זיך געטראכט.

נאָכדעם האָט דער דאָזיגער מענש גענומען א שטריק און איהם ארומגעבונדען ארום דעם אָגער׳ס קאָפּ.

דאָס האָט דעם אָגער ווי געוואונדערט און געפרעהט. געוואונדערט

וואָס עפּעס אין מיטען נאכט אַנטאָן א קאפּעסטרא. און געפרעהט האָט דעם שווארצען אַגער, וואָס נאָך אזוי פיעל טעג פון זיין אין שטאַל איז מען געקומען און מען וועט איהם ארויספּירען צו די שקאַפּעס.

אָבער זיין פרייד האָט זיך באלד אויסגעלאָזען, אז דער אלט באקאַנ־טער מענש האָט גענומען און איהם ארומגעבונדען דאָס מויל מיט א שטריק און שטארק פארצויגען ביז וועהטאָג.

ניט נאָר האָט ער ניט געקאָנט שרייען פאר פרייד נאָר אויך ניט פאר דעם וועהטאָג פון דעם וואָס דער שטריק האָט געשניטען אין די ליפּען.

פארפאלען, זאָל עס וועה טאָן, אָבער דער מענש נעמט איהם ארויס פון שטאַל און באלד וועט ער מיט איהם קומען צו די שקאפּעס.

אז זיי זענען אָפּגעגאנגען א גרויסע שטרעקע ווייט פון קאלדוועל'ס הויז האָט זיך דער מענש אָפּגעשטעלט. אָנגעטריבען דעם הונט אהיים. געווארט ביז דער הונט איז אהיים געלאָפען, נאָכדעם האָט דער מענש אויפגעבונדען דעם שטריק פון דעם שווארצען אָגער'ס מויל און אזוי געזאָגט:

— דו מיין שענער, שווארצער אָגער, ווייסט שוין פון לאנג, אז ראָ־בערט איז ניט שלעכט. איך האָב דיר ארומגעבונדען דיין מויל מיט א שטריק, ווייל טאָמער וועט זיך דיר פארוועלען א הירזשע טאָן, זאָלסטו ניט קענען. דו האָסט נאָך געקענט אויפוועקען דיין באלעבאָס, דעם אל־טען קאָלדוועל. איצט, מיין שווארצער אָגער, וויל איך דיר זאָגען אז מיר געהען אוועק אין א ווייטען וועג, קנאפּ זיך דערווייל אָן מיט גרינעם גראָז, און באלד נאָכדעם, ווי איך וועל זיך אביסעל אָפּרוהען, ציהען מיר אוועק.

ראָבערט האָט זיך צוגעזעצט אויף דעם גראָז, אָנגעפילט זיין פייפ מיט טיטון, זיינע הענט האָבען געציטערט און זיין הארץ האָט געקלאפּט און דאָס פערד האָט מיט א הויך קול געביסען דאָס גראָז ארום און ארום, אין א ראָד.

— פיל דיך אָן, ווייל באלד ציהען מיר אוועק — האָט ראָבערט גע־זאָגט, האלטענדיג זיין פייפ אין זיין מויל — מיר מוזען נאָך באווייזען צו קומען אין דעם טאָל פון דעם שאָטענדיגען טייכעל, וויים דער טייפעל ווי אזוי מען רופט עס דאָרט, פיל זיך אָן. אָבער האָב ניט מורא, איך וועל דיך לאָזען לעבען. זאָלסטו לעבען א פרייען, שענעם טאָג ביז דעם

לעצטען טאָג פון דיין לעבען. און איך וועל זיין פריי. איך דער זוהן פון קאראבעל, האָב אוועקגעוואָרפען דיין באלעבאָס'ס טאָכטער. זי וויל מיך ניט, כא, כא, האָב איך זי אוועקגעוואָרפען. איך און דו וועלעןביידע זיין פריי.

אָבער מיין גוטער שווארצער אגער, דיר וועט זיין בעסער.
מיין הארץ זאָגט מיר, אז דיר וועט זיין בעסער!

קאַפּיטעל יח.

דער אלטער קאראבעל איז געזעסן דעם גאנצן אָוונט אויף דעם גאניק פון פּאָסט שטוב און דערצעהלט צו די לייט פון שטעטעל אלערליי מעשות, דערביי האָט ער אלע מאָל אין דער קרום געשפּיגען מיט איין שאָס ארויס פון צווישען זיינע יאסלעס אהן ציינער.

צו דערצעהלען האָט ער געהאט וואָס. ער איז געוועזן דער ערשטער אלטער מאַן אין דעם שטעטעל ט... נארד דאקאָטא.

ער האָט אזוי לאנג דערצעהלט ביז אלע זענען שוין געוואָרען מיד און די אויגען זייערע האָבען זיך געקלעפּט. עמיצער האָט געטאָן א גענעץ. באלד האָבען זיך אלע איינער נאָך דעם אנדערען צעגענעצט.

נו, אז אלע גענעצען, איז באדארפען שוין מער ניט דערצעהלען. דער אלטער קאראבעל הויבט אויף זיין קאָפּ צו דעם הימעל, עפענט זיין מויל און טוט א ברייטען גענעץ און נאָכדעם צעוויגט ער זיך און מאכט א באוועגונג זיך אויפצוהויבען פון זיין אָרט, וואָס עס קומט איהם אָן זעהר שווער. נאָכדעם צעגעהט מען זיך און מען לעגט זיך שלאָפען.

ביסלעכווייז פארשווינדט דאָס שטעטעל אויף דער טיפער שטאָק פינסטערער פּרעירי. עס לעשען זיך אוים די פייערלעך פון די פענסטער איינער נאָך דעם אנדערען און די שטיבלעך ווערען אָפּגעווישט אין דער פינסטער.

דאָס גאנצע שטעטעל שלאָפט.

נאָר דער אלטער קאראבעל איז איינער אליין נאָך וואך אין זיין „מושב זקנים" שטוב. פון דאָרט שיינט נאָך ארויס א קליין ליכטעל, מיט קליינע שפּיזלעך ארומגערינגעלט. עס איז קאראבעל'ס הויז, ווייל ער האָט זי געבויט פאר זיין געלט און ער איז טאקע דער ערשטער אין זיין מושב זקנים, וועלכען מען רופט טאקע קאראבעל'ס-הויז פאר אָרימע און היימלאָזע.

תמיד פירט ער זיך אזוי, און היינט אָוועגט אויך, פאר זיין שלאָף טוט ער עפּעס. ווייל ער איז שוין אלט און אויסליגען אזא זומערנאכט מיט זיינע ווייכע, אלטעביינער, קען ער נים.

ער וואונדערט זיך, נאָר ווי אזוי האָט ער אמאָל געקענט שלאָפן, וואו ער האָט נאָר זיין קאפּ צוגעשפּארט. איז דאָס געווען אויף דער פּרעירי, צי ערגעץ אויף א סקאלע מיט הארטע שטיינער, צי אין א שטאל, אָדער גאָר אין א קארעל אויף דער הארטער אויסגעטראָטענער ערד.

אויף דער עלטער איז ניט פרעהליך. איצט איז אויף א ווייך בעט ניט גוט צו שלאָפן.

דערפאר זיצט ער אלע אָוועגט זעהר שפּעט און קוקט איבער זיינע זאכען, מיט וועלכע ער וויל זיך ניט צעשיידען ביז ער וועט שטארבען.

צווישען די זאכען, וועלכע באשטעהען פון אלערליי מעסערלעך, ביינדלעך, פארשטיינערטע־העלץ און אזוינע וואונדער שטיינדעלעך, געפינט זיך אויך א רעוואָלווער מיט א לאנגען האלז.

אז ער צעהלט איבער אלע ביינדלעך און די אנדערע זאכען, וואָס דערמאָנען קאראבעלען אין דער אמאָליגער פּרעירי, נעמט ער דעם געלאָדענעם רעוואָלווער מיט דעם לאנגען האלז און באקוקט איהם פון אלע זייטען און לעגט איהם צו צו זיינע באקען און טראכט, אז דאָס איז זיין איינציגער גוט קינד, וואָס האָט איהם באשיצט אין אלע צייטען און וועט מיט איהם זיין ביז זיין טויט.

וואָרים, פאר וואָס זאָל ער זיך נארען, ער ווייסט, אז דער דאָזיגער בחור, וואָס קומט אומגעריכט און טוט א נעם אָן ביי דעם נאָרגעל און געענדיגט — אָט דער דאָזיגער אומגעריכטער וועט דאָך ווען עס איז ניט עפענען די טיר און אריין און ארויס און — געענדיגט!

דאָס איז פארפאלען!

אָבער ווער קלאפט אין טיר?

דער אלטער קאראבעל האָט, ווי איהם דאכט זיך, געהערט, אז עמיצער קלאפט אין טיר.

— ווער איז דאָרט?

— עפען!

— מיין טיר איז ניט פארשלאָסען, ווער איז דאָרט?

עס עפענט זיך די טיר. פון דער פינסטערער נאכט רוקט זיך אריין

אין שטוב א געשטאַלט. פון דעם שוואַכען שטוב ליכט איז אוממעגליך באַלד צו זעהן ווער דאָס איז, אָבער, אז דאָס איז א מאַן, האָט דער אַלטער קאַראַבעל באַלד פון אָנהויב באַמערקט.

— ניט מורא האָבען, קום נענטער — האָט דער אַלטער קאַראַבעל אַזוי ווי טרייסטענדיג געזאָגט.

— איך קען ניט.

— וואָס הייסט דו קענסט ניט? א קאַליקע געהט אַרום איבער דער פּרעירי אַזוי שפּעט. וואַרט, וועל איך דיר אַקעגען קומען און העלפען.

קאַראַבעל דרעהט אַרויס דעם פלאַם פון לעמפּעל אביסעל גרעסער לאָזט זיך מיט זיינע שווערע טריט אַקעגען דעם פרעמדען.

— וואָס איז דאָס, ראָבערט!? — האָט דער אַלטער אָנגעהויבען צו שרייען און זיך געכאַפּט מיט ביידע הענט ביי זיין ווייסען קאָפּ.

— איך, איך בין עס, פאָטער לעבען —

— וואָס אַזוי שפּעט? און וואָס ביזטו אַזוי בלאַס? און וואָס ציטערען אַזוי דיינע הענט און פיס? — האָט דער אַלטער קאַראַבעל געפרעגט, צעעפּענדיג גרויס זיינע אויגען און געוואָרפען מיט זיי אויף זיין זוהן ראָבערט.

— איך בין געקומען אַזוי שפּעט, ווייל איך האָב זיך געשעמט קומען פריהער. איך בין בלאַס, ווייל איך האָב שוין א פּאָר טעג ניט געגעסען. און מיינע הענט און פיס ציטערען, ווייל עס איז מיר קאַלט, — האָט ראָבערט געענטפערט.

— קאַלט, קאַלט. א יונגערמאַן, און קומט אין מושב זקנים — האָט זיך דער אַלטער צעלאָזען. שאָקלענדיג מיט זיין ווייסען קאָפּ אַראָפּ און אַרויף — האָסט ניט געקענט איבערנעכטיגען אויף דער פּרעירי און ווי ווייט איז פון דאַנען צו דיר אהיים, צו דיין ווייב?

— האָ, האָ, זי איז שוין ניט מער מיין ווייב, אַזוי ווי זי איז ביז איצט טאַקע ניט געוועזען מיין ווייב — האָט ראָבערט אין דער גיך אָפּגעכאַפּט זיין ענטפער — אָבער פאָטער לעבען איך בין הונגעריג. גיב מיר עפּעס א ביס צו טאָן, אויב דו האָסט.

— צי איך האָב, צי איך האָב ניט, ברויט מיט זאַלץ איז דאָ. קום נעהענטער און נעם און עס זיך אָן — האָט קאַראַבעל א כאַפּ געטאָן, בייז,

זיין זוהן, און איהם צוגעשלעפּט צו דעם טישעל — זעץ זיך אוועק, ביזט מיד.

קאַראבעל האָט אָפּגעראַמט פון טיש אַלע זיינע שפּילזאַכען. דעם רעוואָלווער האָט ער אריינגעבאַהאלטען אין זיין רימענעם גאַרטעל. נאָכדעם האָט ער געבראַכט ברויט מיט זאַלץ און א קוואָרט וואַסער. ער האָט דאָס אַלעם צוגרייטענדיג, אינדערגיך געשאַרט מיט זיינע פיס.

זיין זוהן, ראָבערט האָט א מוציא געטאָן און אָפּגעבראָכען שטיקער ברויט, זיי געטונקט אין זאַלץ און געשלונגען איין שטיק נאָך דעם אַנדערען, איילענדיג זיך.

דער אַלטער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער לאַנגער באַנק, אין עק, רייטענדיג און באַטראַכט זיין זוהן. געגענעצט און זיך געקראַצט אין זיין קאָפּ און עפּעס צו זיך אַליין געמורמעלט אין דער שטיל.

— איצט דערצעהל וואָס דו ביזט אהער צו מיר געקומען — האָט דער אַלטער קאַראבעל געזאָגט, נאָכדעם, ווי דער זוהן האָט אריינגעוואָרפען אין זיין מויל אַלע ברעקלעך ברויט פון טיש —

ראָבערט האָט באַלעקט מיט זיין צונג די ליפּען און געזאָגט:

— איך ווייס אַליין ניט, פּאָטער, פון וואַנען איך זאָל אָנהויבען צו דערצעהלען.

— הויב אָן פון סוף. זאָג וואָס דו ווילסט אזוי שפּעט ביינאַכט, דאָ, ביי מיר.

— וואָס ביזטו בייז אויף מיר — האָט זיך שוין ראָבערט אויף אָנגעריהרט מיט זיין הינטערן'ס מויל — איך האָב געמיינט, אז דו, מיין פּאָטער, וועסט מיך אויסהערען, ווארים, ווען האָב איך דאָ אויף דער פּרעריע, א הויז דיר. לאָזט זיך אויס, אז דו ביזט בייז. גיב מיר א געלעגענהייט צו דערצעהלען, העט פון אָנהויב.

— נו, נו דערצעהל, כאַפּען דיך די דזשימניעס, דערצעהל — איז דער פּאָטער געוואָרען אביסעל ווייכער.

— פון אָנהויב האָב איך געאַרבייט ביי הער קאָלדוועל. האָט ער געהאט א מיידעל מאַרגאַרעט. זי האָט מיך מיט איהרע ווילדע גענגלעך אריינגענאַרט און איך האָב געמיינט, אז זי איז אזוינע וואָס עס איז צו איהר גאָר קיין גלייכען נישטאָ אויף דער פּרעריע. איך האָב זיך צו איהר צוגעלאָזט און דער פּאָטער איהרער האָט אונז ביידע אָנגעטריבען. מיר

האָבען זיך ניט דערשראָקען דערפאר און זיך באזעצט אויף א היימ־סטאד. האָבען מיר זיך דאָרט באזעצט. פון אונזער ערשטען טאָג איז ביי אונז אוועק קידער ווידער, איך זאָג אזוי, זאָגט זי אנדערש. זי וויל מיך פירען ביי דער נאָז. וואָס זשע האָב איך געטראכט. הע, עס איז א פרעירי מיידעל, באדארפען זי איינברעכען. איך האָב זי אָנגעהויבען צו שלאָגען און זי איז געוואָרען ארגער פון טאָג צו טאָג. דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט עפּעס א שלאק פון דער איסט, א בחור. ווי באלד זי האָט זיך נאָר אָנגעשמעקט מיט דעם דאָזיגען בחור, האָט זי גאָר אין גאנ־צען אויפגעהערט מיך צו זעהן. איך האָב זיך ארומגעדרעהט אין הויז ווי א פרעמדער. זי האָט ניט גערעדט צו מיר און מיך ניט געזעהן.

— איצט ווען עס איז שוין שפּעט ביזטו געקומען צו מיר — האָט דער אלטער קאראבעל ארייגעוואָרפען, ווען זיין זוהן האָט געמאכט א פּאוזע און זיך אָפּגערוהט.

— איך דערצעהל דיר, פּאָטער, דעם גאנצען אמת. שפּעט צי פריה, איך גיב ניט קיין שאָס, פאר גאָר ניט. איך דערצעהל דיר דעם אמת. — האָט זיך ראָבערט אויפגעהויבען פון זיין זיץ — מיין גאל האָט געפּלאצט. איך בין אוועק פון איהר. האָב איך געטראכט וואוהין צו געהן. די פרעירי איז גרויס אָבער פאר מיר איז נישט געוועזען קיין אָרט. בין איך אוועק צו הער קאָלדוועל. עס איז געוועזען ביינאכט. איך האָב ארויסגע־נומען זיין שווארצען אָגער און איהם אוועקגעפיהרט און ארייגעלאָזט אין דעם ווילדען לאנד...

עס האָט זיך דערהערט א קנאל.

ווייסע געשטאלטען האָבען זיך געטראָגען איבער דעם איינציגען געסעל פון דעם שטעטעל ט... אין דער פינסטער האָט מען זיך אָנגע־קלאָפּט איינער אָן דעם אנדערען.

— געהערט א קנאל פון א רעוואָלווער ?

— געהערט.

— פון וואנען ?

— אָט דאָ זעהר נאָהענט.

— וואו ?

דערווייל האָט דער אלטער קאראבעל זיך ארומגעזעהן, וואָס ער האָט געטאָן. ער האָט דעם רעוואָלווער מיט דעם לאנגען האלז, פון וואנען עס

האָט זיך געדרייכערט, אוועקגעלעגט אויף דעם טיש. נאָכדעם צעעפענט די טיר, ארויס אין דער פינסטער און אָנגעהויבען צו שרייען:

קומט אהער! קומט אהער!

מען איז זיך צונויפגעלאָפען. ווייסע געשטאַלטען האָבען זיך גע־שטופט אין קאַראַבעל'ס הויז און ארומגערינגעלט אין א ראָד דעם מענ־שען, וואָס איז געליגען אויף דער ערד מיט צעשפּרייטע הענט און פיס.

— קאַראַבעל, עס איז דאָך אייער זוהן!

— ראָבערט, ראָבערט, ליגט א געשאָסענער!

— אָט ערשט, האָט ער פארמאַכט זיין לינקע אויג, איך האָב גע־זעהן!

— איך האָב מיין זוהן דערשאָסען, ווי א הונט — האָט קאַראַבעל געיאָמערט — דערפאר ווייל ער האָט ביינאַכט ארויסגענומען קאָלדוועל'ס שווארצען אָגער און איהם פארפירט, אזש אין דעם ווילדען לאַנד אריין. גיין, נים ביי דעם לעבען פון דעם אַלטען קאַראַבעל!

קאַפּיטעל יט.

דעם אינדערפריה, נאָכדעם וואָס ראָבערט האָט אוועקגענומען קאַלדוועל׳ס שווארצען אָגער, איז מען אין הער קאַלדוועל׳ס הויז אויפגעשטאַנען אַזוי ווי אַלע טאָג. פריהער זיינען אַלע אויפגעשטאַנען, און אַזוי ווי קאַלדוועל איז שוין אין דער לעצטער צייט געווען דער שפּעטשלאָפער, איז ער אויפגעשטאַנען אַביסעל שפּעטער.

מען האָט געגעסען איבערבייסען. קאַלדוועל האָט געפרעגט זיינע צוויי אַרויסהעלפערס, מעק און עד, צי זיי האָבען אָנגעטרינקען דעם שווארצען אָגער.

— וואָס הייסט אָנטרינקען — האָט מעק געענטפערט און אַריינגעלעגט אַ האַלבען זעמעל אין זיין מויל אריין און איהם געקייט אויף איין זייט באַק. — ניט נאָר האָבען מיר איהם אָנגעטרינקען, נאָר אויך פרעסען געגעבען.

— הער באַבקאַק שניידט שוין זיין ווייץ — האָט דער קורצער עד אַריינגעוואָרפען, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען צום טיש.

— זאָלען זיי שניידען — האָט הער קאַלדוועל שטיל און הייזעריג געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרומגעווישט די שטעכיגע האָר אַרום זיינע ליפּען. — מיר וועלען אפשר היינט נאָכמיטאָג אויך אַרויסגעהען שניידען. מיר געהען באַלד אַרויס אַ קוק טאָן אויף די שנייד מאַשינען.

— וועט איהר שניידען ווייץ — האָט פרוי קאַלדוועל זיך געפרעהט — וועל איך פאַר אייך, מענער, באַקען רוהבאַרב קנישעס, און מאַכען געבראָטענע ווילדע פּרעירי היהנער. איך געה אַרויס מיט דער ביקס און שיס פאַר איטליכען אַ פּרעירי הוהן.

— מיר וועלען שניידען אַלע טאָג ווייץ — האָט ער קאַלדוועל געשמייכעלט.

נאָך איבערבייסן האָט הער קאַלדוועל צוזאַמענגעזוכט זיינע העמערלאך, שרויפן דרעהערס און אנדערע ווערקגעצייג.

דער לאַנגער מעק און דער קורצער ער זיינען נאָך דעם איבערבייסן ארויס אין דרויסן דערווייל כאַפּן א גוטן רויכער טיטון. אין דרויסן האָבן זיי זיך ביידע איבערגעקוקט; זיך צעלאַכט.

— דעם שוואַרצען אָגער זאָל מען אַנטרינקען. ווינציג אַזוי נאָך צו טאָן. זאָל ער אַליין אויפשטעהן גאַנץ פריה און איהם אָנטרינקען — האָט דער קורצער ער געמאַכט חוזק פון הער קאַלדוועל.

קאַלדוועל איז ארויסגעקומען, אויפגעהויבן זיינע אויגען און באַטראַכט דעם הימעל. ארויסהעלפערס האָבן ביי איהם גיך צוגענומען דאָס ווערקגעצייג. ער האָט זיי געזאָגט, אז ער טראַכט, אז היינט וועט זיין א שענער טאָג אָנצוהויבען צו שניידען, ווייל אויף דעם בלאָהען הימעל זעהט מען נים קיין פיצעל כמארע און די לופט איז א טרוקענע.

די מענער זענען אוועק צו דער ווייט פון הויז אָפּגערוקטער מאשין שטאַל, ארויסגעשלעפּט אויף דעם גרינעם גראָז די רויטע מאשינען מיט די ווייסע לייוונטענע פליגלען און האָבן זיך ארייינגעטאָן אין זייער ארבייט. גערייניגט, באַגאָסען מיט אויל און פאַרדרעהט שטייפער די שרויפן, וועלכע זיינען פון דעם לאַנגען שטעהן אין שטאַל געוואָרען לויז. דאָ און דאָרט האָט געפעהלט א שרויף. די מעסערלאך זיינען געוואָרען באַדעקט מיט זשאַווער, האָט מען זיי גערייניגט און מיט א שאַרפשטיין געריבען און געשאַרפט.

עליזאַבעט, דאָס מיידעל וואָס האָט געדינט ביי הער קאַלהוועל פאַר איהר טאַטענ'ס פערד, איז געקומען צולויפען מיט א גוואַלד, שפּרינגענדיג מיט איהרע באָרוועסע פיס אין דעם גראָז, און איבערגעשראָקען די מענער.

די מענער האָבען ארויסגעשלעפּט זייערע אויסגעשמירטע פנים'ער פון צווישען די פליגלען פון די שנייד מאשינען, דערזעהען עליזאַבעט'ען, אויסגעשפּיגען און זיך ווייטער גענומען צו דער ארבייט.

— פרוי קאַלדוועל האָט געהייסען שוין, טאַקע שוין א היים קומען

— האָט ליזאַבעט מיט א קוויטש געזאָגט, און איז אַנטלאָפען.

— שוין אזוי גיך מיטאָג פאַרטיג? — האָט הער קאַלדוועל פאַרוואונדערט זיך ארומגעקוקט. — ווי גיך דער ווייסער טאָג לויפט אוועק!

די מענער האָבן פאמעליך אוועקגעלעגט דאָס ווערקצייג, אָפּ־געטרייסעלט זייערע הענט און אוועק אהיים.

— קאַלדוועל, דער שווארצער אָגער איז נישטאָ — האָט פרוי קאַלדוועל זיי באגעגענט מיט פארבראָכענע הענט.

— וואָס הייסט?

— נישטאָ!

— ווער זאָגט?

עס איז געוואָרען א טומעל. הער קאַלדוועל איז דאָס ערשטע צוגעלאָפען צו דעם שווארצען אָגער׳ס שטאַל. דאָס האַלבע זומערדיגע טירעל איז געווען פארמאכט. די שטאַל — ליידיג. קאַלדוועל האָט געטאָן א לאָז אראָפּ ביידע הענט און מיט זיי אָנגעקלאַפּט אין זיינע ביידע זייטען, ער איז געוואָרען בלייך און דערנאָכדעם איז זיין פאר־וואקסען פנים פארגאָסען געוואָרען מיט בלוט. ער האָט אראָפּגעכאַפּט זיין פארשמאָלצעטען הוט און מיט איהם א וואָרף געטאָן צו דער ערד.

— היי, הערט נאָר — האָט ער געשריגען צו זיינע ארויסהעלפערס — צו אייך רעד איך דאָס, צי ניין. האָט איהר היינט אינדערפריה אָנגע־טרינקען מיין שווארצען אָגער?

דער לאַנגער מעק האָט עפּעס אָנגעהויבען צו שטאַמלען, נאָר קאַלד־וועל האָט איהם ניט געלאָזען ענדיגען:

— קאַלדוועל׳ען נארט מען ניט! אייער געביין זאָל זיך באַלד אָפּ־טראָגען פון דאַנען. און אייערע פיס זאָלען ניט מעהר באַטרעטען די ערד וואָס טראָגט מיין נאָמען, איהר הערט צי ניין!

קאַלדוועל האָט זיך ארומגעקוקט, דערטאַפּט עפּעס אַן אַלטען דישעל פון א וואָגען, איהם א הויב געטאָן אין דער הויך.

— איך וועל אייך ביידען, הינטישע קינדער, די קעפּ צעברעכען מיט דעם דאָזיגען דרעננגעל, פארנעמט זיך פון דאַנען!

דער לאַנגער און דער קורצער האָבן געכאַפּט, אָט אזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען און געגאַנגען, ווייל קיין באַגאַזש האָבן זיי סיי ווי ניט געהאַט מיט זיך, און זיך אָפּגעטראָגען. זיי זיינען ביידע געלאָפען מיט דעם שטעגעל וואָס האָט געפיהרט צו דעם גרויסען וועג איינ־דרויסען פון יענער זייט פלויט. זיך אַלע מאָל ארונטערגעקוקט.

אז קאַלדוועל איז פון זיי פּטור געוואָרען האָט ער ערשט אָנגעהויבען

צו זוכען ארום זיין הויז און שטאַלען דעם שווארצען אָגער. ניט געפונען, און איז אוועק צופוס אויף דער פּרעירי. אין קארעל האָט ער אויס־געזוכט יעדעס ווינקעל. ער האָט געוואָרפען מיט אַלעם וואָס עס איז איהם אין זיינע הענט געקומען, געבראָכען שטעכיגע דראָטען מיט זיינע הוילע הענט. אריבערגעאנגען עטליכע טייכלעך מיט זיין אָנגעטוכץ, געוואָרען נאַס, זיך צוריק אויסגעטריקענט אויף דער ווארעמער זון. געזוכט צווישען זיינע פערד, אויסגעגאַנגען אַלע עקען פון זיין פּרעירי וואו עס איז נאָר עפּעס געוועזען א טאָל, א טיפער שניט, א סקאַלע אָדער א בארג. אויף א בארג האָט ער זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט א ביי־סעל לענגער און ארומגעקוקט דעם גאנצען ארום און ארום, טאָמער וועט ער זיין שווארצען אָגער דערזעהן.

עס זיינען געוועזען אויף זיין פּרעירי אייניגע בערג, פון וועלכע מען האָט געקענט אָנזעהן זיין הויז און שטאַלען. אויף די דאָזיגע בערג איז קאַלדוועל געשטאַנען און געקוקט צו זיין היים, טאָמער איז דער שווארצער אָגער שוין אין דער היים. ער האָט אָבער אזוי לאנג געקוקט אויף זיין היים, ביז ער האָט געוואוסט און דערקאָנט, אז דער שווארצער אָגער איז נאָך אין דער היים נישטאָ. ער האָט זיך געהאט, דעמאָלט, זיינע סימנים, ווי א שטייגער, אז פון קוימען פון זיין הויז געהט ניט קיין רויך, און דאָס הויז מיט די שטאַלען שטעהען, ווי עס האָט זיך איהם אויסגעדאכט און ויינען.

וואו עס האָט זיך ביי הער קאַלדוועל גענומען כחות, ווייסט איין גאָט. דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבען צו באהאלטען פון יענער זייט בארג. אין די טאָלען איז שוין טאקע געווען פינסטערלאך, נאָר אויף די בערג איז נאָך געוועזען אביסעל ליכטיג.

קאַלדוועל האָט נאָך ניט דורכגעזוכט זיין גאנצע פּרעירי. איצט איז איהם זיין פּרעירי געוואָרען גרויס, ער איז אַלעמאָל אוועק טיפער און ווייטער און זיך דערמאָנט אז ער האָט פארגעסען א קוק צו טאָן אין דעם אָדער אין יענעם טיפען שניט, וואָס איז דאָ אין דער מיט פון א טאָהל, אָדער צווישען די צעוואָרפענע גרויסע קאלך שטיינער, וואָס זיינען געלעגען צעשפּיגענע אויף א גרויסען שטח, אָדער ביי דער ריטשקע וואָס איז פון ביידע זייטען געדיכט באוואָקסען מיט נידריגע ווערבעס און ביינוועל.

קאַלדוועל האָט איצט זיך אָנגעהויבען צו דערמאָנען אלע פארבא־האלטענע ערטער פון זיין פריערי; אזוינע ערטער וואו ער איז נאָר איינמאָל געוועזען, אָדער ער איז נאָר איינמאָל דורך זיי דורכגעפאָרען.

זיין גאנצע פרעירי איז איצט ביי איהם געלעגען אויף דער האנט. אָבער דערוויל האָט ער נאָך דעם שווארצען אָגער ניט געפונען. און די נאכט האָט געטאָן א רוק אראָפּ איהר היטעל איבער די אויגען פון דער פריערי. עס איז געוואָרען שטאָק פינסטער.

הער קאַלדוועל האָט יאָ געוואָלט בלייבען נעכטיגען אויף דער פרעירי און ניט געוואָלט בלייבען.

ער איז אהיימגעגאנגען, זיך אלע מאָל אָנגעשלאָגען אָן עפּעס און געפאלען. זיך אויפגעהויבען, געשאָלטען און געוואָלט רויכערען און ניט געהאט מיט וואָס אונטערצוצינדען זיין פייפ.

ווע ער האָט איצט מיט וואָס צו מאכען פייער!

ער איז געוועזען דורשטיג און קוים דערלעבט צוצוקומען צו א טייכעל. האָט ער זיך גוט אָנגעטרונקען מיט וואסער און ווייטער גע־גאנגען.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעטרונקען, האָט ער געטאָן א טראכט, אז זיין שווארצער אָגער מוז שוין זיין אין דער היים. אז דאָס פערד איז געוואוינט צו שלאָפען הינטער א דאך, איז ער שוין מן הסתם אליין א היים געקומען.

קאַלדוועל האָט זיך אָנגענומען מיט נייעם מוט און אָנגעהויבען אהיים צו געהן א פרעהליכער.

באלד האָט ער טאקע דערזעהן ליכט פון ווייטענס.

ער האָט אָנגעהויבען צו לויפען. זיין גאנצער קערפּער האָט געברענט און עס האָבען פון איהם גערונען ריטשקעס מיט שוויים.

ער איז אריינגעפאלען אין הויז. אין קיך האָבען איהם באגעגענט, אי זיין פרוי, אי דאָס מיידעל ליזאבעט,ביידע מיט פארוויינטע אויגען און בלאסע פּנים׳ער.

— נו?

— נישטאָ?

— נישטאָ?!

— מאָרגען וועלען מיר איהם געפינען — האָט ליזאבעט געטרייסט — מאָרגען, וועט איהר זעהען, צי ניין.

קאפיטעל כ.

ניט איין פריהמאָרגען איז אוועק און דער שווארצער אַגער איז ניט א היים געקומען. הער קאַלדוועל האָט זיך דערוואוסט פון שטעדטעל וואָס מיט זיין איידים ראָבערט איז געשעהן און אויך אז זיין אַגער איז אין דעם ווילדען לאנד.

פארשטענדליך,ביידע זיינען פארפאלענע. זיין טאָכטער איז גע־בליבען אָהן א מאן און זיין אַגער, וועט שוין פון דעם ווילדען לאנד ניט ארויסקומען, ווייל קיינער אויף דער פרעירי האָט זיך נאָך ניט איינ־געשטעלט דאָס לעבען ארייצולאָזען זיך אין דעם ווילדען לאנד.

דאָס ווילדע לאנד, איז א שטיק ערד פון א הונדערט מייל די ברייט און אפשר נאָך לענגער. אָבער אזוי ווי די האָזיגע ערד איז א פארוויל־דעטע, באדעקט און אָנגעשפיקעוועט מיט בערג און בערגלאך און טיפע טאָלען און אבגרונטען האָט מען עס דערפאר א נאָמען געגעבען דאָס ווילדע לאנד. קיינער האָט זיך דאָרט ניט באזעצט. און קיין מענש האָט דאָרט מיט א פוס ניט ארויפגעטראָטען.

דער שטאַט נאָרד דאַקאָטא האָט אויף זיין אייגענעם חשבון און אויף דעם חשבון פון דער אמעריקאנער רעגירונג, דאָס שטיק לאנד ארומגענומען מיט א פלויט פון שטעכיגע דראָט און א חוץ דעם דאָזיגען פלויט אויך ארומגערינגעלט דאָס שטיק לאנד מיט א טיפען גראָבען און ביי די טויערען פון דעם שטיק לאנד אָנגעשריבען ווארנונגען, אז קיינער זאָל אהין ניט אריינגעהן אָדער אריינפאָהרען ווייל מען קאָן פון דאָרט ניט ארוים צוריק א לעבעדיגער — אז עס איז א ווילד לאנד און מען וועט עס קיינעם ניט געבען אויף צו באזעצען זיך, ווייל מען וויל דאָס באהאלטען פאר דער וועלט צו באווייזען אז נאָר נאָרד דאַקאָטא האָט אזא שטיק ווילד לאנד.

אהין האָט דאָס ראָבערט אריינגעלאָזען הער קאָלדוועל׳ס שווארצען

אָגער. קאָלדוועל האָט אויפגעהאנגען אויף אלע ווענט אזוינע פּלאַקאטען, וואו ער האָט מודיע געוועזען, אז וויבאלד עמיצער וועט האָבען מוט און אוועק אין דעם ווילדען לאנד און כאפּען דאָרט זיין שווארצען אָגער, וועט ער יענעם באַלוינען מיט טויזענד דאָלאר.

די פּלאקאטען האָבען געהאנגען אזוי לאנג ביז זיי זענען פון די ווינטען און רעגענס אָפּגעמעקט געוואָרען.

דעם אָגער האָט מען ניט געבראכט.

הער קאָלדוועל האָט זיך ארומגעקוקט, אז ער איז ביז איצט גע־וועזען אומגערעכט נעגען זיינע קינדער. ער האָט נאָר געהאָפּט, אז זיין זוהן זאָל אין איין שעהנעם טאָג צוריק קומען. אָבער זיין טאָכטער, וועמען ראָבערט האָט איבערגעלאָזען, איז דאָך געוועזען ניט וויית פון איהם. איז ער אהין אוועק מיט זיין פרוי און די טאָכטער מארגארעט איבערגעבעטען.

מארגארעט וואָלט זיך ניט געלאָזט איבערבעטען, ווען ניט דאָס וואָס עס האָט פּאסירט מיט איהר מאן ראָבערט און מיט דעם שווארצען אָגער.

הייסט עס אז מארגארעט איז שוין געווען אין דער היים ביי איהר טאטען.

מארגארעט איז געוואָרען גאָר אן אנדערע. זי האָט אלע אינדערפריה נאָך איבערבייסען אָנגעטאָן א מענערשען ארבייטס אנצוג און א ברייט־ברעמיגען הוט, איינגעשפּאנט די פערד אין דער שנייד מאשין און גע־שניטען דעם ווייץ. דער ווייץ איז שוין געוועזען איבערגעפּארטיגט און די קערנער האָבען זיך געשאָטען פון די זאנגען. אין דרויסען איז שוין געוועזען קיהל און עס האָט זיך געפיהלט, אז דער זומער הויבט אָן אוועק צו געהן.

הער קאָלדוועל האָט אויפגעשטעלט די ווייץ גארבען, ניט אז זיי זאָלען זיך אויסטריקענען, נאָר אוים געוואוינהייט און פאר דעם וואָס עס גיט צו א שעהנקייט צו דעם ווייץ פעלד.

עס איז איהם אָבער געוועזען זעהר שלעכט אויף זיין הארץ און ער האָט ניט געהאט מיט וועמען זיך דורכצושמועסען. וויול עס האָט זיך קאָלדוועלען געדאכט, אז קיינער וועט איהם ניט גלויבען.

זיין צווייט ווייב האָט ער ניט געוואָלט באַלעסטיגען מיט אזוינע

זאכען. פארקערט, זי האָט ער באַדאַרפט אלע מאָל האלטען מיט דעלי־קאטע צוואנגען, טאָמער, ווי א זאך מאכט זיך, זאָל זי ניט אנטלויפען פון איהם. ווייל זיין פראָסטער פארשטאנד, האָט איהם געלערענט, אז וויבאלד א פרוי קאָן מיר ניט, דיר ניט, איבערלעזען אן אנאָנס אין א צייטונג אז איינער א הער קאָלדוועל, וויל א ווייב, און זי נעמט האק און פאק און קומט צו פאָהרען:

נו, הער קאָלדוועל, ווילסט א ווייב, אָט בין איך דאָ.

אז אזא איינע קאָן דיר ניט, מיר ניט, זיך אויפהויבען און א זאָג טאָן, קאָלדוועל איך בין דיר ניט מער קיין ווייב און האָב מיר א גוטען טאָג!

דערפאר האָט ער זיך געהיט מיט איהר ניט צו רעדען וועגען זעהר טרויעריגע זאכען.

ווידער, מיט פרעמדע מענשען, נאָ, וואָס קאָן דיך א פרעמדער ווייטער מענש פארשטעהן? אין די אויגען וועט ער אפשר א קרעכץ טאָן און אונטער די אויגען וועט ער דיך אפשר גוט אויסלאכען.

דערפאר איז הער קאָלדוועל געוואָרען פון טאָג צו טאָג מערער שווייגער. אפילו מיט זיך אליין אויך מורא געהאט צו רעדען. ער האָט אָפגעלאָזט די לייצעם, ווי מען זאָגט, און זאָל עס לויפען וואוהין עס וויל.

ער האָט געקוקט אויף זיין טאָכטער מארגארעט, ווי אזוי זי טוט די ארבייט אין פעלד, ווי אזוי זי טרייבט פערד, ווי אזוי זי באהאנדעלט די פערד. ער האָט באטראכט זיין ווייץ ווי אזוי ער איז שוין איבערגע־שטאַנען. צו וועלכע טייוואָלים האָט ער באדארפט האָבען אזוי פיעל ווייץ, פארזייהט. ווער וועט איהם שניידען? ווער וועט איהם דרעשען?

אז מארגארעט וויל טאָן די דאָזיגע ארבייטען אזוי זאָל זי. די פערד האָבען ניט געהאט קיין צייט זיך אָפצורוהען, ווייל מארגארעט האָט געשניטען דעם ווייץ ארום און ארום, ניט מאכענדיג קיינע עקען אין די פיר ווינקלען.

אָט אזוי שניידען פרויען ווייץ. און ווען מארגארעט וואָלט ניט וועלען שניידען דעם ווייץ, וואָלט זי ניט געוואָלט, און קאָלדוועל וואָלט ניט געגעבען קיין פיפס, ווער שמועסט שוין פון בייזערען זיך אויף איהר.

קאָלדוועל האָט שטילערהייד, ווי אָנגעהויבען צו בעטען ביי זיך

אליין, אז ער האט שוין זיינס אפגעטאן אויף דער דאזיגער וועלט.
גענוג!

צייטענווייז האט זיך איהם געדאכט, אז עס הויבט זיך אן דער אנפאנג פון דער ענדע.

א סימן האט ער אז עס איז אזוי:

זיינע פיס ווערען שוואך. אלע אין דער פריה איז זיין קאפ אזוי ווי ליידיג און אויסגעהוילט און עס שווינדעלט איהם אין די אויגען. אז ער לעגט אוועק זאכען ערגעץ אויף אן ארט, געדענקט ער ניט וואו ער האט זיי אוועקגעלעגט. און ווען ער געהט ארויס אין דרויסען, דוכט זיך איהם אז די ערד שמייכעלט צו איהם און אז ער געהט אין פעלד און דערזעהט א גרוב דערשרעקט ער זיך. אז ער זעהט פעלדער מיט גראזען און פלאנצען פרענגט ער זיך: פאר וועמען זיינען די גראזען און פלאנצען אויסגעוואקסען. און אז ער זעהט א צעאקערט פעלד און די שווארצע ערד ליגט אזוי אויפגעדעקט פאר זיינע אויגען ווערט איהם אומעטיג...

און איבער דעם אלעס, קאן ער ניט אראפטרייבען דעם דאזיגען, וואס זיצט אויף זיין פלייצע און בויגט זי ארונטער נידריגער צו דער ערד.

זיין טאכטער מארגארעט איז אזוי גוט צו איהם, אז זי באליידיגט איהם; טוט איהם וועה.

הער קאלדוועל ווייסט אבער ניט אז דאס וואס ער שווייגט און איז אזוי גוט צו זיין טאכטער מארגארעט, טוט עס איהר אויך וועה.

זי הויבט אן רחמנות האבען אויף איהר פאטער, היט איהם אויף יעדען טריט, האט מורא, אז ער זאל עפעס ניט אפטאן מיט זיך אליין.

מארגארעט ארבייט, ווי איהר דאכט זיך, אזוי ווי צוויי מענער. דאס הייסט זי טראכט, אז זי לעגט אוועק א טאג ארבייט אין פעלד אזוי ווי עס וואלטען צוויי מענער די ארבייט געטאן.

און איינמאל אין דער וואך שטעהט זי אויף פארטאג זאטעלט אן דעם רייטערעל און פאהרט ארויס אויף דער פרעירי איבערצוצעהלען דעם טאטענס ווילדע פערד, אלע מאל באגעגענט זי אויף דער פרעירי איהר איינענע שקאפע. באטראכט מארגארעט דאס פערד מיט דעם בויך, וועלכער הויבט אן זיך אויסצופילען און עס טוט זיך א וויקעל אויף

פאר איהרע אויגען, דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט איהר אין אזא קליינער צייט, ווי צוויי יאָר. אזויפיל יאָרען איז ער געוואקסען אויף דער פּרעירי און עס איז גאָרניט געשעהן און מיט א מאָל, אין די לעצטע צוויי יאָר: האָט עס אזוי ווי אויסגעשאָסען!

עס האָט זיך איהר גערעכט אז איהר פערד דערקאַנט זי שוין ניט. מארגארעט איז צוגעריטען נאָהענט און זיך אריבערגעבויגען צו איהר פערד און אויסגעשטרעקט צו איהם איהר האנט. אָבער דאָס טראָגענדיגע פערד האָט זיך אוועקגעדרעהט מיט א שווערער באוועגונג.

זי דערקאָנט מיך שוין ניט. — האָט מארגארעט געטראכט און געשמייכעלט און ווער ווייסט וואו בען פון דער איסט איז ערגעץ. ער האָט שוין אויך געמוזט פארגעסען אין דער איינזאמער מארגארעט.

אָט אזוי האָט מארגארעט אלעמאָל, קומענדיג אויף דער פּרעירי, זיך דערמאָנט אן דעם בחור פון דער איסט.

זיך אליין האָט זי געקרוינט מיט דעם נאָמען, איינזאמע מארגארעט.

ווייל ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די טעג זיינען איצט געפלויגען און אוועק מיט דעם רעש פון ארבייט אויף די ווייץ פעלדער, האָט מאר־גארעט פאָרט געפיהלט, אז זי איז אזוי ווי פון ערגיץ אן אָפּגעבראָכענע און אז זי וואלגערט זיך ארום און קיינער באמערקט זי ניט.

געבענקט האָט זי, און געהאָפט האָט זי, אז בען פון דער איסט וועט קומען.

דערווייל איז איהר איינציגער פריינד געוועזן ליזאבעט.

מארגארעט און ליזאבעט זענעןביידע געשלאָפען אין איין בעט, אויבען אין דער דאך־שטוב. גנעגעסען אין איין צייט. זיך אָנגעטאָן אין איינע און דיזעלבע קליידלעך, דעם פאסאָן פון וועלכע ליזאבעט האָט אליין פון איהר קאָפּ אויסגעטראכט און אליין אויפגענעהט. זיי האָבען געפלאָכטען זייערע האָר ביידע אין איין פריזור, גלאט און צעקעמט אין דער מיט מיט א שרינט. זיי זיינען ביידע געוועזען בלאָנדע, ליזאבעטס האָר זענען געוועזן טונקעלר פון מארגארעט׳ס, אָבער זיי האָבען אויסגע־זעהן ווי צוויי שוועסטער.

ליזאבעט איז געוועזן יונגער און דערפאר האָט מארגארעט גע־האט איבער איהר די אויבערהאנט.

מארגארעט איז אָבער ניט געווען אזוי ווי אן עלטערע שוועסטער איז צו דער יונגערער פון זיך.

פון זינט מארגארעט איז צוריקגעקומען אין איהר טאטענס הויז האָט ליזאבעט זיך דערפיהלט ווי ביי איהר מאמען אין דער היים.

חוץ דעם האָט מארגארעט איבערגעשמועסט מיט איהר פאָטער, אז ליזאבעט האָט שוין גענוג אָפּגעדינט פאר די פערד.

קאָלדוועל, דער דערשלאָגענער האָט זיך אזוי ווי דערמאָנט און זיך אין דעם אָנגעכאפּט. טאקע, גענוג. און צוריקגערעדט, פאר וואָס זאָל ער ניט שענקען ליזאבעט'ס פאָטער די פערד. פאר וואָס זאָל ער עס ניט טאָן? הער קאָלדוועל וואָלט באדארפט איצט אריינפאָהרען אין שטאָדט און אויסרופען אין די גאסען, אז ווער עס וויל זאָל קומען נעמען פערד אומזיסט. קאָלדוועל צעטיילט זיינע פערד.

הער קאָלדוועל האָט אליין ניט געוואָלט זאָגען ליזאבעט'ן, האָט ער עס געזאָגט צו זיין טאָכטער מארגארעט, אז זי זאָל זאָגען ליזאבעט'ן, אז די פערד, וועלכע איהר פאָטער האָט געקויפט, זענען שוין באצאָלט. און ליזאבעט, אויב זי וויל קאָן זי בלייבען. א היים וועט זי האָבען. און קאָלדוועל וועט איהר צאָלען. גוט באצאָלען.

אז ליזאבעט האָט דאָס דערהערט פון מארגארעט'ן האָט זי ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. זי האָט זיך ארומגעפלאָכטען מיט איהרע הענט ארום מארגארעט'ן און זי געדריקט צו זיך, אזוי ווי זי וואלט מארגארעט'ן געוואָלט אין זיך אריינוואקסען.

אין אָוועגד, אזביידע, אי מארגארעט אי ליזאבעט זענען געלעגען אין בעט, האָבען זיי זיך ביידע שטילערהייד אין דער פינסטער איבער־געשמועסט.

— בלייבסט מיט אונז, ליזאבעט?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אז איך בלייב, מארגארעט, איך בלייב דאָ מיט דיר און וועל מיין טאטע מאמע פון גאָרניט דערצעהלען. נאָר הערט, העט, שפּעטער מיט א צייט וועל איך אהיים קומען און זיי ארויסשיטען אויף דעם טיש דאָס גאנצע געלט וואָס איך וועל פארדינען פון מיין קעשענע. זיי וועלען מיך אָנקוקען, דערשראָקענע, אָבער איך וועל זיי דאמאָלט ערשט דערצעהלען.

— ביזט אזא קלוגע, ליזאבעט, איך האָב דיך ליב! אָבער זאָג

מיר, פאר וואָס ווערסטו העט, העט, שפּעטער מיט א צייט אהיימגעהן.
געהּ, איך וויל אז דו זאָלסט זיין מיט מיר נאָך לענגער.

— וואָס הייסט? און אז עס וועט קומען מיין געליבטער און וועט מיך פון דאנען אוועקנעמען. וואָס זאָגסטו, זאָל איך ניט געהן?

— האָסט שוין דען א געליבטען?

— מארגארעט, איך האָב א געליבטען, שאַ, שטילער, איך האָב א געליבטען.

—ווי אזוי זעהט ער אויס?

— רעד ניט אזוי הויך, מארגארעט, מיין געליבטער, מיינער איז א שעהנער, א ברונעט. און אפשר האָב איך א טעות, איך געדענק שוין ניט צי ער איז א ברונעט. נאָר זיינע אויגען זיינען ביי מיר אין מיין אָנבליק פארבאהאלטען. איך וועל זיי דערקאָנען.

— איך האָב ליב צו הערען דיינע רייד, וועגען דיין געליבטען. אָט אזוי ליזאבעט באדארף מען ליב האָבען פון דער ווייט. ניט אזוי ווי איך האָב זיך אליין פארפלאָנטערט אין דער נעץ פון איינעם וואס איך האָב געזעהען נאָהענט. דו ווייסט, ליזאבעט, וואָס איך מיין. איך בין מיט איהם אזוי נאָהענט געוועזען אלע מאָל און עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז איך האָב זיך דערווייטערט פון איהם.

ליזאבעט האָט געוואָלט עפּעס פרעגען ביי מארגארעט'ן, אָבער זי האָט זיך בארעכענט, אז זי קאָן נאָך וועה טאָן אָדער אויפרירען א וואונד, וועלכע הויבט זיך שוין אָן צו פארהיילען. זי האָט דערפאר גע־שוויגען און געוואַרט אז מארגארעט זאָל ווייטער רעדען, אָדער גאָר אין גאנצען איינשלאָפען.

— מיר טוט ניט באנג — האָט מארגארעט געזאָגט נאָך א ווײַלע פון שטילשווייגען — ווייל איך האָב ראָבערט'ן ניט געקאָנט ליב האָבען. איך בין ניט אזוי הארטהארציג ווי דיר קאָן זיך דאכטען. א מענש איז געשאָסען געוואָרען. ווענען קאָן דאָס ניט רירען. א מענש האָט געלעבט און האָט אויפגעהערט צו לעבען. אָבער דאָס איז זיין שולד. אָדער זיין טאַטענס שולד. איך, ליזאבעט, האָב איהם ניט געקאָנט ליב האָבען נאָך דער ערשטער מינוט פון אונזער זיין אונטער איין דאך.

— פאר וואָס, מארגארעט?

— פארוואָס? ליזאבעט, קאָן מען דען פרעגען פארוואָס די זון

שיינט ניט בייניאַכט. קאָן איך דען פרעגען פאַר וואָס דו האָסט ליעב דיין געליעבטען, וועמען דו קאָנסט גאָרניט. נאָר שאַ, וואַרט אביסעל, ווער נאָך ניט אנשלאָפען, איך וועל דיר, ליזאַבעט, דערציילען פאַר וואָס. דאָ, ביי מיין טאַטען אין הויז האָבען מיר זיך ניט געקאָנט ליעב האָבען. איך האָב שוין קוים דערלעבט, אז מיין פאָטער זאָל אונז ארויס־טרייבען. מיר זענען אוועק אין אונזער היים־שטאָדט, מיין לאַנד, מיין הויז. מיר קומען אהין צוגעהן, דאָס הויז איז נאָך לעדיג. עס איז ניטאָ וואו זיך אנידערצוזעצען. ראָבערט, איך טו אויף איהם א קוק, דערשרעק איך זיך פאַר איהם. איך בין ארויס אין דרויסען, ער לויפט מיר נאָך. וואָס בין איך א פערד? בלייב איך שטעהן אזוי אין דערמיט פעלד און זאָג צו איהם: איך וויל ניט אז דו זאָלסט צו מיר צוקומען. האָט ער זיך דערשראָקען און ניט צוגעקומען. דעמאָלט האָב איך איהם אָנגעהויבען פיינט צו האָבען. דערנאָכדעם האָט ער מיך געשלאָגען אַלע טאָג מיט דער בייטש ביז איינמאָל איז מיין עלענד געקומען פאַר גאָט אין הימעל און ער האָט צוגעשיקט א פרעמדען פאַרבייגעהער.

— וואָס זשע איז געוואָרען מיט דעם פאַרבייגעהער? — האָט ליזאבעט זיך שוין אזוי ווי געראַנגעלט מיט דעם שלאָף, נאָר ביי די לעצטע ווערטער פון מאַרגאַרעט'ן, זיך אביסעל אָפגעפרישט.

— דער פאַרבייגעהער, ליזאַבעט, איז אריין אין אונזער הויז און געטראָפען ווען ראָבערט איז געשטאַנען מיט דער בייטש און מיך געשלאָגען. דער פרעמדער איז אריין און געבראַכט פרייד אין מיין הויז. ראָבערט האָט מיך שוין מערער, פון דאַן אָן ניט געשלאָגען.

— און דער פאַרבייגעהער?

— ווייסט ליזאַבעט, אזא פרעהליכער. נו, איך האָב איהם גע־שאָנקען א לאָק פון מיינע האָר.

— מאָל מיר איהם אויס, ווי אזוי זעהט ער אויס — האָט ליזאבעט געזאָגט.

— איך ווייס, ער איז אזוי טיף איינגעקריצט אין הארץ ביי מיר, אָבער איך קאָן דיר, ליזאַבעט, ניט אויסמאָלען זיין אויסזעהען.

— וואו איז ער, דער דאָזיגער פרעמדער?

— איך וואַרט. ער וועט צו מיר קומען פון דער פרעירי.

— איך וואַרט אויך אויף מיינעם. וועסט זעהען מאַרגאַרעט, ווען

עס וועט זיין ווינטער און א טיפער שניי וועט איינדעקען די פּרעירי, דאַמאָלט וועל איך דערהערען אז אימיצער קריצט מיט זיינע טריט אויף דעם הארטען פארפרוירענעם שניי און קומט אָן פון איין זייט — דאָס וועט זיין צו מיר. און דו, מארגארעט, וועסט אויך הערען אז אימיצער קריצט מיט זיינע טריט אויף דעם הארטען פארפרוירענעם שניי און קומט אָן פון דער אנדערער זייט — דאָס וועט זיין צו דיר. ניט אזוי?

ביידע אי ליזאבעט, אי מארגארעט זענען אנטשוויגען געוואָרען.

קאַפּיטעל כא

בען פון דער איסט האָט באַדינט דעם שווינראַנדזש.

אָפּגעאַרבייט זיין טאָג, האָט ער גערוהט, מיט זיך אַליין. קיינער פון די הויז מענשען האָבען איהם ניט געמאַכט שווער פיהלען מיט זייערע רייד. עס האָט זיך בען'ן געדאַכט, אַז זיי זענען אַלע שווייגער, אַזוי ווי ער, און דאָס איז איהם שטאַרק געפעלען געווען, ווייל ער האָט געוואָלט זיין אַליין.

מאַרגאַרעט איז ווייט פון איהם. ער וועט זי קיינמאָל נאָנט ניט דערגרייכען. אַזוי האָט בען געטראַכט. זיך אַליין אָפּנאַרען האָט ער געקאָנט, אָבער ניט אין אַזאַ פאַל. מאַרגאַרעט איז איהם אַזוי נאָהענט און ניט אָנריירבאַר. אַלע קוואַלען לויפען פאַר זיינע אויגען און ער קאָן זיך ניט אַ בויג טאָן, זיך מיט דעם וואַסער אָנצוטרינקען.

וואָסזשע דען?

ער באַדינט דעם שווינראַנדזש, איז איזאָלירט פון מענשען. וועט ווערען אַליין פאַרווילדעט און פאַרגרעבט. קיין ביכער האָט ער ניט. ער לעזט נאָר פון צייט צו צייט עפּעס אַ לאָקאַלע צייטונג, איבער וועלכע ער איז שוין לאַנג איבערגעוואַקסען. פיהלט זיך אַזוי גוט, לעזענדיג אַזאַ צייטונג.

פאָלשטענדיג פאַרגרעבט. שלאָפען, אַרבייטען, עסען. עסען, אַר־בייטען, שלאָפען און ווייטער אַרבייטען, עסען, שלאָפען.

און דערנאָכדעם, אַז ער וועט שוין זיין גוט אַריינגעלעבט אין זיין ראָל, זיינע הענט און פיס וועלען זיין אַזוי ווי געפלאָכטען פון גראָבע שטריק און זיינע פינגער גראָבע און מיט שוואַרצע אָדערען און קאַרבען. די פּרעירי וועט זיין זיין היים און דער הימעל, זיין דאַך, דאַמאָלט ווער וועט צו איהם זיין גלייך.

אַזוי האָט מען געטראַכט און ניט באַמערקט, אַז עס וועבט זיך פאַר

זיינע אויגען א נייער גלויבען, וואָס וועט זיין אָהן א גלויבען. וואָרים, ווער וועט באדארפען אין עפּעס גלויבען, ווען עס וועט ניט זיין ווער, — אָהן אן ענדע פארגרעבט און ווילד.

נאָך א מאָל:

די פרעירי איז אייביג גרויס. מען עסט און מען ארבייט און דער־נאָכדעם ווערט מען פארפאלען אין א שווערען שלאָף. די קליידער ווערען אזוי אלט אויף דיר, ביז זיי ווערען פארפוילט, ערשט דאמאָלט קויפט מען נייע. עס איז נישטאָ קיין סטיל אין די קליידער, ברייט אזוי ווי א זאק. פארגרעבטע שיך, מען טראָגט זיי און מען טראָגט זיי, ביז עס ווערט דיר דערעסען און מען קויפט ווייטער א פּאָר פארגרעבטע שיך.

די חזרים פון דעם שוויינראנדזש פרעסען און שלאָפען אין דער בלאָטע. ווירקען אויף בענ'ן און מאכען איהם שווער און פויל. אָט אזוי אָהן א ענד!

איינמאָל, אין אָוועגט נאָך דעם עסען, האָט בען געלעזען די נאָרד דאקאָטא'ער צייטונג, וועלכע איז געדרוקט געוואָרען פריהער מיט א צייט, האָט ער אזוי לעזענדיג זיך אָנגעשטויסען אויף דעם דאָזיגען שטיקעל נייעס:

„פון הער קאָלדוועל'ס שטאל האָט מען ארויסגענומען דעם שוואר־צען אָגער. דאָס איז פאָרגעקומען ביינאכט. אין דער פריה איז מען ביי די קאָלדוועל'ס אויפגעשטאנען און דערזעהען אז עס פעהלט דער שווארצער אָגער האָט מען איהם אָנגעהויבען צו זוכען. מען האָט איהם ניט געקאָנט געפינען. נאָר ערשט אויף דעם פערטען טאָג איז אין שטעדטעל אריינגעקומען ראָבערט, דעם אָנקעל קאראבעל'ס זוהן און אויך קאָלדוועל'ס איידים. ער האָט אליין דערצעהלט זיין פאָטער קאראבעל, אז ער האָט ארויסגענומען קאָלדוועל'ס אָגער, ביינאכט, פון שטאל און איהם פארפירט אין דעם ווילדען לאנד וואו מען ווערט פאר־פאלען און מען קאָן שוין פון דאָרט נישט ארויס א לעבעדיגער. ראָבערט איז געשאָסען געוואָרען פון זיין פאָטער קאראבעל, באלד אויף דעם אָרט אוועקגעפאלען טויט".

איבערלעזענדיג דאָס, האָט בען געטאָן א וואָרף די צייטונג זיך אויפגעשטעלט און זיך ארומגעקוקט, געוואָלט עפּעס זאָגען, אָדער, ווי

ער האָט געפּילט, צו טאָן א קלאַפּ מיט דער האנט אין טיש. ער האָט ניט געטאָן ביידע זאכען, ווייל עס האָט פאר זיינע אויגען געטאָן א שיין. א ווייטער וועג און דאָס וואָס ער האָט געוואָלט באגעגענען, וועט איהם אקעגען קומען.

בען איז אוועק צו זיך אין זיין אָפּגעזונדערטען צימערל. זיך אויס־געטאָן, פארלאָשען דעם לאָמפּ און איז לאנג געלעגען און געפיהלט אזוי שווער ווי א שטיין און באוועגלאָז, ווא א בארג. זיינע געדאנקען זענען געלאָפען שנעלער פון דעם קלאַפּען פון זיין הארץ. ער האָט זיי ניט געקאָנט אָנכאפּען.

און אז עס איז געקומען זונטאג, האָט ער אָנגעזאָטעלט דאָס פערד מיט דער ערלויבניש פון זיין בעל הבית און איז אוועקגעריטען צו מארגארעט׳ן. בען האָט געמיינט, אז ער וועט זי טרעפען אין דעם קליינעם הויז.

אז בען איז צוגעקומען האָט ער געפונען דאָס קליינע שטיבעל נאָך אלץ איינגעגראָבען אין דעם בארג. די טיר איז געווען אָפען. ער איז אריין אינעווייניג, באלד דערקאָנט אז קיינער איז ניטאָ אין הויז. די זאכען פון הויז זענען אזוי ווי געוועזען צעוואָרפען און פארלאָזען און פארבלאָזען מיט שטויב.

ער איז אוועק אין שטאל . די שטאל איז געוועזען ליידיג און צעפאלט. בען איז ארומגעגאנגען איבער דעם שטיק לאנד, וואָס האָט ארומגערינגעלט די דאָזיגע פארלאָזענע היים. עס איז ניט געווען קיין פּיפּס פון לעבען, נאָר גראָזען ניט קיין אָפּגעשניטענע און א פעלד מיט צעטראָטענעם ווייץ. די צעבראָכענע זאנגען האָבען זיך געריסען אויפצושטעלען זיך און ניט געקאָנט און דאָס פעלד מיט דעם האָבער איז שוין געוועזען רויט פארברענט פון דער זון און די הייטלעך, וואו די האָבער קערנער ווערען געבוירען, זענען שוין געוועזען צעעפענט און אויסגעליידיגט.

בען איז געשטאנען א צעמישטער און געביסען זיינע ליפּען. עס איז איהם איצט קלאָר געוואָרען, אז דאָס וואָס די צייטונג האָט געשריי־בען איז טאקע אמת און מארגארעט מוז שוין זיין ביי איהר פאָטער. אזוי איז דאָס, און אזוי וועט עס זיין. בען האָט זיך באלד אריינ־

געזעצט שווער אין זאָטעל. דאָס פערד האָט זיך געטאָן א דרעה און אוועק מיט איהם, ארויסרייסענדיג שטיקער גראָז מיט זיינע פיס.

אין אַוועגד האָט ער געזאָגט זיין בעל הבית אז ער געהט אוועק אין גוטען מוט. דאָס איז גענוג פאר איהם. מערער וויל ער ניט באַדיענען קיין שווינען.

בען האָט זיך צערעבענט מיט זיין בעל הבית, דאָס ביסעל געלד אָפּגענומען און געבעטען אז זיין בעל הבית זאָל איהם אוועקפירען צו דער באן אין שטעדטעל ט...

— וואוהין פאָרט א בחור? — האָט דער באַלעבאָס זיך גע־וואונדערט.

— אין דער ווייטער איסט, א היים — האָט בען גיך און הארט אָפּגעענטפערט.

בען האָט זיך אָפּגעגאָלט זיין פנים, באשוירען די האָר וואָס האָבען געוואקסען אין זיינע אויערען און נאָז־לעכער, זיך גוט איינגעוואַשען ביי דעם ברונעם, פארקאמט די לאנגע האָר פון זיין קאָפּ ארויפ־צואוועגס, זיך איבערגעטאָן אין זיין אנצוג, וועלכען ער האָט געהאלטען אין „וואליז". די אלטע קליידער אוועקגעוואָרפען, אויך דעם „וואליז" אוועקגעשאָנקען זיין באלעבאָס, דערביי, באמערקט מיט א שמייכעל, אז ער וויל זיין א גרינגער פאסאזשיר.

בען האָט זיך אליין ניט דערקאָנט. ער איז געוואָרען אַן אנדערער.

די באלעבאָסטע, א גראָבעצקע און מיט רויטע באקען האָט בענ'ן איינגערוימט אין אויער אריין א סוד, אז דער בחור זאָל וויסען אז ער זעהט איצט אויס אינגער מיט צעהן יאָהר און ער זאָל ניט זאָרגען, דאָס גליק שטעהט און ווארט אויף אידם.

אז בען איז געפאָרען מיט זיין באלעבאָס צו דער סטאנציאָן אין דעם שווערען גרינעם וואָגען, געשפאנט מיט צוויי פערד, זיצענדיג אויף דעם הויכען זיץ מיט שפרוזינעם, האָט ער באמערקט אז די פרעירי האָט זיך אויך געביטען. עס האָט שוין געשמעקט מיט הערבסט. פעלדער מיט אָפּגעשניטענעם ווייץ און די גארבען זענען געשטאנען אין גלייכע שורות און זיך געטריקענט. די פרעירי איז געוואָרען באדעקט מיט דעם געלען, גאָלדענעם קאָליר פון צייטיגע ברויטען.

דער באַלעבאָס איז געוואָרען רעדעוודיג, געבלאָזען דעם רויך פון זיין פייפ און געפרעגט בען׳ן, פאר וואָס ער פארלאָזט די גוטע וועסט.

— איך פארלאָז ניט די וועסט, איך וועל נאָך א מאָל צוריקקומען — האָט בען, אזוי ווי פון ערגעץ געכאפט עפעס אן ענטפער.

— אזוי, אויב איהר קומט צוריק, לאָזט מיר וויסען. אין אלע צייטען וועל איך אייך געבען פרעפעראנס.

— זיכער, גוט, זיכער, — האָט בען געענטפערט.

אין ט... האָט זיך דער באַלעבאָס פון שוויינראַנדזש ניט פארזאמט קיין סך און אזוי גיך, ווי ער איז אוועקגעפאָהרען, האָט זיך בען דערפיהלט פרייער. עס איז געוועזען האלבער טאָג. איבער דער לענג פון דער איינציגער גאס אין ט... האָט דורכגעשוועבט, קלאפענדיג, אזוי ווי אין א פרעהליכען טאנץ, מיט זיינע פיס, א ווייס פערד מיט שווארצע פלעקען און דער רייטער איז געזעסען אריבערגעבויגען אויף א זייט מיט א רויטער פאטשיילע ארום זיין האלז און מיט צוויי ברייטע הויזען פון ווייסע ציגענע פעל.

קינדערלעך זענען געבליבען שטעהן אינדערמיט פון זייער שפיעל, נאָכגעקוקט דעם רייטער אזוי ווייט ביז זייערע אויגען האָבען איהם פארלוירען. אז זיי האָבען דעם רייטער פארלוירען האָבען די קינדער דערזעהן בען׳ן. זיי האָבען זיך פארבאהאלטען אונטער א וואנט און שטילערהייד געפרעגט איינס דאָס אנדערע, ווער דער אויסגעפוצטער מאן איז.

אינדערמיט גאס איז געשטאנען א גרינער וואָגען אנגעלאָדען מיט ברעטער, שינדלען און אנדערע געהילצען און העט אין דער הויך אויף דעם געהילץ איז געזעסען א פרוי מיט א קליינעם קאָפ און דעם דאָזיגען קאָפ אריינגעוויקעלט אין א רויטער פאטשיילע. דער רויטער איינגעוויקעלטער קאָפ האָט זיך אויך געדרעהט נאָך דעם גאנג פון דעם פרעמדען אויסגעפוצטען בחור. בען איז שוין באלד דורכגעגאנגען דאָס געסעל.

די קינדערלעך האָבען זיך ווייטער געשפילט און געהילכט מיט זייערע פרעהליכע אויסגעשרייען און דאָס געלעכטער זייערס האָט געקלונגען און זיך געקייקלט און געשיינט אין דעם זונענשיין.

דער שמיד האָט אויך געקלונגען מיט זיין האמער איבער דער

קאָוואדלע און דאָס פייערדיגע שטיק אייזען האָט זיך געבויגען אין נעשריגען אוי וועה, אוי וועה און געשפריצט מיט פונקען.

איבער דער גאס האָט געשמעקט מיט שטויב, פערדען מיסט, מיט דעם רויך פון ווייכע קוילען, וואָס האָט זיך געצויגען פויל פון קוימען פון דער שמידעריי.

און ווייט איבער די ערגעץ ווייט אויסגעשפרייטע רעלסען איז זיך פאמעלאך געקראָכען א לאנגע פראכט באהן.

בען האָט באטראכט דאָס דאָזיגע שטעדטעל. זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען און איז ווי א פארלוירענער, מיט גיכע טריט אריין אין דער איינציגער קראָם, וואָס האָט זיך גערופען: די קראָם פון אל דאָס גוטס.

אינעווייניג איז די קראָם געוועזען אזוי אָנגעפילט מיט סחורה אז מען האָט זיך נים געקאָנט טאָן א דרעה. עס זענען געהאנגען קאָלדרעס אויף אויסגעצויגענע שטריקלעך און אין אלערליי קאָמישע פאַסאָנען האָבען ארויסגעסטארטשעט פארשטויבטע און פארגרעבטע מענערשע און ווייבערשע קליידער און שיך. עס האָבען זיך געוואלגערט אויף דעם דיל אקער אייזענס, ריסקאלעס, לאָפּעטעס און העק, בינטען מיט בייטשען. איבער די לאנגע סטויקעס און טישען איז געוועזען אָנגעשטעלט קעסטלעך סיגארעטען, טיטון און אלערליי זיסע און וויינינע צוקערקעס; סלאָיעס מיט איינגעמארינירטע פרוכטען און פיש. די פּאַליצעס זענען געוועזען פארלעגט מיט וואָלענס און אנדערע שטאָפען און נעוואנטען, מיט קעסטלעך קנעפלעך, מיט באנוועל, זייף, ליכט, צוועקעס און סארדינען.

בען איז געבליבען שטעהן אין דער האלב דונקעלער קראָם, אין זיינע נאָזלעכער איז געקראָכען דער דומפער ריח פון זאלץ, פעפער און זייף. אליין האָט ער נישט געוואוסט וואָס ער באדארף קויפען.

באלד איז צו איהם צוגעגאנגען אן אלטיטשקער מיט אן איינגעבויגענער פלייצע און מיט ברילען אויף זיינע גרויסע אויגען און געזאָגט:

— אייך, א גוטען טאָג, סיר. א שעהנער טאָג, היינט.

— קאָן איך באקומען ביי אייך א שטריק — האָט בען געזאָגט, עפּעס זוכענדיג ארום און ארום מיט זיינע פארלוירענע אויגען.

— א שטריק, וואָס דען, ניט? עס ווענדט זיך וואָס פאר א שטריק.

א שטריק אויף צו כאפען פערד אָדער א שטריק אויף צו בינדען פערד, אָדער א שטריק אויף אָנצושעפּען וואסער פון א ברונעם אָדער גלאט אזוי א שטריק.

— גלאט אזוי א שטריק, אָבער א לאנגען — האָט בען מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפּען געזאָגט.

— זאָל זיין אזוי, ביי מיר איז דאָ פון אל דאָס גוטס. — האָט דער אלטיטשקער געטאָן א וואָרף אריבער זיינע גרויסע אויגען איבער די ברילען און באטראכט בען׳ן — א נייער מענש. איך זעה אייך דאָס ערשטע מאָל, זאָגט דעם אמת, ניט קיין נייער מענש, זייט איהר?

— יאָ. איז וואָס, דערפאר איז אפשר מיין געלד ניט גוט?

— ניין, ניט דאָס. איך וויל נאָר וויסען צי מיינע ברילען נארען מיך ניט אָפּ. איצט זעה איך, אז זיי האָבען מיך ניט אָפּגענארט. מן הסתם, ניט ווייט זיך ערשט באזעצט. זאָל זיין מיט גליק. איך וועל אייך געבען דעם בעסטען שטריק. זאָגט זשע מיר, נייער מענש, וואו איז אייער היימ־שטאָדט?

— אויף בערג און אויף טאָלען — האָט בען שוין הארט און אָפּ־געהאקט געענטפערט.

— אויף בערג און אויף טאָלען. לאנג לעבען זאָל אונזער נאָרד דאקאָטא מיט איהרע בערג און טאָלען, — האָט דער אלטיטשקער גע־מורמעלט אזוי ווי מען זאָגט א געבעט און איז אוועק ברענגען א שטריק.

בען האָט געקויפט א שטריק און אנדערע זאכען, וואָס ער האָט זיך צוביסלעך דערמאָנט, אז ער באדארף האָבען נאָכדעם ווי ער האָט אי־בערגעטראכט זיין גאנצען פּלאן.

שפּעטער איז בען געפאָהרען מיט דער באן, ווייטער, אין דער טיף פון נאָרד דאקאָטא. ער האָט געוואָלט זיין רוהיג, אָבער עס האָט זיך איהם געדאכט אז אלע וואָס פאָרען אין באן קוקען אויף איהם, ווי אויף א פרעמדען. דאָס האָט איהם געמאכט אומרוהיג. ער האָט שוין קוים דערלעבט צו דערציהען ביז צו דער סטאציאָן, וואָס איז געוועזען די לעצטע אין דער ריכטונג פון דעם ווילדען לאנד.

קאפּיטעל כב.

מיט װעמען בעז האָט נאָר גערעדט װעגען דעם װילדען לאנד, האָט ער פון יענעם ניט געקאָנט באקומען דעם אָפּגעמאָל אָדער פאָר־שטעלונג פון דעם דאָזיגען װילדען לאנד.

דערפאר אָבער, אז בעז האָט אָנגעהויבען צוצעקומען נאָהענט צו דעם װילדען לאנד און איז שוין געװעזען אויף דעם בארג, פון װאנען ער האָט באדארפט זיך ארונטערלאָזען אין דעם גרויסען פלאכען שטח, אין װעמענס האַריזאָנט דאָס װילדע לאנד האָט זיך אָנגעהויבען, — אז בעז איז צוגעקומען אויף אָט דעם דאָזיגען בארג, האָט ער אליין, מיט זיינע אייגענע אויגען דערזעהן א גרויסען פלאָנטער פון קליינע בערגלאך.

בעז האָט זיך אָפּגעשטעלט, אװעקגעלעגט זיין בינטעל מיט זאכען אײנגעצױגען דורך זיינע גרויסע נאָזלעכער פרישע לופט, זיין האַרץ האָט שטארק געקלאפּט און ער האָט מיט זיינע אויגען ניט געװאוסט װאָס צו טאָן, און װאו פריהער צו קוקען.

פון װייטען האָט זיך אויפגעװיקעלט דאָס װילדע לאנד. די זון איז שוין געװעזען אויסגעבויגען ניט װייט פון דעם האָריזאָנט. באפּארבט מיט אלערליי קאָלירען דעם גאנצען ראם, װאָס האָט איינגעפאסט די פּרעירי.

װאָס מערער בעז האָט געקוקט אין דעם װייטען שטיק װילדען לאנד האָט זיך פאר זיינע אויגען אויפגעדעקט אלע מאָל עפּעס אנדערש. אָט איז דאָרט געשטאנען א שטאָדט מיט גאסען און שטיבער און בוימער אין די גאסען און אָט איז דאָרט געשטאנע א װאלד מיט געדיכטע גרויסע בוימער. און אויף א קליין בערגעל, האָט בעז דערזעהן פון דער װייטען, װי עס איז עפּעס דורכגעלאָפען. עס קאָן זיין, אז דאָס איז קאָלדװעל'ס שװארצער אָגער.

די זון האָט זיך געזעצט אין דער טיף פון דעם װילדען לאנד. עס

איז געוואָרען טונקעל. בען איז געבליבען דאָ איבער נאכט אויף דעם בארג. איז איבערגעשלאָפען די נאכט, אזוי ווי אלע וואָס באדארפען ערגעץ פאָרען אין וועג, זעהר גיך, אז ער האָט זיך אליין ניט געגלויבט, אז עס איז שוין טאָג — אָה, עס איז שוין געוואָרען טאָג.

בען האָט גענומען זיין פאק אויף די פלייצעס און איז אוועק בארג־אראָפּ מיט גיכע טריט. ער האָט נאָך געוואָלט עסען איבערבייסען אין דעם ווילדען לאנד. ער איז געגאנגען מיט דעם פלאכען לאנד, און גע־גאנגען, איז מיד געוואָרען. די זון איז איהם נאָכגעגאנגען און געווארעמט זיינע טריט און דאָס ווילדע לאנד, וואָס איז פון דעם בארג געוועזען אזוי נאָנט, האָט ער נאָך ניט דערגרייכט.

בען האָט זיך אוועקגעזעצט. עפּעס פון פאק ארויסגענומען און מיט קארגשאפט איבערגעביסען.

נאָכדעם ווייטער געגאנגען אזוי לאנג ביז די זון איז איהם אויסגע־לאָפען דעם וועג.

ערשט אקעגען אָוועגד איז בען אָנגעקומען צו א טויער. גאָט זיי געלויבט.

דאָס איז עס! ער איז אריין דורך דעם טויער, איהם צוריק פאר־מאכט. גלייך אויף זיין פנים, איז איהם אנטקעגען געקומען עפּעס א פארוואקסענער, פארפלאָנטעטער וואלד פון קליינע נידריגע בוימלעך. בען איז צוגעגאנגען צו די בוימלעך און אריינגעקוקט אין דער טיף פון דעם דאָזיגען וואלד. זיך דערשראָקען, ווייל עס האָט זיך פאר זיינע אויגען אויפגעעפענט א גרויסער טאָל מיט אָפּגעהאקטע גלייכע אויסגעשאָטענע ברעגען און באדעקט מיט קליינע נידריגע בוימלעך.

און דאָ ווערט ווייטער נאכט. האָט בען זיך באזעצט ניט ווייט פון דעם טויער אויף נאכט לעגער.

אָ, דו גאָט. אָט דאָס איז דאָס ווילדע לאנד, און ווער ווייסט וואו קאָלדוועל׳ס שווארצער אָגער ליגט שוין ערגעץ א צעשאָטענער אויף קליינע שטיקלעך ביינער.

בען האָט אָנגעבראָכען קליינע צווייגלעך, צעלעגט א פייער, געהיט אז עס זאָל ניט ווערען קיין שאָדען פון זיין פייער, געגעסען זיין אָריי־מען מאָלצייט, זיך אָנגעטרונקען מיט וואסער. איבערגעלאָזען א ביסעל

וואסער אויף מאָרגען, ביז ער וועט געפינען א קוואַל. טאָמער געפינט ער ניט קיין קוואַל?

די פינסטערניש האָט אויסגעמישט הימעל מיט ערד. בען וואָלט נישט געוואוסט וואו ער איז, ווען ער האָט ניט איבער זיך די קליינע שטערען. און אפשר איז דאָס גאָר אויגען פון קאַיאָטען, אויף דעם פרעמדען און ווילדע לאַנד.

עס איז געוואָרען קיהל. בען האָט אָנגעקליבען א בינטעל צווייגען, די צווייגען זענען שוין געוועזן פייכט פון דעם טוי און זיי האָבען ניט געוואָלט ברענען. דערפאר האָט בען געברויכערט און געברויכערט. דאָס גראָז איז געוועזען טיף און די גרילען און גראָז שפרינגערס האָבען געפייפט און געשפרונגען און בען האָט זיך איינגעהערט און זיך געפיהלט היימליך.

אַז ער איז נאָכדעם געלעגען מיט זיין פנים צו די ווינקענדע שטערען האָט ער זיך דערשראָקען, ווייל עס האָט זיך איהם אויסגעדאכט אַז א פערד האָט געטאָן א פראך מיט זיינע נאָזלעכער דאָ ערגיץ נאָהענט נעבען איהם.

בען האָט איינגעהאלטען זיין אָטעם. ניט געהערט קיין שאָרך, נאָר דאָס גרילצען פון דעם גראָז שפרינגער און פון ערגיץ ווייט האָט זיך געטראָגען דאָס קראקען פון זשאבעס.

הא, זשאבעס קוואקען. מוז זיין דאָרט א טייכעל און אויב עס איז דאָ א טייכעל, האָט דאָך דער שווארצער אָגער געגוג וואסער צו טרינקען, מוז ער נאָך לעבען .ער לעבט, ער לעבט!

די נאכט איז בען שוין שווער איבערגעשלאָפען.

אין דער פריה איז ער געוועזען פויל אויפצוהויבען זיך פון זיין אָרט. די זון האָט שוין גוט געווארעמט. פליגען און בינען זענען געקומען צו לויפען און זיך צוגעכאפט און געפלויגען ארום דעם אָרט וואו בען איז געלעגען און געזשומעט.

בען האָט זיך געוואָלט איבערדרעהען מיט זיין פנים אראָפ צו דעם גראָז און ער האָט באמערקט טריט פון א פערד אין גראָז. ער האָט זיך דערפרעהט, אויפגעשטעלט זיך אויף זיינע קניע. „טריט פון א פערד — האָט ער געטראכט — אויב אזוי איז שוין גוט“.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, פאררויכערט און אוועק זעהן וואוהין די טריט האָבען געפיהרט. זיי זענען געלאָפען נאָהענט נעבען פלויט. אָט

פארלוירען געוואָרען צווישען געדיכטע קוסטעס און אָט ווייטער זיך ענטפלעקט אין גראָז אָדער אין דער הוילער ערד, ביז זיי זענען אין גאנצען פארלוירען געוואָרען, ווייל עס איז געלאָפען א טייכעל מיט א בייזען, גיכען שטראָם.

בען האָט זיך איבערגעבויגען איבער דעם טייכעל, זיך איינגעוואשען זיינע הענט און דאָס פנים. די ווייסע קליינע שטיינדלעך אויף דעם גרונט פון טייכעל, האָבען געשמייכעלט צו דעם פרעמדען אין דעם ווילדען לאַנד. און דאָס וואסער איז געלאָפען, געלאָפען.

וואסער, וואסער, האָסטו ניט געזעהן דעם שווארצען אָגער?

אויב דו זעהסט א שווארצען אָגער, שטעל זיך אָפּ און זאָג איהם, אז איך בין געקומען איהם אהיימנעמען פון דעם ווילדען לאַנד.

בען איז אוועק אין דעם וועג, פון וואנען דאָס טייכעל איז געקומען צו לויפען. דאָס טייכעל האָט זיך באַלד פארדרעהט אזוי ווי אין א ראָד און בען איז אריין אין א טיפען שניט. איבער איהם איז געשטאנען א וואנד פון א הויכער סקאַלע אין דער וואנד איז געווען אויסגעלעגט פלאכטעס פון אלערליי ערדען שווארצע, געלע, ווייסע, שווארצע און געלע און ווייסע און איבערגעפלאָכטען מיט אָדערען פון געוויקסען. פון וואנען דאָס טייכעל איז געקומען, האָט בען ניט געקאָנט דערגעהן.

נאָר ער האָט פאר זיינע פיס דערזעהן א בערגעלע מיט פערד מאנור. בען האָט זיך דערפרעהט, זיך איינגעבויגען און דעם מאנור באטראכט. עס איז ניט געוועזען קיין פרישער, אָבער אז א פערד איז דאָ ניט לאנג געוועזען און געטרונקען וואסער, דאָס האָט בען שוין אויף זיכער געוואוסט.

איצט איז ער צוריקגעגאנגען צו זיין פאק מיט זאכען, וואו ער האָט געגעכטיגט און אין איינוועג אָנגעפילט זיין ערדענע פלאש מיט וואסער, פון דעם טייכעל.

צוקומענדיג צו זיין פאק האָט ער דערפיהלט הונגעריג. ער האָט אָנגעריסען א בינטעל אלפאלפא גראָז, געטראכט, אז מען באדארף צוגעוואוינט ווערען צו גראָזען, ווייל ער וועט דאָ פארבלייבען ביז דער ערשטער שניי וועט אויספאלען. און אויב ער וועט ניט כאפען דעם שווארצען אָגער ביז צו דעם ערשטען שניי, וואָס וועט ער דאמאָלט טאָן?

דאָס וועט ער דאמאָלט באטראכטען, אָבער דערווייל וועט ער זיין

שפּאַרעוודיג מיט זיין „גראָב“ און זיך שפּייזען מיט א ביסעל גראָזען אויך.

נאָכדעם, אז בען האָט זיך אָנגעגעסען, האָט ער פאררויכערט. טאבאק און שוועבעל, האָט ער אָנגעקויפט גענוג אויף א האלב יאָהר, און רויכערען האָט ער זיך פארגינען מערער. ער האָט גענומען דעם פּאק אויף זיינע פּלייצעס און איז געגאנגען ביז צו דעם טייכעל און זיך אוועקגעלאָזט דאָרט אין דעם וועג וואו דאָס וואסער פון דעם טייכעל איז געלאָפען. ער איז געגאנגען פאמעליך און דאָס וואסער איז געלאָפען איבער די קליינע וואסער שטיינדלעך. אָט איז דאָס טייכעל געוואָרען דין ווי א פאָדים און אָט איז דאָס אויסגעקומען ווי א ברייטער טייך פון איין זייט א הויכער איינגעשניטענער ברעג און פון דער אנדערער זייט א נידריגער ברעג אָבער באזעצט מיט קליינע נידריגע בערגעלעך איינער נעבען דעם אנדערען און איינגעדעקט זענען אָט די בערגעלעך אין געוויקסען. עס איז שוין אלעם געוועזען פארזשאווערט גרין. ניט די גרינקייט פון דעם אָנהויב פון א לעבען. עס געהט שוין דער זומער פארביי. א סך בלעטער הויבען שוין אָן ווערען געל אָדער רויט.

בען האָט זיך אזוי געהענדיג א פארמאטערטער, מיט דעם שאָטען פון זיך אליין, שווימענדיג אין דער ברייט פון טייכעל, פלוצים געטאָן א וואָרף, געבליבען שטעהן איינגעהאלטען זיין אָטעם און פון זיין פייפ האָט זיך געשלענגעלט א בלויער רויך.

— וואָס איז דאָס, דאכט זיך א פערד הירזשעט?

— יא, א פערד הירזשעט — האָט בען זיך אליין געענטפערט.

בען האָט מיט זיינע אויגען געוואָרפען אין אלע זייטען. ער איז שוין געוועזען זיכער, אז דער שווארצער אָגער הירזשעט, ווייל ער האָט דערקאָנט זיין קול.

פון יענער זייט ברעג צווישען די נידריגע בערגלעך, איז געשטאנען דער שווארצער אָגער מיט זיין שווארצען גרויסען קאָפּ ארויסגעהויבען איבער די קליינע בוימלעך, און מיט אן אויסגעצויגענעם האלז געשריגען און באגריסט דעם מענשען פון דער זייט ברעג.

קאַפּיטעל כג.

איבער דער גאַנצער פּרעירי, פון טאָל און בארג האָבען זיך געהויבען לאַנגע זיילען רויך, ביז צו דעם הימעל, ווייסער רויך, שווארצער רויך און בלאָהער רויך.

וואָס איז דאָס, זאָל עס די גאַנצע פּרעירי ברענען?

ניין. די פּרעירי ברענט ניט. די פּרעירי, איז פארנומען מיט דער ארבייט פון אויסדרעשען די קערנער פון די זאַנגען.

דרעשמאַשינען פאָרען ארום איבער דער פּרעירי, מיט די גרויסע ציינערדיגע רעדער און מיט די לאַנגע אייזערנע קוימענס און ווינד בלאָזערס. פון די קוימענס געהט א רויך און די ציינערדיגע רעדער דרא־פען זיך איבער די בערג און איבער טאָלען און ווער עס האָט נאָר א סטאָג מיט זאַנגען — ביי דעם סטאָג, שטעלט זיך די דרעשמאַשין אוועק און איינס, צוויי, דריי, הויבען זיך אָן די רעדער צו דרעהען און דאָס מויל מיט די גרויסע ציין פון דער דרעשמאַשין, שטעקט ארויס א ברעטעל אזוי ווי א צונג לאַנג, כאפּט אריין דעם גארב מיט זאַנגען, טוט איהם מיט די ציין א צעביים און א קיי איבער און בייסט ארויס די קערענדלעך ווייץ פון די זאַנגען הייטלעך און שיקט די קערענדלעך ארויס דורך א זייטיג טירעל אין א זאַק אריין. און דאָס אָרימע, צוביסענע שטרוי א בלאָז ארויס אין דרויסען אויף דער ערד ארויס.

ווער עס האָט דאָס גליק צו האָבען א סטאָג מיט זאַנגען, אהין קומט די דרעשמאַשין. און ווער האָט ניט דאָס גליק, אויב ער איז אויף דער פּרעירי, און אויב ער איז ניט פויל?

הער קאָלדוועל איז ניט פויל, האָט לענדער און זיינע לענדער זענען פעט און עס איז אויף זיי אויסגעוואקסען ווייץ און האָבער א סך.

אָבער אָט שטעהען די פארטיגע ווייצען און האָבער פעלדער אומ־געשניטען און די קערנער טרייסלען זיך ארויס פון די הייטלעך.

ווער זאָל זיי אָפּשניידען און די גארבען און סטאָגען אויפ־שטעלען?

קאָלדוועל אליין איז טאקע קיינמאָל ניט געווען פויל, נאָר איצטער.

זיין טאָכטער מארגארעט שניידט מיט דער מאשין. ליזאבעט דאָס דיענסטמיידעל העלפט אויך.

ער אליין קאָן גאָרניט טאָן, גאָרניט.

הער קאָלדוועל פיהלט, אז ער ווערט משוגע, דער קאָפּ דיענט ניט. אין מוח דרעהט זיך אזוי ווי אין א ווינד מיל.

און אז ער קומט ארויס אין דרויסען און טוט א קוק ווי איבער דער גאנצער פרעירי, פון בארג און פון טאָל שלענגלען זיך זיילען רויך און עס טראָגט זיך אין דער לופט דאָס זשומען פון די דרעשמאשינען, הויבט איהם אָן וועה טאָן.

ער ווערט ברוגז אויף זיך, פארוואָס ער פארגינט יענעם ניט. אָבער ער קאָן פאָרט ניט שטעהן און קוקען אויף די ווייטע זיילען מיט רויך.

פאר וואָס, אלטער נאר — פרעגט ער זיך אליין, — האָסטו פאר־טריבען דיין זוהן פון זיך?

קאָלדוועל דערשרעקט זיך פאר די דאָזיגע געדאנקען. וואָרים, וואָס פלוצים, איז איהם איצט, פאָרגעקומען דאָס בענקעניש נאָך זיין זוהן?

זיין זוהן מוז ערגעץ זיין געזונד און שטארק. ער לאָזט פון זיך ניט הערען, ווארט נאָר אז זיין טאטע זאָל טאָן א פארמאך די אויגען וועט ער קומען צולויפען. עס איז זיינס. עס איז זיינס.

דער שווארצער אָגער איז שוין ניטאָ, דאָס ווייסטו ניט, מיין זוהן. דער שווארצער אָגער איז שוין ניטאָ!

די קערנער פון די זאנגען שיטען זיך. און קאָלדוועל וועט נאָך אויפשניידען די שטעכיגע דראָטען פון די פלויטען און זאָלען די פערד געהן וואוהין זיי ווילען.

מיט אזוינע שווערע געדאנקען האָט זיך קאָלדוועל ארומגעטראָגען און קיינעם ניט דערצעהלט.

מארגארעט איז געוואָרען פרעהלאך, ווייל עס האָט זיך איהר גע־דוכט, אז זי טוט די ארבייט אין פעלד בעסער פון א מאן.

זי און ליזאבעט האָבען גע׳יאָגט די ארבייט, אָבער זיי האָבען ניט געזעהן אז די ארבייט שטעהט אויף איין אָרט.

די גאנצע צייט איז אוועק, מיט גלעטען די פערד, ריידען צו די פערד אזוי ווי צו קליינע קינדער, רעדען צווישען זיך. און אויב מען האָט אָפּגעשניטען א גארב אָדער צוויי, האָט מען איהם, דעם גארב, אזוי געפּוצט און באגלייכט און איבערגעבונדען, ווייל עס האָט זיך ליזאבעט׳ן געדוכט, אז די מאשין בינדט ניט שעהן. אָט אזוי איז אוועק דער טאָג.

האָבען דערווייל אלע אויף דער פרעירי געדראָשען און אָנגעפילט זייערע שפּייכלער מיט ברויטען און אוועקגעפירט דאָס ברויט צו דער באן און פארקויפט.

די טעג זענען געגאנגען וואָס אמאָל קלענער און קלענער. די נאָרד דאקאָטא׳ער הימלען, אז עס קומט אין צייט פון דרעשען, ווערען זיי באַ־פלעקט מיט שטיקער גראָהע כמארעס.

קאלטע ווינטען בלאָזען. איבער דער פרעירי טראָגט דער ווינט קנוילען מיט שטרוי, גראָהע קנוילען וואָלקענס צעוויקלען זיך און פארשטעלען די זון.

עס איז קאלט. די דרעשמאשינען פייפען און רופען. ווייל זי אז מען זאָל ברענגען קוילען, טוט די מאשין דריי קיילכיגע פייף און אויב זי וויל וואסער, טוט זי א לאנגען אויסגעצויגענעם פייף, וואָס צעגיסט זיך איבער דער לופט אזוי ווי דאָס וואסער פון א דאך־רינע. און אויב מען ברענגט ניט אזוי גיך דעם וואָגען מיט די גארבען, פייפט די מאשין אָהן אן אויפהער, ווי זי וואָלט שרייען: גיכער, גיכער, גיכער, ברענגט די גארבען.

אז הער קאָלדוועל׳ס שכנים זענען פארטיג געוואָרען מיט זייער דרעשען, האָבען זיי זיך ארומגעקוקט, אז קאָלדוועל׳ס פעלדער זענען נאָך שטעהענדיג.

מען האָט קאָלדוועל׳ן ניט ליב געהאט. אָבער מענשען איז מען דאך. ביי איהם האָט מען דעם שווארצען אָנער ארויסגענומען ביי נאכט און אוועקגעפיהרט אין ווילדען לאנד. זיין טאָכטער איז געבליבען אָהן א מאן, דער זוהן זיינער איז ניטאָ. און זיינע פעלדער זענען ניט באשניטען. האָבען מענשען באקומען רחמנות.

איין שכן איז געגאַנגען צו דעם צווייטען. מען האָט אַהין הער קאָלדוועל׳ס ווייסען אָפּגעמאַכט מיט דעם מאַן וואָס האָט געהאַט אַ דרעשמאַשין, און איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען, ווען עס איז נאָך געוועזען בלאָה אין דרויסען, איז אַ גאַנצע מחנה מיט פערד געשפּאַנט אין וועגענער גרויסע, מיט הויכע טיפע קאַסטענס, ארויפגעפאָרען צו הער קאָלדוועל אין הויף אריין.

די מענער, צווישען זיי אויך ליזאבעט׳ס פאָטער, אַ הויכער און אַ ביסעל אַן איינגעבויגענער מיט אַ קליין שמאָל פּנים אַ פּאַרוואָקסענעם מיט רויטע האָר, — זענען אראָפּגעשפּרינגען פון די וואָגענס און מיט אַ געפילדער און אַ רויש באַגעגענט הער קאָלדוועל, וועלכער איז זיי אַקעגען געקומען, שוין ווייסענדיג, וואָס דאָס מיינט.

— מיר זענען געקומען שניידען און דרעשען, הער קאָלדוועל, גוט מאָרגען, גוט מאָרגען! האָבען אַלע גערעדט מיט אַמאָל, — די מאַשין קייקעלט זיך שוין אָן אַט דאָרט באַרג אראָפּ.

— אַ גוטער מאָרגען אייך אַלע — האָט קאָלדוועל געשמייכעלט אַ באַליידיגטער — איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך. אָבער איך וויל מיינע פעלדער ניט שניידען. איך וויל ניט.

— אָבער גאָט וויל, — האָט געזאָגט ליזאבעט׳ס פאָטער.

— אַ ניט, וועלען מיר איהם הערען. עס איז אַ זינד פאַר גאָט, אַזוינע פעלדער מיט ווייץ און האָבער ניט אָפּצושניידען. מיר ווילען שניידען און דרעשען, אַהן אייער ווייסען — האָט עמיצער געזאָגט.

— מיר וועלען שניידען — האָבען אַלע געפילדערט אין אַ כאָר.

— איך וויל ניט. אויב אָבער איהר וועט יאָ שניידען, קאָן איך זיך מיט אייך ניט שלאָגען — האָט הער קאָלדוועל געטאָן אַ מאַך מיטביידע הענט און איז אַוועק אין הויז אריין, פירענדיג די פריהיגע געסט הינטער זיך.

דערווייל איז פרוי קאָלדוועל ארויסגעקומען, אויפגעעפענט די טיר, איהרע אויגען האָבען זיך נאָך געקלעפּט פון שלאָף, און באַגריסט דעם עולם. זיי אריינגעבעטען אין הויז אריין.

ליזאבעט און מארגארעט האָבען דערהערט דאָס טרעטען פון די שטיוועל אויף דעם דיל, האָבען זיי זיך איינע די אנדערע אויפגעוועקט, ניט געוואוסט וואָס דאָרטען הינטען אין שטוב קומט פאָר. זיך אָנגעטאָן

אין איילעניש, פארביטען איינע מיט די אנדערע א זאַק, אָדער א שוך, געלאכט און זיך געשראָקען, פאר דעם קלאפּען פון די שיך אויף דעם דיל דאָרט הינטען אין שטוב.

זיי זענען אראָפּגעלאָפען די טרעפּ, אזוי ווי מען וואָלט זיי אויסגעשאָטען פון א זאַק.

ליזאבעט האָט דערזעהען איהר פאָטער, איז זי צוגעלאָפען און אויף איהם זיך ארויפגעהאנגען, געקושט איהם אין דעם פארוואקסענעם פנים מיט די רויטע האָר. און איידער וואָס, ווען, איהם איינגערוימט אין אויער אריין, אז הער קאָלדוועל שיינקט איהם די צוויי פערד. און אז זי דיענט שוין פאר געלט, פאר געלט, פאפא.

מארגארעט איז געבליבען שטעהן, געריבען זיך די אויגען, מיט ביידע הענט, באטראכט די מענער, געמיינט אז עס איז נאָך האלבע נאכט, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, צי זאָל זי וויינען, צי זאָל זי לאכען,

דאָס פענסטער האָט אָנגעהויבען צו ווערען בלאָה, בלאָהליך און בלאָהיש־וויים.

— קינדער, מיר וועלען שניידען און דרעשען — האָט ליזאבעט׳ס פאָטער געזאָגט, אי צו זיין מיידעל, אי צו מארגארעט׳ען — עסט אָפּ איבערבייסען און קומט, ווייזט אונז, וואו די שניידמאשינען זענען.

מארגארעט האָט ארומגעכאפּט ליזאבעט׳ן און זיך מיט איהר אויסגעדרעהט אין א טאנץ.

נאָכדעם זענען זיי ביידע אוועק אין קיך אריין.

פון קיך האָט זיך געהערט ווי דאָס פייער קנאקט אין אויוועז און עס האָט אויך אָנגעטראָגען א ריח פון שמאלץ, פרעגלענדיג זיך אויף א הייסען אויוועז.

ליזאבעט׳ס פאָטער האָט אריינגעשריגען אין קיך אריין, אז אלע זענען שוין אָפּגעגעסענע. נאָך אין דער היים איבערגעביסען. עס איז אומזיסט די ארבייט.

פרוי קאָלדוועל האָט אריינגעשטעקט איהר פנים דורך דער טיר.

— ניין, ניין. אלע האָבען מיר שוין איבערגעביסען — האָט ליזאבעט׳ס פאָטער געזאָגט.

— קוק נאָר אָן, ווי ער רעדט דאָ פאר אלע, ווער האָט געזאָגט אז מיר האָבען שוין איבערגעביסען. און אז מיר האָבען שוין איבערגעבי־

סען אין דער היים, איז וואָס? וועלען מיר דען ניט קאָנען אריינקייען נאָך אמאָל איבערבייסען — האָט איינער פון די מענער געוואונקען מיט אן אויג אין דער זייט וואו ליזאבעט׳ס פאָטער איז געזעסען.

— געוועהנטליך, וועלען מיר קאָנען אריינקייען. דער עיקר, א שאָלעכעל מיט הייסע קאַווע. עס זאָל זיין פארשטענדליך, היים — האָט געזאָגט אן אנדערער מאן, וואָס האָט געהאט גרויסע וואָנצען אויף זיינע ברוינינגע ליפען.

פארשטענדליך, אז ליזאבעטס פאָטער האָט זיך אויך ניט געלאָזט א סך בעטען און אריינגעקייט אויף זיין שטייגער, נאָכאמאָל איבער־בייסען. די גאנצע צייט געהאלטען אין איין רעדען, אז ער וויל ניט עסען, ווייל ער האָט שוין אין דער היים איבערגעביסען.

הער קאָלדוועל האָט זיך דערוייל ארויסגע׳גנב׳עט אין דרויסען אָנ־געוואָרפען בערגלעך מיט היי אויף דער ערד פאר די פרעמדע פערד.

ער איז אריין אין הויז און אויסגעטיילט גראָבע ציגארען צו די געסט. געשוויגען, און זיין ווייב האָט איהם אין דער שטיל אריינגערוימט אין אויער אריין, אז ער זאָל זיין א ביסעל לעבעדיגער מיט די געסט, און זי בעט איהם, אז ער זאָל אראָפּוואַרפען פון זיין פנים דעם טרויערי־גען שלייער.

הער קאָלדוועל האָט געצויגען מיט די אקסלען און זיך אוועקגעזעצט אין זיין וויגשטול, דעם אויסגעבעטען מיט קישעלעך און זיך געשאָקעלט און ניט געזאָגט קיין איין וואָרט, נאָר מיט זיינע אויגען אָפּגעהיט די געסט און וואָס זיי האָבען געטאָן. איהם האָט זיך געדוכט, אז זיי עסען, רעדען און קלאַפען מיט זייערע שטיוועל דורך א שפּרוזינע.

דורך דעם פענסטער האָט זיך געוויזען דער מאָרגען, א ווייסגראָהער, א רויהער מיט א הימעל באַצויגען מיט גראָהע דינע וואָלקענס, וועלכע זענען געלאָפען פארביי דעם פענסטער, אז עס איז אוממעגליך געוועזען אויף זיי צו כאַפּען א בליק.

די מענער האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע זיץ, אָנגעטאָן די אָסיענדיגע פּעלצען פון שאָפענע פעל. געמאכט א גערודער מיט זייערע שטיוועל אויף דעם דיל.

— ווער וועט פיהרען וואסער? — האָט איינער אויסגערופען.

— איך וויל זיין דאָס וואסער מיידעל. — האָט מארגארעט גע־שפרונגען אויףביידע פיס.

— איך אויך. — האָט ליזאבעט זיך אוועקגעשטעלט נעבען מאר־גארעט׳ען — איך וויל אויך אן ארבייט.

— דו וועסט פירען קוילען, ליזאבעט — האָט ליזאבעט׳ס פאָטער געזאָגט.

— צו שווער פאר א מיידעל — האָט הער קאָלדוועל זיך אריינגע־מישט מיט א שמייכעל אויף זיין פנים — איך וועל ברענגען קוילען.

— ניין, מיר ווילען ניט, אז קאָלדוועל זאָל עפעס טאָן — האָט דער וואָס מיט די גרויסע וואָנצען געזאָגט.

— מאכט אייך ניט קינדער שפּילעכלעך, — האָט ליזאבעט׳ס פאָטער געזאָגט — ווער ווייסט וואו קאָלדוועלס קוילען גריבער זענען, אויב ניט הער קאָלדוועל אליין.

— איך וועל ברענגען קוילען — האָט הער קאָלדוועל שוין געזאָגט אזוי ווי א ברוגז׳ער.

עס האָט זיך דערהערט א פייף, א לאנגער אויסגעצויגענער פייף, וועלכער איז געקראָכען אין דער טיף, אויפגעציטערט, דאָס בלוט דער־וואַרימט.

מען איז ארויס אין דרויסען. א קיהלער, שארפער און רויהער מאָרגען האָט געמאָן א כאפּ ארום דאָס פנים, אריינגעקראָכען אין האלז אריין און אין די ארבעל.

— עס וועט זיין א שעהנער טאָג!

— די וואָלקענעס אנטלויפען פון אונז.

— עס וועט ניט רעגענען!

עס האָט ניט גענומען לאנג און די גרויסע וואָגענס האָבען זיך שוין געקייקעלט איבער דעם וועג, די שניידמאשינען האָבען געקלונגען מיט זייערע שטאָלענע רעדער, אוועק אהין צו די ווייץ און האָבער פעלדער, וואו די דרעשמאשין האָט שוין געוואַרט, לאָזענדיג אין הימעל אריין א שווארצען גערדיכטען רויך אויסגעמישט מיט פייער פונקען פון דעם פּאַ־ראוויק׳ס שווארצען קוימען.

די שניידמאשינען האָבען אָנגעהויבען דרעהען מיט זייערע לייוועג־טענע פליגלען. דאָס לאנגע שטיק אייזען מיט די שפּיציגע מעסערלעך

האָט אָנגעכאַפּט די זאַנגען, חיק, חיק, און די זאַנגען פאַלען אויף די לייד־ווענטענע פּליגלען.

פון דער אנדער זייט האָט די שניידמאַשין ארויסגעשפּיגען געבונדענע גארבען. די גרויסע וועגען זענען נאָכגעפאָרען און די גארבען אויפגעקליבען. אז דער וואָגען איז געוואָרען פול מיט גארבען איז דער מענש אריינגעקראָכען אין וואָגען און אריינגעפאַלען ביז איבער זיין קאָפּ צווישען די גארבען. און אזוי, קוים וואָס זיין קאָפּ האָט ארויסגעשטעקט איז ער אוועקגעפאָרען צו דער דרעשמאַשין.

אז עס זענען שוין געשטאַנען צוויי גרויסע וואָגענס מיט גארבען געלאָדען נעבען דער מאַשין און מארגארעט מיט ליזאבעט'ן האָבען געבראַכט צוויי פעסער מיט וואסער פון טייך און קאָלדוועל האָט שוין באַלד באַדארפט קומען מיט א וואָגען קוילען — האָט דער מעכאַניק מיט א פאַרשמירט שווארצען פּנים, א קליינער און א שאַרפער, אָנגעהויבען ארויפצולעגען דעם ברייטען לעדערנעם פּאַס. ער האָט עס געטאָן פאַמעלעך און גוט.

פאַרבונדען דעם פאַראָוויק מיט דעם דרעשער, האָט ער געטאָן א שלעפּ א שטריקעל. א ווייסע פארע, הינטען דין און וואָס אמאָל העכער אלץ ברייטער און ברייטער, האָט געטאָן א זעץ ארויס, דער פאַראָוויק האָט א פייף געטאָן און דער פאַס האָט זיך אָנגעהויבען צו דרעהען.

ביידע, אי דער פאַראָוויק אי דער דרעשער האָבען זיך גענומען יאָגען און געוואָרפען דעם לעדערנעם ברייטען פאַס איינער צו דעם אנדערען. נא, נעם דיר אים, איך וויל איהם נית. כאַפּ איהם, כאַפּ איהם, איך האָב איהם דיר געוואָרפען.

אויף דעם געלאָדענעם וואָגען מיט גארבען זענען געשטאַנען צוויי מיט הילצערנע לאַנגע גאָפּלען און איינער נאָך דעם אנדערען געכאַפּט די גארבען און זיי אריינגעוואָרפען אין מויל פון דרעשמאַשין.

ווייס־געלע קערענדלעך ווייץ האָבען זיך געשטופּט ארויס פון דער מאַשין דורך א שמאָל רערעל אין א זאַק אריין. איין זאַק פול, קנעפּעלט מען צו נאָך א זאַק.

און דער ווינט בלאָזער האָט ארויסגעשטעקט אין דער הויך איבער אלע און ארויסגעבלאָזען דאָס צעביסענע שטרוי און עס צעוואָרפען אויף דער ערד ארום און ארום אין א גרויסען ראָד.

קאַפּיטעל כד.

עס איז געוואָרען שטיל אין הער קאָלדוועלס הויז.

פרוי קאָלדוועל איז געבליבען אליין נאָר מיט איהרע הינער, וועלכע האָבען געזונגען און געקאַקאַדאָקעט. ווייטער איז ניט געוועזען קיין אנדער לעבעדיג באשעפעניש. אלע פערד פון שטאל האָט מען פארנומען צו דער דרעשמאשין. פרוי קאָלדוועל האָט זיך אזוי געפרעהט און געפרעהט און אזוי פיעל ארבייט האָט זי געהאט, אנצוגרייטען דעם מיטאָג פאר אזויפיעל מענשען, אז זי האָט גאָר פארגעסען איהרע האָר צו פארקעמען.

זי האָט אין דער גיך פארקעמט איהרע האָר ביי דעם קליינעם שפיגעל אין קיך, מיט דעם קעמעל געצויגען גאַנצע קנוילען אויסגע-פאלענע האָר און געטאָן א זיפץ.

ווער איז זי דאָ אין קאָלדוועל׳ס הויז?

עסען, טרינקען און שלאָפען, און א קלייד אנצוטאָן, קאָן זי באַ-קומען אומעטום פאר דער ארבייט, וואָס זי טוט.

וואָס-זשע האָט זי דאָ מערער?

זי איז שוין ניט קיין יונגע. אלט איז זי אָבער אויך ניט. וואָס איז איהר לעבען, אויב זי האָט ניט קיין קינד.

א קינד פון איהר פלייש און בלוט.

זאָל גאָט אויסהיטען ווען הער קאָלדוועל טוט א פארמאַך זיינע אויגען פאר איהר, וועט קומען זיין זוהן און זי אוועקטרייבען פון דאנען מיט איהרע הינער. זאָל גאָט אויסהיטען ווען זי אליין טוט א פארמאַך די אויגען נאָך ביי דעם לעבען פון הער קאָלדוועל, וועט מען זי ערגעץ פארשיטען אין א גרוב און דער האָן וועט אפילו ניט קיין קרעה טאָן.

אזוי איז זי געווען פארטאָן אין איהרע געדאנקען, ווען זי האָט דערהערט טריט. זי האָט זיך דערשראָקען אומגעדרעהט צו דער אָפענער טיר און זיך געטאָן א וואָרף, ווייל זי האָט דערזעהן דעם בחור פון דער איסט, בענ׳ן, מיט א שמייכעל אויף זיין פנים און מיט זיין הוט אין דער האנט, שטעהען אין דער אָפענער טיר.

— א גוטען טאָג אייך, מאדאם, — האָט בען שטיל געזאָגט —

שרעקט אייך ניט. קומט מיט מיר, איך וועל אייך עפּעס שעהנס ווייזען.

— איהר האָט מיך דערשראָקען — האָט פרוי קאָלדוועל געזאָגט מיט א לייכטען שרעק אין איהר קול — פון וואנען האָט איהר זיך גענומען. איך האָב געמיינט, אז איהר זענט שוין ערגעץ ווייט אין דער איסט. נאָר, איך געה שוין, איך בין איינע אליין, און פארנומען. מען דרעשט דעם ווייץ, זענען אלע אין פעלד.

בען האָט צוגעפיהרט פרוי קאָלדוועל צו דעם שווארצען אָגער'ס שטאל. די פרוי האָט געטאָן א פּאטש מיטביידע הענט און געטאָן א געשריי, ווייל זי האָט דערזעהען דעם שווארצען אָגער, שטעהן אין שטאל מיט צעבאָרשטענע, רויהע האָר איבער זיין גאנצער הויט.

— דער שווארצער אָגער איז דאָ, דער שווארצער אָגער — האָט זי געפלאפּעלט — איך וועל לויפען זאָגען, זיי אָנזאָגען.

— איך וואָלט אייך בעטען, מיר צוליב, ווארטען ביז מיטאָג. זיי וועלען דאָך קומען פאר מיטאָג, וועלען זיי אזוי גאָרניט וויסענדיג, פּלוצים דערזעהען דעם שווארצען אָגער, און דערנאָכדעם וועט מען מיך דערזעהען. אזוי איז בעסער — האָט בען געשמייכעלט מיט זיין פאר־וואקסענעם פּנים.

— ניין, איהר וועט ביי מיר ניט אויספיהרען. איך האָב אָנגעזאָגט די בשורה אז דער שווארצער אגער איז נישטאָ און איך וועל איצט לויפען אָנזאָגען, אז ער איז דאָ.

— איהר מאכט קאליע א שעהנעם שפּיעל.

— גוט, איך וועל ווארטען, אָבער איך וויל זיי אָנזאָגען, איך אליין.

פרוי קאָלדוועל האָט פארבעטען בען'ן אין הויז אריין. געמאכט פאר אידם א גוטען און געשמאקען איבערבייסען, מיט הייסע קאווע איהם אָנגעטרונקען.

— עס שמעקט גוט — האָט בען געזאָגט — נאָך אזוי פיעל טעג און נעכט זיין אין דעם ווילדען לאַנד.

— איצט געהט ארויף אין דאָך שטוב און לעגט אייך אוועק אָפּרוהען, מיין העלד, איהר האָט אָפּגעטאָן א גרויסע ארבייט, מעגט איהר א ביסעל רוהען און ווען אלע וועלען קומען צו מיטאָג, וועל איך אייך אויפוועקען. אָה, עס וועט זיין א שעהנער איבערשרעק.

בען איז ארויפגעגאנגען אין דאך־שטוב, זיך אוועקגעוואָרפען אין בעט, אויסגעשטרעקט זיינע מידע פיס און הענט. געלעגען און זיך צו־

נעהערט צו דעם קאָקאָדאָקען פון די הינער און צו דעם זשומען פון דער ווייטער דרעשמאַשין.

ער האָט געטראַכט, אַז ערשט איצט הויבט זיך אָן פאַר איהם אַ נייער וועג. און זיי וועלען איהם פאַרמאַטערען מיט זייערע רייד. און וואָס האָט ער דאָ געטאָן אזוינס גרויס. געכאַפּט דעם שווארצען אָגער, דאָס איז איהם דאָך אָנגעקומען ניט אזוי שווער. געשטאַנען דער שווארצער אָגער און געקניפּען דאָס גראָז איז בען צוגעגאַנגען און אויף איהם ארויפגעלעגט זיין האַנט און ער איז געווען אַ געכאַפּטער.

בען איז איינגעשלאָפען צוביסלעך, פיהלענדיג אזוי ווי אַ ווארימקייט צעגיסט זיך אין אַלע זיינע מידע גלידער. ער איז אזוי שטאַרק איינגעשלאָפען אַז ער האָט ניט געהערט גאָר ניט.

דערפאַר האָט אָבער פרוי קאָלדוועל זיך גוט איינגעהערט בעת זי האָט דעם מיטאָג פאַרטיג געמאַכט, צי זיי קומען ניט פון דעם פעלד. דער האַלבער טאָג איז איהר אויסגעקומען צו זיין זעהר אַ לאַנגער און זי האָט זיך קוים, קוים דערוואַרט.

דער מיטאָג איז שוין געוועזען פאַרטיג און פרוי קאָלדוועל איז ארויס אין דרויסען, ווייל זי האָט דערהערט דאָס טאַראַבאַרקען פון אַ וואָגען. אַ גרויסער וואָגען ארומגעבונדען מיט פערד ארום און ארום און אָנגעפילט מיט מענשען איז אריינגעפאָרען אין קאָלדוועל׳ס הויף. די מענשען האָבען גערעדט הויך און אַלעמאָל ארויסגעשאָסען אַ געמישטען געלעכטער.

פרוי קאָלדוועל איז אַקעגען געלאָפען דעם דאָזיגען וואָגען און געשריגען מיט איהרע אַלע קרעפטען:

— דער שווארצער אָגער איז דאָ!

עס איז באַלד געוואָרען אַ רעש. די פערד וואָס זענען נאָכגעלאָפען צוגעבונדענע ארום און ארום דעם וואָגען האָבען אָנגעהויבען צו הירזשען און דער שווארצער אָגער האָט זיי געענטפערט מיט נאָך אַ שטאַרקערען הירזשען.

העד קאָלדוועל איז אראָפּ פון וואָגען, געוועזען בלייך ווי קרייד און זיך ניט געקאָנט רירען פון אָרט.

מאַרגאַרעט און ליזאַבעט זענען אויך אראָפּ פון וואָגען.

— וואו איז ער? ווער האָט איהם געבראַכט? איז ער אליין אהיים געקומען? מען איז אוועק צו דער שטאַל, איבערגעלאָזט דעם וואָגען מיט

די פערד אין מיטען הויף. די פערד האָבען זיך געריסען און גע־הויבען זייערע קעפ און מיט אויסגעצויגענע העלזער פרעהליך געשריגען צו דעם אָגער און דער אָגער האָט זיי צוריק אָפּגעענטפערט.

קאָלדוועל איז געבליבען שטעהן, זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרימט און זיינע אויגען האָבען זיך ניט געקאָנט גלויבען, אז זיי זעהען דעם שווארצען אָגער.

— ווער האָט איהם געבראכט?

— דער איסטערנער.

— בען, פון דער איסט?! — האָט קאָלדוועל זיך געוואונדערט — וועלכע טייוואָלים, איז ער דען ניט אוועק צוריק אין דער איסט? ווי קומט ער אהער אויף דער פּרעירי?

אין רעש און טומעל האָט קיינער ניט באמערקט, אז אי מארגארעט אי ליזאבעט זענען אוועק אין הויז, אזוי ווי זיי האָבען נאָר דערהערט, אז בען פון דער איסט האָט געבראכט דעם שווארצען אָגער.

מארגארעט איז אריין אין הויז אויף די שפּיצען פון איהרע שיך. אומעטום געזוכט, און בען'ן ניט געפונען. איז זי ארויף אין דאך־שטוב שטילערהייט, געבליבען שטעהן אויף איהרע קניע ביי דעם בעט, אין וועלכען בען איז געשלאָפען א שטילען, ריטמישען שלאָף. זי האָט זיך אָנגעבויגען צו טאָן בען'ן א קוש אין זיין האנט, אז זי האָט דערזעהען שטעהן נעבען זיך ליזאבעטען.

ביידע מיידליך האָבען זיך אָנגעקוקט.

— וואָס ווילסטו דאָ, ליזאבעט?

— וואָס ווילסטו דאָ, מארגארעט?

— שא, וועק איהם ניט, ליזאבעט, זיי אזוי גוט און שווייג.

—ליזאבעט האָט זיך שטילערהייד אראָפּגעלאָזען פון די טרעפּ, אזוי ווי זי וואָלט ערגעץ געזונקען און איז אוועק אין קיך העלפען דער באלעבאָסטע מיט דעם מיטאָג.

מארגארעט האָט זיך אָנגעבויגען צו דעם בעט און א קוש געטאָן בען'ס האנט. זיך אויפגעהויבען זעהר שטיל און זיך געטאָן א וואָרף א דערשראָקענע, ווייל בען האָט געעפענט זיינע אויגען און געטאָן א שמייכעל, זיי ווייטער פארמאכט און דערנאָכדעם אויפגעעפענט ברייטער מיט קלאָרע ווייסע ווייסלען און אויסגעשטרעקט זיין האנט.

— מארגארעט.

סוף.

וו. נאַטאַנזאָן:

דער איצטיגער וועלט קריזיס אין דעם ליכט
פון בערגסאָנ׳ס פילאָזאָפיע.

דר. ח. זשיטלאָווסקי:

אַ פּאָר קריטישע באמערקונגען צו ה׳ יעקב מילך׳ס אַרטיקעל:
„רעאַקציאָנערע שטרעמונגען אין אונזער היגען לעבען“.

יעקב דינענזאָהן:

זיינע בריף.

ש. ניגער:

דינעזאָהן דער בריפנשרייבער.

ו. נאַטאַנזאָן.

דער איצטיגער וועלט קריזיס אין דעם ליכט פון בערגסאָנ׳ס פילאָזאָפיע.

די איצטיגע סאָציאַלע געשעהענישען אין אַלע טיילען פון דער וועלט צייכענען זיך אויס צווישען אַלעם איבריגען אויך מיט די פאָלגענדע צוויי שטריכען: ערשטענס, דערמיט, וואָס די דאָזיגע געשעהענישען קומען פאָר כמעט יעדען טאָג מער און מער להפוך צו דעם, וואָס די גרעסטע און בעסטע סאָציאָלאָגען און פאָליטיקער האָבען ערוואַרט, אַזוי, אַז עס קאָן שוין גאָר קיין פראַגע ניט זיין וועגען פאָראויסזאָגען וואָסער עס איז ווענדונג אין דעם גאַנג פון די נאָהענטסטע געשעהענישען. צווייטענס דערמיט, וואָס אין דעם לויף פון די געשעהענישען האָבען מענשען אָנגעהויבען צו דערקלערען בפני כל עם ועדה, אַז דער געפיהל אַלס מאָטיוו פאַר אַ געוויסער האַנדלונג, אָדער פאַר אַ געוויסער טאַט איז גראָד אַזוי וויכטיג און גראָד אַזוי הויך, און אָפט, וויכטיגער און העכער, איידער דער פאַרנונפט־מאָטיוו. מענשען האָבען זיך אָנגעהויבען רעכענען מיט דעם סוביעקטיווען דערשפּירען און באַנעמען פון זאַכען, מער איידער מיט זייער אָביעקטיווער אָפּשאַצונג און צעגלידערונג.

אמת, אַז פיל האָבען ערוואַרט אַ מלחמה, און אייניגע האָבען פאָר־אויסגעזאָגט אַ גראַנדיעזע און שרעקליכע מלחמה. אָבער, ווער האָט ער־וואַרט, אַז אין דער מלחמה וועט זיך, למשל, דער פּראָלעטאַריאַט, וועל־כער האָט מער פאַר אַלע געליטען פון די מלחמות, און וועלכער מוז אויס־לייזען די וועלט פון מלחמות, — אַז ער וועט זיך אריינוואַרפען מיט לייב און לעבען אין דער מלחמה? ווער האָט געקאָנט פאָראויסזאָגען, אַז דער קלאַסענקאַמף, די לאָזונג פון דעם נייינצענטען יאָרהונדערט וועט פאַלען כורעים פאַר דעם נאַציאָנאַלען קאַמף?

און וואָס פאַר אַ גוואַלדיגע איבערמאַכט האָבען אין דעם דאָזיגען נאַציאָנאַלען קאַמף די אינערליכע און טיפע געפיהלען גענומען איבער דער ריינער און שטאַרקער לאָגיק! פילאָזאָפען, וויסענשאַפטסמענער און קינסטלער פון איין לאַנד האָבען ניט געקאָנט און קאָנען נאָך איצט ניט זיך צונויפרעדען מיט די פילאָזאָפען, וויסענשאַפטסמענער און קינסטלער פונ׳ם צווייטען לאַנד, מחמת זייער לאָגיק איז איצט דערטרונקען אין דעם גרונדלאָזען ים פון זייערע געפיהלען און די פאַרבינדונגען צווישען די דאָזיגע ימים זענען איבערגעריסען געוואָרען.

אמת, אז פיל האָבען פאראויסגעזאָגט א סאָציאלען איבערקער, ווען זיך אָבער ווען עס איז געחלומ׳ט, אז די ערשטע און שטארקסטע סמנים פון אזא איבערקער אין דער וועלט וועלען זיך באוויייזען אין אזא אינדוסטריעל צוריקגעשטאנענעם לאנד ווי רוסלאנד? ווען האָט עס געקאָנט איינפאלען, אז דאָס לאנד, וואָס האָט זיך אזוי ווייניג פארהעלטניסמעסיג אויסגעצייכענט אויף דעם געביט פון ציוויליזאציע, וועט זיין דאָס לאנד, וואָס וועט געבען דער גאנצער וועלט די שטארקסטע און אָריגינעלסטע לעקציע אין דער סאָציאלער עטיק?

ווער האָט זיך עס געקאָנט פאָרשטעלען, אז א לאנד מיט אזא רעוואָלוציאָנערער טראדיציע ווי פראנקרייך וועט שפּילען אין דעם איצטיגען קריזיס די רעאקציאָנערסטע ראָל אין דער וועלט?

דאָס איז אלץ דערפאר, וואָס דער געפיהל־שטראָם האָט פארפלייצט די לאָגיק, און דאָס אָביעקטיווע, דאָס וואָס גיט פאר פארשידענע מענשען אין פארשידענע צייטען און לענדער, איז באזיגט געוואָרען פון דעם סובּיעקטיווען, פון דעם, וואָס איז איין און איינציג אין זיין ערשיינונג, און גילט דעריבער נאָר פאר איין מענשען, פאר איין צייט און פאר איין לאנד.

אין דעם ליכט פון דער דאָזיגער אויפגאבע וועלען מיר איבערגעהן צו א קורצער עקספּאָזיציע פון בערגסאָנ׳ס וועלטאנשויאונג.

זעהר אינטערעסאנט, הגם ניט זעהר ניי, אין בערגסאָנ׳ס סיסטעם איז דער סוביעקטיוויזם. בערגסאָן דענקט, אז קיין זאך וועט אזוי ניט העלפען דעם מענשען צו דערקלערען די וועלט, אין וועלכער ער איז איינגעשלאָסען ווי א רינגעל אין א קייט, ווי דאָס וואָס דער מענש וועט זיך פארטיפען אין זיין אייגענער נשמה, זיך צוהערען צום פולס פון זיין אייגענעם גייסט און שענקען די גרעסטע אויפמערקזאמקייט צו די אָנשטרענגונגען און פעהיגקייטען, צו די פארלאנגען און באשטרעבונגען פון זיין אייגענעם איך. אקוראט ווי דאָס רינגעל אין דער קייט, ווען עס וואָלט געקאָנט זיך א גריבעל טאָן אין זיין אייגענער וועזענטליכקייט וואָלט געקאָנט האָבען א באגריף וועגען דעם תוך און תמצית פון דער גאנצער קייט אזוי וואָלט אויך דער מענש, ווען ער זאָל זיך דערגריבלען ביז׳ן גרונד פון זיין אייגענער נשמה, פון זיין אייגענעם מהות, געקאָנט באקומען א גאנץ געננויען באגריף וועגען דער נשמה און וועגען דעם מהות פון דעם גאנצען וועלטאל.

אָט אזא גריבלען זיך אין דער טיפעניש פון דער נשמה איז שטארקער פאר דער אינטענסיווסטער לאָגיק, פאר דעם אָנגעשטרענגסטען דענקען, מחמת דאָס דענקען און די לאָגיק זענען נאָר א טייל פון דעם מענשליכען איך, ווערענד דאָס זעלבסט גריבלעריי פאָדערט דאָס אריינטאָן זיך פון דער גאנצער פערזענליכקייט. אין דעם דאָזיגען פּראָצעס באטייליגען זיך די חושים, די געפיהלען און דער ווילען אזוי גוט ווי דאָס דענקען.

און ווען דער מענש זאָל זיך צוגעוואוינען דורך אויסערגעוועהנליכען

צוואַנג צו אַרבייטן גייסטיג מיט אַזאַ אָנגעשטרענגטקייט און גאַנצקייט פון זיין זעלבסט, וואָלט ער דערשפּירט אין זיך מאָמענטענווייז אַן איבערמענשליכע פעהיגקייט צו באַנעמען זאַכען און פאַסירונגען. דאָס איז די פעהיגקייט פון דער אינטואיציע. וואָס וועניגע איהר האָבען ביז איצט זעהר וועניג מענשען געהאַט די מינדסטע אהנונג. דאָס וואָס האָט זיך ביז איצט ניט איינגעגעבען דעם שכל צו באַנעמען און צו דערגרייכען, דאָס וואָלט זיך איינגעגעבען דער אינטואיציע, וואָס איז אַ גייסטיגע צונויפשמעלצונג פון שכל, ווילען און געפיהלען. דער מענש דאַרף זיך נאָר אָנטאָן אַ כח אַרויסצורופען אָט די דאָזיגע אינטואיציע פון די פאַרבאָרגענסטע ווינקלען פון זיין נשמה. מער פון אַלע מענשען דאַרף זיך וועגען דעם באַמיהען דער פילאָזאָף.

וואָלט דער גרויסער פילאָזאָף קאַנט געווען געמאַכט אַזאַ אָנשטרענגונג, וואָלט די אויפמערקזאַמקייט פון זיין באַוואוסטזיין צוגעצויגען געוואָרען צו דער קראַפט פון אינטואיציע, וואָס האָט געאַרבייט אין איהם אומבאַוואוסטערהייט, און וואָס איז בייגעשטאַנען איהם ביי יעדער גרויסער אַנטפּלעקונג וואָס ער האָט געמאַכט, שטודירענדיג דעם גאַנג פון קאָסמאָס — אין אַנדערע ווערטער, וואָלט קאַנט געווען געמערקט, אַז די לאָגיק איז נאָר אַ טייל פון דער אינטואיציע און אַז דאָס אינטואיטיווע דערקענטניש שטייגט איבער דאָס לאָגישע דערקענטניש, און וואָלט קאַנט געווען זיך פאַרטיפט אין דער אינטואיטיווער דערקענטעניש, ווי ער האָט זיך פאַרטיפט אין דער לאָגישער, וואָלט פאַר איהם שוין ניט געקענט מער עקזיסטירען די „דינג אַן זיך“. פאַר אים וואָלט שוין מער ניט עקזיסטירט עפּעס אַזעלכעס, וואָס פאַר דעם מענשען איז אוממעגליך תופס צו זיין, עפּעס אַזעלכעס וואוהין דעם מענשען'ס גייסט קאָן ניט אַריינדרינגען. וואָרים דער מענש איז דאָך מאָמענטענווייז אַן א י ב ע ר - מ ע נ ש און מיט זיין איבערמענשליכען גייסט קאָן ער דאָך אודאי אַריינדרינגען אין דעם תוך פון אַליז. „די אינטואיציע איז אַן אָנשטרענגונג איבערצושטייגען די מענשליכע באַגרענצונג און באַדינגטהייט“. און אויב דער שכל קאָן ניט אַריינדרינגען אין דער זאַך ווי זי איז, קאָן די אינטואיציע יאָ.

אַריינדרינגענדיג מיט דער הילף פון דער אינטואיציע אינ'ם האַרץ פון דעם קאָסמאָס, האָט זיך בערגסאָן אַנגעשטויסען אויף עפּעס אַזעלכעס, וואָס וועגען דעם האָט קיין פילאָזאָף ביז בערגסאָן קיין שום אַנונג ניט געהאַט. ער האָט זיך אָנגעשטויסען אויף דער ד ו י ע ר פון דער רעאַליטעט.

די דויער איז שוין ניט נאָר ווי די אינטואיציע אַן אינטערעסאַנטער באַגריף, נאָר אויך ווי מיר האָבען שוין געזאָגט אַ שפּאָגעל נייער אין דער וועלט פון דענקען. און ווי יעדער אמת אָריגינעלער געדאַנק ברייננגט אַריין אויך דער דאָזיגער נייער געדאַנק אַ גאַנצען איבערקער אין דער פילאָזאָפישער און וויסענשאַפטליכער וועלט.

פּריש איז נאָך אין אונזער זכרון די גרויסע רעוואָלוציע, וואָס דער

עוואָלוציאָנס באגריף האָט ארויסגערופען אין אלע צווייגען פון קולטור, ווי אויך אין דעם סאָציאלען לעבען. דער באגריף, אז אלץ אין דער וועלט, פון דעם זעמדעלע אויפ'ן ברעג פון ים ביז די שטערען אין מי־טען פון הימעל, פון דער קוים וואָס זי רירט זיך אמעקא, ביז דעם אומרוה ענגליכען מענשען — האלט אויף קיין איין רגע ניט אָן זיין פאָרם, נאָר איז אונטערוואָרפען אן אומאויפהערליכען פראָצעס פון ענדערונג און אומ־ביימונג, — אָט דער דאָזיגער באגריף האָט געגעבען א נייעם שטויס צו אלע פאָרשונגען און אונטערזוכונגען צו אלע האנדלונגען און באנעמונ־גען. ער האָט געצוואונגען די מאָראל און די רעליגיע, די פילאָזאָפיע און די וויסענשאפט צו רעווידירען זייערע גרונטלאגען.

נאָך איידער מיר זענען געקומען צו זיך פון דער דאָזיגער רעוואָלו־ציע, זענען מיר שוין פון אן אנדערער געטראָפען געוואָרען, דאָסמאָל ווערט די רעוואָלוציע ארויסגערופען דורך דעם, וואָס דער עוואָלוציאָנס באגריף נופא ווערט רעוואָלוציאָניזירט.

ניט נאָר, זאָגט אונז בערגסאָן, בייט זיך די וועלט נאָר זי שאפט זיך. ניט נאָר ענדערען זיך די פאָרמען און די געשטאלטען אין דער וועלט, נאָר עס ווערען געשאפען נייע אינהאלטען נייע ווירקליכקייטען יעדע רגע, יעדען מאָמענט. צ י י ט, אין דעם אמת'ן זין פון וואָרט, איז אידענטיש מיט שאפונג. און אָט דער דאָזיגער אמת'ער „קאָנקרע־טער“ צייט האָט בערגסאָן א נאָמען געגעבען דויער.

דויער, דאָס איז „ערפינדונג, די שאפונג פון נייע פאָרמען, דאָס בא־שטענדיגע ווערען פון דאָס אבסאָלוטע“.

דער אוניווערז דויערט, און דאָס מיינט, אז „זי איז ניט געמאכט, נאָר זי ווערט געמאכט אומאויפהערליך. זי וואקסט, נאָר אָהן א שיעור, אפשר, דורך דעם חיבור פון נייע וועלטען“. בערגסאָן מאָלט זיך די רע־אליטעט פון דער וועלט אלס א צענטער, וואָס פון איהם שיסען ארויס נייע וועלטען, ווי ראקעטען פון א פייערווערק שפיל.

בערגסאָן שטעלט אלזאָ אוועק אויף דעם ארט פון אנטוויקלונג, שאַ־פונג, אויף דעם אָרט פון עוואָלוציע, קרעאטיווע עוואָלוציע.

אָנשטאָט צו זאָגען ווי קהלת, אז „דאָס וואָס איז געווען איז דאָס־זעלבע וואָס וועט זיין, און דאָס וואָס איז געטאָן געוואָרען איז דאָסזעלבע וואָס וועט געטאָן ווערען און ס'איז גאָר קיין נייעס ניטאָ אונטער דער זון“ — זאָגט אונז בערגסאָן, אז דאָס וואָס וועט זיין מוז זיין אינגאנצען אנדערש איידער דאָס וואָס איז געווען, און דאָס וואָס וועט געטאָן ווערען מוז געטאָן ווערען אנדערש איידער דאָס וואָס איז געטאָן געוואָרען. און נייעס אונטער דער זון קומט פאָר אָהן אן אויפהער.

און נאָך מער, דאָס, וואָס וועט זיין, דאָס, וואָס וועט געטאָן ווערען, דאָס נייע וואָס וועט פאָרקומען איז פון קיין זאך און פון קיינעם, אפילו פון גאָט אליין פון פריער ניט באשטימט. דאָס, וואָס געהט ערשט זיין איז ניט קיין פראָדוקט אָדער פועל יוצא פון פריערדיגע סיבות אָדער

באדינגונגען, סע איז ניט קיין בליהונג פון ערגעץ וואו פארבאהאלטענע קערענדלעך, סע איז ניט קיין ווירקונג פון פאָטענציאָנעלע כחות, נאָר סע איז א ספאָנטאנע שאפונג. די צוקונפט איז דעריבער ניט אָפּהענגיג פון דער פארגאנגענהייט, און זי איז דעריבער פון קיינעם ניט באשטימט פאָראויס און קאָן ניט פאָראויסגעזאָגט ווערען. און דערין באשטעהט די גרויסע נפקא מינה צווישען קרעאטיווער עוואָלוציע און סתם עוואָלוציע.

לויט דעם באגריף פון עוואָלוציע קומט די צוקונפט ארוים פון דער פארגאנגענהייט, מחמת ביידע, אי די צוקונפט, אי די פארגאנגענהייט, זענען א טייל פון דער אייביגקייט, וואָס איז אומפארענדערליך. און דארום באציהען זיך אלע ענדערונגען פון דער וועלט נאָר אויף די פאָרמען פון דער רעאליטעט און ניט אויף דעם אינהאלט, אויף דער שאָלעכץ און ניט אויף דעם קערענדעל. די געזעצען, למשל, וואָס רעגולירען אלע ענדערונגען זענען אייביג און אומפארענדערליך.

לויט דעם באגריף פון קרעאטיווער עוואָלוציע איז ניטאָ קיין אייביגקייט, ניטאָ קיין אָפּגעשלאָסענהייט. די צוקונפט אנטהאלט אין זיך דעם עבר, זי אליין אָבער איז אין קיין זאך ניט איינגעשלאָסען און איז פון קיין זאך ניט קיין טייל. זי שאפט זיך ספאָנטאן. דאָס געשאפענע ווערט אויפגעכאפט פון אונזער לאָגיק און אונטערוואָרפען זיך אונטער געזעצען. דער שאפונגס־פּראָצעס גופא אָבער ווייסט ניט פון קיין לאָגיק און פון קיין געזעצען. אונזער לאָגיק העלפט אונז נאָר זיך צו אָריענטירען און צו רעאגירען אויף דער היים־פלאמענדיגער לאווע, וואָס שיסט ארוים פון דעם אוניווערסאלען ווערזום — דער רעאליטעט פון דער וועלט. ווילען מיר אָבער אונז דערנעהענטערען צו דער רעאליטעט פון דער וועלט, אונז באהעפטען מיט דער שאפונג, מוזען מיר אונז צוריקציהען פון דער לאָגיק און זיך גריבלען אזוי לאנג אין אונזערע געפיהלען, אָנשטרענגען אזוי שטארק אונזער ווילען, ביז מיר קומען צו צו דער אינטואיציע, וואו עס טרעפען זיך צונויף אלע אויסדרוקען פון אונזער גייסט, די לאָגיק בתוכם. די אינטואיציע קאָן אָבער נאָר דערשפירען דעם שאפונגס־פּראָצעס, זי קאָן ניט פאָראויסזאָגען ווי אזוי און וואָס עס וועט געשאפען ווערען, מחמת פרייוויליגקייט און אומבאשטימטהייט זענען די גרונט־אייגענשאפטען פון די שאפונגס־כחות.

מיט יעדען מאָל וואָס עס ווערט עפּעס נייעס געשאַפען, עפּעס נייעס געטאָן, ענדערט זיך דאָס גאנצע אויסזעהן פון דער וועלט'ס רעאליטעט. דאָסזעלבע קומט פאָר מיט דעם מענשען, וואָס איז א טייל פון דער רעאליטעט. אויך זיינע האנדלונגען און זיינע טאטען קאָנען ניט פאָראויסגעזאָגט ווערען, וואָרים מיט יעדער טאט זיינער שאפט ער זיך אין געוויסען א זין פון דאָס ניי. „סע איז ריכטיג, זאָגט בערגסאָן, צו זאָגען, אז מיר זענען אָפּהענגיג פון דעם, וואָס מיר זענען. סע איז אָבער אויך נויטיג צוצוגעבען, אז מיר זענען אין א גרויסען גראד דאָס, וואָס מיר טוען, און אז מיר שאפען זיך אליין אומאויפהערליך“.

אזוי, אז פון א בערגסאָנישען שטאַנדפּונקט דארפען מיר ניט נתפעל ווערען דערפון, וואָס אין די איצטיגע געשעהענישען האָבען די געפיהלען מנצח געווען די לאָגיק. און מיר דארפען אונז ניט וואונדערען, וואָס די צוקונפט איז ווי אָפּגעשניטען געוואָרען פון דער פארגאַנגענהייט. על פּי בערגסאָנ'ס מעטאפיזיק קומט אויס, אז עס דארף אזוי זיין. עס איז אַלע מאָל אזוי געווען און עס וועט אזוי זיין. ניט מער וואָס ביז איצט האָבען דאָס מענשען ניט איינגעזעהן, איצט אָבער איז דער קריזיס אזוי שטארק און גראַנדיעז, אז זיי וועלען דאָס מוזען איינזעהן.

געפינען מיר אין בערגסאָנ'ס מעטאפיזיק וועלכע עס איז טרייסט פאר די ליידען און שמערצען פאר דעם שרעק און יאוש, וואָס דער דאָזיגער קריזיס האָט געבראַכט? גיט זי אונז וואָס'ערא גאַראַנטי, וועלכע עס איז נ ע ג א ט י ו ו ע פּאָראויסזאָגונג, אז אין דער צוקונפט וועלען שוין אזעלכע צעשטערענישען און פארוויסטונגען ניט פארקומען? ניין! א צוקונפט, וואָס איז לגמרי ניט פּרעדעטערמינירט, וואָס איז גענצליך פריי קאָן ניט גאַראַנטירט ווערען. דאָס איז אָבער ריכטיג נאָר בנוגע דער נאָהענטער צוקונפט. וואָס אנבאַלאַנגט אָבער דער וויטער צוקונפט, גיט אונז יאָ בערגסאָנ'ס פילאָזאָפיע א גאַראַנטי, אז עס מוז סוף כל סוף געהן צום בעסערען צום העכערען צום שענערען און גראַנדיעזערען.

בערגסאָנ'ס באשאפענדע עוואָלוציע איז אידענטיש מיט פּראָגרעס אויף אזוי פיל אויף וויפיל ער זעהט אין יעדער אָנשטרענגונג פון דער וועלט'ס טרייבקראַפט א פארזוך מנצח צו זיין אַלץ וואָס שטעהט אין וועג דעם שאפענדען גייסט. אלזאָ, וואָס איז לויט איהר דעפיניציע אידענטיש מיט דעם וועלט גייסט, וועלכער אין זיין קאמף מיט דער מאטעריע מוז ארויס דער זיגער. אָט דאָס גאַראַנטירט אונז, אז מיר זענען אויף דעם וועג, וואָס פירט צו פּראָגרעס. דאָס איז די טרייסט, וואָס מיר קאָנען געפינען אין בערגסאָנ'ס וועלטאָנשויאונג פאר דעם איצטיגען וועלט קריזיס און אנדערע קריזיסען, אויב אזעלכע זאָלען חלילה קומען.

סעפּטעמבער, 1919, שיקאַגאָ.

דר. ח. זשיטלאָווסקי.

אַ פּאָר קריטישע באַמערקונגען צו ה׳ יעקב מילך׳ס אַרטיקעל: „רעאַקציאָנערע שטרעמונגען אין אונזער היגען לעבען“.*)

יעדער איינער, וואָס איז באקאנט מיט אונזער היגען אידישען לעבען, מוז מודה זיין, אז רעאקציאָנערע עלעמענטען און רעאקציאָנערע שטרע־מונגען האָבען זיך זעהר באדייטענד געשטארקט אין אים — אין דעם לע־בען, מיין איך, — דער עיקר אין גאָר דער לעצטער צייט. די אויפגאבע אויסצוגעפינען די סימפּטאָמען פון די רעאקציאָנערע ערשיינונגען און אויפצודעקען די אורזאכען, וואָס האָבען געפירט צו זיי — איז דעריבער זעהר א וויכטיגע, און איטליכער פארזוך, מיט וויפיל עס איז צו העלפען דער דורכפירונג פון יענער אויפגאבע, מוז פריידיג באגריסט ווערען פון יעדען איינעם, וואָס איז פאראינטערעסירט אין דער פּראָגרעסיווער אנט־וויקלונג פון אונזער פאָלק.

פאר אזא ערשטען פארזוך באגריס איך ה׳ מילך׳ס ארטיקעל: „רע־אקציאָנערע שטרעמונגען אין אונזער היגען לעבען“, וואָס איז ערשינען אין דעם פאָריגען באנד „שריפטען“.

לײדער, אָבער, קאָן איך ניט איינשטימען מיט זיין טעאָרעטישען בליק אויף דעם מהות פון פּראָגרעס און רעאקציע, אויך קומט מיר אויס פאנאנדערצוגעהן זיך מיט איהם אין א סך וויכטיגע פּרטים סיי בנוגע דער פראגע װ א ס איז רעאקציאָנער אין אונזער היגען לעבען, סיי בנוגע די אורזאכען, וואָס האָבען דאָ צייטיג געמאכט די רעאקציאָנערע באשטרעבונגען. און דערצו זיינען מיר איינגע זאכען קשה אין ה׳ מילך׳ס כאראקטעריסטיק פון די סאָציאל־פּסיכאָלאָגישע פּאָרבאדינגונגען, וואָס האָבען געהאָלפען דער פארשטארקונג פון דעם רעאקציאָנערען גייסט. וועגען אָט די אלע פונקטען וואָלט זיך מיר געוואָלט א ביסעל דורכרעדען.

איך וועל אָנהויבען מיט ה׳ מילך׳ס טעאָרעטישער דעפיניציע פון דעם, וואס אזוינס איז פּראָגרעס.

„אונטער דעם זאַץ, פּראָגרעסיווע טעטיגקייט“, שרייבט ער, „פאר־שטעה איך פאר אלעמען א באוועגונג, אן עפענטליכע האנדלונג, א צוזא־מענפיהרונג פון סאציאלע כוחות, וואָס פיהרט צו א בעסערע(ר) סאציא־לע(ר) פארשטענדיגונג“.

„פאר אלעמען“ איז אָט דער זאַץ ניט קיין באצייכנונג פון א פּ ר אָ ־ ג ר ע ס י װ ע ר טעטיגקייט, נאָר פון י ע ד ע ר סאָציאלער טעטיג־קייט: פון א פּראגרעסיווער אזוי גוט, ווי פון א רעאקציאָנערער. ווען קאָלטשאק באגעהט אן „עפענטליכע האנדלונג“, כדי צונויפצופיהרען אלע סאציאלע כוחות פון די באזיצענדע קלאסען אין רוסלאנד און באשאפען

---

*) שריפטען, זומער, 1919.

צווישען זיי „אַ בעסערע סאָציאַלע פאַרשטענדיגונג״ לטובת דער ווידער־הערשטעלונג פון מאָנאַרכיזם און קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד, הייסט דאָס נאָך ניט, אַז זיין „עפענטליכע האַנדלונג״ איז אַ „פּראָגרעסיווע טע־טיגקייט״.

ניט פיעל קלאָרער ווערט דער ענין פון פּראָגרעס דורך דעם צווייטען שריט, וועלכען ה׳ מילך מאַכט אין זיין דעפיניציע.

„קוים רעפלעקטירט דיזע האַנדלונג אַ געזעלשאַפטליכעס פאַרלאַנגען, אַ שטרעבען צו ערפילען אַן אַלגעמיינע באַדאַרפניש, סיי אַ מאַטעריעלע, סיי אַ גייסטיגע באַדאַרפניש, איז דאָס אַ פּראָגרעסיווע טעטיגקייט״.

לויט אָט דער דעפיניציע קומט אויס, אַז י ע ד ע באַפרידיגונג פון אַן אַלגעמיינע באַדאַרפניש, אין ו ו אָ ס זי זאָל ניט באַשטעהן, איז שוין אַ פּראָגרעסיווע ערשיינונג. ה׳ מילך קאָן זיך, משמעות, ניט פאָר־שטעלען, אַז אַ געזעלשאַפטליכער פאַרלאַנג און אַן אַלגעמיינע באַדאַרפניש זאָלען זיין רעאַקציאָנער אין זייער תוך. אַזוי צ. ב. אַז אויב די פּוילישע געזעלשאַפט האָט דעם ברענענדסטען פאַרלאַנג און די אַלגעמיינע באַדאַר־פעניש פּטור צו ווערען פון אַלע אידען אין פּוילען, מוז — לויט ה׳ מילך׳ס דעפיניציע — יעדע האַנדלונג, וואָס רעפלעקטירט דעם דאָזיגען געזעל־שאַפטליכען פאַרלאַנג, דורכאויס זיין „אַ פּראָגרעסיווע טעטיגקייט״.

פּיהלענדיג, הפּנים, אַז אויך דער צווייטער שריט זיינער פיהרט אונז נאָך ניט אריין אין דעם ענין פון פּראָגרעס, מאַכט ער דעם דריטען און לעצטען שריט.

„מיט אַנדערע ווערטער״, שפּינט ער ווייטער אויס זיין געדאַנק: „די טעטיגקייט פון דעם יחיד צו פאַרבעסערען די סאָציאַלע לאַגע פון דעם כלל; דאָס שטרעבען פון דעם יחיד צו דערווייטערען דעם בליק, אויסצו־פיינערען דעם געשמאַק, צו פאַראיידעלען די געפיהלען, צו פאַרטיפען די אָנזיכט, צו פאַרשטאַרקערען די מאָראַלישע באַגריפען, צו באַפעסטי־גען די אומאָפּהענגיגקייט און זעלבסטווירדע, צו פאַרמערען די נאַטירליכע און געזעצמעסיגע באַדאַרפנישען און פאַרלאַנגען, צו פאַרלייכטערען די אויפגאַבע פון די(דער) מאַטעריעלע(ר) עקזיסטענץ פון דעם מענשען — דיזע טעטיגקייט... איז פּראָגרעסיווע טעטיגקייט, דער רעזולטאַט — דאָס איז פּראָגרעס״.

מיר האָבען נאָר וואָס געזאָגט, דאָס איז אַ דריטער שריט אין ה׳ מילך׳ס דעפיניציע פון פּראָגרעס. ריכטיגער וואָלט געווען צו זאָגען: דאָס איז אַ ג ע ו ו אַ ל ט י ג ע ר ש פּ ר ו נ ג. ווייל די ערשטע צוויי דעפי־ניציעס האָבען ניט געהאַט אין זיך ק י י ן ש מ ץ פון אַ באַשטימונג, וואָס פּראָגרעס איז, בעת די „אַנדערע ווערטער״ האָבען אין זיך גאַנץ זיכער אייניגע עלעמענטען, וואָס מוזען צוגערעכענט ווערען צו דעם ענין פון פּראָגרעס. הייסט עס, אַז דאָ גיט ער אונז ניט דעמזעלביגען געדאַנק, (מעהר ניט „מיט אַנדערע ווערטער״), נאָר ער גיט אונז אַ גאַנץ נייעם געדאַנק, ער רעדט צו אונז גאַנץ נייע דיבורים.

עס קאָן דאָ לײדער ניט זיין מיין אויפגאַבע, צו אַנאַליזירען ה׳ מילך׳ס פאָרמעל פאַר דעם תוך פון פּראָגרעס. איך האָב וועגען דעם ענין געשריבען

אין אנאנדער ארט באריכות. און אזוי ווי ה׳ מילך גיט אונז זיין פארמעל אָהן א ברעקעל באגרינדונג און באוויז, וועל איך מיר אויך ערלויבען אוועקצושטעלען אנטגעגען איהר דעם רעזולטאט פון מיינע אונטערזוכונ־גען אין דעם פּרט, אויך אָהן א ברעקעל באגרינדונג און באוויז.

פּראגרעס, רעכען איך, איז ניט יעדע באוועגונג, וואָס פירט „צו א בעסערער סאָציאלער פארשטענדיגונג״, ניט יעדע באוועגונג, וואָס שטאמט פון אן אלגעמיינעם פארלאנג און באדארף, נאָר א זא באווע־גונג, וואָס האָט צו איהר ציל די פארמערונג און פארשטארקונג פון פערזענליכע פרייהייט, קולטורעלע רייכ־קייט, סאָציאלע גלייכהייט (אָדער „גערעכטיגקייט״) און אינטערנאציאָנאלע סאָלידאריטעט.

געוויס איז יעדער פּראָגרעס א רעזולטאט פון אזא באוועגונג; אָבער ניט יעדער רעזולטאט פון א פּראָגרעסיווער באוועגונג איז פּראָגרעס. ניט זעלטען אין דער געשיכטע קומט פון דער פּראָגרעסיווער באוועגונג ארויס — א בוידים. (זעה דאָס קריסטענטום!)

מיר מוזען דאָ לאָזען אָן א זייט ה׳ מילך׳ס וויי־טערדיגע טעאָרעטי־שע אויספירונגען וועגען דעם תוך פון פּראָגרעס און זיינע סימנים: דאָס וואָלט אונז אוועקגעפירט אין צו ווייטע דרכים. בדרך כלל מוז איך זאָגען, אז קיין איין געדאנק זיינער איז ניט פריי פון א געוויסער אוי־בערפלאכיגקייט און מטושטש׳קייט. און אקוראט, ווי ער גיט אונז דע־פיניציעס פון פּראָגרעס, וואָס קאָנען אריינגעמען אין זיך די ערגסטע רעאקציאָנערסטע ערשיינונגען, אזוי ווייזט ער אונז אויך אָן אויף אזעל־כע סימנים פון רעאקציע, וואָס מוזען ניט דוקא זיין רעאקציאָנער, וואָס קאָנען, אונטער געוויסע אומשטאנדען, זיין דוקא די סימפּטאָמען פון אן אויפקומענדער פּראָגרעסיווער כוואליע אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען.

אזוי צעהלט ער אינדיווידואליזם, פעסימיזם און מיסטיציזם צו די אייביגע סמנים פון רעאקציע, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם, אין וואָס איינער זעהט דעם תוך פון זיין אינדיווידואליטעט, וואָס עס רופט ארויס ביי איהם דעם יאוש און די ביטערע זאָרג, וועלכע פראקטישע לעבענס־לאָזונגען איינער שעפּט פון יענער מיסטישער איבערנאטירליכער וועלט, מיט וועלכער ער גלויבט צו שטעהן אין א פערזענליכען קאָנטאקט.

ה׳ מילך האָט, ווייזט אויס, פארגעסען, אז די פּראָגרעסיווסטע עפּאָכע אין דער מענשהייט, די אזוי אָנגערופענע רענעסאנס־פּעריאָדע, — וואָס האָט געמאכט א סוף צו דער מיטעלאלטערליכער פארגליווערונג, — א פּעריאָדע, וואָס איהר גייסטיגער אימפּעט האָט זיך נאָך ניט אויסגע־לעבט עד־היום הזה, — האָט זיך אויסגעצייכענט דורך דעם מעכטיגען פאנאנדערבליה פון אינדיווידואליזם און מיסטיציזם.

וועגען פעסימיזם און זיין ראָל אין פּראָגרעס און רעאקציע ווילען מיר דאָ ניט רעדען, ווייל דער ענין נויטיגט זיך אין צו לאנגע דערקלע־רונגען. איינס וויל איך נאָר באמערקען דאָ. ה׳ מילך מאכט א טעות,

ווען ער מיינט, אז „די סימנים, לויט וועלכע מען קאָן דערקענען א פּראָגרעסיווע באוועגונג, איהרע סימפּטאָמען, זענען האָפנונג און גלויבען אין א בעסערע צוקונפט פאר דעם כלל. דער אָפּטימיזם קאָן ניט זיין קיין סימן מובהק פאר פּראָגרעסיווקייט, ווייל ער געהט אויך האנט אין האנט מיט א קלאָר אויסגעשפּראָכענער טריאומפירענדער און יובעלנדער רעאקציע. און אויף אזויפיל, גלויב איך, איז ה' מילך באהאווענט אין סאָציאל־פּסיכאָלאָגי, ער זאָל וויסען, אז עס זענען דאָ הונדערטער און טויזענטער רעאקציאָנערען, וואָס גלויבען באמונה שלימה, אז זייערע אידעאלען זענען א גליק פאר דער מענשהייט, און אז אויב זייערע רעאקציאָנערע אידעאלען זאָלען זיגען, וועט געזיכערט ווערען „א בעסערע צוקונפט פאר'ן כלל".

מיר געהען איצטער איבער צו די קאָנקרעטע רעאקציאָנערע שטרעמונגען אין אונזער לעבען, וועלכע ה' מילך געפינט אויס מיט דער הילף פון זיינע טעאָרעטישע בנינים.

נאָכדעם, ווי ה' מילך האָט אונז געשילדערט פארשידענע געזעלשאפטליכע גרופּען, וואָס האָבען זיך געבילדעט ביי אונז דאָ אין לאנד, און די פארשידענע סאָציאל־פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, וואָס זיי האָבען דורכגעמאכט, באווייזט ער אונז, ווי זיי אלע האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין גרויסער רעאקציאָנערער באוועגונג.

די באוועגונג איז די ציוניסטישע „מיט דריי פארשידענע געשטאלטען. א נייער מין דריי־איינינקייט, א אידישע דריי־איינינקייט. מיר האָבען די אלגעמיינע ציוניסטען, די מזרחי ציוניסטען און די פּועלי־ציון... אלע צוזאמען שטעלען פאר איין גרויסע רעאקציאָנערע באוועגונג". (אונטערשטראָכען פון מיר, זש.)

מילא, די מזרחיים וועלען מיר ארויסלאָזען פון קאָן: וועגען דעם רעאקציאָנערען כאראקטער פון אָט דער באוועגונג איז ביי מיר קיין ברעקעל ספק ניטאָ, און דעריבער וועל איך מיך ניט אמפּערען מיט ה' מילך וועגען יענער פּראָגרעס־טעאָריע, וואָס אויף איהר סמך מוזען מיר דערקלערען זיי פאר רעאקציאָנער.

מיט די אלגעמיינע ציוניסטען און די פּועלי־ציון שטעהט אָבער דער ענין ניט אזוי פּשוט, ווי דאָס דוכט זיך ה' מילכ'ען.

קודם, די אלגעמיינע ציוניסטען. לאָמיר אויף זיי אָנווענדען יענע פאָרמעל און סימנים פון פּראָגרעס, וועלכע ה' מילך גיט אונז, ווי א קריטעריום, אויף אָפּצושאצען געזעלשאפטליכע טעטיגקייטען און באוועגונגען.

סימן נומער איינס באשטעהט, ווי מיר האָבען געזעהן, אין דער „טעטיגקייט, צו פארבעסערען די סאָציאלע לאגע פון דעם כלל".

איך גלויב, אז די אלגעמיינע ציוניסטען קאָנען גאנץ גוט נאָכקומען נאָך אָט דער פאָדערונג.

דער וואָס איז באקאנט מיט דער געשיכטע און דער טעאָריע פון דעם ציוניזם ווייס, וואָס פאר א גרויסע ראָל אין זיי שפּילט די קריטיק

פון די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע צושטאנדען, וואָס הערשען ביי די אידישע מאסען אין די גלות־לענדער, און וואָס טרייבען זיי צו א שטענדיגען ארויסוואנדערען פון די אָנגעזעסענע פּלעצער. די ציוניסטען דערקלערען יענע צושטאנדען דורך ריין נאציאָנאלע מאָמענטען, הויפּטזעכליך דורך דעם אנטיסעמיטיזם און דעם לעבען אין גלות. ה׳ מילך האָט אָבער ערגעץ ניט ארויפגעלעגט קיין חרם אויף דער אָדער יענער טעאָריע וועגען דער אידישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער ווירקליכקייט. און ווי פאלש אָדער איינזייטיג זייערע דערקלערונגען זאָלען ניט זיין — זייער שטרעבען איז אָפּצושאפען אין אן אייגענעם לאנד יענע אָבנאָרמאלע סאָציאלע לאגע, וואָס טרייבט אידישע מאסען צו עמיגראציע: ד. ה. אז איינס פון די צילען פון זייער טעטיגקייט איז „פארבעסערען די סאָציאלע לאגע פון דעם כלל“.

ס׳איז אמת, אז אונטער „דעם כלל“ פארשטעהען די אלגעמיינע ציוניסטען ניט דעם „כלל־מענשהייט“, נאָר דעם „כלל־ישראל“. אָבער אזא תנאי האָט ה׳ מילך ניט אויסגענומען, אז יעדע פּראָגרעסיווע טעטיגקייט זאָל האָבען אין אויג דירעקט די פארבעסערונג פון דער סאָציאלער לאגע פון דער גאנצער מענשהייט מיט איין קלאפּ. און עס וואָלט געווען לעכערליך אזא תנאי אויסצונעמען. קיין פּראָגרעסיווע פארטיי פון א פאָלק, אפילו ניט די סאָציאליסטישע, ארבייט ניט דירעקט פאר דער גאנצער מענשהייט. זי טוט דאָס אינדירעקט דורך דער פארבעסערונג פון דער סאָציאלער לאגע פון איהר אייגענעם פאָלק. — פונקט ווי דאָס שטרעבען צו טאָן די אלגעמיינע ציוניסטען פאר זייער (און ה׳ מילך׳ס) פאָלק: פאר דעם „כלל־ישראל“.

אי — זיי זענען ניט קיין סאָציאליסטען? — אָבער ה׳ מילך האָט אין זיין ארטיקעל ערגעץ־ניט ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פון סאָציאליזם, ווי א נויטווענדיגען סימן פאר יעדער פּראָגרעסיווער באוועגונג.

סימן נומער צוויי: „דאָס שטרעבען צו דערהוייטערען דעם בליק“. געוויס טוען דאָס די אלגעמיינע ציוניסטען אין זעהר א גרויסער מאָס! זיי האָבען די ערשטע דערהוייטערט אונזער בליק אויף דעם מהות פון דעם אידישען פּראָבלעם, ווען זיי האָבען געקעמפט אנטקעגען דער ענגקייט פון דער ביז צו זייער אויפטרעטען געהערשטער אָנשויאונג, אז דער איד, ווי א קינד פון א געוויסער נאציאָן, איז ניט מער ווי א „סתם־מענש“ און אז דעריבער דארפען אונזערע פאָדערונגען און באשטרעבונגען אין דער אידישער פראגע ניט געהן ווייטער, איידער בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג. זיי האָבען אונז באוויזען, אז דאָס אידישע פאָלק איז ניט נאָר א סכום „סתם־מענשען“. נאָר אן אייגענארטיג פאָלק, מיט אן אייגענער געשיכטע, אן אייגענארטיגער קולטור, אן אייגענע שטעלונג צו די פּראָבלעמען פון דעם מענשליכען לעבען. דאָס איז געווען א קאָלאָסאלע בארייכערונג און „דערהוייטערונג פון אונזער בליק“, וואָס האָט דערהוייטערט אונזערע פאָדערונגען און שטרעבונגען ביז צו דעם אידעאל פון אן אייגענעם לאנד.

סימן נומער דריי: „אויסצופיינערען דעם געשמאק“. איך געפין,

אז די אלגעמיינע ציוניסטען האָבען זעהר פיל אויפגעטאָן אין דעם פּרט, ווען זיי האָבען פאר אונז פאנאנדערגעקייט דעם מאכל'דיגען טעם פון דעם אסימילאטאָר, דעם טעלערלעקער ביי דער פרעמדער קולטור, דעם מאָן מיט די פארשטאָכענע אויגען, וואָס שפייט אים אין פּנים, זאָגט ער: „מאָרגען פארשווינדען אלע פעלקער!" אָט די בריאה איז דאָך פאר אונז אמאָל געווען גאנץ באַ'טעמ'ט, און אויב איצטער שלאָגט אונז פון איר צו דער גאל, קאָן מען דען אָפּלייקענען דעם גרויסען פארדינסט, וואָס דער ציוניזם בכלל האָט אין דעם געהאט?

סימן נומער פיר: „צו פאראיידעלען די געפיהלען". דער פּונקט קאָן געדעקט ווערען מיט דעם נאָר וואָס באהאנדעלטען סימן נומער דריי: אן אויסגעפיינערטער געשמאק פירט אויך צו געוויסע פאראיידעלטע גע־פיהלען. אָבער די ציוניסטען קאָנען נאָך אויפווייזען אויף זייער ה ע ב ר א א י ז ם, ווי אויף א דירעקטע טעטיגקייט אויסצופיינערען דעם אידענ'ס שפּראך־געשמאק און צו פאראיידעלען זיינע שפּראך גע־פיהלען. איך בין ניט קיין העבראאיסט און ווינש קיינעם ניט צו זיין א העבראאיסט, אָבער אז דער העבראאיזם האָט זיינע וואָרצלען אין א גע־וויסען עסטעטישען פארפיינערטען געשמאק און אין געוויסע זעהר איי־דעלע ראָמאנטישע געפיהלען, — דאָס קאָן קיין געגנער פונ'ם העברא־איזם ניט אָפּלייקענען. לפי עניית דעתי — און א סך מענשען דענקען און פיהלען אזוי ווי איך — קאָן אָט די עסטעטישע שפּראך־באדארפניש נאָך ב ע ס ע ר באפרידיגט ווערען מיט א העכער אנטוויקעלטען אידיש (דעם אידיש פון אונזערע „יונגע": אן ערנסט־געמיינטער קאָמפּלי־מענט!) און די איידעלע געפיהלען פון דער עבר־ראָמאנטיק קאָנען דער־הויבען ווערען צו נאָך א העכערער מדרגה דורך דער צוקונפט־ראָמאנטיק פון א י ד י ש. אָבער — ווען מיר פארגלייכען דעם מצב פון שפּראך־געשמאק און געפיהלען ביי די גרויסע מאסען פון דעם פאָלק, א י י ד ע ר די אידעאלען פון דעם העבראאיזם און דעם אידישיזם דרינגען אין זיי אריין, מוזען מיר צוגעבען, אז אויך דער העבראאיזם קאָן אויסהאלטען יענעם עקזאמען אויף פּראָגרעסיוויטעט, וועלכען ה' מילך פארלאנגט פון די ציוניסטען אין די סימנים נומער צוויי און נומער דריי.

סימן נומער פינף: „צו פארטיפען די אָנזיכט" — אז, לאָמיר זאָגען, די נאציאָנאלע לאגע פון אונזער פאָלק וועט קיינמאָל ניט ווערען נאָרמאל און מענשליך, סיידען די גרעסטע מאיאָריטעט פון דעם אידישען פאָלק וועט וואוינען אין אן אייגענעם לאנד.

סימן נומער זעקס: „צו פארשטארקערען די מאָראלע באגריפען". גאנץ אין ערנסט מוזען מיר דאָ צוגעבען, אז די מאָראלע באגריפען פון יענע מ א ס ע ן, וואָס זענען צוגעשטאנען צו דער אלגעמיין־ציוני־סטישער באוועגונג, האָבען זיך באדייטענד פארשטארקט. דער שרעקלי־כער ע ג א א י ז ם, דאָס לעבען נאָר צוליב זיך און דער אייגענער קליינער פאמיליע, וואָס האָט גענומען הערשען ביי די אידישע מאסען אין דער בין־המששות־צייט צווישען דעם אָפּשטארבענדען חסידיזם און דעם אויפלייכטענדען סאָציאליזם, איז צו א גרויסען טייל געמילדערט גע־

וואָרען דורך דעם ציוניזם, וואָס האָט פאַר די פאָלקס־מאַסען ווידער מעגליך געמאַכט א לעבען צוליב א הויכען אידעאַל און ברענגען קרבנות צוליב איהם.

סימן נומער זיבען: „צו באַפעסטיגען די אומאָפּהענגיגקייט און זעלבסטווירדע!" — דאַרף מען נאָך פּירושים צו דעם פּונקט? איז דאָ אויף דער אידישער גאס אן אנדער פּאַרטיי, ביי וועמען אָט די שטרעבונג: „באַפעסטיגען די אומאָפּהענגיגקייט און זעלבסטווירדע פון דעם אידישען פאָלק" זאָל האָבען ווען עס איז פאַרנומען אזא וויכטיגע, אזא צענטראַלע פּאָזיציע, ווי אין דעם ציוניזם פון אַלע זיינע געשטאַלטען און ריכטונגען?

סימן נומער אכט: „צו פאַרמערען די נאַטירליכע און געזעצמעסיגע באַדאַרפנישען און פאַרלאַנגען". איך האַלט — און ה' מילך וועט מיר מודה זיין — אז וואוינען אין אן אייגענעם לאַנד, וואו קיינער זאָל מיר ניט קאָנען שפּייען אין פּנים און אָפּהאַקען די באָרד מיט א האַלבער באַק, אָדער צווינגען מיך צו מאַן דערניידעריגענדע ארבייטען, אָדער אויפוואַרפען מיר זיבען מאָל א טאָג, אז איך בין דאָ א פרעמדער און אן איבריגער, אָדער אין בעסטען פאַל קוקען אויף מיר קרום און זיך גרויסהאַלטען מיט דעם, וואָס מען איז טאָלעראַנט צו מיר; אז וואוינען אין אן אייגענעם לאַנד, וואָס גיט מיר די מעגליכקייט צו באַפעסטיגען די אומאָפּהענגיגקייט און זעלבסטווירדע פון מיין אייגענעם פאָלק, זאָג איך, איז א דורכאויס נאַטירליכע באַדאַרפניש, א דורכאויס געזעצמעסיגער פאַרלאַנג. האָבען מיר אידען געהאַט אָט די נאַטירליכע באַדאַרפניש, אָט דעם געזעצמעסיגען פאַרלאַנג, איידער דער ציוניזם איז געקומען? האָט ער דען ניט פאַרמערט אונזערע „נאַטירליכע און געזעצמעסיגע באַדאַרפנישען און פאַרלאַנגען" מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעצונדען אין אונז די בענקשאַפט צו אן אייגענער פרייער, זעלבסטשטענדיגער היים? און וואָס איז מכח דער נאַטירליכער באַדאַרפניש און דעם געזעצמעסיגען פאַרלאַנג צו לעבען דירעקט פון דער נאַטור, אויפהערען צו זיין א לופט־פאָלק, א שטאָט־און־שטעטעל־פאָלק, א דורכאויס מקח־וממכר־פאָלק? קאָן דען זיין א נאַטירליכערע באַדאַרפניש, איידער דער אומקער צו דער נאַטור? קאָן ווער אָפּלייקענען, אז צו די באַשטרעבונגען פון דעם ציוניזם געהערט אויך די פאַרמערונג פון אונזערע באַדאַרפנישען מיט אָט דער נאַטירליכסטער פון אַלע נאַטירליכע און געזעצמעסיגע באַדאַרפנישען?

סימן נומער ניין, וואָס איז דער לעצטער. „צו פאַרלייכטערען די אויפגאַבע פון דער מאַטעריעלער עקזיסטענץ פון דעם מענשען". כדי א מענש זאָל קאָנען „פאַרלייכטערען די אויפגאַבע פון זיין מאַטעריעלער עקזיסטענץ" (וואָס אזוינס ה' מילך זאָל ניט מיינען מיט די ווערטער) מוז ער קודם־כל קאָנען זיין א באַלאַבאָס אויף זיין מאַטעריעלער עקזיסטענץ, און האָבען א דעה וועגען דעם, ווי אזוי זי צו פאַרלייכטערען. דאָס איינענע איז אויך מיט א סכום פון מענשען, מיט א גאַנצען פאָלק. א פאָלק, וואָס קאָן קיין דעה ניט זאָגען וועגען די באַדינגונגען

פון זיין מאַטריעלען לעבען, קאָן ניט פאַרלייכטערען זיין מאַטעריעלע עק־זיסטענץ. כדי א פאָלק זאָל קאָנען ווערען א באַלאַבאָס אויף די באַדינגונ־גען פון זיין מאַטריעלען לעבען, דאַרף ער זיין א מ א י אָ ר י ט ע ט אין דעם לאַנד, אין וועלכען ער וואוינט, און האָבען די געזעצגעבערישע סוּאווערעניטעט אין זיינע הענט, לפּחות, אויף אַזוי פיל, אז ער זאָל קאָנען געזעצמעסיג דורכפירען זיין ווילען בנוגע די באַדינגונגען פון זיין מאַטע־ריעלער עקזיסטענץ. יעדע באַוועגונג, וואָס האָט צום ציל, צו פאַרשאַפען פאַר דעם אידישען פאָלק א מעגליכקייט צו ווערען א מאַיאָריטעט אין אן אייגענעם לאַנד און צו באַזיצען די נויטווענדיגע געזעצגעבערישע סוּא־ווערעניטעט אין די ענינים פון׳ם מאַטעריעלען לעבען, איז ממילא אין דערזעלביגער צייט א באַשטרעבונג „צו פאַרלייכטערען די אויפגאַבע פון דער מאַטעריעלער עקזיסטענץ פאַר דעם מענשען“. קוואָד עראַט דעמאָנ־סטראַנדום!

אויף אַזאַ'ן אופן, איז ניטאָ קיין איין פאָדערונג, וועלכע ה' מילך שטעלט ארויס פאַר פּראָגרעסיוויטעט, וואָס די אַלגעמיינע ציוניסטען זאָלען ניט האָבען אריינגענומען אין זייער טעטיגקייט און זייערע באַ־שטרעבונגען. און דערמאָנט מען זיך נאָך, אז „די סימנים, לויט וועלכע מען קאָן דערקענען א פּראָגרעסיווע באַוועגונג, זענען האָפנונג און גלויבען אין א בעסערע צוקונפט פאַר דעם כלל“, און האָט מען אין זין, אז די ציוניסטען זענען פעסט אין גלויבען און רייך אין האָפנונג אויף א בעסע־רע צוקונפט פאַר דעם כלל־ישראל, יעמאָלט קאָן שוין גאָר קיין ספק ניט זיין, אז די אַלגעמיינע ציוניסטען זענען א פּראָגרעסיווע פּאַרטיי און זייער באַוועגונג איז א פּראָגרעסיווע באַוועגונג...

בראַוואָ, אַלגעמיינע ציוניסטען! איהר האָט גלענצענד אויסגע־האַלטען דעם עקזאַמען ריגאָראָזום ביי ה' מילכ'ען! פאָדערט פון איהם, ער זאָל צוריקציהען זיין אורטייל וועגען אייך, אז איר זייט רעאַקציאָנע־רען, ווייל אַזאַ אורטייל פאַטשט אין פּנים אַלע זיינע טעאָרעטישע דער־קלערונגען וועגען פּראָגרעס און רעאַקציע. פאָדערט פון איהם, ער זאָל אייך ארויסגעבען א דיפּלאָם אויף פּראָגרעסיוויטעט און דוקא מיט דער מאַרקע: „סוממאַ קום לאַודע“!

און דאַנקט גאָט, וואָס אייער עקזאַמינאַטאָר איז ה' מילך, ד. ה. א מאַן מיט אַזעלכע אויבערפלעכליכע און מטושטש'ע באַגריפען וועגען פּראָגרעס און רעאַקציע. ביי אן אַנדער עקזאַמינאַטאָר, האָב איך מורא, וואָלט איר ניט אַזוי גרינג און גוט אָפּגעשניטען...

עס זענען נאָך דאָ אייניגע אַנדערע פּונקטען אין ה' מילך'ס ארטי־קעל, וואָס נויטיגען זיך אין א נעהענטערער באַלייכטונג. ליידער אָבער ערלויבט מיר די צייט ניט, אָפּצושטעלען זיך אויף זיי.

איך וועל דאָס מוזען איבערלאָזען אויף דאָס נעקסטע מאָל. אויך אין א פּערטעל יאָהר ארום וועט דער ענין — דאַכט מיר — נאָך זיין גענוג אַקטועל: די רעאַקציאָנערע שטרעמונגען אין אונזער היגען לעבען — איך מיין דאָ ניט דעם ארטיקעל, נאָר די פּאַקטישע ערשיינונגען — וועלען דערווייל פון אונז — ליידער! — ניט אַנטלויפען.

יעקב דינעזאָהן:

זיינע בריף.

ש. ניגער:

דינעזאָהן
דער בריפֿנ־
שרייבער.



יעקב דינעזאָהן, געבוירען 1859;
געשטאָרבען — 1919. (באַרעליעף.)
פֿון דער „אילוסטרירטער וועלט“, ווארשא.

יעקב דינעזאָהן אויפ'ן טויטענבעט
פֿון דער „אילוסטרירטער וועלט“, ווארשא.

באַקומען [illegible] אין תרע״ג פֿ׳ דינעזאָן [illegible]

יעקב דינעזאָן.
דזיעלנא 15.

ליבער בעסטער ר׳ פּרץ הירשביין [illegible] יחי!

אייערע [illegible] מיט וואַרעמע [illegible] מײַנע פֿאַרהאַנדלונגען [illegible] הירש׳ס [illegible]. געהאַט מײַן שוועסטער דינעזאָנס מיידעל — [illegible] ערנסטע — האָט זי [illegible] צו שרײַבן און צו ריידן [illegible] — „ווען איך וואָלט [illegible] זײַן ווי די [illegible], זאָל לעבן — זאָגט דינעזאָנס מיידעלע, וואָלט איך מיר ווינטשעווען [illegible] גרויסע קינדער [illegible], [illegible] פֿײַנער [illegible] צו [illegible] פּנים, [illegible] שבת און [illegible] טוב און [illegible] שמחה׳לע, [illegible] אויף און [illegible], הײַנט קינדער [illegible] און [illegible] פֿון [illegible] און [illegible], [illegible] [illegible], [illegible] און [illegible] און [illegible] צו [illegible] שפּאַצירן [illegible] און [illegible], וואָלט איך [illegible] און [illegible] [illegible] און [illegible] מײַן קינדער אין [illegible], [illegible] און איך וואָלט [illegible] און [illegible]!״

[illegible] דעם גן עדן, [illegible] און [illegible], שטעלט זיך דאָס [illegible] דינעזאָנס מיידעל [illegible], ווי עס [illegible] די [illegible]: שרה, רבקה, רחל ולאה [illegible] גן עדן־[illegible] און גן עדן־[illegible] און [illegible] די [illegible] קינדער [illegible], און [illegible] [illegible] דעם [illegible] [illegible] — ([illegible] און [illegible] [illegible]

נאָר טויטשען, אָדער טרפה'נע ליטוואקעס. אין גן עדן אָבער לאָזט מען אזעלכע ניט אריין, דאָרט זיצען נאָר גרויסע צדיקים, גערער און קאָצקער חסידים, אָדער אזוי פרומע פוילישע יודען, געבוירענע אויף גרזשיבע גאַס, פרעטא אָדער פראנציסקאַנער אפילו, און אזעלכע פרומע יודען פערגינען זיך א שטיקעל לויתן נאָר פון א עונג שבת וועגען —

פונקט ווי דאָס דינסטמיידעל, פלעג איך אויך זאָגען, פערשטעהט זיך, בעת איך בין נאָך א נאַריש יונגעל געווען: „ווען איך זאָל זיין ראָטשילד וואָלט איך אויסקויפען דאָס גאַנצע פאַפיער פון גאָר דער וועלט, און וואָלט פאר מיר אַליין אויסקלויבען די שעהנסטע בייגעלעך, און וואָלט שרייבען אויף זיי „שלום לאהובי ברוועלעך“ מיט גאָלדענע, זילבערנע און בריליאנטענע פענעס!

און מיינט איהר די דאָזיגע פאפיער תאוה איז ביי מיר בטל געוואָרן אפילו איצט ווען איך בין שוין א אלטער יוד, אָהן עין הרע — ? — בכלל מוז איך אייך מודה זיין, אַז די אלע קינדישע תאוות פון אמאָל לעבען נאָך און בושיווען נאָך אין מיר, גלייך ווי אין יענע יאָהרען; דערזעה איך, למשל, ווינ־טער א גליץ, גלוסט זיך מיר א גליץ צו טהון מיט אלע פרטים און דקדוקים; דערטאַפּ איך אַ גלאַט שטיינדעל ביי אַ ברעג טייך, ווילט זיך מיר עס אַ וואָרף טהון איבערן וואַסער, עס זאָל שפּרינגען און פלעשטשען ביז'ן צווייטען ברעג, אויף וואָס איך בין א מייסטער געווען אינגעלוויז. און אזוי אין אלץ צו וואָס א לעבעדיג יונגעלס הארץ טהוט גלוסטען אין זיין צייט. קיין חידוש ניט, וואָס די תאוה פון א שעהן בייגעלע פאפיער געוועלטיגט נאָך איבער מיר, און דערזעה איך נאָר אַזוינס קען איך זעלטען דעם נסיון ביישטעהן, עס ניט צו קויפען, אָדער עס ניט צוצוגנבענען האָטש, אויב פאר מזומן געלד לאָזט זיך עס ניט נעהמען.

דעריבער ליעבער ר' הירשביין, געלויבט און געאַכפערט זאָל זיין כבוד האדון ר' מנחם מענדיל למשפחת עלקין מק"ק באברויסק, וואָס האָט מיר אזוי פיעל דערפרייהט און דערקוויקט ממש מיט דעם סארפריז וואָס ער האָט מיר געמאַכט מיט דעם אריינשיקען מיר, גאָר אונפערהאָפט און אונערווארטעט אזוי פיעל טהייערע, שעהנע און ציכטיגע בויגעלעך פאפיער מיט קאָנווערטען, א ברכה צו מאכען ממש!...

פערשטעהט זיך, אַז איך האָב מקבל געווען זיין מיר אזוי פיעל ליעבע מתנה, נישט נור בסבר פנים מאירות, אָבער בשעתי ידים ובזרועות נטיות און האָב איהם באלד א הייסען דאנק געשריבען כדבעי.

אַריינטראכטענדיג אָבער א ביסעל טיעפער אין דעם ענין, בין איך געקומען לכלל הכרה, אז אָהן אייער השתדלות, אָדער זכות, וואָלט אפשר דעם ליעבען הערדן עלקין גאָר נישט איינגעפאלען, מיר אזא מתנה צו שיקען, על כן איז מצדי א יושר, אויך אייך ליעבער הירשביין, א הייסען גרויסען און הארציגען דאנק צו שרייבען, און דאָס טהו איך טאקי במכתבי זה.

וואָלט איך וויסען וואו דער הערר עלקין איז אצונד וואָלט איך מסתמא מיט פערגניגען ענטפערן איהם בתבה יתירת פאר זיין גרוס אין דעם בריוועלע, וואו איהר און די איבריגע צדיקי הדור והמקום האָבען זיך אונטערגעשריבען. ווייס איך אָבער ניט, על כן בעט איך אייך, באופן ווען איהר שרייבט צו איהם, שרייבט אַ הערצליכען גרוס בשמי ובשם ידידנו ר' יצחק לייבוש פרץ שלנו פאר זיין גרוס אויך צו איהם.

אזוי הייס און אזוי הארציג גערים איך און דאנקע איך די דאָזיגע אשלי רברבי, די עמודי התורה והיראה, די מ"ע'ן מיט די ד"ע'ן און גם די פ"ע'ן שבאו על החתום אין דעם דאָזיגען בריוועל, און זאָגט זיי אגב, אז איך בין מצרף אויך מיין תפילה צו זייער תפילה שבלב ושבלחש, שיתמו חטאים מן הארץ והרשעים עוד אינם, אכי"ר.

ביחוד טהו איך טהון גערים לכבוד הרבנית המהוללה והמשובחת בכל

מדות של שבת שמנו חכמים בנשים צדקניות וחכמות, כבוד תפארת שמה מרת שרה למשפחת הירשביין שתחי' און איך דאנק איהר וואָס זי פערגעסט מיך ניט.

און נייעס, אויב איהר ווילט? נישט א לעק! אפילו פאר א רפואה, וועז איהר זאָלט זאָגען! — הכל כמקדם כימי עולם וכשנים קדמוניות — לבד וואָס ידידנו מר י"ל"פ ארבייט שוין מעהר ניט אין „היינט" — אויס מחותן מיט יצקנ'ן....

נאָך אַ נייעס. געווען דאָ אַ אַמעריקאַנער טעאַטער סטאר ט..... געשפילט דאָ עטליכע מאָל אין קאמינסקי'ס טעאטער, געבראָכען שויבען, טעלער, שטולען און בענקלעך אין ק'ס „פ. — — ג. — — ע." — —*) (פאר וואָס האָט ק..... בעסער דעם... נישט פארלוירען איידער ער האָט גענומען אַ פעדער אין האנד אזא שמאטע, אזא קאקאפאניע, רחמנה לצלן, אָנצושרייבען? — און מעהר יושר וואָלט געווען ק.'ען בעסער דעם קאָפּ און לייב און לעבען צו צוברעכען, איידער אַזוי פיעל טעלער, שטולען און בענקלעך, וואָס דער דאָזיגער ט..... האָט דאָ אויסגעבראָכען אויף דער ביהנע אין די עטליכע אָוועגדען, וואָס ער האָט דאָ גשפיעלט אָדער געבילט. קיין גרויסער אונטערשייד ניט). אויב די ווירקליכע קונסט פון א גרויסען שוי־שפילער באשטעהט אין ברעכען שויבען און טעלער, מוז איך מודה זיין, אַז ט..... איז אַ גרויסער אַרטיסט, אויב אָבער דער קינסטלערישער טאַלאַנט מוז זיך אַרויסווייזען אין נאָך עפּעס, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז ער אַ בייגעל בעקער, א שטיוועל פוצער אָדער א באָד רופער אין א אידיש שטעדטעל, א אויסגעצייכענטער. איך גיב איהם דארויף ארויס א אטעסטאט מיט אלע קליפערלעך. דערפאר שפּיעלט דאָ איצט דוד קעסלער. און זעהט איהר, פון אי־דישע שוישפילער, איז ער דערווייל דער ערסטער, פון וועלכען איך בין אין טעאטער ענטציקט געוואָרען און בין ארויס מיט'ן בעסטען און טיפסטען איינדרוק.

געשפיעלט האָט ער דאָס ערסטע מאָל „שלמה'קע שארלאטאן", א איבער־קאלעטשעטע שטיק „ביעדנאָסט ניע פאָראָק" פון אָסטראָווסקי'ן, וואָס האָט צו טהון מיט'ן אידישען לעבען וויפיעל א קאצאפ האָט צו טהון מיט יום כפור קטן. געשפיעלט אָבער האָט קעסלער זיין ראָלע גוט, כאָטש דער איינדרוק אויף מיר איז דערזעלבער, ווי א באריהמטער רייטער זעצט זיך אויף א הילצערן פערד און מאכט די אייגענע באוועגונגען און ערנסטע מינעס גלייך ווי ער וואָלט געריטען אויף א אמת'ן פערד.

דערפאר אָבער האָט ער נעכטען געשפיעלט „גאָט פון נקמה" יענקעל שאבשאָוויטש, און האָט זיין ראָלע דורכגעפיהרט אויסגעהאלטען מיט'ן אמת'ן ארטיזם.

שרייבט א מאָל! דער עיקר, האָט א טבע, תמיד אָנצוגעבען אייער אדרעסע. גאָט אליין ווייסט ווי אין ספק איך בין צו מיין בריוועלע וועט אייך אָנקומען צו ניט — ?

זייט מיר אָבער געזונד און שטאַרק מיט די אַלע גוטע ברידער און גוטע יודען, מיט וועלכע איהר זענט בחברותא אין אייער ווילנא.

מנאי ר' יעקב בן דינה.

---

*) די פולע נעמען, פון וועלכע מיר גיבען דאָ נאָר די ערשטע בוכשטאַ־בען, געפינען מיר ניט פאר ראטזאם צו פארעפענטליכען. — רעד.

זעהר געעהרטער הערר ד. איגנאטאוו !

אייער געעהרטען בריעף נעכטען ערהאלטען. אייער וו׳ זאמעלבוך „שריפטען“ — שוין מיט עטליכע וואכען צוריק. איך האב געמיינט, דאס בוך איז טאקי מיר געשיקט, און האב נישט געוואוסט וועמען צו דאנקען דאפיר.

זיין אנלאקענדעס אויסערליכעס אויסזעהן האט מיך פעראינטערעסירט, אויך מיט זיין אינהאלט זיך צו בעקענען, איז עפעס ווי א בעשערטע זאך געווען, אז אייער בוך זאל אנקומען טאקי דער פערזאן צו וועלכער עס איז געשיקט. — געזעסען בעת מעשה ביי מיר מיין פריינד ד״ר איזידאר עליאשעוו, (בעל מחשבות) און מיר דערצעהלט, אז ער ערווארט אויך אזא בוך צו בעקומען, און אויב איך וויל איהם די געפעליגקייט טהון, זאל איך איהם געבען מיין עקז׳ און אז ער וועט ערהאלטען זיין עקז׳, וועט ער מיר אבגעבען וועלכען עקז׳ איך וועל ווען. ער ברויך דאס בוך צו א קריטישער ארבייט. אזוי האט ער געזאגט. פון דעמאלט אן איז טאקי יענס עקז׳ ביי בעל מחשבות.

שפעטער מיט עטליכע טעג האב איך ביי פרץ׳ן אויפ׳ן טיש געפונען אייער בריעף, אין וועלכען איהר שרייבט, אז גלייכצייטיג שיקט איהר איהם אויך א עקז׳ פון אייער זאמעלבוך שריפטען. פרץ האט מיך געפרעגט, צו ווייס איך וועגען וואס פאר א בוך די רעדע געהט, האב איך איהם ערקלערט, אז דאס מוז געמיינט זיין דאס בוך, וואס איך האב ערהאלטען און אוועקגעליהען דעם ד״ר עליאשעוו.

ביז היינט, קען איך אייך זאגען, האט שוין אויך פרץ אייער זאמעלבוך דורכגעלייענט און איז בכלל מיט זיין אינהאלט גאנץ צופרידען. אלס מייסטער ווערק ערקענט פרץ דעם ראמאן פון א פערד גנב. מעגליך, ביי א פרייערער שטימונג וועט פרץ נאך שרייבען איין קריטישען ארטיקעל איבער איהם. איך אליין, האב נאך דאס פערגניגען נים געהאט מיט דעם אינהאלט פון אייערע „שריפטען“ זיך צו בעקענען. איך האב שוין אזא מזל. נעהמט מען צו ביי מיר א בוך, זעה איך עס שוין קיינמאל נישט צוריק. אויף געגענווערטיגעס מאל האב איך קיין טענות נית, ווי איהר שרייבט איז יענס עקז׳ לכתחילה געשיקט פיר בעל מחשבות. יהי לו אשר לו ! זאגט דער העברעער. אז אייער בוך וועט מיר אנקומען, לויט ווי איהר שרייבט, וועל איך עס זיכער דורכלעזען און שרייבען אייך מיין מיינונג אויב זי איז אייך נור אינטערעסאנט.

וועגען אייער פערלאנג, פרץ זאל זיך בעטהייליגען אין אייער זאמעלבוך מיט א ארטיקעל וועגען הירשביין, איז מיין עצה: אויב איהר זענט נור ביכולת, זאלט איהר אזוי גוט זיין אריינשיקען איהם זיין האנאראר פארן בעשטעלטען ארטיקעל. וויפיעל ? דאס ווענדט זיך אן אייער קעשענע. גאר אהן האנאראר שרייבט פרץ פרינציפיעל נישט.

מיט די „צענטראל“ לויט האב איך גערעדט נאך מיט א טאג צעהן פריהער איידער איך האב אייער בריעף ערהאלטען, און לויט מיין עצה האבען זיי געשריבען צו זייער פערטרעטער אין ניו יארק, אז ער זאל ביי אייך קויפען 200 עקז׳ און זיי צושיקען אהער קיין ווארשא — מעהר ווי 200 עקז׳, זאגען זיי, לויהנט זיך זיי בשום אופן נישט. — שפעטער, ווען זיי וועלן בעמערקען, אז מען קען פערקויפען מעהר, וועלן זיי ביי אייך קויפען אין א גרעסערן קוואנטום.

עס טהוט מיר לייד, וואס אייער זאמעלבוך איז געדרוקט אין אזא בעשרענקטער צאהל עקז׳, און דיזעלבע זענען אויך שווער אין גאנצען צו פערקויפען. די אורזאכע פאר וואס דאס איז אזוי, קען איך נישט געפינען. אין זיין אינהאלט, לויט ווי פרץ פערזיכערט מיר, זיכער נית.

דאנקט זיך, איך האב אייך אויף אלץ געענטפערט. איך וויל אייך אבער אום איינע געפעלליגקייט בעטען. היות ווי אין דעם כתב אויפן קאנווערט פון אייער בריף צו מיר דערקען איך פרץ הירשביינס האנדשריפט, וואס דאס איז א מופת תותך, אז ער לעבט נאך צווישען לעבעדיגע, בעט איך אייך, איהם ער־

סטענס גריסען אין מיין נאָמען גאנץ וואַרם, ברידערליך און הערצליך. — זאָגט איהם אגב, ער זאָל קיין ענדיג נישט זיין און זיך נישט בלאָזען. דער־צעהלט איהם, אז דער „ספר הברית“ שרייבט, אַז דאָס וואָס דער ענדיג בלאָזט זיך, מיינט ער דערמיט נושא חן צו זיין אין די אויגען פון דער כשרה׳ר ענ־דיצקע; אין מיינע אויגען, אָבער, זאָגט איהם, וועט ער מיט בלאָזען זיך קיינ־מאָל נישט נושא חן זיין.

אין כעס זיין אויף מיר מעג ער. איך בין איהם טאַקי שולדיג אנטוואָרט אויף א פאָר לעצטע בריוועלעך, ווייסט ער דאָך, אז אזא טבע האָב איך שוין — שרייבט זיך, שרייב איך, נישט געקארגט האָטש דריי און פיער בויגעלעך פאפיער מיט אמאָל; שרייבט זיך נית — שרייב איך נית, נישט ווייל איך וויל נית, נור ווייל עס שרייבט זיך נית.

אָט דאָס, זייט מוחל, דערקלערט איהם, איז די גאַנצע אורזאכע פון מיין נישט ענטפערן אויף זיינע לעצטע בריוועלעך פון יוראָפּ. פון אמעריקא האָב איך פון איהם נאָך אפילו א תמונת אות נישט ערהאלטען.

ווי געהט עס איהם? וואָס מאכט ער בגופו, בנפשו ובממונו? — ביי אונז דאָ, איז ער דאכט זיך געווען א מענש מיט אלע חושים ווי א מענש, ווי קומט עס, וואָס ער איז אין אמעריקע געוואָרען אזוי נית קלוג, אזוי נית קלוג? זאָל ער מיר מוחל זיין. א קלוגער מענש ברוגזט זיך נישט, בלאָזט זיך נישט, און קען אונטערשיידען בין אור לחושך בין איש לחברו. וואָלט ער אזוינער נאָך געווען האָט ער בעדארפט פיהלען און וויסען, אַז נאָך אלע כעס׳ן וואָס ער האָט אויף מיר, האָב איך איהם ליעב. אלע מאָל ליעב. ווען איך שרייב איהם יאָ, און ווען איך שרייב איהם אפילו נית. זייט מיר געזונד, און זאָל מיר הירשביין אויך געזונד און שטאַרק זיין. אייער און זיין פריינד י׳ דינעזאָהן.

ווארשא ערב פסח תרע״ג.

ליעבער טהייערער פריינד און קאָלעגא דוד איגנאַטאָוו!

אין ווילנע גרינדעט זיך איצט א מוזעאום פיר יודישער ליטעראטור און קונסט. און די גרינדער בעטען מיך, איך זאָל זיי פיר דעם מוזעאום צושיקען וואָס נאָר איך פארמאָג פון אייגענע און בעפריינדעטע יהדישע שרייבער שריפ־טען, אָדער איבערהויפט אזוינס, וואָס איך געפין פאר ווערטה, עס זאָל אין א מוזעאום ערהאלטען ווערן, לזכרון פאר די צוקונפטיגע דורות.

איבערלייענענדיג אייער זעהר טרויעריגען בריעף, וואָס איך האָב נאָר וואָס טאקי ערהאלטען, געפין איך, אז קיין בעסערע און פאסענדערע מתנת פאר דעם נייגעגרינדעטען מוזעאום ווי עבען אָט דעם בריעף אייערן פערמאָג איך נית.

ער איז א דאָקומענט, וואָס ענטהאלט א שטיק געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור, פון איהר ענטוויקלונג און פון איהר גענענווערטיגען עקזיסטענץ אין אונזער איצטיגער טרויעריגער צייט.

וועט די לאגע פון דערזעלבער ליטעראטור אין די צוקונפטיגע דורות א מאָל א בעסערע און א גלענצענדערע זיין, וועלן די בעזוכער פון דעם דאָזיגען מוזעאום אין די ווייטע צוקונפטיגע דורות, אין אייער בריעף א בילד האָבען פון דער שווערערער ביטערער לאגע פון דערזעלבער ליטעראטור און ליטעראטען אין די לאנג פערגאנגענע דורות צוריק. וועט אויך אין די צוקונפטיגע דורות די לאגע פון דערזעלבער ליטעראטור און ליטעראטען נית א בעסערע און נית א גלענצענדערע זיין ווי זי איז איצט, זאָלען די יודישע שרייבער פון דעמאָלט זיך טרייסטען, אז די לאגע פון דער יודישער ליטעראטור איז קיינמאָל נישט בעסער געווען, או [ז]זאָלען זיי, אין זייער צייט, דעם מוטה און ענערגיע געפי־נען, וואָס האָט זייערע פאָרגענגער קיינמאָל נישט געפעהלט.

עס טהוט מיר לייד דער גאנצער טרויעריגער אינהאלט פון אייער בריעף,

אָבער איך בעדויער אויך ניט. אדרבה, איך בין אייך מקנא אַזאַ בעוואוסטזיין צו פערמאָגען, אַז איהר טהוט אייער זעעלן־פליכט ווי עס דיקטירט אייך אייער געשמאַק און טאַלענט.

עס טהוט מיר לייד אייער לוידען. עס פריהט מיך אָבער, וואָס איהר נעהמט די ליידען אויף זיך פרייוויליג, און איהר ענטפערט ניט אויף דער פראגע: תביבין עליך יסורין, ווי יענער תנא: לא הן ולא שכרן!

די פראגע: צי האָט יעקב אָבינו רעכט געהאַט מתפלל צו זיין, אַז מלמדים און סופרים, זאָלן זיין קבצנים אביונים, דאַכט מיר, איז שוין לאַנג פאַרענטפערט געוואָרען מיט יאָ. — גערעכט. טויזענד מאָל גערעכט! — איינס נאָר האָט יעקב אָבינו געגרייזט, וואָס ער האָט פערגעסען צוגלייכער צייט מתפלל צו זיין, אַז די יודישע פערלעגער און פובלישער זאָלן מענשליך און מיט געוויסען בעהאַנדלען די שרייבער, וועמענס ווערק זיי גיבען ארויס.

אָט אין דעם גרייז פון יעקב אָבינו ליגט די שווערע קללה, וואָס דערדריקט, ניט נור די יודישע ליטעראַטען אָבער אויך די יודישע ליטעראַטור.

קיין ספק ניט, אַז דער הערר ב. א. קלעצקין, וואָס האָט זיך גענומען אויסצולייזען איצט די יודישע ליטעראַטען און ליטעראַטור פון דער קללה, ד. ה. פון די ביז איצטיגע יודישע פערלעגער און פובלישערס איז ווערטה גערקרוינט צו ווערן מיטן נאָמען „גואל צדק“. דען ער מיינט חלילה ניט די פרנסה. ער איז בה"ש גענוג רייך פון זיינע גרויסע אַנדערע עסקים, און ער וויל, נור די ליטעראַטור אין איהר געהעריגע לאַגע אריינברענגען און די יודישע ליטעראַטען פאַר זייער מיה, ארבייט און שאַפען ווי וויט מעגליך בעלויהנען. דאָס אַלץ איז ביי מיר קיין ספק נישט. אַ ספק אַ גרויסער אָבער איז ביי מיר, צי וועט ער אַזוי פיעל אָפּפער און ענערגיע ווען פערווענדען, וויפיעל עס איז אונבעדינגט נויטהיג, דעם קאַמפּף ביי־צושטעהען און געווינען געגען די אַלע אַנדערע הערויסגעבער און פערלעגער, וואָס ווענדען אָן אונגעהייערע כחות און מיטעל געגען איהם?

ווי דאָס איז, פאַר אייך האָב איך דערוויילי קיין אַנדער עצה ניט, ווי תיכף, ווי איהר וועט נור מיין געגענווערטיגען בריעף ערהאַלטען, ארויסשיקען פערזענליך דעם הערין קלעצקין צו איין עקז' פון אייערעביידע בענדער שריפטען — פערשטעהט זיך, — אויב איהר האָט עס שוין ביז אהער נישט געטהון — און צו גלייכער צייט, שרייבען איהם אַ בריוועל בזה הלשון:

„לויט פאָרשלאַג, וואָס פרץ און דינעזאָהן האָבען אויך געשריבען פון וואַרשוי אויספיהרליך, שיק איך אייך די בענדער פון מיין אויסגאַבע, אום איהר זאָלט אייך איבערצייגען ווי וויט דיזע ארבייט איז ווערטה געשטיצט צו ווערן, צוליעב איהר ווייטערער עקזיסטענץ און ענטוויקלונג.

„פאַללס איהר וועט געפינען פאַר מעגליך אָנצונעהמען דעם אויבענדערמאַנטען פאָרשלאַג, פערלאָז איך זיך אין גאַנצען אויף די בעדינגונגען, וועלכע איהר וועט מיט זיי מושוה ווערן. מיט אַכטונג א. ז. וו.“

פאַרשטעהט איהר שוין, אַז איך, ווי אויך פרץ, ווען מיר אונז נישט פוילען, צו שרייבען און מיט אונזער גאַנצען איינפלוס צו ווירקען, אַז קלעצקין זאָל אונזער און אייער פאָרשלאַג אָננעהמען און דערמיט, אייך פערגרינגערן אייער ווייטערע ליטעראַרישע טהעטיגקייט, אויף וועלכע מיר לעגען גרויסע און פיעל פערשפרעכענדע האָפנונגען.

ס'איז היינט ערב פסח. ארבייט ביי מיר ביז איבער'ן קאָפּ. דעריבער קען איצט מיט אייך ניט אַזוי רעדען ווי איך וויל עס גערן. איך קען אייך נאָר צוזאָגען, באַלד נאָך יום טוב, אייך ווידער צו שרייבען, און אייך מודיע זיין קלעצקינס אנטוואָרט אויף דעם פאָרשלאַג, וואָס איך מיט פרץ'ן ווען איהם אונבעדינגט באַלד שרייבען.

אייער עקז' שריפטען. ניט דאָס ערסטע, נישט דאָס צווייטע — אויסער יענס, וואָס ד"ר עליאשעוו האָט ביי מיר צוגענומען — האָב איך נאָך ביז היינט

נישט ערהאלטען — געווים ערגעץ אויף דער פּאָסט, אָדער דורך דער פּאָסט, פערפאלען געוואָרען — פּרץ, זעהט איהר, האָט דוקא ערהאלטען די בײדע בענדער. ער איז פשוט ענטציקט פון זײער אינהאלט. ער קלויבט זיך שרײבען וועגען דעם אַ גאַנצע אָבהאַנדלונג. איז ער אָבער, לא עלינו, נישט געזונד, לײדט שטאַרקע שמערצען אין זײן רעכטער האנד, און דאָס שרײבען איז איהם כמעט אונמעגליך. די ערצטע זאָגען דאָס איז בײ איהם ארטריטיזם. ווי דאָס איז ער קען איצט אָהן העפטיגע שמערצען די פעדער אין האנד נישט האלטען. וועט איהם נאָר גרינגער ווערן, וועל איך זעהען, ער זאָל וועניגסטען אײך שרײבען פערזענליך.

איך מוז אײך נאָך אויסדריקען מײן טיעפסטען בעדויערען, וואָס מיר איז נאָך ביז הײנט נישט געלונגען מיט אײער שרײבען און שאַפען זיך צו בעקעבען. פשוט, ווײל איך האָב דאָס ערסטע עקז' אוועקגעגעבען עליאשעוון, ווי איהר ווײסט, און דעם צווײטען באנד — נישט ערהאלטען. — פּרץ האָט, נאָכ'ן דורכלעזען, זײן עקז' אָוועקגעגעבען דעם אײנבינדער אײנצובינדען — (איהר מעגט דערמיט שטאָלץ זײן — ווארום עס מוז איהם אַ ווערק גאָר בעזונדער ליעב און טהײער ווערן, ער זאָל עס לאָזען אײנבינדען אוועקצושטעלען אין זײן ביבליאָטעק אַרײן) — דער לעצטער האָלט עס שוין עטליכע וואָכען און דערווײל בעקום איך עס נישט דורכצולעזען.

נאָך אַ מאָל, אז איהר וועט שיקען, זאָלט איהר שיקען רעגיסטרירט, заказное — און אויב איהר האָט אײך דאָס איצטיג מאָל געשיקט זאקאזנאָיע, זאָלט איהר זיך ווענדען צו דער פּאָסט בײ אײך מיט דער אָנפראגע און טענה, פאר וואָס איז אײער זענדונג דעם אדרעסאט נישט אָנגעקומען? דאָס איז דורכאויס נויטהיג צו טהון.

די עקז' וואָס איך ראטה אײך שיקען ה' קלעצקין זאָלט איהר אונבעדינגט שיקען רעקאָמאנדירט. זײן אדרעססא איז:

Б. А. Клецкину, Мало Степановская, 23, Соб. д.,
ВИЛЬНА.

זײט זשע מיר געזונד און שטאַרק. אײער י' דינעזאָהן.

ליעבער טהײערער דוד איגנאַטאָוו!

מיט אמת'ר פרײד און פערגניגען זאָג איך אײך אָן, אז איך האָב בײ מיסטער קלעצקין פאר אײערטוועגען גע'פועל'ט אלץ וואָס איך האָב געוואָלט. היינו. ראשית וויל ער בײ אײך אָבקויפין אללע עקז' פון אײערע צווײ בענדער שריפטען וויפיעל איהר האָט נאָר בײ זיך. חוץ די צאָהל, וואָס איהר ברויכט אויסשליסליך בלויז פיר אַמעריקא אַליין. געלד אויף „פדיון שבויים“, דאָס הײסט, אויף אויסלײזען פון דרוקער, אָדער פון אנדערע אײערע בעלי חובות, וועט ער אײך אַרויסשיקען, באלד ווי ער, אָדער איך וועל נאָר מקבל זײן אײער אנטוואָרט אויף דעם בריעף וויפיעל איהר ברויכט דערצו. פאר'ן געלד בין איך פאר אײך ערב, אַז ער מעג זיכער זײן, אז איהר, ליעבער אונבעקאנטער און פאָרט מיר נאָהענטער בעקאנטער פרײנד, וועט איהם נישט אָבטהון ווי עס האָבען, בעונותינו הרבים, שוין איהם און שוין מיר כמה וכמה מאחינו ומחברינו אָבגעטהון. ד. ה. צוגענומען די עטליכע גילדען און אַ גוטען טאָג!

פארשטעהט זיך, אז נישט אין די עטליכע גילדען איז דער פערדרוס, נור די גוטע זאך, וואָס מען מאכט תמיד קאליע דורך אזא הנהגה פערדריסט זיך... איהר אָבער — איך בין אין דעם א רגע אין ספק נישט — וועט די געלעגענהײט אויסנוטצען פיר דער גוטער זאך, איך מײן: צו האָבען די מעגליכקײט ווײטער

צו שאפען און רייכער צו מאכען אונזער יודישע ליטעראטור און דעם בעסערן און פיינערן געשמאק אין איהר ענטוויקלען.

מכח אייער פארשלאג צו קויפען ביי אייך די מאטריצען פון די ביידע ביכער, איז ער אויך נישט געגען, וועגען דעם האט ער מיר צוגעזאגט, זיך דורכשרייבען מיט אייך דירעקט. יעדענפאללס ראטה איך אייך צו שיקען איהם צוזאמען מיט די עקז' אויך די מאטריצען פון די גרעסערע ארטיקעל.

אין אייער מזל, איז ער גראד די טעג געווען דורכפאהרענד אין ווארשא, וואו ער איז שוין 18 יאהר נישט געווען. און איך האב אויסגענוצט די געלעגענהייט און צוזאמען מיט פרץ'ן האבען מיר אויף איהם דעם איינפלוס גע־האט, אלץ ביי איהם אויסצווירקען.

און איך מוז אייך, אגב אורחא, זאגען, ליעבער איגנאטאוו, אז איך האב פיעל פערגניגען געהאט, פערזענליך זיך צו בעקענען מיט'ן הערן קלעצקין. ער איז א יוד א דזענטעלמען אין פיינסטען בעגריף פון דעם ווארט. טהוט פיעל גוטס און איז קאנזעקווענט אין זיין טהון. א דורכדרונגענער ליעבהאבער פון דער יודישער ליטעראטור. א פריינד פון דער ארבייטער קלאסע, און א מענש פון פיינעם געשמאק.

אין מיין פאריגען בריעף האב איך אייך געזאגט, אז דער ה' קלעצקין שיינט מיר צו זיין דער מלאך הגואל פיר דער יודישער ליטעראטור. נאך מיין זעהען זיך מיט איהם פערזענליך, זאג איך אייך עס מיטן פולען מויל נאך א מאל.

הכלל, ליעבער איגנאטאוו, שלאפט ניט דערין, און תיכף ווי דאס בריוועל וועט אייך אנקומען, און גלייכצייטיג וועט אייך אנקומען אויך א בריוועל פון ה' קלעצקין זעלבסט, זאלט איהר אונז מודיע זיין די ריכטיגע צאהל עקז' פון ביידע ביכער בעזונדער, וויפיעל איהר האט נאך, און וויפיעל געלד איהר ברויכט, זיי אויסצולייזען, אום זיי באלד ארויסצושיקען צו ה' קלעצקינ'ס פערלאג אין ווילנא. איך מוז אייך נאך דערקלערען דערביי, אז הערר קלעצקין מיינט נישט אבצוקויפען לחלוטין ביי אייך די עקז'. ה' קלעצקין האט זיין פערלאג געגרינדעט, נישט לשם ביזנים, נור צו שטיצען יודישע שרייבער ווי ווייט מעגליך, און ניט דערלאזען, זיי זאלן ארייגפאלען צו די אלערליי פערלעגער. א שטייגער ווי צענטראל ביי אונז, אדער די היברו פובלישינג קאמפ', דארט אין געבענשטען לאנד ביי אייך.

הערר קלעצקין וועגדט אן אללע מעגליכע מיטעל, ערסטענס, דאס יודישע ביכער זאלן האבען א אנשטענדיג אויסזעהען, זשאלאוועט נישט קיין קאסטען אויף שעהן פאפיער און דרוק, רעקלאמירט זיינע אויסגאבען, און פערקויפט די ביכער לחשבון פון זייערע פערפאסער. דאס הייסט: דאס גאנצע בוך מיט מא־טריצען בלייבט דאס אייגענטום פון מחבר.

דער פערלאג קלעצקין נעהמט נור 10% פון ריינעם פערדינסט, צו דעקען די הוצאות, וואס פאללן ביי יעדער אויפלאגע. אויף די 90% פערדינסט, וואס פאלט על חשבון פון מחבר, גיט ה' קלעצקין עד לחשבון ארויס דעם פערפאסער א געוויסע סומע אוואנס. און אזוי וועט ער אייך פעררעכענען די סומע, וואס ער וועט אייך ארויסשיקען איצט, איהר זאלט האבען מיט וואס די עקז' אויסצוקויפען פון דרוקער און איהם זיי צוצושיקען.

אום די צייט אבצוקורצען, וואלט איך אייך ראטהען, אפשר איז מעגליך, אז אייער דרוקער זאל איינשטימען, די עקז' טאקי תיכף ארויסצושיקען אויף ה' קלעצקינס ארדערע, און אויפ'ן בעטראג וויפיעל איהם קומט פון אייך אויף זיי. זאל ער מאכען נאכנאהמע. דער אופן, שיינט מיר, איז דער בעסטער. ווארום עס איז פשוט א שאד די צייט, וואס מוז דויערן ביז מיר וועלן דא אייער תשובה אויף דעם בריעף בעקומען, און ביז מיר וועלן אויף אייער תשובה אייך דאס געלד צושיקען א. א. וו.

פאללס אבער איהר מוזט דערצו בכל אופן, האבען עטליכע רובל, מוזט

איהר זיך א עצה געבען, די עטליכע רובעל — מיין איך, דאָלאר — צו בעקו־מען בגמילות חסד ביי א גוטען ברודער. און אויף די איבריגע סומע מאכט אַ נאכנ׳ אויף די עקז׳, וואָס איהר שיקט ארויס צו קלעצקין.

איך האָב אין ניו־יאָרק א גוטען און זעהר ליעבענסווירדיגען פריינד, איהר קענט איהם געוויס. ער הייסט ישראל זעווין, ער וואָהנט, ווי איך בין משער, נישט ווייט פון אייך, נעמליך:

1044 Bryant Ave., Bronx.

געהט אריין צו איהם, גיעט איהם אָב ערסטענס אַ האַרציגען גרוס פון מיר, בע־ווייזט איהם דעם גאנצען בריעף וואָס איך שרייב דאָ איצט צו אייך. ער איז זעהר א גוטער מענש. פרעגט ביי איהם א עצה, ווי אזוי צו טהון, איהר זאָלט קענען ארויסשיקען די עקז׳ תיכף, נישט ווארטען ביז ה׳ קלעצקין וועט אייך דעם אוואנס ארויסשיקען. זאָגט איהם, אז איך בעט איהם זעהר, ער זאָל אייך, אַזוי ווי אזוי, שאַפען די מעגליכקייט די עקז׳ זאָלן ארויסגעשיקט ווערן וואָס פריהער. אפשר וועט ער וועלן אויסלעגען דאָס געלד, וואָס איהר ברויכט פיר׳ן דרוקער און אויף די סוממע וואָס ער וועט פאָרלעגען, זאָל ער מאכען א נאכ־נאהמע? מיינער זייטע פערזיכער איך איהם, אַז תיכף ווי די זענדונג וועט אָנקומען קיין ווילנא וועט די נאכנ׳ אויסגעקויפט ווערן.

נאָך עפּיס וויל איך אייך אויפמערקזאם מאכען, איהר זענט נישט מחויב צו שיקען די זעמטליכע עקז׳ ביז׳ן לעצטען. אַ הונדערט, אָדער עטוואָס מעהר, קענט איהר לאָזען פיר אמעריקאנער פערקויף. פאר אייראָפּא אָבער, נעהמט ה׳ קלעצקין אויס א תנאי מיט אייך: נישט צו פערקויפען מעהר, חוץ זיין פערלאג, נישט איין עקז׳ אַפילו. געדענקט עס! קוים וועט צענטראל, למשל, האָבען אַ געוויסע צאָהל עקז׳, וועט צענטראל פערקויפען דיזעלבע פאר האלב אומזיסט, אום, צוליעב קאָנקורענץ, דעם פערלאג קלעצקין צו שאדען. געדענקט עס, דאָס איז זעהר וויכטיג פיר דעם ערפאָלג פון קלעצקינס אונטערנעהמונגען.

איך בעט אייך, גיעט איבער א הערצליכען און א ברידערליכען גרוס אייער חבר מאני לייב׳ן. איך בין פון זיין מענשליכער און ברידערליכער גוטסקייט ביז צו טרעהרען געריהרט. זאָגט איהם, אַז איך ווינש זיך, אז ירבו כמותו בישראל. און זייט מיר ביידע געזונד און שטארק אייער י׳ דינעזאָהן.

ש. אַנ־סקי ביים קראַנקענבעט פון יעקב דינעזאָהן
פון דער „אילוסטרירטער וועלט“, ווארשא.

ש. ניגער.

דינעזאָהן דער בריפנשרייבער.

אין די לעצטע יאָרען האָט דינעזאָהן ווייניג געשריבען, נאָך וועניגער געדרוקט. מיט די ווערק פון אנדערע האָט ער זיך אָפּגעגעבען מער, ווי מיט זיינע אייגענע ווערק, מיט ליטעראַטען — מער, ווי מיט ליטעראַטור: קוים וואָס מען פלעגט ארויסבאקומען ביי אים א קאַפּיטעל זכרונות...

און אפשר טאקע דערפאַר האָט ער אָנגעוואָרען דעם חשק צו שרייבען, ווייל מען פלעגט זיך ווענדען צו אים נאָר נאָך עראינערונגען. ער האָט נישט געוואָלט קוקען אויף זיך, ווי אויף אזא, וואָס האָט שוין זיינס אָפּגעטאָן. עס האָט זיך אים נישט געגלוסט איננאַנצען זיך אָפּגעבען דער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט געוואוסט, אז הינטער זיך קוקט דער, וואָס ווערט באַלד, ווי לוט'ס ווייב, ווערען אייביג פאַרגליווערט. דער קליינער גרויער אלטינקער האָט נאָך געהאַט א צוטרוי און א ליבשאפט צום לעבען.

ער איז דאָך געשטאַנען נאָהענט צו א הייסען לעבענסקוואַל — צו פּרץ'ען. ער האָט זיך אזוי אָנגעזאָפּט מיט זיין פריינד'ס זודיגען לעבנסאָטעם. דער אומרוהיגער פּרץ־שטראָם האָט פאַרכאַפּט אויך אים, דעם געלאַסענעם, און ער וואָלט נישט געקאָנט אוועק פון לעבען, ווען ער וואָלט עס אפילו וועלען. ער האָט געמוזט האַלטען — אויב נישט טראָגען — אין די הענט פּרץ'ס פאָן, וועלכע איז אין מיטען העלען פלאַטערן פאַרגליווערט געוואָרען... איז ער געוואָרען א כלל־טוער, א „פּירער", א „פאָרשטעהער"... ער האָט גענומען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון י. ל. פּרץ אין לעבען, לאָזענדיג פריי זיין אָרט אויבענאָן אין דער ליטעראַטור... אין פּרצ'ס לופט האָט ער זיך אליין אפשר דערפיהלט צו אויסגעוואַקסען, אז ער זאָל קאָנען אויף זיך ארויפציהען צוריק די ליבע קינדערשע בגדים פון זיין אמאָליגען שאַפען...

און דער גרויסער עולם אין וואַרשע האָט מיט גרויס טומעל געפירט אויפ'ן בית עולם דינעזאָהנ'ען, „דעם טאַטען פון די קינדערהיימען", דינעזאָהנ'ען דעם אדרעסאַט פון כל'ערליי אמעריקאַנער געלדער, דינעזאָהנ'ען דעם כלל־טוער, אָבער נים דעם שרייבער דינעזאָהן, נים דעם שטילען פאַרפאַסער פון די שטיל און ברייט צעגאָסענע ערציילונגען — פון א קינד דערציילט פאַר קינדער: פון א פאָלקקינד פאַר פאָלקקינדער... אז דינעזאָהן איז א שרייבער האָט דער עולם גאָר אזוי ווי פאַרגעסען.

אָבער אין אים איז די ליבשאַפט צו דער פּען, וואָס איז ביי אים געווען א געבוירענע זאַך, נים אויסגעלאָשען געוואָרען. ווי יעדע לעבע־

דינע ענערגיע, האָט זי אינווענינג אין אים געגליהט — און געזוכט אַן אויסדרוק.

אָט דעם דערלייזונגס־אויסדרוק האָט זי געפונען אין די לאַנגע גע־מיטליכע בריוו, וואָס ער פלעגט אָפט אַזוי שרייבען צו זיינע פריינט און באַקאַנטע.

די בריוו זענען געווען פאַר אים אַ במקום ליטעראַטור: פלעגט ער זיך זעצען ענטפערען אויף עפּעס אַ בקשה פון אַ פריינד אָדער אפילו גאָר פון אַ ווילדפרעמדען, פלעגט אויפוואַכען, אויפציטערען אין די פינגער — און אין דער נשמה — ביי אים די אַלטע שרייבלוסט, די ניט געשטילטע יוגענד־ליבע — און ער פלעגט זיך נישט קאָנען אָפּרייסען פון דער פען, פון דעם פּאַפּיר. ווי אַ קליינשטעטעלדיגער סופר, פלעגט ער זיצען אין זיין האַלב־טונקעלען אַלט־בחור'שען צימער אויף דיעלנאַ 15 — און שרייבען, שרייבען, שרייבען מיט דער שטילער, געלאַסענער ניט־איילינגער פען. צענדליגער זייטלעך, געשריבען מיט אַ ברייטען, ניט געקאַרגטען, אָבער גאַנץ געדיכטען כתב, פלעגען פאַרנעמען אָפט די בריוו זיינע. און פונקט ווי אין די מינדליכע געשפּרעכען מיט אים פלעגט איר פיהלען אָפט זיין צו פריה אַנטשוויגען־געוואָרענעם דערציילער־טאַלענט און זיין נישט באַפרידיגטע, ווייל נישט פאַרקערפּערטע דיכטער־פאַנטאַזיע (ער פלעגט אָפט דערציילען זאַכען, געשפּונען פון זיין כח הדמיון) — אַזוי שפּירט זיך אין די בריוו ביי אים דאָס אַרויסשפּאַרען פון זיין ניט־געזעטיגטער שרייב־גלוסטונג. דער גאַנצער סענטימענטאַליזם פון די ניט דערשרי־בענע ראָמאַנען, אַלע זיסע זאַכען, אַלע צערטליכקייטען פון די ניט אוועק־געשיקטע חתן־בריוו, אַלע טרייקייטען פון אַ מענשען, וואָס האָט אַ נאַ־טירליכע באַדערפניש צו זיין טריי עמיצען און איבערגעגעבען — זענען אַריבערגעגאָסען געוואָרען אין די בריוו.

זיינע בריוו — דאָס איז זיין ל י ט ע ר אַ ר י ש ש אַ פ ע ן אין דעם לעצטען פּעריאָד פון זיין לעבען. צווישען זיינע בריוו און די אַמאָ־ליגע ווערק זיינע איז ניטאָ כמעט קיין אונטערשיד. ביי שלום עליכמ'ען — אָט דעם קלאַסישען בריפנשרייבער — זענען די בריוו אָפט קונציגער, געשליפענער און קאָנצענטרירטער, ווי זיינע ווערק; ביי דינעזאָהנ'ען — דעם צווייטען בריפנשרייבער אין דער אידישער ליטעראַטור נאָך שלום עליכמ'ען — שטעהען די בריוו אויף איין מדרגה מיט די ווערק. אז איך פלעג באַקומען פון אים אַמאָל אַ פולען קאָנווערט מיט אַ צען־פופצען בויגעלעך פּאַפּיר מיט אַ צושריפט צום סוף, אז ער האָט היינטיגס מאָל גראָד נישט געקאָנט שרייבען אויספירליך: איך זאָל קיין פאַראיבעל נישט האָבען אויף איהם — פלעגט זיך מיר דוכטען, אַז עס ליגט פאַר מיר אָפען „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק", און בילדער פון די אינגעל־שע יאָרען פלעגען אויפשטעהן אין זכרון. דעריבער בין איך זיכער, אַז ווען די הונדערטער בריוו זיינע וועלען אויפגעקליבען ווערען, וועלען אָט די דיקע בענד זיך באַהעפטען ברידערליך מיט די בענד זכרונות און אויף

מיט די יונגענד־ווערק זיינע. די ברייטקייט, די גלאַסענקייט, דאָס הרחבת־הדעת און די נאַאיווע פּאָלקטימליכע, מיט משכיל׳ישער מליצה׳־דיגקייט פּאַרפּוצטע, נאַטירליכקייט פון דער מיטטיילונגס־גאָב, מיט וועל־כער עס זענען געבענטשט זיינע ווערק, איז פאַראַן אויך אין זיינע בריף. אויך אין זיי איז דאָס צ ע ג י ס ע ן ־ ז י ך — אַ צעגיסען־זיך פון אַ קוואַל, וואָס איז נישט גענוג טיף, אָבער נישט פון אַ פלאַכען געפעס־לאָזען וואַסער. דאָס איז דאָס פּאַסיווע איבערגעבען זיך דעם פּאַרלאַנג „אויסצוגיסען דאָס הארץ", דאָס זענען די ניין מאָס פּרויענהאַפּטינקייט, וואָס זענען געווען אין דעם גאַנצען לעבען און דעם גאַנצען שאַפען דינע־זאָהנ׳ס.

דינעזאָהנ׳ס בריף דאַרפען, אַלזאָ, געזאַמעלט ווערען ניט בלויז פון פּיעטעט וועגען, נאָר אויך פון וועגען דער אייגענאַרטיגער ליטעראַרישער פּערזענליכקייט פון דעם געשטאָרבענעם שריפטשטעלער.

אָבער נישט נאָר צוליב דעם אליין.

איך האָב געזאָגט פריער, אַז צווישען די בריף און די ווערק דינע־זאָהנ׳ס איז ניטאָ קיין אונטערשיד. דאָס האָב איך גערעדט וועגען דעם ס ט י ל פון דינעזאָהנ׳ס בריף און ווערק; וואָס איז שייך אָבער צום ש ט אָ ף, איז דאָ צווישען זיי אַן אונטערשיד; דער שטאָף פון די ראָ־מאַנען און ערציילונגען דינעזאָהנ׳ס איז איצט שוין פּאַרעלטערט פּונקט אַזוי, ווי די פאָרם זייערע; אין די בריף איז אָבער דאָ אַ מאַטעריאַל, וואָס איז ביז איצט נאָך אַקטועל, ווייל ער איז פאַרבונדען מיט דעם לע־בען און שאַפען פון כמעט אַלע אידישע שרייבער, די אינגערע אַזוי גוט, ווי די עלטערע. די בריף זענען פאַר דעם לעבענסאָרשער פון פיל אידישע שרייבער פּונקט אַזוי וויכטיג און אינטערעסאַנט, ווי פאַר דעם ביאָגראַף פון דינעזאָהנ׳ען אַליין.

דער עיקר אָבער איז דאָס, וואָס די בריף, ווי די ווערק, דינעזאָהנ׳ס האָבען זייער אייגענעם ס ט י ל. און סטיל — דאָס איז אייגענאַרטיג געפורמטע מענשליכקייט. און אייגענאַרטיג געפורמטע מענשליכקייט איז אַ זאַך, וואָס ווערט קיינמאָל נישט פאַרעלטערט, מען דאַרף עס נאָר קאָנען געניסען.

די בריף, ווי די ווערק, פון יעקב דינעזאָהן קאָנען איצט געניסען, פון איין זייט, די גאָר פּרימיטיווע, פון דער אַנדער זייט — די זעהר ראַפּי־נירטע אידישע לעזער. די גאָר פּרימיטיווע געפינען אין אים ז י ך, די זעהר ראַפינירטע — אַ י ה ם.

נאָטיצען:

באָראָדולין:

וועגען דער ענציקלאָפעדיע אין אידיש.

זישאָ לאַנדוי:

נייע שטרעמונגען אין דער אידישער דיכטונג.

ר. אייזלאַנד:

וועגען מלך ראַוויטש.

ב. ריווקין:

די שוואַרצע מעסע.
(וועגען א. מ. דילאָנ׳ס „געלע בלעטער“.)

י. שטיינבוים:

די אידישע קינדער ליטעראַטור אין אַמעריקא.

אַ פּאָר ווערטער וועגען דער נייער „אלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע“ אין אידיש.

איך האָב ערהאלטען דעם „פּראָספּעקטוס“ פון דער אלגעמיינער אילוסטרירטער ענציקלאָפּעדיע“, וואָס ווערט ארויסגעגעבען אין אידיש פון דער „אהוועגס ענציקלאָפּעדיע, אינקאָרפּאָריימעד“ און וואָס איהר „סובסקריפּציאָנס פּרייז“ איז אַזוי פיל און אַזוי פיל דאָלאר, און איר „זאָנסטיגער פּרייז“ איז אַזוי פיל און אַזוי פיל דאָלאר. וואָס איז דאָס פּאָר אַ „זאָנסטיגער פּרייז“ — איז פאר מיר ניט אזוי קלאָר, איך רעכען אָבער, אַז ווען די ענציקלאָפּעדיע וועט ערשייבען, וועל איך אריינקוקען אויף דעם בוכשטאב „ז“, און דאן וועל איך שוין וויסען, וואָס דאָס איז אזוינס. אויף דעם איז עס דאָך אַן ענציקלאָפּעדיע, אז עס זאָל ערקלערען די באדייטונג פון אזעלכע טערקישע ווערטער.

די ענציקלאָפּעדיע, וואָס דארף מיט זיך פאָרשטעלען א ריזיג ווערק אין 10 בענד, 500 זייטען אַ באַנד“ איז „צוזאַמענגעשטעלט און רעדיזשירט פון דוד גאָלדבלאט מיט דער מיטווירקונג פון א גאנצער רייהע באַוואוסטע וויסענשאפטליכע שריפטשטעלער און געלערנטע פון אמעריקא און אייראָפּא“. ווער עס זייבען אָט די „באוואוסטע וויסענשאפטליכע שריפטשטעלער און געלערנטע“ איז ניט באוואוסט; זייערע נעמען זיינען ניט אָנגעגעבען. און דאָס איז זייער טריפה'־נער גליק, אנדערש וואָלטען זיי פון מיר געכאפּט א ווייסטען פּסק.

דער „פּראָספּעקטוס“ שטעלט מיט זיך פּאָר א בראָשורע פון א 30 זייטען. די ערשטע העלפט איז פארנומען מיט פארשידענע ערקלערונגען און באקאנטמאכונגען פארפאסט אין דעם סטיל און מיט דעם לשון פון די פּאָררעדעס צו די „העכסט אינטערעסאנטע ראָמאנען“ פון שייקעוויטש'עס צייטען. אָט האָט איהר א סעמפּעל:

„אין ניומארק איז מיט א פּאָר יאָר צוריק אָנגעקומען א זעהר געבילדעטער י ו ד פון סויט־אפריקא, מיט 22 קאסטענס מאטעריאל פאר אזא ענציקלאָפּעדיע, אויף וועלכער ער האָט געאַרבייט כמעט 30 יאָהר. אהער קומענדיג האָבען אים פילע שטעט אין ענגלאַנד און פראַנקרייך אויפגענומען בכבוד גדול, ווי אזא געלערנטען מאן פּאַסט.“

דאָס דאַרף מען, הפּנים, פארשטעהן אַזוי, אז קומענדיג אהער, קיין נויאָרק, האָט מען אים אויפגענומען „בכבוד גדול“ און פילע שטעט אין ענגלאנד און פראנקרייך. און איצטער ווייטער:

„אָט דער געלערנטער מאן איז א י ו ד, וואָס האָט איניגע טיטלען און שרייבט זיך גאַנץ איינפאַך דוד גאָלדבלאט.“

און ווייטער לאָזט מען אונז וויסען, אז ער האָט

„דאָ דערווייל געמאכט א לעבען פון לעקטשורען איבער פילאָלאָגישע און היסטאָרישע פראגען“...

און

„...צוגלייכע צייט האָט ער אָפּגעדרוקט מערערע זעהר באלערענדע און אינטערעסאנטע ארטיקלען אין „טאגעבלאט“, אין „אידישען קעמפער“ און אין „טאָג“, מיט וועלכע ער האָט זיך קונה שם געווען אין דער אַמעריקאַנער אידישער לעזער וועלט פון אלע פּארטייען.“

הכלל — דער מאן, וואָס האָט „איניגע טיטלען און שרייבט זיך גאַנץ איינפאַך דוד גאָלדבלאט“ איז ניט אומזיסט אהערגעקומען אזש פון סויט אפריקא.

דערנאָך געהען עטליכע זייטלעך, וואָס זיינען פארנומען מיט „הסכמות פון גאונים, פילאָזאָפען, פּראָפעסאָרען, נאטורפאָרשער“. איניגע פון די אָנגעגעבענע נעמען קלינגען מער אָדער ווייניגער באקאנט, אָבער ווער זיי זיינען האָב איך זיך דערוואוסט ערשט איצטער, ווען זיי האָבען געגעבען זייערע הסכמות אויף אזא, איר זאָלט מיר מוחל זיין, „ענציקלאָפּעדיע“.

די צווייטע העלפט פון דעם „פּראָספּעקטוס“ שטעלט מיט זיך פּאָר אַ פּראָבע פון

די ערשטע 15 זייטלעך פון דער ענציקלאָפּעדיע. ביי געוויינליכע באַדינגונגען זיינען 15 זייטלעך ניט גענוג אָפּצושאַצן אַ ווערק, וואָס אַנטהאַלט 5,000 זייטן. אָבער אָט די 15 זייטלעך זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש, אַז מען קאָן פון זיי האָבען אַ פולקאָמענעם באַגריף וועגען דעם, מיט וואָס פאַר אַ „ווערק" מיר האָבען דאָ צו טאָן.

ווען מען בלעטערט איבער אָט די זייטלעך וואַרפט זיך פריהער פון אַלץ אין די אויגען, אַז די זייטלעך זיינען זעהר קליינע, צו קליין פאַר אַזאַ ערנסט ווערק, ווי אַן ענציקלאָפּעדיע האָט געדאַרפט זיין, און דערצו זיינען די זייטלעך געדרוקט שוין צו שפּאָרעוודיג. דער טעקסט איז באַגלייט מיט אילוסטראַציעס, וואָס זיינען אייגענטליך רעפּראָדוקציעס פון אַלטע גראַווירעס, וועלכע מען באַגעגנט ניט אין וויסענשאַפטליכע ביכער שוין העכער ווי אַ פערטעל יאָרהונדערט. און אַזוי ווי די זייטלעך זיינען זעהר קליינע קומען די אילוסטראַציעס אויס צו גרויס און פאַרנעמען פּראָפּאָרציאָנעל צופיעל פּלאַץ. איינציגע אילוסטראַציעס זיינען אַזעלכע, וואָס מען וואָלט זיך זעהר לייכט געקאָנט באַגעהן אָהן זיי. דאָס וואָרט „אאָדע" (אַ געטין) צ. ב. איז באַגלייט מיט אַ פיגור פון אַ נאַקעטער פרויענצימער, אָהן וועלכער מען וואָלט זיך לייכט געקאָנט באַגעהן און וועלכע איז געגען די עלעמענטאַרסטע געפיהלען פון באַשיידענהייט. די געשטאַלטען פון נאַקעטע פרויען קאָן מען זיך ערלויבען צו דרוקען נאָר דאָרטען, וואו דאָס איז אַבסאָלוט נויטיג, דאָ אָבער איז עס דורכאויס איבריג. דער איינציגער מאָטיוו, וואָס קאָן באַרעכטיגען אָט די פיגור אויף אָט דעם אָרט, איז, וואָס עס פאַרנעמט אַ האַלבען קאָלום, וואָס וואָלט אַנדעריש געדאַרפט אָנגעפילט ווערען מיט טעקסט, און וואָס זי איז סענזאַציאָנעל און ציהט אויפמערקזאַמקייט... אַ צווייטע פיגור, וואָס אילוסטרירט דעם טערמין „אאָרטאַ קאָמפּרעסיאָן", איז אַזאַ, פון וועלכער מען וואָלט מיט אַ לייכטען געוויסען געקאָנט אָפּקראַצען אַ געוויסען שטיקעל צוליב דעמזעלבען געפיהל פון באַשיידענהייט.

נאָך אַ זאַך, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגען, איז, וואָס ביי דעם צוזאַמענשטעלער פון אָט דעם „ווערק" פעהלט דער געפיהל פון מאָס און פּראָפּאָרציע. אַזאַ וואָרט, ווי „אאַל" (אַ פיש אַזאַ) פאַרנעמט ביי אים קאַרגע פיר קאָלומס, און דאָס וואָרט „אאָזע" (אָאַזיס) פאַרנעמט איין קאָלום מיט דריי פערטעל. איך האָב אַבזיכטליך אַ קוק געטאָן אין דער ענגלישער „אינטערנאַציאָנאַלער ענציקלאָפּעדיע", אַ ווערק פון 23 בענדער צו 16 הונדערט קאָלומס אין אַ באַנד, און דאָרטען פאַרנעמט דאָס וואָרט „אאַזיס" איין פערטעל פון אַ קאָלום. אויב אַלע ווערטער, וואָס האָבען אַן אַנאַלאָגישע באַדייטונג, זאָל אָפּגעגעבען ווערען דיזעלבע מאָס פּלאַץ, טאָ ווי אַזוי וועט ער קאָנען אַרומרעדען די אַלע ווערטער, וואָס דאַרפען אַריינגענומען ווערען אין אַן ענציקלאָפּעדיע, ווי צוזאַמענגעפּרעסט זי זאָל ניט זיין?

דאָס איז דער אַלגעמיינער איינדרוק פון אַן אויבערפלעכליכען איבערבליק. נאָך ערגער ווערט די לאַגע, ווען מען קוקט אַריין אינעווייניג, אין די שורות אַריין.

ערשטענס איז די שפּראַך דאָ אַ שווער דייטשמערישע און ערטערווייז איינפאַך בעזגראַמאַטנע. איר באַגעגנט איינפאַך אַזעלכע ווערטער, ווי „עוראָפּאַ", „אוואואהין", „צערשניטען", „הערץ", „גאַטונג", א. א. וו. מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז דאָ האָבען מיר צו טאָן ניט מיט קיין צופעליגען אַרטיקעל אין אַ צייטונג אָדער זשורנאַל, נאָר מיט אַן ענציקלאָפּעדיע, וואו יעדער זאַץ, יעדעס וואָרט באַזונדער מוז זיין אַ מוסטער פון דער שפּראַך. אָבער, — ווי זאָגט מען — אַלע שיסטער געהען באָרוויס, און איינער, וואָס האָט געלעקטשורט איבער פילאָלאָגי, איז דאָך ניט מחויב צו קענען אַ שפּראַך פאַר איינגענעם געברויך.

אָבער נאָך ערגער פון דער שפּראַך איז דער אינהאַלט. דאָ האָט די אומוויסענהייט פון דעם אַפריקאַנער „צוזאַמענשטעלער" דערגרייכט איר העכסטע מדרגה.

רעדענדיג וועגען אַ געוויסען טייך זאָגט ער, אַז ער פאַלט אַריין אין „דעם דייטשען אָקעאַן". דאָס וואָלט אפשר געווען אי גוט, אי שעהן, אי פיין, ווען... ווען אַזאַ אָקעאַן זאָל ערגעץ ווירקליך עקזיסטירען אויף דער ערד. עס איז אמת, אַז די לעצטע מלחמה האָט אַריינגעבראַכט געוויסע ענדערונגען אין דער געאָגראַפי, אָבער די ענדערונגען זיינען דאָך געמאַכט געוואָרען אין דער פּאָליטישער, און ניט אין דער פיזישער געאָגראַפי. טאָ וואו זשע געפינט זיך אָט דער זעקסטער, „דייטשער" אָקעאַן?

ערקלערענדיג דאָס וואָרט „אאַרגלעטשער" זאָגט ער, אַז דאָס זיינען „צוויי אייז־בערג

אין די בערנער אלפּען, וועלכע"... א. א. וו. איך ווייס, אַז די אייז־בערג, וואָס פאַרמירען זיך אויף דעם ארקטישען אָקעאַן, פאַרשווימען מאנכעס מאָל אזוי ווייט אויף דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן, אַז שיפען, וואָס שווימען צווישען אייראָפּא און אמעריקא, זוינען אין געפאַר אָן זיי זיך אָנצושטויסען. די שיף „טיטאַניק" איז אומגעקומען אָנשטויסענדיג זיך אָן אַזאַ אייז־באַרג. אָבער אַז צוויי אייז־בערג זאָלען פאַרקריכען אַזש אויף די בערנער אלפּען, דאָס איז פאַר מיר ווירקליך אַן איבעראַשענדע נייעס. איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסען, דורך וועלכען טייך, אָדער דורך וואַסער אָן אַנדער וועג אָט די צוויי אייז־בערג האָבען זיך אַהין פאַרקליבען.

אָבער שענער פון אַלץ זיינען די דערקלערונגען, וואָס זיינען אָנגעגעבען געוואָרען אין פאַרבינדונג מיט דעם וואָרט „ואַל" (אַזאַ פיש). דאָרטען זיינען פאַראַן אַ סך פערלען, אָבער מער כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגענדער זאַץ:

„דער עלעקטרישער ואַל האָט אַן עלעקטרישען שטראָם, וואָס איז שטאַרק גענוג צו הרג'ענען 10 פערד מיט איינמאָל."

אַזוי בפירוש שטעהט דאָרטען אָפּגעדרוקט שוואַרץ אויף ווייס.

איך רעד שוין ניט וועגען דעם, וואָס אַן עלעקטרישער ואַל האָט איבערהויפּט ניט קיין עלעקטרישען שטראָם, נאָר אַן עלעקטרישע אָנשטרענגונג. אָבער דאָס בין איך אים מוחל. נאָך אַלעמען איז דאָך אַ „פילאָלאָג" ניט מחויב צו וויסען אַלע איינצעלהייטען וועגען עלעקטריציטעט. שעהן איז אָבער די באַהויפּטונג, אַז אַן עלעקטרישער ואַל קאָן הרג'ענען 10 פערד מיט איינמאָל.

עס איז אמת, אַז עס זיינען פאַראַן עלעקטרישע ואַלען, וואָס הרג'ענען קליינע פיש מיט זייער עלעקטריציטעט. עס זיינען זאָגאַר פאַראַן אַזעלכע מעכטיגע עלעקטרישע ואַלען, וואָס קאָנען מיט זייער עלעקטריציטעט פאַראַליזירען אַ מענשען אויף אַ קורצער ווילע, אָבער דערצו איז גאָר ניט נויטיג קיין גרויסע עלעקטרישע אָנשטרענגונג. און צו באַהויפּטען, אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע עלעקטרישע ואַלען, וואָס קאָנען מיט זייער עלעקטריציטעט הרג'ענען 10 פערד מיט אַמאָל, איז אזא אבסורד, ווי צו באַהויפּטען, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ קעראָסינענער לאָמפּ, וואָס קאָן באַלייכטען אַ גאַנצע שטאָט.

אויף איינעם פון די ערשטע זייטלעך פון דעם „פּראָספּעקטוס" ווערט ערקלערט, אַז בראש פון דעם פארלאַג, וואָס גיט אַרויס אָט די „ענציקלאָפּעדיע" זיינען: דוד גאָלדבלאַט, פּרעזידענט און דר. ק. פאָרענבערג, וויים־פּרעזידענט. במילא — הער דוד גאָלדבלאַט איז אַ „איד", וואָס קיינער קאָן אים ניט און קיינער ווייס אים ניט און קיינער קאָן פון אים ניט פאָדערען קיין דין וחשבון. אָבער דר. ק. פאָרענבערג איז ביי אונז אַ מענש מיט אַ נאָמען, און קיינער קאָן אין זיין וויסען ניט צווייפלען. ער האָט טאַקע געקאָנט האָבען געוויסע פינאַנציעלע פאַרבינדונגען מיט אָט דער „נאָבעלער" אונטערנעמונג, ער איז דאָך אָבער ניט געווען מחויב אַרויסצושטעלען זיין נאָמען כאָטש „ביזנעס איז ביזנעס". און אויב ער האָט זיין נאָמען יאָ אַרויסגעשטעלט, מוז ער אויך זיך נעמען די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם אינהאַלט פון אָט דער „ענציקלאָפּעדיע", וואָס איר „זאָנסטיגער פּרייז" איז אַזוי פיל און אַזוי פיל דאָלאַר.

ל. כאַראַדולין.

נייע שטרעמונגען אין דער אידישער דיכטונג.

דאָס שוין טויזענד מאָל ביז עקעל איבערגע'חזר'טעס. — מוז אַ דיכטער זיין אומבאַדינגט אויפריכטיג? מוז אַ דיכטער שאַפען בלויז פון דער טיפעניש פון זיין האַרצען, אַרויסברענגען בלויז זיין געמיטסצושטאַנד, זיין נשמה, און ווי די אַרומיגע וועלט שפּיגעלט זיך אָפּ אין איהם? פאַר וואָס זאָל ער ניט טאָרען עפּעס אַ זויג טאָן פון פינגער, פון מאַרך, אַ לעק טאָן פון דער פרעמד? פאַרשטעהט זיך, אַלץ דאַרף געטאָן ווערען מיט לייכטע פינגער, גענומען ווערען פון ניט צופיל באַקאַנטע קוואַלען, אַז ניט ווירקט עס ניט איבריג אָנגענעם.

די אויפגאַבע פון דעם דיכטער איז צו זיין אינטערעסאַנט, ער דאַרף פאַראינטריגירען. ווי אַזוי ער זאָל דאָס דערגרייכען, דאָס דאַרף אונז ניט אַרען. יעדער — לויט זיינע כוחות.

אויב איר ווילט דאַווקע די נשמה פון דעם דיכטער, זייט איר גרויט הונדערט און צוואַנציג יאָר נאָכאַנאַנד צו שטעהן מיט אויסגעשפּיצטע אויערען און איינזאַפּען אין

זיך, למשל, יעדען געמיטסצושטאַנד פון אייער קנעכט, דעם זוהן פון אייער דינסטמויד? איר וועט שטאַרבען פון לאַנגווייליגקייט, רבותי, איך — זיכער. זאָל ער בעסער עפּעס צוטראַכטען, פאַרטראַכטען, אויסטראַכטען, דערלאַנגען עפּעס אויסטערליכעס, וואָס זאָל ווירקען אויף אונזערע נערווען, ווי אַ איטאַליעניש געקעכטס אויף אונזער אידישען גומען, זאָל ער זיך אָפּפאַרבען די האָר אויף גרין, ווי באָדלער, זאָל ער מיסטיפיצירען זיך און די אַרומיגע וועלט, ווי פּאָו, וואָרים אַלץ איז ערלויבט אין קאַמף מיט'ן שונא פון דער מענשהייט — מיט דער לאַנגווייליגקייט.

אָסקאַר ווײַלד איז פּאָזאַ אין ד ע ק ר אַ פּ ו נ ד י ס ווי אין די פריהערדיגע זאַכען זיינע; אָבער אַ נייעם געביט פּאַראיניטריגירט עס. פּרץ איז געבליבען אין תוך דער זעלבער משכיל אין זיינע לעצטע יאָרען ווי אין זיין יוגענד, (זעה, צום ביישפּיל, זיינע בריף וועגען טעאַטער, אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט צו ישראל דער יענקי, פאַרעפענטליכט מיט אַ צייט צוריק אין דעם ניו יאָרקער טאַגעבלאַט) אָבער ער האָט זיך געוואָרפען אויף אַלע זייטען, נאָכגעגאַנגען דער לעצטער מאָדע, איינגעזאַפּט, ריכטיגער, געקליידט זיך לויט'ן לעצטען שניט און דערגרייכט דאָס העכסטע — געגאַנגען מיט'ן שטראָם.

פאַר מענשען, נו, פאַר מיר און אייך, איז דאָס וויכטיגסטע אין לעבען ניט אָפּצושטעהן פון דער צייט, קאָנען מיטגעהן מיט'ן שטראָם, בלויז קינדער, נאַראָנים, געטער, זשעניען, טאַלאַנטלאָזיגקייט און העלדען פון איבסען'ס דראַמען קאָנען דעקלאַמירען וועגען דער העלדישקייט פון געהן געגען שטראָם. אומנויטיגע צו קאָסטבאַרע עקספּערימענטען.

מיר דאַרפען זיין ליכט און דערבוי געדענקען, אַז יעדע נייע ריכטונג, שולע, מאָדע, קומט פאַרברייטערען דעם קרייז די ליטעראַטור און ניט שמעלער מאַכען, ווען אפילו יעדע נייע ערשיינונג האָט אין פּרינציפּ פון ווערען אַ טענדענץ צו פאַרלייקענען אַלץ פריהערדיגעס.

דער בעסטער מיטעל צו אורטיילען צי אַ נייע ריכטונג וועט פאַרבלייבען, אָדער עס איז בלויז אַ פאַראיבערגעהענדיגע ערשיינונג, איז די מאָס, אויף וויפיל זי האָט אומפאַנירט די מענשען, וואָס שלעפען זיך נאָך נאָך דער ליטעראַטור. די דאָזיגע ליוט זענען ווי די לייכטע בלעטער פון ביימער וואָס בויגען זיך אין דער ריכטונג פון דעם טינדעסטען ווינטעל.

די טענדענץ פון די דיכטער, וואָס זענען ערשינען אין די יאָרען 9—1906 איז געווען די קינסטלערישע פולקאָמענהייט און דער פערזענליכער קולט. די שטאַרקסטע טענער אין דער ריכטונג האָבען גראָד גענומען די, וואָס האָבען מיט אַ צייט פריהער נאָכגעצימבעלט די אַלטע קלעזמער. מייז זענען די ערשטע צו פאַרלאָזען אַ שיף ווען זי איז אין געפאהר, און קומט די שיף אַרויס פון געפאהר, ווער קוקט זיך אויף זיי דאַמאָלט אַרום?

נייע טענער האָבען זיך לעצטענס געלאָזט הערען אין דער אידישער פּאָעזיע.*) שווער נאָך צו באַשטימען, וואָס זיי ברענגען מיט זיך מיט, וואָס אייגענטליך איז דאָס נייע, וואָס זיי שטעלען פאָר, כאָטש עס איז קיין צווייפעל ניט אַז עפּעס נייעס ברענגען זיי מיט מיט זיך. אויסערליך איז עס דער ווערזליבר, וואָס פאַרבינדט די נייע דיכטער, וואָס האַלטען ערשט אין אויסאַרבייטען זייער פיזיאָנאָמיע. דאָס אליין איז שוין אַ גרויס געווינס: אונזער דיכטונג ווערט רייכער אין פאָרמען, ווערט ברייטער. דאָס איבריגע וועט אודאי שפּעטער קומען און ווען אפילו ניט — איז חית שעה אויך גוט. וואָס דאגה'ענען וועגען שפּעטער?

דערצו קומט דער אומשטאַנד, וואָס פון אונזערע עלטערע דיכטער האָבען מיר שוין קיין נייעס ניט צו ערוואַרטען. ראָלניק, לייוויק, מאַני לייב, האַלפּערין, אייזלאַנד, זישא לאַנדוי, שרייבען שוין אין דער ברייט און ניט אין דער טיף. זיי שרייבען איצט שענער, פולקאָמענער ווי אַמאָל, אָבער זיי האָבען שוין זייער פיזיאָנאָמיע, קאָנען שוין אונז ניט איבערראַשען.

אָפּשטעלען זיך באַזונדער אויף יעדען איינעם פון דער גרופּע יונגע דיכטער, אויף גלאַטשטיינען, מינקאָוו'ן, קורץ'ן, קאַלושינער'ן, לואיס'ן, מיכל ליכט'ן און די איבריגע, וואָס האָבען זיך לעצטענס באַוויזען אויף די שפּאַלטען פון דער „פּאָעזיע“, „פעדער“ און „צווייג“, איז נאָך צו פריה. פון

---

*)זעה די מאַטאַטשריפטען „פּאָעזיע“ (4 נומערן) „די פעדער“ (7 נומערן) און „די צווייג“ (4 נומערן).

דעם ביכעל וואָס איז פון זיי ערשינען, איז שווער צו כאַפּען זייער פיזיאָנאָמיע. אָבער די מייסטע לידער זייערע וועהען מיט פרישקייט, מיט יוגענד און אויף זייער פאַרדינסט קאָן שוין צוגעשריבען ווערען דאָס, וואָס זיי האָבען אריינגעבראַכט נייע פאָרמען אין דער אידישער פּאָעזיע.

אז דער ווערז ליבר איז געקומען צו פאַרבלייבען, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס פילע, וואָס האָבען מיט גרויס חשק געטרוימיטערט ביי די אַלטע קלעזמער, זענען ממש דער אוואַנגאַרד אין דעם ווערז ליבר כאָר. — לעיעלעס, שוויד און לוצקי, מאַרשירען פּאָראויס. לוצקי איז שוין אזוי מאָדערן, אז זיין ליד אין 6—7 נומער „פּעדער“, מאכט דעם איינדרוק פון פּאַראָדיע.

און אז פּאַראָדיע איז וואָס?

זענען דען זיינע ערנסטע לידער בעסער? איר דאַרפט דאָס אונבאַדינגט ער זאָל אנטפּלעקען פאר אייך זיין נשמה? וואָס אנבאַלאַנגט מיר, איז מיר ליבערשט, אז אויב א מענש דאַרף שוין פּראָפאַנירען, זאָל ער שוין בעסער פּראָפּאַנירען א נייע פאָרם, א נייע שטרעמונג, איידער אייגען האַרץ, נשמה און געפיהלען.

זישאָ לאַנדוי.

וועגען מלך ראַוויטש.

עס איז שווער זיך אריינצולעבען אין מלך ראַוויטש. ווייל צווישען אים און אונז שטעהט ווי א מחוצה זיין שפּראַך. דאָס איז א שלעכטע שפּראַך, אָפטמאָל א שוידערליכע ווי ביי אלע גאַליצישע פּאָעטען. עפּעס פאַרמאָגען זיי אלע אזעלכע אויסדרוקען און ווערטער, וואָס זענען ניט אידיש, ניט דייטש, און ניט אפילו דייטשמעריש, נאָר א מין פּאָעטישער זשאַרגאָן. צו דעם קומען נאָך צו לאָקאַליזמען, העבראַיזמען און סלאַוויזמען, וואָס גרילצען אין אויער און פאַרדאַרבען אונז די פיינסטע עמפינדונגען.

די אנדערע, אפילו די טאַלאַנטירטסטע, (און עטליכע פון זיי זענען אמת באַגאַבטע) פון אונזערע גאַליצישע קאָלעגען, ווערען אָפטמאָל אין גאַנצען צודריקט אונטער דער לאַסט פון זייער אומגליקליכער שפּראַך. אָבער דאָס וואָס ווירקט אויף די אנדערע ווי א דריקענדיגע שווערע און שעדליכע משא, ווערט ביי ראַוויטש'ן בלויז פאַרוואַנדעלט אין א וואַנט. א דיקע וואַנט, וואָס טיילט אים אָפּ פון אונז. קוים אָבער געלינגט אונז דורכצוברעכען די וואַנט, דערזעהען מיר מיט א מאָל א גרויס ליכט, א העל ליכט, וואָס איז נאָר מעגליך אין דעם קעניגרייך פון דעם גרויסען דיכטער. און דאָס ליכט פירט אונז און מיר ווערען אזוי מיטגעריסען, אז מיר באַמערקען מער ניט די שטיינער אויפ'ן וועג, און מיר פאַרגעסען אן דער שלעכטער שפּראַך אין אלע אירע לעכערליכקייטען. ווייל צוזאַמען מיט'ן דיכטער ווערען מיר דערהויבען איבער זיי. און צוזאַמען מיט אים שוועבען מיר אין זיין גרויסער אומענדליכער וועלט.

דער וואונדערליכער מלך ראַוויטש! דאָס איז א דיכטער פון גרויסען שניט, פון גאָר גרויסען שניט. איינער פון יענע וואָס שטעהען מיט ביידע פיס פעסט אויף דער ערד און מיט'ן קאָפּ אין די הויכע הימלען.

צוויי מאָגערע ביכלעך האָבען מיר די טעג באַקומען פון אים. א זאַמלונג לירישע לידער „רוּאינענגראָז“ און א פּאָעטישער פּרוּאוו „שפּינאָזא“. צוויי מאָגערע ביכלעך, וואָס שטעלען מיט זיך פאָר איין גרויס וואונדער. א וואונדער, וואָס מיר זעהען, אָבער וואָס מיר קאָנען ניט דערקלערען. מיר קאָנען נאָר נתפעל ווערען.

מיר ווערען נתפעל פון דעם דיכטער, וואָס באַגריף ווערט ביי אים פאַרוואַנדעלט אין עמפּינדונג, עמפּינדונג אין געדאַנק און אלץ דערהויבט זיך צו דער הויך און דער טיף פון הייליגען גלויבען:

„חכמה, געטליך וואָרט, הימלישע אוממעגליכקייט,
באַהאַלט נישט אזוי אומעטיג פאר מיר דיין פּנים.
הימלישע אוממעגליכקייט, זעה מעגליך איז דער זין פון מיינע רייד:
כ'וויל זיין דער מינדסטער נאר דאָ אונטער די נאַראָנים.

„חכמה, געטליך וואָרט, רוהיגע אוממעגליכקייט,
אז איך האָב איינמאָל שוין דיין רוה געפונען,
רוהיגע אוממעגליכקייט, וועל איך מיך נאָכציהען נאָך דיין בלויען קלייד
צום גוטסקייט־ברונען, רוהע־ברונען, צו דיין ברונען...“

מיר ווערען נתפעל פון דעם דיכטער, ביי וועמען דער אבסטראקטער באגריף ווערט אזוי פארזינליכט און פארבילדליכט, אַז ער נעמט אָן די פאָרם פון בלוט און פלייש:

„מיט צעהן פאַר הענט, מיט האמערס, העק און זעגען,
איז דיין ווילען געגאנגען פאָראויס אויף די וועגען,
פון דיין פאַראייניזאמט לעבען.

„געצייכענט איז געווען דער ווייטער גאַנג.

געדאַנק
האָט געטראָגען די פאקעל.

מיט צעהן פאַר הענט, מיט האמערס, העק און זעגען,
געגאַנגען איז דער ווילען דעם ציל אנטקעגען,
זיכער ווי דער זומערדיגער פולער רעגען"
(שפינאָזא, דער טויט 1)

„— — — — און די קרעאטור
האָט מיט גלייכע שורות, ווי דאָס הרייעק קלאָר,
איר לעבענס וועג געהאט געצייכענט, —
(שפינאָזא, דער טויט, 2)

און ניט נאָר ווערען מיר נתפעל, נאָר אָפטמאָל בלייבען מיר שטעהן ענטציקטע פאר אַ בילד, וואָס איז פון שטיין אויסגעהאַקט מיט אַ פעסטער, זיכערער האַנט:

„די האקמעסערס ליגען גרייט,
דרייצאקיג און שארף,
די קלעצער טריפען נאָך פון נעכטיגען בלוט;

און היינט פארטאָג
ווען די בלאָהע הימעל־שטויב־שפּריי־עני־דיגע ראָסע
האָט יעדען מידען פארבייגעהער געקושט,
האָבען זיך אין שעכט־הויז די חלפים געגליטשט
איבער אויסגעשטרעקטע העלזער —
איבער אָדערען ווי באַרג־קוואַלען שוואַנ־גער מיט בלוט,
העלזער פון לעמער,
אומשולדיג, גרויסאויגיג און סאמעט פּוסיג..."
(רואינעגראַז, קצבים)

אָבער צו וואָס זיך אָפּשטעלען אויף אזעלכענע קלייניגקייטען, וואָס סוף כל סוף זענען זיי דאָך ניט מער ווי סמנים פון גרוי־סער מייסטערשאפט, ווען מיר ווערען נשתומם פון דעם גרויסען מענשען, וואָס קוקט ארוים פון די שאפונגען? פון דעם גרויסען מענשען, וואָס קאָן ווערען קליין ווי א וואָרים און גרויס ווי א נביא און אייביג מענשליך טיף און מענשליך גרויס.

פון איין זייט אזא היגעבונג ווי:

„...איך בין ווי די שטיינער אין די שטראָזענקען;
דריי פוס די לענג און איין פוס די פלאך
ווילסטו אפשר בויען א מקדש פאר פרי־דען,
א מקדש מיט טערעמער (טורעמס) שטילע ווי גייסט —
כ'בין דריי פוס די לענג און איין פוס די פלאך.
האק פון מיר א טרעפ צו דיין הייליגען געמאך..."
(רואינעגראָז, שטילע וויליגונג)

און פון דער צווייטער זייט אזא גע־וואגטער זעלבסטבאוואוסזיין ווי:

„באשערט איז מיר אפשר א לייכטער צו זיין,
א לייכטער פאר מיין דור,
א וועגווייזער אפשר, וואָס שטעהט אויף דעם וועג,
אויף דעם אומענדליכען וועג צו גאָט..."
(שפינאָזא, אָפּהענגיגקייט)

אָדער:

„כ'וועל בליהען אויפס ניי
אין דיין הייליגען נאָמען,
בוימייסטער פון גליקליכע וועלטען!"
(שפינאָזא, ניי לעבען)

און אין דערזעלבער צייט אזוי דערשלאָ־גען פארצווייפעלט, ווי:

„אוים לויטער יאוש בין איך געגאנגען צו דיר,
מיט רויטע פלעקען פון צער אין דעם פנים,
און כ'האָב מיר געקילט אין דער שויב פון דיין פענסטער
טיטען בייןנאכט.
(שפינאָזא, דערקענטעניש)

מיט ליבשאפט און דרך ארץ נעם איך
אַרונטער דעם הוט פאַר אַ אומגערן גרעסערען ברודער. אָבער איידער איך פארענדיג מוז איך נאָך ציטירען דעם גאַנצען סוף פון דעם נאָר וואָס דערמאָנטען ליד, וואָס איז אזוי וואונדערליך גרוים און אומענדליך שעהן:
„און דו האָסט אויפגעמאכט פריינדליך די טיר,
פייער געמאַכט און האָסט אַפיר
געגומען דעם וויין און דאָס ברויט
און אָנגעהויבען (ווי וויבער געזאנג איז
עס פון דיינע ווערטער געגאַן):
קדם פארגעס יונגער פריינד דעם טויט.
— — — — — — — — — —
„— קדם פארגעס יונגער פריינד דעם
טויט,
פו אוים די שיך, וואש די פים פון דעם
שטויב,
וויין אוים דעם צער פון דעם טרויער־
געדאנק.
און מאך דיך גרייט צום ווייטסטען גאנג.

„און אַז דו וועסט קומען אין גאַס אַרויס,
לאָז זיך דיר דאכטען, פארברענט איז
דיין הויז,
לאָז זיך דיר דאכטען, אז היינט
האָט דאָס לעצטע מאָל די זון אויפגעשיינט
און פרעה זיך מער מיט איר ליכט דערפאר.

„און אָטעם אריין דעם אויר פון שיין,
און געה אין דער וועלט, אין דער וועלט
אריין,
און געה אויף און אויך.

ר. אייזלאנד.

די „שווארצע מעסע".

(וועגען א. מ. דילאָנ'ס „געלע בלעטער"*)

דורכגעליטענט — שלעכט; דער מענש רעדט משונה. רעדט ער עס פון היץ צי פון אומבאהאָלפענקייט?

זיך אריינגעליעטט — און זיך אריינגעלעבט. איך פארשטעה און באַנעם. יעדע שורה רעדט צו מיר.

איצט ווען איך לייען — דערקען איך די ווערטער נים. אלע פארוואנדעלטע. אַלץ האָט אַ זין. און אלץ איז אויגס, איין גאנ־צעס. נים קיין אַכצען לידער, נאָר איין פאָעמא אין אכצען געזאַנגען, און די פאָעמא וועל איך רופען: די „שווארצע מעסע"!

אַ מענשען איז מיאוס און ענג געוואָ־רען די וועלט; ער האָט זיך געשטיקט און געוואָרגען מיט'ן לעבען.

איז ער געגאנגען און האָט פארקויפט די נשמה צום טייוועל כדי צו פאר'שכור'ען זיך מיט זיין אומגליק; כדי צו לאבען זיך מיט זיין פיין; כדי צו טאַנצען ביז וואנזין.

ער האלט אָפּ א קורצען גאָטעסדיענסט דעם טייוועל — אַ „שווארצע מעסע" — און באַצאָלט גלייך דעם פרייז: שטארבט. און ערשט ווען ער קומט טויטערהייט צוריק

פון קבר — געפינט ער אביסעלע גוטס אין־לעבען: — די טרערען פון זיין מאמען איבער אים, דעם געשטאָרבענעם:

„אוי מאַמע... דו ביזט דאָך מיין מאַמע! — שרייט ער אוים.

דער צער פון דער מאַמען — דער איינצי־גער טרייסט אין אַ לעבען, וואָס לאָזט זיך אַזוי לייכט צוגלייכען צום טויט, אין אַ וועלט, וואָס איז ווי אַ קבר.

דאָס איז דער קורצער אינהאַלט פון דער פאָעמא.

די זעקס ערשטע לידער זיינען דער אריינפאָר אין דער פאָעמא; זיי דערפירען ביז צום באַגעגעניש מיט'ן טייוועל; דעם טייוועל קריגט ער אַרוים פון זיך אַליין, — פון וואַנען דען זאָל ער אים אַרויסקריגען? ער רופט אים אַרויס פון זיך, ווען ער הערט אויף צו קלאָגען און יאָמערן און ער פאר'כעס'ט זיך. דאָס געשעהט באַכדעם, ווי ער דערפיהלט, אַז — „פארשפילט איז שוין דאָס לעבען, פארשפילט איז אויך דער טויט" (ליד ה'). איז דער טויט אויך קיין בארוהיגער, קיין טרייסטער, קיין ערלויזער נים?

האָט ער שוין קיין ברירה נים און באַ־שליסט משוגע צו זיין:

---

*) „געלע בלעטער" פון א. מ. דילאָן, געצייכענט פון ז. מאוד. פארלאג „אמע־ריקא".

„און אויפשפּרינגען וועל איך פאַר
שאַנד און פאַר שפּאָט,
צעריסצעטרהייט לויפען אין וואַלד
ווייט אַליין;"

ער פאַרברענגט דאָרט אַ משוגענע נאַכט; פלעכט זיך פון חושך אַ קרוין; און לויפט זיי ווייזען פאַר די מענשען אין גאַס, און לויפט גלייך צוריק אַ צעריסצעטער אין וואַלד אַרײַן. — „און זאָל פון דעם וואַנזין זיך שמידען אַ כעס!" (ליד ו'.)

און גלייך אויף מאָרגען, אויף דער צווייטער נאַכט (ליד ז'):

„האָט דער טייוועל געקלאַפּט
אין מיין פענסטער;
קום איך ווער דיינער אַ פריינד;
איך בין אין דער פינסטער געלעגען,
מיין אויג האָט פון גליק אַזש
געשיינט."

גליקליך־ערלייזט דורך דעם טייוועל! ווען מען וויל פון פיין מאַכען פרייד, און פון אומגליק — גליק, און גאָט איז ניטאָ דערביי, מוז מען אָנקומען צום טייוועל; די פאַרוואַנדלונג גופא איז אַ פּראָצעס פון פאַר־טייוולען זיך.

נאַטירליך, אַז אפילו אַ טייוועל קאָן מען פון גאָרנישט ניט שאַפען; ער מוז שוין זיין. ער זיצט אין דעם מענשען, וואָס רופט אים צו הילף.

שוין אין ערשטען ליד, וואָס הויבט אָן די פּאָעמא און אין וועלכען דער העלד ווערט כאַראַקטעריזירט (דער פּאָעט אַליין) — איז דער טייוועל שוין דאָ:

„אויף וועמענס מזל קלאַגט אַזוי
דער רעגען?
אויף מיינעם אפשר קלאַגט אַזוי
דער רעגען?
אָדער אויפ'ן מזל פון אַ בלינדען
הויקער,
וואָס שלעפּט זיך ערגעץ אויף
פאַרשטויבטע וועגען?
צי אפשר אויפ'ן הונט, דעם גלגול
פון די וועגען?
אויף וועמענס מזל קלאַגט אַזוי
דער רעגען?"

די זעקס לידער — ביז דער טייוועל קומט — זיינען מדרגות פון „שלעכט". זיי זיינען געשריבען געוואָרען פאַר דילאַנ'ס מתן תורה, איידער דער טייוועל האָט אים אויסגעלייזט און פאַרוואַנדעלט זיינע גע־שרייען אין געזאַנגען.

ווען עס רעגענט, איז אים בעסער, ער פרעגט נאָך, ער קאָן נאָך פרעגען: „אויף וועמענס מזל קלאַגט אַזוי דער רעגען?". ער קאָן נאָך צווייפלען: „אויף מיינעם אפשר קלאַגט אַזוי דער רעגען?"

אָבער ווען עס רעגענט ניט, ווען די וועלט איז ווי געוויינליך און די מענשען פיהלען זיך באַקוועם, יעמאָלט ערשט דער־פיהלט ער, ווי שלעכט אים איז. עס איז אים אַזוי שלעכט, אַז ער קאָן די גאַנצע וועלט אָנפילען מיט שלעכטס.

דער בלינדער הויקער טראָגט מיט זיך אַ טאָרבע געלע בלעטער און צעשיט זיי ביי יעדער שוועל און טיר, דאָס שפּריט ער פון זיך טרויער און אומגליק. עס איז שוין גאָר קיין פראַגע ניט צו אים איז שלעכט; עס איז אים שלעכט גענוג פאַר דער גאַנ־צער וועלט. די פראַגע, וואָס ער פרעגט, וואָס מענשען, וואָס עמיצער פרעגט, איז ניט קיין פראַגע פון ספק נאָר פון פאָרוואורף:
„וואָס שפּריטסטו געלע בלעטער?"
ענטפערט ער:
„פרעג ביי גאָט, ביי מענשען, ביי דער וועלט".

עס איז אַ פראַגע וועגען אומזין. עס איז דורך און דורך אומזין. צו וואָס?

אָבער עס זיינען פאַראַן נאָך ערגערע פראַגען: „ווייסט דען עמיצער דערפון? ווייסט דען עמיצער דערפון?" ער, וואָס טראָגט אין זיך גענוג אומגליק פאַר דער גאַנצער וועלט, איז דער איינציגער וואָס ליידט אַזוי, דער איינציגער אַזוי ליידענדער און דער איינציגער פרעגער.

ווען די זון פאַרגעהט, — דאָס געהט ער אַליין אַזוי אונטער!
ווייס דען עמיצער דערפון?

דער זונען־אונטערגאַנג איז געווען. עמיץ באַווייגט די טויטע פעלדער. באַוויינט אים אַ טויטען: „איך בין טויט, איך בין טויט. .. ווייס דען עמיצער דערפון?"

אָבער דאָך, וויבאַלד ער פרעגט נאָך, איז נאָך ניט אַלץ אויס. אַז ער פרעגט, קאָן נאָך זיין אַן ענטפער: יאָ, עמיצער ווייס דערפון. ווען די זון געהט אונטער, פונקט ווי ווען עס רעגענט, איז עס נאָך צו דערליידען, אָבער ווען די זון געהט אויף און שלאָגט אָן רויטען שיין אָן די פענסטער־שויבען, וועק־קענדיג די מענשען צו די פריידען פון נייען טאָג — דאַן איז שוין ניט אויסצו־האַלטען, וואָרים דאָס האָט ער מיט זיינע

צעבלוטיגטע פינגער אויסגעשטירט די פענסטער — פינגער צעבלוטיגט פון די דערנער, מיט וועלכע ער טראָגט זיך אַרום — זייַנע קוויטען ! און

„זעהט די זון פאַרנאַכט — די פענסטער
זייַנען רויט,
גערהט זי רויט און בלוטיג מאָרגען
אויף דער וועלט אַרויס.“

דאָס, וואָס לויכט זיך רויט די מענשען ביים ערוואַכען, איז דאָס הייסע בלוט פון זייַנע וואונדען. ניטאָ מער קיין פראַגען, דער טאָג ברענגט פּאָזיטיווען, זיכערען אומ־גליק. אַזוי לאַנג די זון גערהט אַרום אויפ'ן הימעל, צאַפּט זיך בלוט פון זייַן האַרצען.

אויך די וועלט האָט אַ פאַרבלוטיגט האַרץ, און

„ביידענס הערציער וואָגלען און קלאָגען :
פאַרשפּילט איז שוין דאָס לעבען,
פאַרשפּילט איז אויך דער טויט“.

מען דאַרף ניט לייענען יעדעס ליד באַ־זונדער. מען דאַרף דורכלייענען די לידער און לייענען זיי צוריק פון סוף צום אָנ־הויב, און ווידער אָנהויבען פון אָנהויב, האָבענדיג אין זינען דאָס גאַנצע, דאַן האָט יעדעס וואָרט אַ זין, קיין וואָרט איז ניט אומזיסט.

פריהער, איידער מיר האָבען געהאַט די פּאָעמאַ „געלע בלעטער“, האָט מען געקענט מיינען : אָנגעברענטע, אָנגעהיצטע לידער ; ניט קיין אָנגעשטימטע טענער, גאָר וועה־געשרייען : „איך בין טויט, איך בין טויט !“

איך האָב אַמאָל געלייענט דילאָנ'ס אַ ליד. אַ נאַכט, אַ געלעגער, איינגעבעט מיט שרעקען און גרוילען, צוקאָפּענס אַ הונט און אַ מת. עס איז מיר פאָרגעקומען ווי אַן אויסגעגאָסענער געדיכטער פיבער.

איצט זעה איך, אַז דאָס איז געווען דער קנויל, פון וואַנען עס האָט זיך אָפּגעוויקעלט די פּאָעמאַ „געלע בלעטער“. דער גאַנצער וועג פון פּאָעט ווערט אים צוערשט געגעבען אַ צוזאַמענגעוויקעלטער, ווי אַ קנויל.

איינעם, וואָס וויל ניט אַריינדרינגען און וואָס רעט זיך באַנוגענען מיט דורכ־בלעטערען די טאָפּעלטע בלעטער, וואָס פאַר־קומען : דילאָן זאָגט לידער, זאָגט זיי אין פּראָזאַ, ווי איינער, אַן אומבאַהאָלפענער הויבט ערשט אָן בינדען פּראָזאַ אין לידער. אין דער פּראָזאַ וואַרפט ער אַריין אויס־געשרייען אין אַבזוריות'דיגען אַלט־ראָמאַנ־טישען סטיל :

בלוט־באַפלעקט, בלוט־רויט ; בלוטענדע טריט.

„און זעה מיין אייגען וועלט פול שמערץ און פּיין.“

„שטאַרקער, שטאַרקער, עלענדער, זאָלסטו מיין עלענד זיין.“

„עס וועט יענע נאַכט אַ שוואַרץ־פינסטע־רע זיין“ — די מעלאַנכאָליע פון ראָמאַנטי־שען דייטשען בית־הקברות.

אָבער עס איז ניט אַזוי, דאָס זייַנען ניט קיין ראָמאַנטישע באַנאַליטעטען. „בלוט, בלוט־באַפלעקט, בלוט־רויט, בלוטענדע וואונ־דען, שמערץ און פּיין“ — דאָס איז די־לאָנ'ס שפּראַך, זיין אומגאַנגס־שפּראַך, די שפּראַך, וואָס ער רעדט מיט זיך אַליין. און מען דאַרף זיך צו איר צוגעוואוינען.

„ווילסטו דעם דיכטער פאַרשטעהן, געה אין זיין אייגען לאַנד“ — נאָך בעסער : געה אין זיין אייגען הויז.

דילאָן איז שטענדיג ביי זיך אין הויז, רעדט מיט זיך זיין אייגענע שפּראַך און ער ווייס ניט פון פּאָעטישע „טריקס“. ביז ער קומט ניט צו זיין טייוועל־שפּיל, ווייסען מיר אפילו ניט, אַז ער דרעהט זיך אין אַ פּאָעטישען קרייז. ער אַליין אָבער מערקט זי־כער אפילו דעם איבערגאַנג ניט : צי רעדט ער מיט זיך, צי רעדט ער מיט'ן טייוועל — און מענשען הערען אים — פאַר אים איז דאָס אַלץ איינס : פּונקט ווי דער פּסאַלמיסט האָט ניט געוואוסט, אַז ער זינגט לידער ; פּונקט ווי דער ביבעל־דערצעהלער האָט קיין חשד ניט געהאַט, אַז ער דערצעהלט פּאָעטישע מעשה'לעך. דאָס ווייסען מיר ערשט.

פון דעמזעלבען סאָרט פּראָזאַ־פּאָעזיע זיי־נען אויך דילאָנ'ס לידער ; ניט גראָד פון דעם פאַרצייטיגען ביבלישען סאָרט, נאָר פון אַן ענליכען : דאָס איז די תמימות פון אַ מענשען, וואָס איז אַ וועלט פאַר זיך. וואָס ער רעדט זייַנען פּראָסטע ניכטערע רייד מיט אַ פּאָעטישען „שגיון“.

אַלע 18 לידער פון די „געלע בלעטער“ האָבען איין סוזשעט — אַ דראַמאַ, וואָס דער פּאָעט האָט אָנגעוועבט אויף זיך אַליין — דאָס קאָן נאָר אַ פּאָעט ! — ווי ער האָט

געזוכט גליק און אנטציקונג אין פאַרטיווולען זיך — און אַפילו די זעקס לידער פון פאַר דער באַגעגעניש מיט׳ן טייוועל פאַלען ניט אַרויס פון סוזשעט. יעדעס ליד האָט אַ שורה — אַ טאָן, וואָס שליסט זי איין אין דעם געזאַנג. און אָן דעם שליסעל טאָן איז אָנגעשפּיזט דאָס גאנצע ליד.

די ערשטע זעקס זיינען נאָך אַלץ אַ מאָנאָלאָג פון דעם פּאָעט מיט זיך אַליין, אָהן אַ געגענשפּיל; די לעצטע צוועלף זיינען אַ דיאַלאָג צווישען אים און דער געשטאַלט, וואָס ער האָט פון זיך אַרויסגעקראָגען — אַ פּאָעטישער שפּיל!

ער האָט אויסגעשריען פאַר שאַנד און שפּאָט און מיט כעס זיך אַרייַנגעביסען אין זיינע וואונדען — ער מוז נקמה נעמען אָן זיין פּיין! — און די פּיין איז אַלץ שאַרפער, שטעכיגער געוואָרען, ביז זי איז זיך פארגאנגען אין תענוג, און זיין וואַנזין האָט שווינענדיג אַ שמייכעל געטאָן: געזיגט!

אַזוי איז דאָס דער טייוועל געבוירען געוואָרען, און אלס ערשטען לעבענסצייכען, האָט ער פון זיך אַרויסגעגעבען פאַרטרויליך־אינטימע ווערטער!

— קום איך ווער דיינער אַ פריינד!

פון איצט אָן וואָס פּיין געוועזן, ווערט פרייד זיין פאַר איהם. שאַנד און שפּאָט איז זיין פרעהליכער מאָלצייט.

„ער גיט מיר א מיצעל מיט גלעקלעך,
מיר געהען אַרויס אין דער נאכט,
איך ציה — און עס קלינגען
די גלעקלעך,
דער טייוועל, ער טאַנצט און ער לאכט“.

בייזע פרייד, שאדען־פרייד, נקמה־פרייד, צו׳להכעיס פרייד!

זיי שפּאנען זאלבענאנד און קוקען אַריין אין פענסטער:

„דאָרט צאפּלען געקוילעטע מענשען,
אָן איז אַ מעסער, אַ האַק;
שטיקער לייב אויף צעבראָכענע טישען,
אין אַ ווינקעל אַן אויג און אַ באַק.“

אַ פּאָגראָם! אַ נבואה אויף אַ פּאָגראָם אין טייוועלשען עקסטאַז! אויך דער טייוועל קאָן אַריינגעבען נבואה אין די יעניגע, וועלכע גיבען זיך צו איהם איבער מיט לייב און לעבען. איצט פראַווען זיי זייער העכסטען נצחון:

„מיר הייבען אָן קלינגען און ברומען;
שרעקען מיט קולות די נאכט“.

קען דען זיין א העכערער נצחון פאַר א אידישען פּאָעט, ווי א טייוועלשער געלעכטער איבער אַ אידישער שחיטה!

דאָס איז געווען דעם פּאָעט׳ס ערשטער גאָטעסדינסט צום טייוועל, זיין שחרית!

דאָס איז וואָס איך רוף די שוואַרצע מעסע, ווען דער טייוועל ווערט צו גאָט געקרוינט און מען טוט צו אים תפילה אין שוואַרצער הייליגקייט, אין פינסטערען יראת הכבוד!...

עס רוהט אויף אים איצט דעם טייוועל׳ס ברכה. ער איז א דערלייזטער. אַפילו אליין אָהן טייוועל, איז ער שוין אויך ניט אַליין. דער טייוועל איז ערגעץ דאָ אין אים. און די וועלט איז אנדערש, די ביינאַכטיגע וועלט (בייטאָג איז די וועלט נאָך אַלץ קיין וועלט ניט פאר אים). ער דארף ניט אויספילען די גאנצע וועלט מיט זיין יאָמער. זי שיידט זיך אָפּ פון אים, זי איז אַן אָביעקט פאר זיך און ער קאָן דאָך באַשטעהן געגען איר.

די וועלט ווערט אַן אָביעקט אויף צו שפּיעלען זיך. דילאָן ווערט אַ פּאָעט צו פּאָעטען גלייך. ער שפּיעלט זיך מיט דער וועלט, מיט זיין אומגליק, מיט זיין בענקשאַפט און איינזאַמקייט, מיט די שאָטענס פון דער נאַכט און מיט דער פינסטערניש, ווי אַן אמת׳ער האַר פון פינסטערניש.

אין דריי לידער שפּיעלט ער זיך מיט׳ן טויט — אַ שפּיעל, וואָס ענדיגט זיך, נאַטירליך, אין קבר.

איך וועל די לידער ניט ציטירען: זיי זיינען די שענסטע לידער וועגען טויט, וואָס זיינען פאראן אין דער אידישער פּאָעזיע. און איך וויל דעם לעזער ניט פארדארבען דאָס פארגניגען אנטציקט צו ווערען. זאָל דער לעזער זיי לייענען אין די גע׳כתיבה׳עטע אותיות פון ז. מאָוד, וועט ער האָבען אַ טאָפּעלטען פארגניגען פאר זיין טרחה!

דער עפּילאָג פון דער פּאָעמא־דראַמא, וואָס דער פּאָעט האָט אויסגעשפּילט אַרום זיך מיט דער הילף פון טייוועל, שפּילט זיך אָב אויף יענער וועלט.

דער פּאָעט שטעהט אויף פון קבר, באַקוקט די אלטע מצבות, דאָס געבויגען הייזעל פון אַלטעטשקען קברן —

„אַ הייזעל — ווי נאָך א מצבה אויף
איינעם אַן איינזאַמען קבר“.

און פאַרלאָזט דעם בית עולם.

ער געהט צוריק אין דער וועלט אריין און טרעפט אַלע זיינע אַלטע באַקאַנטע:

„עס טראָגען זיך אום אין די גאסען
צוהוליעט שבורים געזאנגען.“

„און פלוצלונג — אַ שוין אין אַ שוין
אין אַ פענסטער — עס צאַפּעלט

אַ מענש זיך און גוסס׳ט.“

דער טויט — אויך אַן אַלטער באַקאַנטער זיינער פון דער צייט, ווען ער האָט נאָך געלעבט:

„און נאָך אַ טראָט ווייטער — אַ געסעל
און אָט אין מיין צימער.
ס׳אַמאָליגע הויז. איך דערקען עס
מיט איצטיגע אויגען.“

ס׳אַמאָליגע הויז, איצטיגע אויגען — אַזעלכע איינפאַכע ווערטער, אָבער ווי מען דאַרף זיין איינגעשלאָסען אין זיך און איינגעלעבט אין טויט, כדי צו קענען זאָגען אויף זיך, לעבעדיגערהייט, ווי טויטערהייט! — אַזאַ איינפאַך וואָרט: מיט איצטיגע אויגען!

מיר ווייסען שוין, וואָס ער האָט טויטערהייט דערזעהן דורכ׳ן פענסטער פון זיין הויז: זיין מאַמען, וועלכע האָט אויסגעוויינט אירע אַלטע אויגען אויף איהר פאַרלוירענעם זוהן.

הגם דער פּאָעט האָט פאַרקויפט די נשמה צום טייוועל און האָט באַצאָהלט מיט׳ן לעבען דערפאַר, אָבער ער האָט אויך זיין שכר אויף יענער וועלט: ער געפינט אויס, אַז עס איז דאָ אַ הייליגע, ניט פאַרגעהענדע, אייביגע זאַך אין לעבען: דער מאַמעס טרערען!

אַ הילכיג געשריי דורכ׳ן פענסטער:

„אוי מאַמע, דו ביזט דאָך מיין מאַמע!
און אויפשרעקען וועט זי מיין שטימע,
און אויפשפּרינגען וועט זי פון אומפעט
און וועט זיך דערמאָנען אין יאָרען,
וואָס זיינען לאַנג שוין פאַרגאַנגען.
און איך וועל פאַרשווינדען.“
אָבער איין הייליגע זאַך בלייבט: דער מאַמעס טרערען!

וואָס פאַר אַ לאַנגען וועג, וואָס פאַר אַ וויטען גלגול קריוז דער בלינדער פּאָעט האָט געדאַרפט דורכמאַכען — בלינדערהייט שרייען צו דער וועלט: טויט! טויט! — זיך פאַרבינדען מיט׳ן טייוועל, זיך לאָזען אויסלייזען פון אים פאַר אַזאַ טייערען פּרייז — דאָס לעבען! — געהן אין קבר אַריין און געהן צוריק — כדי די אויגען זאָלען זיך איהם עפענען און ער זאָל דערזעהן די וועלט, אַן אָביעקטיווע וועלט, וואָס פאַרמאָגט צווישען מיליאָנען אָביעקטען אויף צו שפּילען זיך, אויך אַזעלכע הייליגע פּערלען ווי אַ מאַמעס טרערען.

איך האָב פאַרוואָרפען אַן אילוזיע איבער דעם פּאָעט דילאָן, וואָרים אַזוי דאַרף מען טאָן מיט יעדען פּאָעט. די אילוזיע — דאָס איז דער פּאָקוס, צו וועלכען ער צילט מיט זיין שאַפען און צילענדיג צו וועלכען ער ווערט און מוז גרויס ווערען.

ווען איך האָב אָנגעהויבען שרייבען דעם אַרטיקעל, האָב איך זיך ניט אַרומגעקוקט, אַז אין ווינקעל־טאָוועל איז מיט קליינינטשקע אותיות אָנגעצייכענט: פאַרלאַג „אמעריקא“ — דערזעלבער פאַרלאַג, וואָס גיט אַרויס די „שריפטען“; איך האָב ניט געטראַכט, אַז איך וועל האַרפען נעמען אויף זיך די אַרבייט צו לויבען דעם פאַרלאַג און דעם פאַרלעגער פון די „שריפטען“, פאַר וועלכע איך שרייב דעם אַרטיקעל.

אָבער איך ריזיקיר און נעם אויף זיך די עבירה און לויב דעם פאַרלאַג און דעם פאַרלעגער — ווייל ער האָט מיט אַזויפיל געטריישאַפט און ליבע, אַזוי רייך אַרויסגעגעבען אַ פּאָעט פון אַזעלכע איינפאַכע ווערטער. זאָל אויך געלויבט זיין דער צייכנער מאוד, וואָס האָט די אַלע איינפאַכע ווערטער איבערגעשריבען מיט זיין האַנט און גע׳כתב׳עט, ווי מען שרייבט איבער די ווערטער פון אַ הייליגען ספר, וואו יעדעס וואָרט מוז פאַרשריבען ווערען, קיין וואָרט טאָר ניט פאַרלוירען געהן, ווייל יעדעס וואָרט האָט אַן איינפאַכען און אַ טיפערען זין!

ב. ריווקין.

די אידישע קינדער ליטעראַטור אין אַמעריקאַ.

1 מעשות

א. סעריע „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען“, 6 נומערן. סייזעל׳ס פאַרלאַג — 1918.

ב. סעריע „פאַר אייך און אייערע קינדער“, 8 נומערן. פאַרלאַג „אידיש“ ניו יאָרק, 1918—19. (אילוסטרירט).

ג. אליהו הנביא מעשות — נומער איינס. סייזעל׳ס פאַרלאַג 1918.

ד. מעשהלעך פאַר אידישע קינדער, פון י. ל. מאַלאַמוט. פאַרלאַג „מעשה׳לעך“, סט. לואיס.

ה. מעשה׳לעך פאַר קינדער פון תשר״ק, אילוסטרירט פון לאָלאַ, חיברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני, 1919, 222 זייטען.

ו. פון פאָלק׳ס מויל צוזאַמענגעשטעלט פון יואל ענטין, אילוסטרירט פון ס. ראַסקין. היברו פּאָבלישינג קאָ., 1919, 201 זייטען

ז. י. ל. פּרץ, דין תורה מיט׳ן ווינד,

ח. ש. אנ־סקי, די גרים אין רוסלאַנד, ביידע אַרויסגעגעבען פון אידיש נאַציאָנאַלען ארבייטער פאַרבאַנד, ניו יאָרק.

ט. די אידישע קינדער וועלט, אַרויסגעגעבען פון פאַרבאַנד פון די נאַצ. ראַד. שולען ניו יאָרק.

ניט אַלע פון די אויסגערעכענטע מעשה־לעך שטעלען צופרידען די פּעדאַגאָגישע און ערציהערישע פאָדערונגען, וואָס ווערען געוויינטליך געשטעלט יעדער זאַך, וואָס קומט ערציהען דאָס קינד. דאָס איז סתמא דערפאַר, וואָס די באַשאַפונג פון אַ קינדער ליטעראַטור געפינט זיך נאָך ביי אונז אין דער התחלה, און די מחברים, איבערזעצער, און איבערדערצעהלער האָבען נאָך נישט פאַר זיך קיין געהויגען פּלאַן און קיין געהויגע אויסרעכענונג און פאַרשטעהען אפשר ניט וואָס עס איז נויטיג און וואָס ניט. מ׳לערנט זיך ערשט שרייבען פאַר׳ן אידישען קינד אין אידיש, און מען מוז דעריבער אמאָל פאַרקוקען אָן אַ זייט, אפילו ווען דאָס ווערט געטאָן אויפ׳ן קינד׳ס חשבון. און דער פאַקט אליין, וואָס אין משך פון אזא קורצער צייט זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען עטליכע מעשה־סעריעס און גאַנצע צוויי בענדער, אַן ערך פון הונדערט און פופציג גרעסערע און קלענערע מעשות, דאַרף אונז דערפרייען און צוגעבען האָפנונג אַז אונזער קינדער ליטעראַטור וועט וואָס שנעלער דערגרייכען איהר אמת׳ע הויך, און וועט באַפרידיגען די נויטען פון דער היגער אידישער שול.

דאָס איז ווען מיר רעדען אין אַלגעמיין, אַלס הייסע אָנהענגער פון דער אידישער שול און אידישער שפּראַך. קומען מיר צו די דעטאַלען, צו דעם ווערט פון די מעשות, און צו די פאָרמען, אין וועלכע זיי זענען איבערגעגעבען געוואָרען, באַקומען מיר, אפשר מיט איין וויכטיגען אויסנאַם, אַ גאַנץ טרויעריג בילד.

לאָמיר צוערשט דערמאָנען אונזער אויסנאַם. כ׳האָב אין זין די סעריע „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען“.

די דאָזיגע סעריע באַשטעהט, אַ חוץ נומ. זעקס, פון זעכצעהן מעשה׳לעך פון יהודה שטיינבערג, איבערגעזעצט פון העברעאיש דורך ש. שאַפּיראָ — אַן אמת׳ע מתנה פאַר׳ן קינד, וואָס לייענט אידיש. שטיינבערג׳ס מעשה׳לעך זענען אָנגעפילט מיט אַ לייכטען קינדערשען הומאָר, און לעזענדיג זיי פיהלט זיך דאָס קינד אזוי ווי ביי זיך אין דער אייגענער וועלט, ווייל זיי דערצעהלען אים פון זאַכען, איבער וועלכע עס טראַכט טאָג און נאַכט די קינדער געפינען דאָרט זייערע שטענדיגע פראַגעס „פאַרוואָס“, „ווי אזוי“, זייערע שטענדיגע חלומות (צוויי באַגערען) און זייערע באַציהונגען צו דער גאַנצער וועלט. שטיינבערג געהט צו צום קינד ניט ווי אַ גרויסער, וואָס לאַכט זיך אויס פון זיינע קינדערשע שטיק, נאָר ווי אַן אמת׳ער פריינט, ווי אַ קינד. דעריבער זיצען די קינדער געשפּאַנט אויסהערענדיג שטיינבערג׳ס אַ מעשה׳לע, און לאַכען האַרציג ווען ער טרעפט זיי צו.

די איבערזעצונג איז כמעט אין אַלע פּרטים געלונגען. איר באַפּט זיך קוים, אַז די אַלע מעשה׳לעך זענען אָנגעשריבען געוואָרען אין אַן אנדער שפּראַך. אין דער איבערזעצונג איז גאַנץ געבליבען ניט נאָר דער תוך, נאָר אפילו די פאָרם. ה. שאַפּיראָ׳ן קומט געוויס אַ דאַנק, בפרט ווען מיר געדענקען, אַז אזא ארבייט ווערט נאָך ביי אונז ניט געהעריג אָפּגעשאַצט.

און דערפאַר וואָס מיר זענען אזוי צופרידען מיט דער איבערזעצונג, פאַרדריסט עס אונז ביז גאָר, וואָס מ׳האָט זיך ניט אויסגעהיט פון שפּראַכליכע און עסטעטישע פעלערען. די ביכלעך זענען אַרויס אָהן אילוסטראַציעס, מיט געוויסע גרייזען און מיט עטליכע ניט געלונגענע זאַצען. די אָרטאָגראַפיע איז כמעט אין גאַנצען אַן אויסגעהאַלטענע, אַ זעלטענער פאַל אין אונזער ליטעראַטור. אזא זאַך ווי: „זי איז געווען צניעות׳דיג ווי די לבנה סוף חודש“, איז פאַר קינדער אזוי גוט ווי טערקיש. איר געפינט אויך „גוטעס“, אָבער „שלעכטעס“. דאָס וואָרט „הויז“ קומט דאָרט אין מענליכען געשלעכט (שטיינערנעם הויז), און „מדבר“ — אין ווייבליכען: אַ וויסטע מדבר.

נאָך אַ וויכטיגער חסרון, איז וואָס דאָרטען געפינען זיך אזעלכע „אויסטערלישע“

נעמען ווי: אמרו—אלקיש, צלת—עדין, קרת—הכילי — וואו און ווען הערט דאָס אידישע קינד אין אַמעריקע אַזעלכע נעמען, און ווער קאָן זיי איבערלייענען?

נומער זעקס פון „ראָזשינקעס און מאַנדלען", אַנטהאַלט צוויי מעשה'לעך: 1. בן עמי'ס פייוועל דער גרויסער און פייוועל (ניט „טייפעל" ווי ס'שטעהט אויף דער ערשטער זייט) דער קליינער, און 2. ז. ב. סלוצקי'ס די ערד דרעהט זיך ניט. דאָס ערשטע איז א פיינע איבערדערציילונג פון פון אנדערסענ'ס א מעשה; די דאָזיגע מעשה'לעך קאָנען אָבער ניט צוגעשריבען ווערען צו אַמעריקע, ווייל זיי זענען פריהער ערשינען אין רוסלאַנד.

זעהר א ניצליך ביכעל האָט אויך געקאָנט זיין תשר"ק'ס „מעשות פאר קינדער". די גרעסטע צאָל זענען, אַזוי צו זאָגען, „פּראַקטישע" מעשות, וועלכע דער לעזער קאָן באַנוצען אין שול ביי אלערליי געלעגענהייטען. די „שפּיץ־קעפּיגקייט" פון א סך מעשה'לעך, איז זעהר פאַרשטענדליך פאַר'ן קינד, און די מוסר־השכל'ס אַזוי בולט, אַז זיי מוזען ווירקען.

און דאָס דאָזיגע ביכעל וואָלט זיכער געווען א וויכטיגער צוגאָב צו דער אידישער שול־ליטעראַטור, ווען ניט די שפּראַך. ניטאָ קיין סטיל, ניטאָ קיין פאָרם, ניטאָ קיין שפּראַך ריינקייט, און דעריבער קומען א סך מעשה'לעך אַרויס אַזוי בלאַס, און אַזוי ו ו אָ כ ע ד י ג. איר דערמאָנט זיך ניטווילענדיג אין דעם „טאַגעבלאַט", אין וועלכען א סך פון די מעשות זענען, ווי מיר שיינט געדרוקט געוואָרען. איר געפינט אין דעם ביכעל אַן אָפּשפּיגלונג פון אלע פאָרמען פון אָרטאָגראַפיע (דיעזער, דיזער, עוויגקייט א. א. וו.), אַ היבש ביסעל דויטשמעריזמען און ענגליציזמען (קארפּעט, גיד אָפּ! באַי, באַי, פּאַלאַסט, קראַנבּערינץ א. א.). די אידישע גראַמאַטיק איז דאָ „אויף צרות", פון „דער" ווערט „די" פון „די" — „דער" און פון „דאָס" ווערט „די" („די קעלבעל", „די געבעט" א. א.)

דאָס איז גענוג צו דערקלערען, פאַרוואָס דאָס ביכעל זאָל ניט האָבען דעם נויטיגען ערפאָלג. ס'איז באמת א שאָד, וואָס ה' תרש"ק קאָן אַזוי ווייניג אידיש.

אַ פראַגע: פאַרוואָס האָט ה' תרש"ק ניט אָנגעגעבען פון וואַנען ער האָט איבערזעצט אָדער איבערגעשריבען די מעשה'לעך? דאָס האָט דאָך זיכער געקאָנט געטאָן ווערען, און וואָלט זעהר באַהילפיג געוועזען פאַר'ן לערער. לכל־הדעות האָט ער געמעגט אָנגעבען, וועלכע זיינען זיינע אייגענע. לצים קאָנען אויסטייטשען......

די גרעסטע אַנטוישונג פון די אלע מעשה־זאַמלונגען, איז יואל ענטינ'ס „פון פאָלקס־מויל". די אַנטוישונג קומט סיי פון דעם אינהאַלט פון זיין זאַמלונג, סיי פון דעם אופן ווי אַזוי די דאָזיגע מעשות זיינען איבערגעגעבען געוואָרען. די שפּראַך איז אפשר פון זעכצענטען און זיבעצענטען יאָרהונדערט, אָבער באַנוצען זי אין א היינטיגער מאָדערנער שול איז פונקט אזוי מעגליך, ווי ס'איז מעגליך זיך דורכצורעדען אין אַן ענגלישער שול אין דעם ענגליש פון פופצענטען יאָרהונדערט. ווי אַזוי קאָן א לערער דערציילען אַ מעשה אין אַ שפּראַך און אין אַ סטיל, וואָס ער באַנוצט אליין ניט, און הערט קיינמאָל ניט? אָבער פאר ה' ענטינ'ען איז דאָס ווייניג — דער אַ מ אָ ל י ג ע ר גייסט איבער אלץ!

די גרעסטע צאָל מעשות (מיט א צוויי דריי אויסנאַמען), קאָן מען אין אַ מאָדערנער שול ניט אַריינעמען. זיי זענען אָנגעפילט מיט אַזאַ גייסט, וואָס שטעהט אין געגענזאַץ צו אַלע אונזערע אָנגענומענע פּרינציפּען וועגען דער ערציהונג פון אונזערע קינדער. דאָס וואָס ווערט אומעטום באַטראַכט ווי נישט געשטויגענע מעשות (נאָנסענס־טיילס) ווערט דאָ צוגעשריבען צום „פאָלקס־מויל", און מיר דאַרפען עס טאַנצען קדוש פאר זיי. אָבער לאָזענדיג די פראַגע פון פאָלקסטימליכקייט אָן אַ זייט, פרעגט זיך, צי אַלצדינג וואָס איז פאָלקסטימליך קאָן מען געבען אונזערע קינדער אין אַמעריקא, אפילו דעמאָלט ווען די דאָזיגע פאָלקסטימליכקייט באַשטעהט אין דעם גלויבען פון רוחות, שדים, כישוף, און אַלע אַנדערע גייסטער פון אונזערע אָבות־אבותינו? און ס'איז נישטאָ אין ה' ענטינ'ס זאמלונג קיין איין מעשה'לע, וואָס זאָל פריי זיין פון אָט די עלעמענטען, אַראָפּרעכענדיג די „מעשה מיט דריי ברידער" (דער נאָמען האָט באַדארפט זיין „דער קלוגער נאַר"), וואָס איז ניט קיין אידישע, און וואָס פּאַסט זיך צו די איבריגע מעשות, ווי אַ פיפט ראָד צו א וואָגען.

אויב מיר קאָנען ניט געפינען קיין א י י ג ע נ ע מעשות פאר אונזערע קינדער, וואָס זאָלען פריי זיין פון געטשקעס, מעגען מיר נעמען ביי אַנדערע און זיי גע־

בען. ס'איז ניט אַזוי וויכטיג דער „ו ו ע ר האָט עס באַשאַפען", ווי דער „ו ו אָ ס האָט מען באַשאַפען."

דאָס ביכעל אַנטהאַלט אויך אַ היבש ביסעל קאָמיזם — כ'מיין די טראַנסקריפּציע פון די העברעאישע ווערטער, וואָס פאַרנעמט כמעט אַ העלפט פון ביכעל.

איך פרעג אין ריינעם ערנסט: וועלכער לעזער — און דער לעזער וועט דאָך מסתמא זיין אַ היג קינד, וואָס לערנט זיך אידיש, ווייל קיין דערוואַקסענע וועלען די מעשות ניט לייענען — אַלזאָ וועלכער לעזער, וועט וויסען ווי דאָס צו לעזען און וואָס עס מיינט: שעישעס יעימעי בערעישים, מי יעידעיא, בעזדן שעל מאַאַלאָ? און דאָס חזר'ט זיך איבער אויף יעדער צווייטער זייט.

איך וויל אויך אויפמערקזאם מאַכען ה' ענטינ'ען אויף אַ גרויסען פאָנעטישען טעות אין וועלכען ער איז אַריינגעפאַלען. ס'איז אַ כלל, אַז דער העברייאישער שוא נע, ווערט אין אידיש אויסגערעדט ווי אַן ע, ווען דער דאָזיגער שוא קומט אונטער י', ל', מ', נ'. האָט ה' ענטין מסתמא דעם כלל פאַרגעסען, און האָט אין דער טראַנסקריפּציע אומעטום געשריבען אַן ע, וואו אין העברייאיש איז געווען אַ שוא. דער רעזולטאַט: בעסורע (בשורה), צעדאָקע (צדקה), זעכוס (זכות), קעוואורע (קבורה) א. א.

אין דעם ביכעל איז אַריינגעלעגט געוואָרען אַ סך ענערגיע, סיי אין איבערגעבען דעם אַלטען אידישען סטיל, און סיי אין אַריינפּאַסען העברייאישע ווערטער און אויסדרוקען, אפילו דאָרטען, וואו אידיש באַנוצט זיך ניט מיט זיי, בפרט פאַר קינדער. אָבער ווי וויכטיג נוצען וועט עס ברענגען פאַר דער אידישער שול!

די סעריע „פאַר אייך און אייערע קינדער", איז אויסערליך די שענסטע אויסגאַבע וואָרשיינליך דערפאַר, וואָס זי האָט אָנגעהויבען ערשיינען אונטער דער נאָהענטער מיטווירקונג פון דוד איגנאַטאָוו. זי אַנטהאַלט אַ ניש'קשה'דיגע איבערזעצונג פון אַ באַקאַנטער צויבער־מעשה („געטרייער אמת"), צוויי אָריגינעלע אידישע מעשות („בערעל פּראַגער" און „אין וואלד"), צוויי ביבלישע מעשות („יוסף און זיינע ברידער", און „משה") אַ זאַמלונג פאַבלען פון נתום י., און צוויי מעשה'לעך פון אברהם רייזען.

דאָס ערגסטע פון דער סעריע איז הערמאַן גאָלד'ס „אין וואלד" מיט א צוגאָב פון א לידעל („אַ מיל"), וואָס איז ניט קיין פּאָעזיע און ניט קיין פּראָזאַ. משמעות איז דאָס אַ הוילער פוטוריזם...

איגנאַטאָוו'ס „בערעל פּראַגער" איז אַ שיינע מעשה מיט אַ גאָך שענערער פּאַנאָראַמע. און אויב מיר זאָלען אָננעמען די געשפּאַנטקייט און דעם איבטערעס מיט וועלכען די קינדער הערען אויס די דאָזיגע מעשה, וואָס דאָס איז אגב די ריכטיגע מאָס מיט וועלכער מיר זאָלען מעסטען דעם ווערט פון אַ קינדער מעשה, איז „בערעל פּראַגער" נישט נאָר שיין, נאָר אויך גוט פאַר קינדער. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די קינדער באַגרייפען ניט די אידעע פון דעם מעשה'לע, דעם כח פון קידוש לבנה. און ס'קאָן זיין, אַז ביי זיך טראַכטען זיי, אַז דער רבי האָט טאַקע אַזאַ קראַפט מיט וועלכער ער קאָן אַראָפּציהען אַ פליהענדיגען מענשען צו דער ערד. ס'בלייבט אָבער אַ גרויסע פראַגע צי דאַרפען מיר די קינדער באמת לאָזען ביי אַזאַ גלויבען, דורך די מעשות וואָס מיר דערציילען זיי.

די צוויי ביבלישע מעשה'לעך וואָלטען אַן און פאַר זיך, ניט רעכענדיג זיך מיט'ן פאַקט, אַז די אידישע שול נויטיגט זיך אין אַזעלכע ב א ז ו נ ד ע ר ע מעשה'לעך צום וויכטיגסטען, געווען אויסגעצייכענט ווען ניט די געטרייקייט צום טעקסט. גיכער האָט מען געדאַרפט אין זין האָבען די כסדר'דיגקייט פון פּאַסירונגען, איידער די איבערזעצונג פון ווערטער און זאַצען, וואָס שפּילען אין דער מעשה קיין ראָל ניט, און גיבען גאָר ניט צו צו דער דערציילונג. דאָס איז דאָך ניט געווען קיין איבערזעצונג פאַר אַקאַדעמיקער, וואו יעדעס פּינטעלע מוז איבערגעשריבען ווערען.

דער וואָס האָט רעדאַגירט די ביכלעך האָט מסתמא אין איין נומער פאַרגעסען, ווי אַזוי ער האָט געוויסע ווערטער געשריבען אין אַ פריהערדיגען נומער, און האָט כמעט פאַרגעסען, אַז ס'איז פאַראַן אַ אידישע גראַמאַטיק. אין אידיש זאָגט מען: מיך געשיקט, זעהר אַ גרויסער, און ניט: מיר געשיקט, אַ זעהר גרויסער. פון ריינער אָרטאָגראַפיע איז שוין אָפגערעדט!

דער סך־הכל: זעהר א סך מעשות, אָבער זעהר ווייניג צום לעזען און צום דערציילען, און נאָך ווייניגער פאַר'ן קינד אַליין צו לייענען.

וועגען די איבריגע ביכלעך און וועגען די קינדער־לידער — אַן אַנדערש מאָל.

י. שטיינבוים.

דערקלערונגען:

דאָס איצטיגע בוך „שריפטען“ איז באַדייטענד פאַרגרעסערט געוואָרען, און דאָך האָבען איבער מאַנגעל אין פּלאַץ געמוזט אויסענבלייבען אַלע איבערזעצונגען און נאָך אַנדערע וויכטיגע שריפטען.

מיר באַדויערען, וואָס עס איז אונז פאַרלוירען געגאַנגען דאָס וואַרשעווער וואָכענבלאַט, פון וועלכען מיר האָבען ארויסגענומען די דינענזאָהן צייכנונגען און מיר האָבען דערפאַר נים געקאָנט אָנגעבען די נעמען פון די צייכנער.

אין דעם קומענדיגען בוך קומט צווישען אַנדערע אָריגינעלע שריפטען אַריין אַ דראַמע פון פּרץ הירשביין „אין שאָטען פון דורות“. און די איבערזעצונגען — לערמאַנטאָוו׳ס „דעמאָן“, אידיש פון י. גויכבערג, און ראַבינדראַנאַט טאַגאָר׳ס „טשיטראַ“, אידיש פון ש. מילער.

פון די „שריפטען“ און „שריפטען ביבליאָטעק“ זיינען דאָס יאָהר אַרויס פאָלגענדע ביכער:

דאָס זומערבוך און דאָס איצטיגע הערבסטבוך „שריפטען“. א. מ. דילאָנ׳ס „געלע בלעטער“, געצייכענט פון ז. מאוד. ל. מילער׳ס „אויף גאָט׳ס וועלט“, געצייכענט פון י. טאָפּעל. ש. צ. זעצער׳ס „ר׳ ישראל בעל שם טוב“, זיין לעבען, לערע און ווירקען (אין צוויי בענד) און אַ נייע אויפלאַגע פון דוד איגנאַטאָוו׳ס ערשטע דריי בענד: 1) אין קעסעלגרוב, (ראָמאַן) באַצירט פון א. וואָלקאָוויץ. 2) צווישען צוויי זונען, באַצירט פון א. וואָלקאָוויץ. 3) דאָס פאַרבאָרגענע ליכט, באַצירט פון י. טאָפּעל.

שוין אין דרוק יעקב מילכ׳ס דריי בענד 1) און 2) אידישע פּראָבלעמען. 3) עסייען. א. ראַבאָי׳ס דריי בענד: 1) ניי־ענגלאַנד (ראָמאַן). 2) די וויטע וועסט (ראָמאַן). 3) איך דערצעהל (דערצעהלונגען).

פאַרטיג צום דרוק: ה. לייוויק׳ס „דער גולם“, אַ דראַמאַטישע פּאָעמע אין 4 אַקטען און אַ ניי בוך פון דוד איגנאַטאָוו: „וואונדער מעשיות פון אַלטען פּראַג“.

דאָס לעצטע בוך פון דער ערשטער סעריע „שריפטען ביבליאָטעק“ וועט זיין ברוך שפּינאָזא׳ס „די עטיק“, איבערזעצט פון וו. נאַטאַנזאָן.

COLUMBIA UNIVERSITY LIBRARIES
0046378766

פֿאַרלאַג אַמעריקאַ
FARLAG AMERICA
215 E. Broadway
NEW YORK

פּ ר י י ז
$2.50 געבונדען $2.00